דאָפּעלבאַנד 60 ק. מיט פּאָרטאָ 70 ק.

העפט 5—6 מאַי—יוני.

(2-טער יאָהרגאַנג).

לעבען און וויסענשאַפט

№ 5—6.

18—19.

„Лебенъ унъ Висеншафтъ"
ежемѣсячный журналъ.
1912.

אַבאָנעמענטס-פּרייז:

יעהרליך—3 רוב. ½ יעהרליך 1 רוב. 50 קאָפּ.

אינהאַלט:

שירים: זייט:

ג. גאָרעליק.—1) ביים טייכעל; 2) עס איז די וועלט אַ ים... 1
י. לוקאַווסקי.—1) בין השמשות; 2) עס ווילט זיך מיר איצטער נישט דענקען... 3
ש. קובאַלקין.—פון יענע טעג (פּאָעמא) 4
י. שטערנבערג.—טויבען 7
ל. ניידוס.—1) בעראָוקעס; 2) אין ווייסען היכל 8

ערצעהלונגען:

י. מרגלית.—דער טויט פון א קינד 9
י. קלאָף.—לייבעל דער שניידער 17
י. ברייטער.—פריהלינג. 21
י. פרענקעל.—דער צדיק. 26
ז. רעבטיאר.—שבעה. 27

מעמואַרען:

ש. הורוויץ.—די עלטעסטע יודישע דרוקעריי און דער עלטעסטער יודישער זעצער. 29

אַרטיקלען:

א. ליטווין.—פאָלקסשאפונג אלס בילדונגס מיטעל.
ש. עלקין.—יודישע ערציהונג אין אמעריקא. 42
ד"ר בן יוסף.—די פאָלקסווירשאפט אין דער פאַרצייטיגער יודישער מדינה. 51
ד"ר ש. אייזענשטאדט.—וואס דערצעהלט אונז דער תנ"ך? 58
ס. וויינער.—די יודישע ארטאגראפיע און איהר היסטארישער ענטוויקלונג. 64
ד"ר שאטענשטיין.—וועגען ראדיום און זיין רעוואָליוציע אין דער וויסענשאפט און אין לעבען. 70
י. קאמענעצקי.—„לקוי חמה". 79
ס. ח. די ענגלישע קוהלענגרעבער. 89
פּראָפ. סאבאליעוו.—די סאציאלע פּערספּעקטיווען פונ'ם ענגלישען געזעץ וועגען מיניטאל-לוין. 96
א. ליטווין.—טשארלז דיקענס (צו זיין 100-טען געבורטס-טאג-יובילעיום מיט א בילד. 103
א. קרייצבורגער. אלעקסאנדער הערצען (זיין לעבען און ווירקען) מיט א בילד. 115
ש. נואר. נאטיצען פון א לעזער. 128
אבא קאנטער.—דאס עקאנאמישע יודישע לעבען אין פאקט און בילד. 136
[illegible] אזוי צו לעזען א בוך? 140
[illegible] קולטור-עטישע בעוועגונג אין אייראפא. 144
ט. [illegible]אטנער. דער קאמפף פאר'ן אלגעמ. וואהלרעכט אין אונגארן. 148

איבערזיכטען:

פּאָליטישע איבערזיכט; דאס יודישע לעבען; לענא טיטאניק; די דריטע דומא; דער וואהלקאמפף צו דער 4-טער דומא; פּראָווינציעלע יודישע פּרעסע; קולטורעלע בעוועגונג; פיזישע ערציהונג; קאאפּעראטיווע בעוועגונג; פּראָפעסיאָנעלע בעוועגונג; פרויען-בעוועגונג. 153

ביבליאָגראַפיע; אינטערעסאַנטע קלייניגקייטען; נעקראָלאָגען; פאָלקלאָר; שפּרעכזאַל.

לוח „קדימה"

ערשיינט שוין דעם 4-טען יאהר. דאס איז א פאלקס-האנדבוך, וואס ענטהאלט אין זיך, חוץ דעם געוועהנליכען קאלענדאר-מאטעריאל, די וויכטיגסטע מאמענטען פון יודישען לעבען אין געגענווארט און פערגאנגענהייט, וואס בעקאנט גרינדליך מיט אלע אנשטאלטען און חברות אין דער גאנצער וועלט, וועלכע ארבייטען פאר דעם כלל-ישראל. און וואס גיט א גענויעם בעגריף וועגען דער יודישער נאציאנאלער בעוועגונג **אין אלע איהרע פארמען און איינריכטונגען.**

דער לוח „קדימה" טראגט א וויסענשאפטליך-אינפארמאטיווען כאראקטער און די מאטעריאלען פאר איהם ווערען צונויפגעשטעלט פון ספעציאליסטען לויט די ערשטע קוועלען. זיינע מיטארבייטער זענען:

ב. א. גאלדבערג (סטאטיסטיק, ארץ-ישראל, אנשטאלטען).
משה שאליט (ציוניסטישע כראנאלאגיע, ביאגראפיעס, עמיגראציע, אנשטאלטען).
ד"ר יוסף לוריא (יודישע קאלאניעס אין ארץ-ישראל).
יצחק גרינבוים (יודישע [illegible]).
ב. באראכאוו (יודישע אנשטאלטען און [illegible]).
ב. ראטנער (ארגענטין-יודישע כראנאלאגיע).
י. נייפאך (טערקיי).

— און אנדערע. —

די אלגעמיינע רעדאקציע געהערט צו ב. א. גאלדבערג.

דער נייער לוח „קדימה" מיט פיעל נייע ענדערונגען און אבטיילונגען, אויף דעם יאהר תרע"ג (1913-1912) דרוקט זיך שוין — אין יודיש און אין רוסיש — און וועט אין יולי ערשיינען. ער וועט האלטען העכער **250** זייטען יעדערער.

פרייז 20 קאפ. אהן פארטא.

געלד און בעשטעלונגען דארף מען שיקען לויט דעם אדרעס:

Книжному складу **„ВОСТОКЪ"**, **С.-Петербургъ**, Торговая 17.

לעבען און וויסענשאפט.

2-טער יאהרגאנג. | 1912. | העפט 3-4.

I.

נ. גארעליק. בײם טײַכעל.

װען עס קוקט דער טאָג צו גאָט מיט טױזענד דאַנקען
און דאָס טײַכעל גלאַנצט, װי אױפֿגעקנײטשטער גלאָז,
ליג איך מיר פֿערטראַכֿט אין פֿלאָנטער פֿון גדאַנקען,
ליג איך מיר בײם ברעג אין אַטלאַס-גרינעם גראָז.
ס'איז דער ברעג אַרום מיר אַ גן-עדן-סאַליע,
אײַנגעבעט אין גרינסען, װי מיט װײַכֿען פּליש.
כֿליג און קוק צום טײַכֿעל; יעדע אײנציג כװאַליע
שװימט צום גרינעם ברעג צו, װאַרפֿט איהם צו אַ קוש.
און אויף מיר פֿערלאָקט אַ לאָזע איהרע צװײַגען,
איהרע בלעטלאַך שאָרכֿען, װי פֿון זײַד אַ קלײד;
איך נאָר אײנער, דוכֿט זיך, העד ניט אױף צו שװײַגען
און אין האַרצען טיעף מיר נאָגט אַ שװערע לײד.
ליג איך מיר אין שאָטענס. און דער װינטעל הױדעט
אום די קלײנע כװאַליעס — קלאַפֿט מײַן האַרץ אין מיר;
יעדע כװאַליע רופֿט און װינקט צו מיר און סוד'עט —
גאָט אַלײן נאָר װײס דעם װעהטאָג, װאָס איך שפּיר...

II.

עס איז די װעלט א ים...

*

*   *

עס איז די װעלט אַ ים אין גרױסען שטורם
און איך, מײַן פֿרײַנד, — אַ כװאַליע אין דער מיט;
קום איך צום ברעג, פֿון שטורם-װינט געטריבען,
שטױסט מיך צוריק די האַרטקײט פֿון גראַניט.
איך װײס, מײַן פֿרײַנד! אין תהום װעל איך פֿערשװינדען
און נאָר אַ שױם אַ װײַסער אױף מײַן װעג
דערצעהלען װעט דעם לעבען פֿון אַ כװאַליע,
װאָס האָט פֿון רוה אומזיסט געזוכֿט אַ ברעג.

I.

י. לוקאװסקי. בין השמשות.

שטיל און טונקעל איז אין צימער,
אַלעס זעהט אױס, װי פֿאַרטראַכֿט.
דורך די שױבען די פֿערראָסטע
ציהט זיך לאַנגזאַם אָן די נאַכֿט.

שאָטענס טראָגען זיך אין לופֿטען,
שעפּצען עפּעס אין דער שטיל...
שאַ! פֿון אַ בעהאַלטען װינקעל
טשירקעט ערגעץ װאו אַ גריל.

שאָטענס קריכֿען פֿון די װינקלען,
טוען אָן דעם גאַנצען חדר

אין אַ טרויעריגען מאַנטעל —
אין בין־השמשות'דיגע קליידער.

און אַ טונקעל־מרה־שחורה
אויסגעגאָסען איז אויף אַלעס —
נעהמט אַרום מיין שמאָלען צימער
מיט אַ טרויעריגען טלית.

קריכט אַריין אין דער נשמה,
טיעף און טיעפער נאָגט און קוועלט —
און עס בענקט דאָס האַרץ נאָך עפּעס,
ווייס אַליין ניט, וואָס איהם פעהלט...

II.

עס ווילט זיך מיר איצטער...

עס ווילט זיך מיר איצטער נישט דענקען, נישט טראַכטען,
פערגעסען פון אַלעס און זיין ווי אַ קינד;
נישט האָבען קיין נעכטען, נישט וואַרטען אויף מאָרגען,
נישט וויסען פון טוגענד, נישט וויסען פון זינד.

און ליגען אַזוי אונטער בלאָהליכען הימעל
און קוקען אַהין אויפ'הער אין בלאָהליכען וויט;
אַזוי ווי איך וואָלט גאָר דער וועלט נישט געהערען,
ווי כ'וואָלט ניט געוועזען אַ קינד פון מיין צייט.

און קוקען אין הימעל און שמעקען די גראָזען
און הערען די תפלות פון פייגעל־געזאַנג;
זיך באָדען אין שטראַהלען פון העלען פריהמאָרגען—
פערגעסען פון אַלעס, וואָס טוט אַזוי באַנג...

פערגעסען פון אַלעס... נישט האַסען, נישט ליעבען—
ווי נאָר וואָס געבאָרען פון ס'ניי אויף דער וועלט;
די זון איז מיין מוטער, די שטראַהלען — מיר ברידער,
און הימעל און בלומען — מיין פרייער געצעלט...

III.

כ'געדענק אין די גוטע, קינדערשע יאָהרען.

כ'געדענק אין די גוטע, די קינדערשע יאָהרען —
איך האָב דאַן געליעבט אויף אַ שטעקען צו פאָהרען.
אין ס'קינדערשע הענטעל אַט נעהם איך אַ שטעקען
און לאָז זיך מיר רייטען אויף אַלע פיער עקען.
איך לויף ניט, איך שוועב, און עס ציטערט די ערד,—
איך, רייטער, בין פרינץ, און דער שטעקען — מיין פערד.
צוזאַמען מיר לויפען, צוזאַמען מיר יאָגען,
און פרעג נישט, וואוהין? אַט אַ ווינד האָט געטראָגען, —
אין קינדערשע יאָהרען — ווער האָט דאַן געוואוסט,
נאָך וואָס האָט געפלאַטערט די קינדערשע ברוסט...

• • •

לאַנג זענען פערשוואונדען די קינדערשע יאָהרען.
מיין פערדיל — דער שטעקען צופוילט לאַנג געוואָרען,
נישט וועניג דער פרינץ אויך געליטען...
נאָר דאָך מיט אַ שטעקען אויך יעצט נאָך איך פאָהר —
איך בין מיט'ן שטעקען אַנ'אייביגע פּאָר,
איך האָב נאָר די שטעקענס געביטען...

‡ ‡ ‡ ‡ ‡ ‡ ‡ ‡

פון יענע טעג. ש. קאַבאַלקין.

I

יענטל חאַשעס אַרום שלשים
איז אַ מיידעל שטאַרק פאַרצאַרענט:
מיט נדן האָט איהר דער טאַטע
פאַר'ן לעבען ניט כאַוואַרענט.
יאָהרען ציהען, יאָהרען פליהען
און עס קנייטשט זיך אַלץ דער שטערען
און עס וועלקען אויס די אויגען
און צוגיסען זיך אין טרערען.

II

ס'זענען יאָהרען פיעל אַריבער
זינד די מעשה איז געשעהען.
ביי דעם טאַטען אין ישיבה
האָט זי איהם צוערשט דערזעהען.
„יעקל שוואַרצער" איז אַ לערנער
פון די בעסטע דאַן געוועזען,
טיעפער, אויגען, שוואַרצער, ברעמען
האָט מען זעלטען וואו געזעהן.
האָט ווען יעקל אויף אַ גמרא,
אין אַ תוספות זיך פערטראַכט,
פלעגט שוין יענטעלע נור טרוימען
און ניט שלאָפען יענע נאַכט.
בלייכע באַקען, לאָקען־פאות,
ס'האָט זיין קול צו זיך געצויגען...
מאָרגען וועט זי איהם דערציעהלען
און וועט קושען זיינע אויגען.

III

ס'זענען מאָרגענס פיעל אַריבער,
„יעקל שוואַרצער" לאַנג פערשוואונדען,
און ביי יענטעלען אין האַרצען
גליהען נאָך די אַלטע וואונדען.
וואו איז יעקעל? טראָגט ער פאות?
צי ער לערנט, ווייס ניט קיינער,
צי געדענקט ער די ישיבה,
ווייס אין הימעל גאָט נור איינער.

IV

יאָהרען ציהען, יאָהרען פליהען...
אוי, וואָס טוט זיך מיט'ן שטעדטעל?
ניט קיין שאלות, ניט קיין תשובות,
ניט קיין גמרא חאָטש אַ בלעטעל...
אויפ'ן אָרט פון דער ישיבה
שטעהט אַ גרויסע שוהל אַ פרייע...
אוים די אַלטע בעלי-בתים!
עפעס קאַפעליושלעך נייע...
יעדען שבת נאָכ'ן מפטיר
שיט אַ בחור רייד פון בימה
אין אַ העמדעל, מיט ספּאַקולען,
מיט אַ מאָדנער גויי'סקער שטימע.
יעדע נאַכט און יעדען מאָרגען
יונגלעך, מיידלעך אויף די גאַסען —
ס'אַראַ רייד! ס'אַראַ דבורים!
ס'אַראַ שילטען! ס'אַראַ האַסען!
גוואַלד, וואָס איז דאָס, טאַטע-פאָטער!
ניט קיין רב, ניט קיין דינים,
שמות מאָדנע אויף די הייזער,
אויפ'ן מאַרק, אין די מנינים...

V

שאַט, רבותי, שאַט, וואָס איז דאָס?
אוי, וואָס ליפען ווייבער, אידען?
נאָך אַמאָל די אַלטע שרפות?
אָדער אפשר די ירידע'ן?
ניין, רבותי, יונגלעך... מיידלעך...
שקצים... שיקסעס... זינגען... קלאָגען...
פאָהנעס... רויטע... שוואַרצע... גרויסע...
פערד... יונים... ליפען... יאָגען...
טראַך-טאַך! טראַך-טאַך! גוואַלד, מלחמות!
טראַך-טאַך! טראַך-טאַך! וועמען? וועמען?
שוואַרצע, רויטע, בלאָע העמדלעך...
ניט קיין צייכענס, ניט קיין נעמען...

VI

שטיל אין שטעדטעל — אַ בית עולם,
קליינע, גרויסע — ס'שלאָפען אַלע.
אויפ'ן פריזבע ביי דער פאָרטעל,
וואו ניט וואו אַ חתן-כלה...
עלענד, אומעדיג, פאַמעלעך,
שווימט די לבנה דורכ'ן שטעדטעל,
ס'בילט אַ הינטעל ווייט אין געסעל,
כ'הערט זיך סקריפען יעדעס בעטעל.
עק פון שטעדטעל... ביי אַ פענסטער
זיצט דאָרט יענטעל טיעף פערצאָרענט,
מיט נדן האָט איהר דער טאַטע
פאַר'ן לעבען ניט באַוואָרענט.
אַך, וואו נעהמט מען יענע יאָהרען?
ר'האָט אַזוי צו זיך געצויגען!
בלייבע באַקען, לאָקען-פיאות,
שוואַרצע ברעמען, טיעפע אויגען...

. . . .

אַך, ווער טאָפּעט עס אין געסעל?
שווערע טריט און שווערע קלאַנגען...
שוואַרצע מענשען... בלאַנקע שווערדען...
אין אַ נעץ אַ מענש געפאַנגען...
יאָגט, ווער איז ער, אָט דער בחור,
אין אַ העמדעל, אַ געזונטער?
וואוהי'ן געהט ער מיט אַ שמייכעל
אַזוי פרעהליך, אַזוי מונטער?
ס'איז דער בחור עפּעס... דאַכט זיך...
שוואַרצע ברעמען... טיעפע אויגען...

. . . .

יענטל האָט זיך אין חלשות
אויף דער ערד טויט-—אויסגעצויגען.

VII

וועמען? וועמען? ס'קאָכט דאָס שטעדטעל,
קיינער ווייס ניט, פוסטע קלאַנגען:
עק פון שטעדטעל, אין ראַגאַטקע
ביי דער נאַכט אַ מענש געהאַנגען...
אויפ'ן פעלד אַ גרוב געגראָבען,
און מיט נאַסע ערד באַשאָטען...
אָהן אַ קבר... אָהן אַ קדיש...
און מיט פערד דעם אָרט פאַרטראָטען...
וועמען? וועמען? ווייס גיט קיינער,
יענטל חאַשעס ווייס נור איינע:
טויט-פאַרשאָטען! טויט-פאַרשאָטען!
אָט די אויגען טיעפע, שענע...

VIII

נאַכט אין נאַכט, דערצעהלט דאָס שטעדטעל,
בלאָנדזשעט יענטעל אויפ'ן פעלד אום,
און זי זוכט דעם ווישטען קבר

פון דעם אונבעקאַנטען העלד שטום.
בייזע ווינדען, וויסטע ווינדען
דרעהען, וועהען, יאָגען, היטען,
ווי זי גראָבט נור אויס אַ גריבעל
קומען וויסטע און פאַרשיטען...

* * * * * * * *

י. שטערנבערג. טויבען.

כ'קען אַ דאָרפיש יונג-שעָן מיידעל,
וואוינען וואוינט זי ביי דעם דניעסטער;
זי האָט קיין חבר'טעס, קיין ברידער —
טויבען זענען איהרע שוועסטער.
שטענדיג איז זי ביי די טויבען:
איינע דריקט זי זיך צום האַרצען
און אַנ'אַנדערע אַ ווייסע
שטעהט איהר אויפ'ן קאָפּ דעם שוואַרצען.
שעָנע טויבען האָט דאָס מיידעל:
ווייסע פאָרלעך, געלע, גראָהע,
נאָר דאָס שענסטע פאָרעל טויבען
זענען איהרע אויגען בלאָהע...

און ערוואַכט דאָס מיידעל — תיכף
צו די טייבעלעך די שטילע,
ז'גיט זיי עסען, זאָגט אויך ברכה
און זיי וואָרקען נאָך די תפלה.
פלוצים אָבער אין מיט עסען
גיט מען זיך אַ הויב אינאיינעם
און מ'ע'מאַכט אַ ראָד דעם מעָדעל —
איהר אַ כלה-ראָד אַ שעָנעם;
אַנד'רע ציהען אויס אַ חופה,
דרעהען אין דער לופט זיך, קאַטשען
און ווי קינדער מיט די הענטלעך
מיט די פליגעל פאַטשען, פאַטשען;
איין פאָר לאָזט אַראָפּ זיך אונטען
און אַ צווייטע הויבט זיך העכער,
איינע מאַכט דעם מאַן אַ חנ'דיל,
אַנד'רע קושען זיך אויף דעכער...

קומט דער אָבענד, ווען דער הימעל
הויבט אָן רופען, הויבט אָן ציהען,
נעהמען זיך צונויף די טויבען
אין אַ קאַרעהאָד און פליהען...
עלענד עפּעס בלייבט דאָס מיידעל,
אין די אויגען — יונגער טרויער,
און זי קוקט צום ראָזען מערב,
וואו עס שטעהט אַ גאָלד'נע מויער;
ס'איז פון פורפור-גאָלד אַ פּאַלאַץ

און דער דאַך איז זילבער ריינער;
דאָרטען וואוינט אַ פּרינץ אַ יונגער,
דאָרטען וואוינט אַ פּרינץ אַ שעָנער;
אָט, אָט זענען דאָרט די טויבען
ביי די ראָזע, ראָזע פענסטער;
ס'וועט דער יונגער פּרינץ אַ קוש טון
פון די טייבעלעך דער שענסטער...

* * * * * * * *

I

אין ווייסען היכל.

אַיינגעהילטע אין גדאַנקען
שטעהען שטום אין לאַנגע ציילען
בוימער שלאַנקע, און זיי בלאַנקען
ווי די ווייסע טעמפעל-זיילען...

און בעהאַלטען ערגעץ שוויגען,
דרעמלען אָהנמעכטיג די ווינטען:
כ'געה אַרום אין ים פון צווייגען,
ווי דורך ווייסע לאַבירינטען...

די לבנה מיט אַ שמייכעל
היט די נאַכטיג-שטומע שנעען,
היט דעם הייליג-ווייסען היכל
ווי אַנ'אַלטער, טרייער כהן...

ס'קלאַפּט מיין האַרץ מיט זיסער אימה,
ס'גאַרט מיט גאָט זיך צו פערקניפּען,
און אַ תפלה אַ געהיימע
וועבט זיך שטיל אויף מיינע ליפּען...

II

ר. ניידוס. בעריאוזקעס.

איך האָב דיך געזעהן אין בעריאָזאָזען וועלדעל
אינגאַנצען אין ווייסען געקליידט,
אַ לייכטינקער ווינד האָט די פאַלדען פון קליידעל
ווי וואָלקענדלעך ווייסע צעוועהט...

אַ בלומען-קראַנץ האָסטו אין הענטעל געהאַלטען,
און שטיל האָט געשוועבט דיין געשטאַלט,
און ס'האָט אין דעם בלאָהליכען שיין פון די אויגען
געאָטעמט די בענקשאַפט פון וואַלד...

עס האָבען געפליסטערט די יונגע בעריאָזקעס
זיך נויגענדיג צערטליך צו דיר:
„געקומען צו אונז איז אַ שוועסטער אַ נייע,
„אַ שלאַנקע און ווייסע, ווי מיר"...

און דו ביסט אַלץ ווייטער און ווייטער געגאַנגען,
די בלימלעך פֿון קרענצעל געפּליקט,
און ס'האָט דיר אַ ווינטעל די פֿאַלדען פֿון קליידעל
די וואָלקענדלעך ווייסע צעוויעגט...

⁜ ⁜ ⁜ ⁜ ⁜ ⁜ ⁜ ⁜

י. מרגלית. דער טויט פֿון אַ קינד.

נאָך מיט אַ טאָג פֿריהער אײדער דער צוויי־יעהריגער אַלטערל איז קראַנק געוואָרען, האָבען זיינע עלטערן בעמערקט, אַז ער איז נישט „מיט אַלעמען". אַז ס'איז אָנגעקומען דער אָבענד, האָט ער אָנגעהויבען זיך אומצוקוקען אויף זיין שאָטען און היינען פֿאַר שרעק. דעם גאַנצען טאָג האָט דאָס אונרוהיגע קינד מיט דעם הויכען שטערן און מיט די גרויסע, פֿערשטאַנדיגע אויגען, ווי זיין שטייגער, אומגעפּילדערט איבער דער שטוב, שפּאַצירענדיג פֿון איין ווינקעל צום צווייטען און נאָכשלעפּענדיג שטיפֿעריש הינטער זיך איין פֿוס און שרייענדיג „טונדראַ, טונדראַ!". ביים עסען ווען דער פּאַפּאַ, שלמה ליבערמאַן, און די מאַמאַ, חנה, זענען געזעסען ביים טיש און די אַלטע דיענסט, מאַריאַ, האָט דערלאַנגט די געריכטען און צוגענומען דאָס געניצטע געפֿעס, איז אַלטערל געזעסען צווישען דעם פּאַפּאַ און דער מאַמאַ און ווי אַן עלטערער, פֿערשטאַנדיגער מענש נאָכגעקוקט דעם פּאָטערס בלייכען און אונבעוועגליכען געזיכט און זיין האַלב־היילען, שטרענגען קאָפּ און דער מאַמעס בלאַסקענדיגע גאָלדענע פּענסנע. ווי אַלע מאָל, האָט ער אַרונטערגעלאָזט די אויגען, ווען דער פּאַפּאַ האָט איהם געגלעט איבער'ן קאָפּ, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געשעמט פֿאַר זיינע לאַסקעס, און ווען די מאַמאַ, מיט אַ סאַלפֿעטקע איבער דער ברוסט פֿלעגט זיך אָנהויבען עסק'ן אַרום איהם, פֿלעגט ער זיך וואַרפֿען אונגעדולדיג... גאָר אַז די נאַכט איז אָנגעקומען, האָט דאָס קינד אינגאַנצען זיך געביטען. מיט אַמאָל איז עס צוגעפֿאַלען צום פֿענסטער און נישט געוואָלט זיך אָברייסען פֿון דער שוואַרצקייט פֿון דער נאַכט אין די גלעזערנע שויבען.

— וואָס איז מיט מיין קינד? האָט חנה מיט שרעק אויסגערופֿען.

שלמה'ן האָט דער אָטעם פֿערכאַפּט, נאָר ער האָט געשוויגען. ער האָט לאַנג אָנגעקוקט אַלטערלען ביז די אַלטע מאַריאַ איז געקומען און איינגערעדט דאָס קינד געהן שלאָפֿען. צו מאַריאַ'ן, מיט איהר אַלטען, מוטערליכען און געראונצעלטען געזיכט, מיט די גוטע, בלויע אויגען, האָט אַלטערל זיך מעהר געקלעפּט, ווי צו זיין מאַמען מיט די קראַגענס און די געפּרעסטע בלוזען.

ערשט, ווען מאַריאַ האָט אַוועקגעטראָגען דאָס קינד אין שלאָף־צימער, האָט שלמה זיך בערוהיגט און ער איז אַוועק צו זיך אין קאַבינעט, איבערלאָזענדיג חנה'ן, אָדער אַננאַ'ן, ווי מען האָט איהר גערופֿען אין „געזעלשאַפֿט", אַליין. אין דער צייט האָט זי, געוועהנטליך, געלעזען. סיי צו איהר און סיי צו איהרע ביכער האָט שלמה זיך פֿערהאַלטען מיט אַ איראָניע. ער האָט עס אָבער נישט אַרויסגעוויזען: אַ קורצע צייט, נאָך דער חתונה, האָט זי איהם געגעבען „לעבען" און, דערהויפּט, די איז דאָך אַלטערל'ס מאַמע, חאָטש איהם האָט שטענדיג פֿערדראָסען איהר היסטערישע ליעבע צום קינד...

שלמה האָט אַרויפֿגעדרעהט די לאָמפּ, אַרויסגענומען די גרויסע געשעפֿטס־ביכער, לאַנג געקליבען און געפּרובט שטאָל־פֿעדערען אויף זיינע קלאָרע נעגעל, חאָטש ער האָט נישט געהאַט וואָס בעזונדערס־וויכטיגעס מיט זיי צו שרייבען. ערשט, ווען ער איז דערמיט פֿאַרטיג געוואָרען, האָט ער זיך אויסגעצויגען אין דעם טיעפֿען, ווייכען שטוהל מיט די אָנלעהנען. זיין האַרץ און זיין קאָפּ זענען געווען ווייט פֿון די געשעפֿטען.

אַלטערל איז קראַנק! ווען יענער, וואָס האָט צו זאָגען איבער'ן מענשענס לעבען, אויף געזונד און קראַנקהייט, וואָלט וויסען, וואָס דאָס בעדייט פֿאַר איהם, וואָלט ער עס נישט געטאָן. אַלץ, וואָס ער האָט, אַלץ, וואָס עס רינגעלט איהם אַרום, איז דאָך איהם אַזוי ווייט און פֿרעמד. די גרויסע קאָנטאָר, מיט'ן גרויסען שילד „באַנקהויז פֿון ש. ליבערמאַן", אויף דער בולוואַר־גאַס, זיין וואָהנונג מיט די פּליושענע טרעטערס, מיט די וואַנד־שפּיגלען, מיט די גרויסע, געלב־בלייכע שאַפֿען „אַלאַ מאָדערן", זיין אינטעליגענטע פרוי מיט איהר ביבליאָטעק, מיט איהרע פּענסנע און מיט איהר אָפּטער היסטעריקע — דאָס אַלץ איז אַ גרויסער מעכאַניזם מיט אַ סך רעדלעך און שרייפֿלעך, וואָס ער אַליין האָט אויפֿגעבויט, נאָר איהם, דעם ערשטען, האָט ער אַריינגעחאַפּט אין זיינע צייהן און לאָזט איהם נישט אָב.

דער איינציגער אָנהאַלט זיינער איז אַלטערל. עמיץ האָט אין די טיעפֿענישען פֿון זיין האַרצען אויסגעשריגען: „מיין קינד!" איהם האָט געריסען געהן צו אַלטערלען אין זיין שלאָפֿצימער, האַכען איבער זיין געלענגערל און צעהלען זיינע קינדערשע אָטעם־צוגען, אָנקוקען זיין שיין געזיכט. ער איז אָבער ניט געגאַנגען. ער איז נישט געוועהנט צו טאָן אַזעלכע זאַכען, דאָס קען איהם ברענגען צו

„ערקלערינגען" מיט זיין „געמאַהלין", ערקלערונגען, וועלכע זענען איהם אַזוי פריקרע.

ער האָט זיך אויפגעהייבען און אָנגעהויבען אומצוגעהן הין און צוריק איבערן קאַבינעט. דאָס איז ביי איהם געווען אַנ'אַלטע געוועהנהייט פון זיין לאַנגיעהריגער בחורשאַפט. „פוסטע שרעק!" האָט ער ביי זיך געקלערט. „קיין בייז איז מיט אַלטערל'ען נישט געשעהן!" און איהם איז געוואָרען וואַרים און ליכטיג ביי דעם דאָזיגען געדאַנק, און אַ בערוהיגטער האָט ער זיך גענומען צו די בילער און געזעסען איבער זיי ביז שפעט אין דער נאַכט. פאַר'ן שלאָפען-געהן איז ער אַריין אין אַלטערל'ס צימער. אינ'ם לעמפעל האָט געצאַנקט אַ קליין פייערל, מאַריאַ איז אויף דער סאָפע ביי אַלטערל'ס וויגעלע געשלאָפען און אַפילו אין שלאָף האָט איהר געזיכט אויסגעדריקט גוטסקייט און ליעבע. שלמה איז אויף די שפיץ-פינגער צוגעגאַנגען צום וויעגעלע און צוגעלעגט די האַנד צום קינדס שטערן. ער האָט געברענט. אַ קעלט איז איהם אַריבער. ער האָט זיך געזעצט אויף אַ שטוהל, אַראָבגעלאָזט די הענד אויף די קניע, זיך אָנגעבויגען צום קינד אין מיט אַ פלאַטערנדיגען האַרצען זיך צוגעהערט צו זיין היציגען און שנעלען אָטעם.

— וואָס טוט מען איצט? אויפוועקען איהר? — האָט ער זיך געשלאָגען אין דער דעה — ניין, זי וועט מאַכען אַ גאַנצע פאַניק! — האָט ער זיך דערמאָנט וועגען זיין ווייב און זיך אָבגעהאַלטען.

ער איז אַריין אין שלאָפצימער. עס האָט איהם אין נאָז אַ שלאָג געגעבען די ספעציעלע אַטמאָספערע פון זייער הייראַטס-צימער. דער האָספיטאָל! די צעהגרליגע „סיגנאַטורקעס" און פלעשעלעך פון זיין ווייבס אַפטייקעל! איהר שווערער און קרענקליכער אָטעם! און וואָס איז ער אַליין? אויך אַ האַלבער שאַרבען! אויף אַ קורצער צייט האָט אַ פייער זיך אָנגעצונדען אין זייערע צורואינירטע קערפערס. אַ קינד איז ביי זיי געבוירען געוואָרען. נאָכדעם האָט ער זיך אויסגעלאָשען. דאָס איז געווען אַ קורצער, פערשפעטיגטער פריהלינג, וועלכער וועט זיך שוין קיינמאָל נישט אומקעהרען.

ווען זיי האָבען חתונה געהאַט איז ער אַלט געווען פיערציג און זי סך הכל יונגער פאַר איהם מיט פינף יאָהר. קיין ליעבע איז ביי זיי ניט געווען. ער האָט נישט געקענט ליעבען איהר פלאַכע טאַליע, איהרע בלויע, פערטריקענטע ליפען און די קנייטשען אויף איהר שטערן. איהר האָט קיין פערגניגען ניט געקענט שאַפען זיין האַלב-היילער קאָפ און דער קרענקליכער קאָליער פון זיין געזיכט. זיי האָט נאָר פעראייניגט די דורשט נאָך לעבען, נאָך אַ לעבענדיגער מענשליכער האַנד אין יענע מינוטען, ווען מען פאַלט זיך אַליין צו לאַסט.

שלמה האָט זיך געלעגט שלאָפען. ער איז געווען מיעד און אין גיכען האָט אַ שווערער און דריקענדער דרימעל, נאָך וועלכען מען שטעהט אויף מיט אַ שווערקייט אין די איברים און מיט אַ געפאַלענעם געמיט, פערוועבט זיינע רעיונות און חושים.

אויפגעוועקט האָט איהם אַ פערשטיקט שלוכצען. ער האָט געעפענט די אויגען. עס האָט אין די פענסטער אַריינגעקוקט אַ בלייכער פריהמאָרגען. חנה'ס בעט איז געווען ליעדיג. ער האָט גלייך פערשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר. האַסטיג האָט ער זיך אָנגעטאָן און איז געלאָפען אין אַלטערל'ס צימערל. חנה איז געווען אַריבערגעבויגען איבער'ן קינדס וויגעלע, פערדעקט איהם מיט איהר פיגור און איהרע אַקסלען האָבען זיך געטרייסעלט פון איהרע אָבגעריסענע און היסטערישע שלוכצען. מאַריאַ איז געשטאַנען איבער איהר מיט פערבראָכענע הענד און איהרע ליפען האָבען עפּיס געשעפטשעט.

שלמה האָט אונגעדולדיג איהר אַ ציה געגעבען פאַר'ן אַקסעל. זי האָט זיך אויפגעהייבען. דאָס קינד איז געשלאָפען, נאָר זיין גאַנץ געזיכט איז געווען פערדרויטעלט. ער האָט איהם אָבגעדעקט די העמדעלע און פיסלעך און אויפגעשפילעט זיין בוזים. דאָס גאַנצע יונגע קערפערל איז געווען בעדעקט מיט רויטע פלעקעלעך.

— איך געה רופען אַ דאָקטאָר! האָט ער געזאָגט.

פון עפּיס אָנגעריהרטע ווינקלען אין זיין נשמה האָט אַ שטראָם געגעבען אַ געוואַלדיגע ענערגיע. ער וועט ראַטעווען זיין קינד! ער וועט זיין פערמעגען, זיין לעבען אַוועקגעבען פאַר'ן געזונד פון זיין קינד!

אויף אַ איזוואָשציק איז ער געקומען צום דאָקטאָר פיינמאַן. יענער איז נאָך געשלאָפען. ער האָט געבעטען דער דיענסט זאָגען דער מאַדאַם, וועד עס וואַרט אין אויפוועקען דעם מאַן. ווען דער דאָקטאָר איז אַרויסגעקומען און זיך פערנייגט פאַר איהם, דעם באַנקיר, און בעגריסט איהם, האָט שלמה איהם אַ זאָג געגעבען:

— מיין קינד איז קראַנק! —

זיין האַרץ האָט זיך צוזאַמענגעדריקט, ווען ער האָט פערנומען זיינע אייגענע ווערטער, וועלכע האָבען איהם אַליין געקלונגען אַזוי מאָדנע.

פאָהרענדיג צוריק, האָט דער דאָקטאָר פיינמאַן זיך געווישט די פענסנע, זיך געריבען די אויגען, געשמאַק זיך געטשוכעט און טיעף געאָטעמט די פריהמאָרגענדיגע לופט און גוטמוטיג זיך נאָכ-

געפֿרעגט אויף דער מאַדאַמס געזונד און צי עס האָבען גוט געווירקט די פּילען, וואָס ער האָט איהר פֿערשריבען?

ווען דער דאָקטאָר האָט דערזעהן אַלטערלען, האָט ער אַ קנאַק געגעבען אַ פֿינגער אָן אַ פֿינגער. ער האָט בעפֿוילען ברענגען אַ לעפֿעלע און האָט געהייסען מאַריאַ'ן נעהמען דאָס קינד אויף די הענד, אַליין האָט ער מיט דער לינקער האַנד אַ נעהם געגעבען אין זיינע שטאַרקע פֿינגער דעם קינדס קעפּעל.

— האַלט פעסט! האָט ער מאַריאַ'ן בעפֿוילען.

אַלטערל האָט זיך צווויינט און האָט זיך אָנגעהויבען וואַרפֿען. גלייך האָט איהם דער דאָקטאָר אַריינגעזעצט דאָס לעפֿעלע אין מויל. שלמה'ן האָט זיך אַ מיש געגעבען אין קאָפּ. ער איז געווען קאַפּאַבעל אָנחאַפּען דעם דאָקטאָר פֿאַר'ן קאָלנער און נישט לאָזען איהם פֿערגוואַלדיגען זיין קינד. „אַ קצב!“ האָט אין איהם געזאָטען. נאָר ער האָט זיך אָבגעהאַלטען. ער איז אַרוים פֿון צימער.

— נו, וואָס איז? האָט ער געפֿרעגט דעם דאָקטאָר, וואָס איז אַרויסגעקומען.

— ער האָט סקאַרלאַטינע! אַ ביסעל פֿערשפּעטיגט...

— פֿערשפּעטיגט? האָט שלמה מיט שרעק איבערגעפֿרעגט.

— ניטשעוואָ, ער וועט אַרויסקומען! האָט דער דאָקטאָר געענטפֿערט מיט אַ מינע פֿון איינעם, אויף וועמען מען קאָן זיך פֿערלאָזען.

ווען דער דאָקטאָר איז אַוועק, איז שלמה אומגעגאַנגען הין און צוריק איבער זיין צימער, געקריצט מיט די צייהן און זיך געבראָכען די פֿינגער. ער האָט אַ ביסעל פֿערשפּעטיגט! קיין זאַך האָט ער נישט דורכגעלאָזט, טויזענד געשעפֿטען אויפֿגעפּאַסט, נאָר זיין אַלטערלען האָט ער פֿערזעהן. וואו זענען געווען זיינע אויגען?

וואָס אַ טאָג ווייטער איז אַלטערל געוואָרען אַלץ ערגער. אַ געדיכטע רויטקייט האָט פֿערדעקט זיין געזיכט. דאָס איז שוין נישט געווען דאָס קינד מיט'ן פֿרישען, צאַרטען און בלייכען אויסזעהן. אויפֿ'ן דריטען טאָג האָט עס אויפֿגעהערט צו דערקענען די עלטערן, עס האָט זיך געוואָרפֿען אין היץ, פֿאַר עפּיס זיך געשראָקען און גאַנצע שעה'ן נאָכאַנאַנד פֿלעגט עס ביינאַכט רופֿען: מאַריאַ, מאַריאַ! מאַריאַ פֿלעגט שטעהן איבער איהם מיט טרערען אין די אויגען און רעדען מיט אַ ציטערדיגער שטים: „איך בין ביי דיר, מיין קינד!“ און גלעטען איהם מיט איהרע אַלטע, פּאַרמעט-גערונצעלטע הענד. חנה איז קראַנק געוואָרען און ווען זי פֿלעגט אַריינקומען אין קינדס צימער און אַ קוק טאָן אויף איהם, פּלעגען ספּאַזמען אָנהויבען איהר צו שטיקען און זי פֿלעגט מיט היסטערישע אויסגעשרייען צופֿאַלען צום קינד.

שלמה האָט אויפֿגעהערט צו געהן אין קאָנטאָר. ער איז געזעסען אין קאַבינעט און איז אַלע ווייַלע געגאַנגען געוואָהר ווערען צו אַלטערלען. ער פּלעגט צוגעהן צום ווינגעלע, שטעהן לאַנג איבער איהם, פּרעגען ביי מאַריאַ'ן, צי האָט מען ריכטיג די רעצעפּטען איינגעגעבען, און פּלעגט צוריק צו זיך אין קאַבינעט אַוועקגעהן.

דער דאָקטאָר פּיינמאַן פּלעגט קומען צוויי מאָל אַ טאָג. איינמאָל האָט שלמה אַריינגערופּען איהם צו זיך אין קאַבינעט.

— זאָל מען מאַכען אַ קאָנסיליום? האָט שלמה איהם געפֿרעגט.

דאָקטאָר פּיינמאַן האָט אַ שמייכעל געטאָן. דער שמייכעל האָט שלמה'ן דורכגעשטאָכען.

פֿון צווייטען צימער האָבען זיך געלאָזט הערען היסטערישע אויסגעשרייען פֿון זיין ווייב.

— דאָס קען איך שוין ניט אַריבערטראָגען! איז שלמה אויפֿגעשפּרונגען.

— אויב דאָס קינד וועט שטאַרבען, זאָל זי זיך אַוועקפֿאָהרען צו איהרע עלטערן! האָט ער פּלוצלונג בעשלאָסען ביי זיך.

ער האָט געשיקט נאָכ'ן קאָנטאָר-יונגעל און אָנגעשריבען אַ דעפּעשע צו חנה'ס עלטערן: „דאָס קינד איז געפֿעהרליך. חנה איז קראַנק, קומט צופֿאָהרען!“

אין יענער נאַכט האָט שלמה מיט קיין אויג נישט צוגעמאַכט. ער האָט געשיקט נאָך סיגאַרען. יאָהרען זענען אַריבער זינט ער האָט קיין סיגאַר אין מויל נישט געהאַלטען. זייער פֿער'שכור'ענדיגער דופֿט, די גרויע קנוילען רויך, די דינע, בלויע שנירעלעך, וואָס האָבען, ווי סאַמעט-לענטעס, זיך געשלענגעלט, האָבען אַ וועה געגעבען אויף איהם מיט דער פֿערגאַנגענער, לאַנג-פֿערגאַנגענער יוגענד. עס האָבען פֿאַר איהם אַ בלינצעל געגעבען עלעקטרישע לעמפּלעך, שפּיגלען, מאַרמאָר-טישלעך, לופֿטיגע פֿרויען-קליידער און עס האָבען געגעבען אַ הילך אין זיין נשמה, ווי ווייטע, אָבקלינגענדיגע פֿלייטען, די טענער פֿון דער נאַכט-מוזיק אין קאַפֿעהייזער און קאַבאַרעטען... דאָרטען איז טראָפּענסווייז אויסגערונען זיין יוגענד-קראַפֿט!

איצט איז ער אַלט און קראַנק. די פֿערפֿלוכטע ברעכענישען אין רוקען! דאָס אייביגע טראָגען פֿון וואָלענע וועש! דאָס ענגע, פֿערקאַטערטע האַרץ! די שענדליכע עקעלהאַפֿטע אָהנמאַכט!

ער איז אַרוים אין גאַס. עס איז געווען שטיל.

אויבען האָט געפינקעלט אַ טיעפער, אויסגעשטערנטער הימעל. אַ קיהל, שאַרף ווינטעל האָט געבלאָזען. שלמה'ן האָט אָנגעהויבען צו שוידערען. ער האָט שוין לאַנג אַזאַ הימעל נישט געזעהן. ער האָט שוין, איבערהויפט, קיין הימעל לאַנג נישט געזעהן. מיט צוואַנציג יאָהר צוריק האָט ער געשריבען ליעדער וועגען דעם הימעל און די שטערען. דערנאָך האָט עס דאָס לעבען פון זיין קאָפּ, ווי אַ לייכטען פריה-מאָרגען-טוי, אָבגעווישט. איצט שטעהט ער, אַ צובראָכענער מענש, ביי וועמען דאָס ערשטע און דאָס לעצטע קינד שטאַרבט!

ער איז צוריק אַריין אין קאַבינעט. ער האָט זיך געזעצט. ער האָט געפיהלט, ווי טיעף אין די חדרים פון זיין נשמה צעוויינט עס זיך... דאָס ליעגט נאָך אין איהם טיעף, וואָרום ווען עס וועט דערגעהן צו זיין האַרץ און זיינע אויגען, וועט ער אַלץ, וואָס וועט איהם קומען צו דער האַנד, צושמעטערען!

——————

אַ טאָג האָט געדויערט אַלטער'ס גסיסה. אָהן אַן אויפהער האָט ער שטענדען-נאָכאַנאַנד אַרויסגעלאָזט פערשטיקטע קרעכצען. שלמה איז מעהר צו איהם נישט אַריין חנה'ס עלטערען זענען געקומען. שלמה האָט זיי געזאָגט: נעהמט איהר צו פון האַנען! און תיכף נאָך דעם קינד'ס טויט זענען זיי מיט איהר אַוועקגעפאָהרען. שלמה האָט איהר בעגלייט מיט שטומע בליקען, זיין געזיכט איז געווען פינסטער און ביים געזעגענען זיך האָט ער איהר קיין וואָרט נישט געזאָגט. געבליבען איז מיט איהם נאָר די אַלטע מאַריאַ. ביים טויט פון קינד און נאָך איהם האָט שלמה נישט געוויינט. זיינע אויגען זענען געווען טרוקען. אָ, ווען ער וואָלט געקענט וויינען! ער האָט געהייסען דער אַלטער מאַריאַ אַרויסטראָגען אַלץ פון שטוב, אַלץ, וואָס האָט געקענט אָן זיין קורצען „לעבען" דערמאָנען, פערמאַכען די לאָדענס פון די שלאָפצימערען, פערשליסען די טהירען. די שליסעל האָט ער אין אַ וויטען, אונטערשטען שופלאָדעל פון זיין שרייב-טיש בעהאַלטען.

אויפ'ן דריטען טאָג, האָט מאַריאַ, צום ערשטען מאָל, געקאָכט מיטאָג פאַר שלמה'ן. ווען זי האָט אַוועקגעשטעלט פאַר איהם אַ טעלער מיט פלייש, צושניטענע, געקאָכטע, פון וועלכע עס האָט געשלאָגען אַ פאַרע, האָט ער זיך נישט געקענט דערצו צורירען, אַ נעבעל האָט פערצויגען זיינע אויגען. ער האָט זיך אויפגעהויבען און איז אַוועק צו זיך אין קאַבינעט. אין טונקעלען ווירוואַר פון זיינע געדאַנקען האָט ער גערעדט צו זיך: וואָס עס איז פון דיר, מיין שען קינד, געוואָרען!

די אַלטע מאַריאַ איז אויף די שפיץ-פינגער צוגעגאַנגען צום קאַבינעט, שטיל אויפגעעפענט די טיר און דערזעהענדיג, ווי דער „פריץ" זיצט מיט אַן אַראָבגעלאָזטען קאָפּ, אָנגעלעהנט אויף ביידע הענד, האָט זי זיך איבערגע'צלמ'ט און איז אַוועק.

פאַרנאַכט איז שלמה אַרויס אין עס-צימער. ער האָט אויסגערופען: מאַריאַ! זי איז, אַיילענדיג, ווישענדיג די הענד, אַריינגעקומען: וואָס, פריצ'על? ער האָט נישט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן. פערלעגענערהייד האָט ער געזאָגט:

— איך האָב געוואָלט וויסען, צי עמ'יץ איז דאָ אין שטוב... זעצט זיך...

מאַריאַ האָט זיך געזעצט אויפ'ן ראָג פון אַ שטוהל. זי האָט פערשטאַנען דעם פריץ, זי האָט נישט וועניג צרות אָנגעזעהן אויף איהר לעבען.

— שוין לאַנג, אַז אייער מאַן איז געשטאָרבען? האָט ער איהר געפרעגט.

— שוין לאַנג, שוין לאַנג, מיין פריצ'ל... שוין מעהר ווי צוואַנציג יאָהר — האָט די אַלטע גערעדט, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ — ווער האָט זיך דאָס געקענט רעכטען, אַז ער זאָל אַזאַ יונגער אין דער ערד געהן... אַזאַ פרישער, אַזאַ געזונדטער, ווי אַ דעמב... וואָס האָט מיר דאַן געפעהלט?

— קינדער האָט איהר געהאַט?

— צעהן קינדערלעך האָב איך איהם געבוירען... זיי זענען שוין איצט גרויסע, האָבען ווייבער און קינדער... כל זמן ער האָט געלעבט זענען מיר אַלע געווען צוזאַמען, דערנאָך האָבען מיר זיך צושפרייט, ווי שעפסען...

שלמה האָט אַ וויילע געשוויגען און דאַן אַ זאָג געגעבען:

— אָבער ביז יענער צייט איז דאָך אייך געווען גוט, איהר זענט געווען גליקליך...

שלמה האָט זיך אויפגעהויבען. מאַריאַ האָט איהם געפרעגט, צי זאָל זי אָנשטעלען דעם סאַמאָוואַר.

שלמה האָט אָנגעהויבען היין און צוריק אַרומצוגעהן. עס איז געווען שטיל אין דעם גרויסען צימער מיט די הויכע פענסטער. עס האָבען זיך נאָר געהערט זיינע טריט איבער דער פאָדלאָגע און דאָס קלאַפען פונ'ם זייגער. באַלד האָט דער סאַמאָוואַר אויך אָנגעהויבען צו שיפען... אָ, די אַלטע מוזיק פון די בחור'ישע יאָהרען: אייגענע טריט, דער טיק-טאַק פון זייגער און דאָס שיפען פון סאַמאָוואַר אין די איינזאַמע, מעבלירטע צימערען!

ווי אַ רויך, ווי אַ רויך איז אַלץ פערגאַנגען!

≠ ≠ ≠ ≠ ≠ ≠ ≠ ≠

י. קלאַף. לייבעל דער שניידער.

(אַ בילד).

לייבער איז געווען אין שטעדטעל איינער. איין שניידער אויף דאָס גאַנצע שטעדטעל. אַלעמען פלעגט לייבעל בעקליידען, פון בעדער ביז'ן רב, פון אַ חדר־יונגעל ביז אַן'אַלטען מאַן. אָפּט פלעגט ער זעהן דריי דורות זיינע בעקליידטע, געהענדיג איבער'ן גאַס: אַ זיידען, אַ זוהן און אַן'איינינקעל. אַלעמענס בגדים פון איין און דעמזעלבען שטאָף און גענעהט נאָך איין פאַסאָן: ביי יעדען איז געווען איין פאָלע לענגער פון דער צווייטער, איין קנעפּעל אַרויסגערוקט פון דער ליניע, איין פלייצע העכער און איין אַרבעל האָט געמוזט ציהען אויף אַריף.

אָט אַזאַ שניט האָט לייבעל געהאַט. אַז ער פלעגט זיין אַמאָל ביי דער טהרה פון אַ מת, און מען פלעגט איהם מכבד זיין מיט'ן צושניידען תכריכים, פלעגט ער אויך תמיד צושניידען קורץ און שמאָל, אַזוי ווי אויף להכעיס.

ווען איינער פלעגט זיך קלאָגען, אַז ער האָט איהם ניט גוט אויסגענייט זיין גאַרניטור, פלעגט לייבעל אַמאָל טאָן ביטול'דיג מיט'ן האַנד: „אָ, „הבל הבלים" זאָגט שלמה המלך, אַבי אויסגענייט. נור נישט נאַקעט, איהר זענט דאָך אַ יוד".

איבערהויפּט האָט לייבעל נישט געהאַלטען פאַר זיין הויפּט־זאַך די אַרבייט, עפּעס האָט ער געפיהלט, אַז נישט דערויף איז ער געבאָרען געוואָרען; עפּעס העכערס, האָט ער געפיהלט, איז פאַר איהם פאַרהאַן, די אַרבייט איז מעהר ניט — וואָס זאָל מען טאָן? אַז עס איז פאַרהאַן אַ ווייב, קינדער און אַ מאָגען, וועלכער רייסט, שלעפּט איבער געוואַלד, ביד חזקה: „גיב". טו־מאַך, אַז גאָט האָט בעשאַפען דעם מענשען, בעוונותינו הרבים, פון אַ תאווה'דיגען חומר.

צופריעדען מיט דעם, וואָס ער איז אַ שניידער, פלעגט זיך לייבעל פיהלען, ווען דער גבאי פון תלמוד־תורה פלעגט ביי איהם בעשטעלען עטליכע גאַרניטורלעך פאַר תלמוד־תורה־קינדער, אָדער אַז איהם אַליין פלעגט זיך איינגעגעבען אַרויסצוקריגען ביים תלמוד־תורה־גבאי אַ פאָר רובל אויף אַ גאַרניטורעל פאַר אַן'אָרימען יתום. דאַמאָלסט איז ביי איהם געווען אַלע אַרבייט אָהן אַ זייט. אַ שטיקעל מלביש־ערומים־אַרבייט — דאָס איז געווען זיין לעבען, דערויף וואַרט ער. עפּעס פיהלט ער זיך ניט דאַן, ווי אַ שניידער, נור ווי איינער, וועמען מען האָט פון הימעל אַראָבגעלאָזען אָנצוטאָן אָרימע יתומים. ווען ער פלעגט קומען צום ערשטען מנין און הערען די ברכה מלביש ערומים, פלעגט ער זיך אַ רעכטע צייט טיעף פערטראַכטען, אויף זיין געזיכט פלעגט אומשוועבען אַ שעמעוודיגע, צופריעדענע מינע: אַ שטיקעל שותף מיט גאָט; ער, כביכול, איז טאַקע דער מלביש ערומים, אָבער דורך לייבעלס האַנד.

צעהן אַ זייגער אין דער־פריה פלעגט מען זעהן לייבלען געהענדיג פון בית־המדרש אַן'אָנגעזופּטער, אַ פולער מיט תהלים, מיט מנורת המאור, אָדער מיט אַ פּרק'ל משניות, וועלכען ער האָט פון דער ווייטענס אויף אויסווענדיג צוגעהערט. לאַנגזאַם פלעגט ער זיך לאָזען פון בית־המדרש־געסיל מיט זיין דאַרען מיטעלגעוואַקסענעם קערפּער, מיט זיין ברייטער, צולאָזענער באָרט, אָנגעטאָן אין אַ האַלב רבנ'ישען ראָק, אין די לאַצען אַריינגעשטעקט נאָדלען און אַרומגעוויקעלט מיט ווייסע און שוואַרצע פאָדים און מיט אַ גרויסען טלית־זאַק אונטערן אָרים, אין וועלכען ער פלעגט האַלטען זיינע אַלע בית־המדרש־כלי־זיין.

פאַרנאַכט, נאָך אַ צייט פאַר אין־שול־רופען, פלעגט שוין לייבעל געהן אין בית־המדרש און אַראָבקומען ערשט צו וועטשערע. פרייטאָג, מיטאָגצייט, פלעגט מען איהם שוין זעהן אין גאַס אַן'אויסגעבאָדענעם, נאָך מיט נאַסע באָרד און פּיאות. מיט אַן'אָבגעשפּילעטען ראָק פלעגט ער האַסטיג אומלויפען פון איין שטוב אין די צווייטע צוזאַמענקלייבען וואָכער פאַר וועמען ניט איז, אָדער סתם קליינגעלד פאַר אַן'אָרימע אַלמנה אויף שבת אָדער קלייבען פלעטען פאַר אורחים.

פרייטאָג־צו־נאַכט אין בית־המדרש, ווען אַלע פלעגען שטעהן רוהיג מיט אַ שבת'דיגען געמיטה, פלעגט לייבעל ניט רוהען. פלעגט אומלויפען פון איין בעל־הבית צום צווייטען: שטענדיג פלעגט איהם אויספעהלען פלעטען און שטענדיג פלעגט נאָך איהם נאָכגעהן אַן'אורח ביז'ן שטוב אַריין און דאָס האָט ער טאַקע געוואָלט, שבת אָהן אַן'אורח פלעגט ער זיך פיהלען, ווי אין דערוואָכען אָהן אַ שער.

פרייטאָג, ווען זיין איטיל פלעגט אָנהייבען מאַכען שבת, פלעגט ער זיך אַזוי ווי אַריינגנב'ענען האַלטענדיג וואָס ניט איז אין האַנד און נייען, פלעגט אַקוק טאָן איטלען עפּעס בעטענדיג אין די אויגען אַריין און זאָגען: קאַרג ניט, שאָב אָב מיט עטליכע בולבעס מעהר; זאָל בעסער בלייבען, שבת טאָר מען נישט מאַכען בצמצום. איטיל פלעגט פערשטעהן זיין מיין, און זי פלעגט איהם שטענדיג ענטפערן מיט אַ פאַראיבעל־טאָן: „מיר האַלסטו גאָר, ווי איך וואָלט זיין, חס וחלילה, אַ גוי'ע, איך וויל אויך האַלטען אַן'אורח, אַזוי ווי דו". און איינמאָל טאַקע, אַ פרייטאָג ביי־טאָג, האָט זיך איטיל אַוועקגעשטעלט און געזאָגט, אַז זי וועט ניט אַרויסלאָזען אַן'אורח אויפ'ן שוועל, סיידען לייבעל זאָל איהר אַרויסגעבען אַ האַנד, אַז די מצוה זאָל זיין פאַר ביידען, און זי האָט טאַקע אויסגעפיהרט. פון דעמאָלט אָן פלעגט לייבעל אָפּט בריינ־

גען אַנשטאָט איין אורח — צוויי און קוקען אויף איטלען מיט אַ מינע, וואָס אַ געטרייער פאַטער מאַכט, ווען ער גיט זיין קינד עפּעס און דאָס קינד בעט נאָך: ווילסט אַן׳אורח, נאַ דיר אַן׳אורח.

ביז אויף דער עלטער האָט זיך לייבעל געפיהרט זיין וועלטיל, ניט געיאָגט זיך נאָך כּבוד, האָט קיינעם ניט מקנא געווען, איז זיך געווען, ווי מ׳זאָגט, אַ שׂמח בחלקו. אַ גאַנצע וואָך געאַרבייט, געגעסען אַמאָל אַ שטיקעל לונג און לעבער מיט קאַרטאָפּלעס, אַמאָל אַ קרופּניק איינגעקאָכט אין מילך פון דער אייגענער ציגעלע, אַבי אָנגעשטאָפּט די קישקע. ווען עס פלעגט אָבער קומען שבת-קודש, פלעגט ער ווערען אויס לייבעל שניידער, אַ נייע הויט פלעגט זיך אויף איהם אָנטון. אויף שבת האָט געמוזט זיין אַביסעלע וויין, בראַנפען, אַ חלקי׳ל פיש. פרייטאָג-צו-נאַכט פלעגט זיך לייבעל אַוועקזעצען אויבען אָן ביי׳ם טיש, ביי דער זייט אַן׳אורח אָדער צוויי; דער טיש מיט אַ ווייסען טישטיכעל בעדעקט, פיער חלב׳נע ליכטלעך אין מעשׂענע בלאַנק-אָבגעשייערטע לייכטערלעך ברענען זיך לאַנגזאַם, ציהען פונאַנדער בהרחבה די פייערען, אַמאָל אין די זייטען, אַמאָל אין דער הויך, ווילע-ווייז אונטערקנאַקענדיג; די מאַשין אַריבערגעדעקט מיט אַ ווייסען טישטיכעל, נור די קאָפּ קוקט אַרויס פון ווינקעל צימער, ווי פערוואונדערט, ווי זי וואָלט וועלען פרעגען, פאַר וואָס דאָ איז אַזוי שטיל, רוהיג, פאַרוואָס לייבעל לאָזט איהר צורוה. אַ פּאָר ליכטלעך ביי ביידע זייטען פענסטער, אין בלעכענע לייכטערלעך אַריינגעשטעקט, ברענען זיך אונבעמערקט, און שיקען בצנעה די השפּעה פון אויבען. אַ ווייכע וואַרימקייט דורכגעמישט מיט׳ן ריח פונ׳ם טשאָלענט אין אויווען הערט זיך איבערן צימער...

נאָכ׳ן ענדיגען די לאָקשען פלעגט לייבעל צוגעבען אַביסעל מוט דעם אורח, ער זאָל זיך ניט שעמען און אַזאָג טון מיט אַ ווייכקייט: „איטיל, גיעב אָקאָרשט אַהער דעם צימעס!". אונטער דער צייט פלעגט ער זיך אַשאָקעל טון, אַ פּאַטש טון מיט האַלבע פינגער אויפ׳ן קאַנט טיש און דערלאַנגען אַ „כּל מקדש שביעי" מיט אַ בעזונדערען שניידערשען ניגון... לייבעל פלעגט זיך פיהלען בשעת מעשׂה גליקליך, וואָס ער איז אַ יוד אַן׳אויסגעקליבענער, וועלכער האָט זוכה געווען צו אַזאַ שבת.

איין פּעדרום נאָר האָט ער געהאַט. זינט ער האָט אָנגעהויבען צו האָבען עסקים מיט אורחים, פלעגט ער שטענדיג וועלען האָבען אַן׳אורח נישט קיין איינפאַכען, נאָר עפּעס אַ מגיד, אַ משולח, אָדער סתם אַ יוהען אַ למדן. נאָר דאָס פלעגט זיך איהם קיינמאָל ניט איינגעבען: אַזאַ אורח פלעגען פערבעטען צו זיך אויף שבת דער רבֿ, דער שוחט, אָדער סתם אַ תּשובֿ׳ער בעל-הבית.

איינמאָל, פרייטאָג, ערבֿ שבת נחמו. לייבעל איז געווען שוין אויף דער עלטער, אַלע זיינע קינדער האָט ער שוין געהאַט אויסגעגעבען. אין שטעדטיל איז ער שוין ניט געווען מעהר דער איינציגער שניידער. אין דער הויך אַנטקעגען מאַרק איז געהאַנגען אַ שילד מיט גרויסע אותיות אויסגעשריבען: „וואַרשאַווסקי פּאָרטנאָי", ביי ביידע זייטען — אויסגעמאָלט אַפּאָר מענשען פראַנטיש אָנגעטאָן.

ביסלעכווייז האָט דער שניידער אָנגעהויבען אָבציהען לייבעל׳ס קונדען. לייבעל האָט אָנגעהויבען צייטענווייז אַרומצוגעהן ליידיג. אויף איהם איז דאָס ניט געווען קענטיג, ער האָט זיך געפיהרט ווי שטענדיג: פלעגט וועגען דעם וועניג ריידען. נאָר, דערזעהענדיג זיינעם אַ גוטען בעקאַנטען אין יענעמס אַן׳אויפגענייטען גאַרניטור, פלעגט ער אַמאָל אַ פרעג טאָן ביטול׳דיג: „נו, וואָס איז דאָ אַזוי? קיין מלאָכים פליהען דאָ ניט אַרום, אַז עס איז בעשערט צו זיין אַ יוה, קען מען זיין אין מיינעם אַ קאָסטיום אויך".

ער פלעגט עס זאָגען געלאַסען, ווי צו איהם האָט דאָס ניט. אין האַרצען פלעגט ער פיהלען אַ וועהטאָג, נור ס׳פלעגט גיך פערגעהן. דערשפירט די מאַכט פון זיין קאָנקורענט האָט לייבעל אָט דעם פרייטאָג. שוין אַפּאָר וואָכען, ווי לייבעל איז אַרומגעגאַנגען אָהן אַרבייט, אַלצדינג. וואָס מען האָט געקאָנט, האָט מען פערמשכּנ׳ט. אין דער-פריה, ווען לייבעל האָט געהאַלטען ביי׳ם געהן דאַווענען, האָט זיך איטיל אַזוי ווי אין וועג אַהעקגעשטעלט, די הענד איינע איבער די צווייטע פערלעגט, מיט פערצווייפעלטע אויגען און מיט ניט קיין זיבערער שטימע, ווי ווען מען דאַרף יענעם אָנזאָגען אַ שלעכטע בשורה, האָט זי געפרעגט: „וואָס וועט זיין, לייבע, היינט אפשר מאַכען אַ מילכיגען שבת? פאַר אונז ביידען וועט קלעקען". די ווערטער „אַ מילכיגען שבת" און „פאַר אונז ביידען וועט קלעקען", זענען לייבלען מיט אַ טיעפען וועהטאָג אין האַרצען פערגאַנגען, און ווי אַ שווערער שטיין האָט זיך געלעגט ביי איהם אויף דער נשמה. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף איטל׳ען, ניט כּעס׳דיג און ניט רחמנות׳דיג, נור מיט אַ מינע, ווי זי וואָלט גערעדט אַ שרעקליכע נאַרישע זאַך, וועגען וועלכער מען דאַרף זיך מאַכען ניט וויסענדיג, און איז אַוועק מיט זיין שטענדיגען גאַנג אין בית-המדרש.

נאָכ׳ן דאַווענען אין מיטען צוזאַמענלעגען די תּפילין, ווען ער איז זיך אַרומגעגאַנגען איבער׳ן בית-המדרש און געזוכט אַ „פּנים חדשות" אין די ווינקעלעך, האָט איהם צוגערופען דער שמש און געבעטען בעשטעלען שבת, אָנווייזענדיג אויף אַ יוד מיט אַ למדני-

שען אויסזעהן: „נו, און וואו זענט איהר, און וואו איז דער רבי?“ — האָט לייבעל פערטראַכט געפרעגט: „היינט, נאָט צו דאַנקען, פעהלט ניט; עס וועט קלעקען פאַר אַלעמען“.

לייבעל איז אַ רעכטע ווילע אַרומגעגאַנגען אייבערן בית־המדרש, געוואָרפען נייגיעריגע בליקען אויפ'ן אורח און זיין האַרץ האָט איהם געריסען, אָט אַזאַ אורח וואָלט זיך איהם געוואָלט האָבען כאָטש איין מאָל אין לעבען.

ביי טאָג איז לייבעל געקומען פון קלייבען די וואָכער פריהער ווי אַלע מאָל. האַסטיג איז ער אַריין אין שטוב, איז צו צו איטל'ען, האָט איהר דערלאַנגט געלד אין האַנד און מיט אַ שווער־פערשטיקטער שטימע געזאָגט: נאַ, מאַך שבת, ווי עס געהער צו זיין, איך האָב אַן'אורח“. אַ רעכטע ווילע איז ער נאָכדעם געזעסען די הענד האַלטענדיג אויפ'ן שויס און געקוקט סתם אין דער וועלט אַריין, ווי אַ פערבלאָנדזעטער. זיין פנים האָט זיך וואָס ווייטער אַלץ מעהר געבלייכט.

אין אַ ווײַלע אַרום, ווי איטיל איז אַרויס אין גאַס איינקויפען אויף שבת, איז לייבעל אויך אַרויס: „געקליבענע געלד“ — האָט ער מיט אַ ביטערקייט פאַר זיך שטיל אַרויסגערעדט: „פושקע־געלד“, — האָט ער העכער אויסגעשריען.

ער האָט דערזעהן דעם גבאי פון „תומכי עניים“, האָט זיך איהם אָנגעהויבען דולטען, אַז ער ווייס פון דעם און געהט אָבנעהמען חשבון. פלוצלינג האָט ער דערזעהן איטל'ען, ווי זי טראָגט מעהל מיט פלייש.

„פושקע געלד“, — האָט איהם אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ. ער איז נאָכגעלאָפען דער ווייב ביז'ן שטיב אַריין, האָט אַ ריס געטאָן פון איהר האַנד די זאַכען: „פרעמדע, איך דאַרף ניט קיין אורחים, אַ מילכיגען שבת“, האָט ער ציטערענדיג אויסגערעדט, און האָט צעשפּרייט די פלייש מיט די מעהל אויף דער ערד.

* * * * * * * *

י. ברייטער. פריהלינג.

(אין אַ יודיש דערפעל).

ס'גוס'ט דער ווינטער, דער שניי איז געל געוואָרען, דער דיקער אייז אויפ'ן טייכעל ליגט מאַטלאָז, אָהן אַ צייכען פונ'ם פריהעריגען גלאַנץ.

די זון שטעהט אין מיטען הימעל און שמייכעלט אַראָב צו דעם אָנקומענדען פריהלינג.

ווי פון הינטער אַ פאָרהאַנג רוקט זי זיך אַרויס און וואַרפט אַ בליק דער וועלט, און פערשטעלט זיך באַלד דעם ווייסען געדיכט מיט אַ דורכזיכטיגען נעבעל.

אויף די שפּיצען בערג שוואַרצע צייכען, ווי וואונדען אויף אַ קערפער, קוקען גלייך אין הימעל מיט רחמנות, ווי זיי וואָלטען אויף וואָס אַן'ענטפער געוואַרט פון אויבען...

אַ שטיל וואַרעם ווינטעלע צוטרייבט דעם נעבעל.

פון די דעכער אין דערפעל גיסען זיך טרעהרען, יעדער שטרוי ווערט אַן'אויגעלע, פון וועלכען עס פאַלען טראָפּען צו דער קאַלטער ערד...

די בוימער האָבען די צווײַגען אַראָבגעלאָזט, ווי זיי וואָלטען וועלען די עוד אָנחאַפען, געוואָרסען פון ווינד שאָקלען זיי זיך אין אַלע זייטען...

דער ווינד ווערט שטאַרקער, און טרייסעלט די בוימער, ווי ער וואָלט זיי פון שלאָף געוועקט. שאָקלענדיג זיך פערלירען זיי שווערע טראָפּען, וואָס פאַלען, פונ'ם געוועזענעם שניי...

דאָ און דאָרט געהען אום מענשען אין דערפעל, קוקען זיך אום אויף גאָט'ס וועלט, ווי זיי וואָלטען געוואָלט טרעפען, וואָס וועט זײַן...

אַ פערד איז פון אַ הויף אַרויס, אַוועקגעלאָזט זיך אין דער לענג גאַס. פאַטשענדיג מיט די פיס אין וואַסער, וואָס שטעהט אויפ'ן וועג, צעשפּריצט ער עס אין אַלע זייטען; האַלטענדיג דעם קאָפּ אין דער הויך מיט פערדישער גדלות, וואַרפט ער זיך אין אַלע זייטען, הירזשעט, ווי ער וואָלט אָהן ווערטער צו דער וועלט געשריען, אַז דער שטאַהל איז איהם נמאס, אויף דער פרייער ליפט וויל ער זיין...

אַ שטיל קליין פרעסטעלע האָט אָנגעהויבען פערציהען די ערד, די שטעהענדע טײַכעלעך מיט אַ דין הייטעלע. דער שניי וויל ניט לײדען, וואָס מען טרעט אויף איהם, ביידערט זיך שטיל שקריהענדיג אינטער די פיס, קוים וואָס מען הערט איהם.

דער ווינד טראָגט זיך אום איבער בערג און טאָלען, טוט אַ שטיף אין וועלדעל, טוט אַ פליה איבער'ן דערפעל, פערטשעפענדיג אַ דאַך, אַ סקירדע שטרוי, אַ ברעג מלבוש פון אַ דורכגעהער, דרעהט זיך אויס און ווערט פערשוואונדען....

די זון האָט אין מערב זייט מיט אַ רויט פייער דעם הימעל בעגאָסען, די ברעגען פון די וואָלקען בעגילדעט, וועלכע טראָגען זיך אום ווי גילדערנע פליגעל פון אומגעזעהענע וואונדער־פויגעל...

די וואָלקענס ווערען טונקעלער, דער ווינד יאָגט זיי אום, ווי אומגעזעהענע ריחות, און אַ נייער, שוואַרצער הימעל ווערט געבוירען, וועלכען דער ווינד צעפליקט אויף שטיקער און צוטרייבט אין אַלע זייטען...

די זון האָט איהר וועג געענדיגט און איז אין אַ צווייטער וועלט אַוועק, לאָזענדיג נאָך זיך אַ פינסטערע נאַכט, וועלכע האָט זיך איבעראַל פערשפּרייט, און אויף דאָס דערפעל איינגעשלונגען.

אין איניגע שטיבלעך האָבען זיך פייערלעך בע

וויזען אין די פענסטער, וואָס זעהען אויס דורך די האַלבּ ווייענדיגע שייבלעך, וועלכע זענען מיט אַ קוים בּעמערקטען פּרעסטעלע פערצויגען, ווי קליינע פּייערלעך אין אַ געדיכטען רויך...

פון קליין שוהל׳כעל געהען פאַמעליך עטליכע אַלטע לייט, וואַרפען אַ קוק אויף דעם מערבֿ-האָריזאָנט, וואָס האָט ניט לאַנג די זון איינגעשלונגען...

דער ווינד ווערט שטאַרקער און וואַרעמער, ערגעץ האָט וואָס אַ שוידער געטאָן, ווי אַ וואָלקען וואָלט זיך צעריסען, און קאַלטע טראָפּען הויבּען אָן פאַלען גלייך צו דער ערד...

אין דער ווינד טראָגט זיך אום, בּלאָזט אין די שויבּען, ווי ער וואָלט זיך אויף נאַכט-לעגער געבּעטען... פּייפט אין די קוימענס, ווי ער וואָלט דעם ווינטער שוין בּעווייִנט....

. . . . . .

. . . . . .

די וואָלקענס האָבּען זיך גוט אויסגעטרעהרט, דער ווינד האָט זיי ערגעץ וואו פעריאָגט, ריין און לויטער איז דער הימעל געוואָרען און קוקט מיט אַ סך, אַ סך, פינקלענדיגע אויגען אויף דער אויפוואַכענדיגער וועלט...

אויפ׳ן מזרח האָט זיך שוין דער הימעל צוגעגרייט די זון אויפצונעהמען, אַ ניט גאָר העלעס ליכט פערשפּרייט, וועלכעס ווערט אַלץ ליכטיגער און ליכטיגער, צוגיסט און צושפּרייט זיך איבּער׳ן גאַנצען הימעל....

דער פינקלענדיגער מאָרגען-שטערען קוקט ווי מיט גדלות אויף די קלענערע שטערענדלעך, וועלכע זענען ווי נאָך קלענער געוואָרען און פערשווינדען איינציג-ווייז. ווערען ניט...

און פון גאָט׳ס וועלטעל אונטען, וואָס שלאָפט געשמאַק אין אַ רוהיגער שטילקייט, האָט ווער דעם שוואַרצען צודעק אַביסעל אַראָפּגעצויגען... און ווי פון דער ערד וואַקסען אַרויס בּערג, טייכלעך, דערפער און אַלעס איז ווי פערשלאָפען, ציהט זיך, קנייטשט זיך און איז ווי איינגעוואַקסען אין דער פערגאַנגענער נאַכט...

די וועכטער בּיי׳ם געבּוירען פון נייע טעג האָבּען זייער שירה צו גאָט, צו דער נאַטור אָנגעהויבּען זינגען, און די שטילקייט צוריסען, מיט אַ פרעהליך געזאַנג אין יעדען הויף אָנגעזאָגט, אַז אַ נייער טאָג איז געבּוירען, דער וועלט ליכט און פרייד געבּראַכט...

און אַ שטיל וואַרעם ווינטעלע וויגט פאַמעליך דעם ערשט געבּוירענעם, אויף וועלכען עס קוקט פון ערגעץ אַ פערשטעלט צערטליך אויג, וועלכעס ווערט העלער, ליכטיגער, פרעהליכער, און רייסט זיך אַרויס פּנים פאָרהאַנג און עס ווייזט מיט שטאָלץ און גרויסקייט אַ פייערדיג פּנים, וואָס איז מיט גילדערנע סעדעם בּעהאַנגען און זיי ציהען זיך לאַנג, לאַנג בּיז צו דער פרישער ערד....

דאָס ליכט און געזאַנג האָבּען אַלעמען אויפגעוועקט, אויסגערוהטע, אָפּגעפרישטע, ווי יום-טובֿ׳דיגע, צו קבלת פּנים צוגעגרייטע, האָבּען זיי די גאַס פול געמאַכט, און פרעהליך לעבּעדיג איז אויף גאָט׳ס וועלט געוואָרען...

אַלץ אַרום האָט זיך פאַר דער נאַכט ווי אומגעבּיטען, פונ׳ם שניי איז ערטער-ווייז נאָר געלע פלעקען געבּליבּען, די ערד האָט זיך אַ שוואַרצע הויט אַרויפגעצויגען, און אויף יעדער טראָט, ווי לאַנגע ווערעם, ציהען זיך וואַסער-אָדערען, וועלכע גיסען זיך צונויף אין גרעסערע, לויפען בּיז זיי פאַלען אַריין אין דעם גרויסען שטראָם, וואָס טראָגט זיך אין דער לענג גאַס בּיז׳ן טייך...

דער דיקער אייז ליגט בּלייך, אויף די בּרעגען פון בּיידע זייטען דאָס אָנגעלאָפענע וואַסער ווערט מיט יעדער מינוט מעהרער, פערשפּרייט זיך איבּער׳ן אייז און זעהט אויס, ווי אַ פּיעלפאַרבּיגער צודעק...

דאָס וואַרעם שטיל ווינטעלע און דאָס אָנגעלאָפענע וואַסער עסען דורך דעם אייז, וועלכער ליגט זיך, ווי אַ ווייכער שניי-דעק, וואָס האַלט זיך קוים.

אין די זון מיט אַנ׳אונשולדיג ליעבּשאַפט קוקט אַראָבּ צו דער ערד און פרעהליך ווערט אומעטום, וואו זי וואַרפט נאָר איהר פריינדליכען בּליק...

איבּער דער גרויסער שוהל די טייבּעלעך, וואָס האָבּען דאָרט נעסטען געמאַכט, דרעהען זיך איינע אַרום דער צווייטער, וואָרקען שטיל, ווי זיי וואָלטען געוועדט צווישען זיך, לאָזען זיך אַוועק מיט אַמאָל אין דער לענג דערפעל, וויגען זיך אַרויף און אַראָבּ, דרעהען זיך אויס, קומען ווידער אויף זייערע ערטער, פּאַטשען מיט די פליגעלעך און וואָרקען מילד. פלינקע שוועלבּעלעך פליהען אום, הייבען-אויף זייערע אַלטע צעוויקטע נעסטען און גרייטען זיך אויף נייע געסט פון די וואַרעמע לענדער...

אַ בּאָראָקע האָט זיך אויף אַ טויער פאַר אַ הויף אָבּגעשטעלט, שרייענדיג, ווי זי וואָלט וואָס אָנגעזאָגט...

אַ האָן איז פון אַלעם ווי פערשכּור׳ט געוואָרען, און האָט ווי ערשט פון שלאָף זיך אויפגעכאַפּט, אויסגעצויגען אַ לאַנגען קו-קו — ריקו, אַראָפּגעשפּרונגען פון וואַנד און אָנגעהויבּען צונויפרופען די היהנער אַרום זיך; צושאַרענדיג אַביסעל מיסט מיט די פיסלעך, דערצעהלט ער זיי עפּעס אויף זייער לשון...

אַ בּהמה שטעהט פאַר אַ טויער און וואַרעמט זיך געגען דער זון, אין שטרוי איינגענורעט מעלה-גרה׳ט זי, און אַ קראָה בּיי איהר אויפ׳ן רוקען שטעהט און פליקט די האָר אויף אַ נייעם נעסט...

קליינע וואָראָבייטשיקלעך, נאָכ'ן קאַלטען ווינטער, ליפען אום אויף דער ווייכער ערד, טראָגען זיך אום פון איין דאַך אויפ'ן צווייטען און פילען אָן די לופט מיט זייער פישטשעריי...

און די זון לאַכט און קלויבט נחת פון אַלעם, קוקט חנ'עוודיג אויף דער וועלט, און גלעט יעדען דעם פּנים, וואָס ווייזט זיך אויפ'ן גאַס, וואַרעמט די ערד, וועלכע לאָזט אַ פּאַרע פון זיך, און איז בעדעקט, ווי מיט אַ געדיכטען רויך...

. . . . . .

. . . . . .

אין די הויפען דאָ און דאָרט גרייט מען שוין די אַקער-אייזענס, די וועגען מיט די בראָנעס, מען פיהרט אַרויס די פיה פון די שטאַהלען, יעדער הויף איז פול מיט בעוועגונג, עס קלאַפּט דער האַמער, ס'סקריפּעט די זעג און עס מוקעט אַ בהמה נאָכ'ן ערשט געבוירענעם קעלבעל....

אַ שטיל ווינטעלע האָט אָנגעהויבען מיט די ביימער מנחה דאַווענען, די זון וואַרפט אַ מילדען בליק אויף דער ערד, ווי זי וואָלט זיך מיט איהר פון ווייטענס געזעגענט....

דאָס וואַסער אין גאַס האָט אָנגעהויבען שטילער צו ליפען, די ערד איז ווי האַרטער געוואָרען, דער הימעל האָט זיך בעלי-בתי'יש פערטראַכט, ווייסינקע וואָלקענדלעך זענען געקומען די זון בעגלייטען, וועלכע האָט זיך שוין צו דער ערד צוגעצויגען, זי אַ קוש צו טאָן... איבעראַל האָט זיך אַ געהיימע שטילקייט פערשפּרייט, — נאָר ביים טייך רוישט און הודשעט. פון ערגעץ איז אַ גרויס וואַסער אָנגעקומען און דעם גאַנצען אייז אויפגעהויבען, און אויף שטיקער צובראָכען, טראָגט איהם, רייסט זיך פאָראויס, נאָר דער שטיינערנער בריק ביי דער וואַסער-מיהל איבער דער גאַנצער ברייט פונ'ם טייך האַלט אויף דעם שטראָם, וועלכער טראָגט אויף זיך די גרויסע שטיקער אייז, וואָס זעצען זיך אָן אין די גרויסע שטיינער און ווערען צובראָקעלט אויף שטיקלעך, עס שפּריצט דאָס וואַסער אין דער הויך, ווי פון אַ פאָנטאַן, און פאַלט צוריק אין טייך, ווי אַ געדיכטער רעגען...

דער מילנער האָט מיט גראָבע שטריק די רעדער פון מיהל פעסט צוזאַמענגעבונדען, מיט שטיקער האָלץ פערשטעלט, און לויפט אום אין שרעק פון איין אָרט אויפ'ן צווייטען, בעוואָרענט און פערשטעלט גוט די רעדער, די ווייב מיט די קינדער העלפען איהם, צוליכטענדיג מיט אַ לאַמטערן.

אַ גרויסע שטיק אייז האָט אין אַ שטיין זיך אָנגעקלאַפּט, קאַפּויר זיך אויפגעשטעלט, אויף איהר האָבען זיך נאָך שטיקער אייז אָנגעשפּאַרט און דער שטיין האָט זיך גערירט פונ'ם אָרט...

דאָס וואַסער האָט זיך רוישענדיג אַלאָז געטאָן, אָבגעוואַשען די ערד, וואָס איז אויפ'ן בריק אָנגעשאָטען און שטורעמדיג אָנגעהויבען פאַלען אויף דער צווייטער זייט,

און די טייך ווערט העלער, ברייטער, פערשפּרייט זיך אויף ביידע ברעגען, און פערפלייצט די לאָנקעס אַרום.

דאָס וואַסער האָט די צווייטע זייט בריק שוין פערטרינקען, איין טייך געמאַכט, ווי קיין בריק וואָלט קיין מאָל ניט געווען, און די גרויסע שטיקער אייז, די קריהעכ טראָגען זיך מיט'ן שטראָם, יאָגען, לויפען איינע אויף דער צווייטער, פאַלען אַרונטער אויפ'ן אָרט, וואו די בריק איז ערשט געווען, ווערען צוקלאַפּט און געמאָהלען, שווימען ווידער אַרויף און דער שטורם, וואָס הויבט זיך אויף פונ'ם וואַסער, פערהילכט די געגענד...

* * * * * * * *

דער צדיק.

י. פרענקעל.

דאָטש ס'איז שוין אַ לאַנגע צייט, ווי ער איז ניטאָ, פונדעסטוועגען געדענק איך נאָך איהם אַקוראַט, ווי ער וואָלט פאַר מיינע אויגען געשטאַנען. מיט זיין בלאַס געזיכט, פון וועלכען ס'האָבען אַרויסגעבלישטשעט צוויי שוואַרצע אויגען, זיין הויכען שטערען, זיין שוואַרץ מיט גרוי געמישט בערדיל, זיין איינגעבויגענעם ריקען...

איך האָב איהם משמש געווען אפשר זעכצעהן יאָהר. געניג האָב איך מיך ביי איהם אָנגעזעהען און אָנגעהערט; איך וועל אייך נאָר איבערגעבען עטוואָס — פון די לעצטע שעה'ן פון זיין לעבען.

איהר מוזט וויסען, אַז די גאַנצע צייט, וואָס איך בין ביי איהם געזעזען, האָט ער מיר זעהר פיעל אָנדערצעהלט, אַלע טאָג נאָכ'ן עסען האָט ער מיט מיר געפּלעגט צו פערברענגען שעה'ן לאַנג, און מיר דערצעהלט פערשיעדענע מעשיות. אין אמת'ן איז עס ניט געווען קיין פּשוט'ע מעשיות, נאָר בלויז משלים. — איהם האָט ניט געאַרט צו איך פערשטעה, אָדער ניט. ער האָט געטאָן דאָס זייניגע, און עס האָט זיך געדאַכט, ווי ער וואָלט דאַמאָלט אַראָבגעוויקעלט שווערע לאַסטען, וואָס האָבען צוגעדריקט זיין כשר האַרץ, און טיילמאָל האָט ער גערעדט מיט אַזאַ הייץ, אַז איך האָב געקענט בעמערקען, אַז זיינע אויגען טרינקען זיך אין אַ קוואַל פון טרעהרען — פון וועלכע אַ טייל האָבען זיך אַראָבגעקייקעלט פון זיין בלאַס געזיכט...

אויך איך האָב פיעל מאָל געפּלעגט צו וויינען ממש, ווי אַ קליין קינד.

איין מאָל — געווען איז עס אין יענע צייטען... ווען אומעטום האָט זיך געגאָסען יודיש בלוט, ווען

מ'האָט אָהנ'רחמנות'דיג זיי געפּייניגט און געראַבעוועט — האָב איך איהם בעמערקט אין דער פריה, ווען ער האָט זיך דערהייבען, אַז זיין בלאַס פּנים איז פיעל בלייכער געוואָרען. און עפּעס האָט ער אַלע מאָל אַזוי שווער אָבגעזיפצט, און בכלל האָב איך געזעהן, אַז דער ליכטיגער שמייכעל, וואָס האָט שטענדיג געשיינט אויף זיין געזיכט, איז פערשוואונדען געוואָרען... דאָס האַרץ האָט אַביסעל געשראָקען. נאָר איך האָב געמוזט שווייגען און וואַרטען....

. . . . . .

אַ גאַנצען טאָג האָט ער צו קיינעם קיין וואָרט ניט גערעדט... ביסלעכווייז האָט די זון אָנגעהויבען אונטערצוגעהן. מ'האָט אָבגעגעסען מיטאָג. ער האָט כמעט גאָר ניט טועם געווען, ר'איז נאָר געזעסען אָנגעלעהנט אויף זיין שטוהל וועהר פערטראַכט. אָפט האָט זיך ביי איהם אַרויסגעריסען אַ שווערער הילכיגער זיפץ. און איך בין מיר געזעסען אין אַ ווינקעל, פערקוקענדיג זיך אויף איהם. און געהאָפט אַז אָט־אָט וועט ער אָנהויבען עפּעס צו ריידען, ווי זיין שטייגער איז.

פּלוצלינג האָט ער זיך אַ הויבנעטאָן פון זיין אָרט און האָט האַסטיג אָנגעהויבען אַרומצישפּרייזען איבער'ן צימער, פערהאַלטענדיג די אויגען מיט דער רעכטער האַנד: אָט האָט ער זיך אָבגעשטעלט; זיינע עלענבויגען האָט ער אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנד: מיט זיינע הענד האָט ער זיך פערהאַלטען די שלייפען, און האָט שווער אָבגעזיפצט, און געמורמעלט מיט אַ ציטערדיגער שטימע פערשיעדענע ווערטער פון עפּעס אַ ימים־נוראים־דיגער תפילה... קוים וואָס איך האָב דערהערט די ווערטער: „העתר לנגשים — ונחשבים כזחיל"...

עפּעס האָט מיר דער קאָפּ אָנגעהויבען צו רוישען... כ'האָב אָנגעהויבען צו ציטערן און צו פּלאַטערען... פאַר מיינע אויגען האָבען זיך אַזוי ווי נעקייקעלט פיעל פייערדיגע רעדער...

און פּלוצלינג איז ער צוגעגאַנגען צו מיר, מיט אַ שטילער, הייכער שטימע האָט ער מיך אויפגעוועקט פון מיינע געדאַנקען, און האָט מיך געבעטען, איך זאָל איהם אויסבעטען אויף דער זאָפע. מיט ציטערדיגע פיס האָב איך איהם אַריינגעבראַכט בעטגעוואַנד; כ'האָב איהם געהאָלפען אויסטון זיך, און ער האָט זיך געלעגט, און מיט'ן לעצטען קרעכ'ן איז ער איינגעשלאָפען...

. . . . . .

צו מאָרגענס האָט מען שוין געזעהן אין זעלבען צימער — אָנשטאָט דעם צדיק אַ גלאָז בוימאייל מיט אַ העל צאַנקענדיג פלעמעל...

\+ \+ \+ \+ \+ \+ \+ \+

שבעה.

ז. דעכטיאר.

... מיר זיצען „שבעה" נאָך דער מאַמען... דער טאַטע מיט די ברידער אין זאָקען, ווער אויף אַנ'איבערגעקערט קעסטעלע, ווער אויף אַ נידריג ביינקעלע... אין שטוב איז פינסטערליך. אין מזרח־וואַנד ברענען, אַריינגעשטעקטע אין לייכטער, דריי חלב'נע ליכטלעך. זיי ברענען שוין פון מנחה און וואַרטען ביז אויף נאָך מעריב. אויפ'ן וואַנד הענגען איבערגעקעהרט ראַהמען מיט קאַרטעס. אויפ'ן קאַנאַפּע אַרום טיש זיצען עטליכע יודען. זיי וואַרטען אויף מעריב און שמועסען אין דער שטיל, דערצעהלען, ווי אַזוי ווער איז געשטאָרבען; רעדען וועגען טויטע, וואָס זענען געקומען ווערמען צו חלום; וואָס ווער האָט זיי געהאַט געזעהן אויפ'ן בית־עולם נאָך האַלבע נאַכט... דער טאַטע זיצט אויף זיין קעסטעלע נאָהענט נעבען טיש, הערט זיך צו צו די מעשיות, וואַרפט אַריין אַ פּאָר ווערטער. איך און די ברידער זיצען פון דערווייטענס, טרויעריגע, און שווייגען... אין דעם אַנדער חדר זיצען אַ פּאָר ווייבער שכנות, מיט מיין באָבען. רעדען שטיל, ערנסט, אַזוי ווי מיט מורא.

די פייערלעך פון די ליכטלעך בעלויכטען קוים מיט אַ דונקעל־רויטליכען קאָליר אַ שטיקעל וואַנד נעבען זיי. פאַר די ליכטלעך שטעהט אָנגעשפּאַרט דער רבי און לערנט משניות פאַר מיין מאַמעס נשמה וועגען. באַלד איז שוין צייט דאַוונען מעריב. דער רבי וועט אויפהערען לערנען, וועלען מיר זאָגען קדיש. איך הער גאָר נישט אין פערשטעה גאָרנישט, וואָס דער רבי לערנט. נאָר איך הער זיך צו צו זיין מורמלען. עפּעס אַזוי ווי איך האָב מורא פערלירען איין קלאַנג... איך חזר איבער אין זינען דעם קדיש.. איך קען איהם שוין קלאָר... ס'אַראַ גרינגקייט עס איז... כ'האָב איהם כמעט געקענט נאָך פון לאַנג. נאָר איך פלעג קיינמאָל ניט אַרויפלאָזען אויפ'ן געדאַנק, אַז איך קען קדיש אויף אויסווייניג... איך האָב מורא געהאַט אפילו צוקוקען אויפ'ן קדיש אין סדור... היינט זאָג איך עס הויך, אַלע הערען, ענטפערען אָמן, קוקען מיר גלייך אין די אויגען אַריין. ווען איך טו עמיצען אויך אַ קוק אין די אויגען, קעהרט ער אָב זיין בליק, אַזוי ווי ער שעמט זיך. אַז עמיצער רעדט מיט מיר, רעדט ער אַזוי ערנסט, מעשה געשעפט. און מיר טוט עס אַזוי ווי הנאה: איך רעד שטיל, הכנעה'דיג...

אַ יוד האָט דורכ'ן פענסטער אַ קוק געטאָן אויפ'ן הימעל. דערזעהען אַ פּאָר שטערען, האָט ער אָנגעזאָגט, אַז ס'איז צייט דאַוונען מעריב. אין שטוב איז שוין פינסטער; פון די מענשען זעהען זיך נאָר שוואַרצע פלעקען... נאָר דאָרטען, אין מזרח־וואַנד בעלויכטען די דריי פייערלעך דעם רבי'ן. וועלכער

שטעהט איבער'ן ספר... ער פערמאכט דעם משניות, און איך און מיינע ברידער הויבען זיך אויף און זאָגען קדיש. עס שטיקען מיר טרערען, איך זאָג חלי־פענדיג, איך וואָלט וועלען איבערבעכען אין א געוויין, ס'וואָלט עפּעס גרינגער געוואָרען אויפ'ן הארצען, נאָר די ברידער האַלטען זיך ניט געקענט איינהאַלטען, און עס הילט זיך ניט, מען זאָל פערגיסען א סך טרעהרען; איך געדענק, די באָבע האָט דערצעהלט, אַז פון טרעהרען ווערען נאַס דעם טויטענ'ס תכריכים. דער טויטער קומט צו חלום צו דעם, וואָס האָט טרעהרען פערגאָסען, און ווייזט איהם די נאַסע תכריכים... מיך שוידערט ביי אַזאַ געדאַנק... ס'ווילט זיך נאָך מעהר וויינען... איך שטאַרק זיך און האַלט זיך איין, נאָר איבער די באַקען קייקלען זיך שטיל טרעהרלעך....

עב טומעלט זיך שטיל אין שטוב... אויפ'ן הארצען איז עפּעס גיפטיג־זיס... אין דעם אַנדער חדר פּאָרעט זיך די באָבע אַרום אַ לאָמפּ, באַלד וועט ליכטיג ווערען... ס'ווילט זיך, די עטליכע מינוטען זאָלען זיך ציהען וואָס לענגער...

כ'יין עלטערער ברודער הויבט אָן מיט אַ בעטענדיגען קול: „והוא רחים"...

* * * * * * * *

ש. הורוויץ. די עלטעסטע יודישע דרוקערייַ און דער עלטעסטער יודישער זעצער.

ווען איהר געהט אַריין אין ראָמ'ס דרוקערייַ, אין ווילנא, פיהלט איהר עפּעס ניט ווי אין אַ געוועהנליכער דרוקערייַ. דאָרט שוועבט עפּעס אַ גראָהער, אַ היסטאָרישער יודישער גייסט.

ראָמ'ס דרוקערייַ איז די ערשטע, די עלטסטע אין רוסלאַנד. זי איז געגרינדעט געוואָרען מיט 120 יאָהר צוריק, ווען אַ דרוק איז געווען אַ מאָנאָפּאָל, פאַר וועלכע מען האָט האַן געדאַרפט צאָהלען דער קרוין 5000 רובל — לויט יענער צייט — אַנ'אומגעהויער גרויסע סומע. אין אַ קורצער צייט אַרום נאָך דער עפנונג פון ראָמ'ס דרוקערייַ האָט זיך געעפענט אַ דרוקערייַ אין זשיטאָמיר. אָט די ביידע יודישע דרוקערייען זענען געווען די איינציגע ביז דעם פּוילישען אויפשטאַנד אין יאָהר 1863. דאַן איז אַראָב די מאָנאָפּאָל און, כאָטש עס האָט נאָך אימער געקאָסט אַ סך שוועריגקייטען און געלד, האָט זיך דאָך בעוויזען אַ גאַנצע רייהע דרוקערייען אין ליטא, זיד־רוסלאַנד און פּוילען. אין פּוילען זענען שוין פאַר דעם געווען דרוקערייען, נור פון דאָרט אין רוסלאַנד האָט מען ניט געטאָרט אַריינפיהרען קיין דרוק־זאַכען, אַזוי ווי פון אויסלאַנד. נאָך דער אינטערדריקונג פונ'ם לעצטען פּוילישען אויפשטאַנד, אין 1863, איז אַראָב אָט דער פערבאָט. פון דאַמאָלס אָן האָבען די יודישע דרוקערייען אין פּוילען בעקומען אין ליטא און זיד־רוסלאַנד אַ גרויסען אָבזאַץ און פון דאַמאָלס אָן ווערט וואַרשא, צוזאַמען מיט ווילנא דער צענטער פון יודישע דרוקערייען.

די ערשטע צייטען האָבען די יודישע דרוקערייען געדיענט בלויז צום דרוקען פרומע ספרים. אַז עס האָט זיך אָנגעהויבען די השכלה־בעוועגונג, מיט אַ יאָהר 50—60 צוריק, האָט מען די ערשטע השכלה־ספרים, ווי צום ביישפּיעל קראָכמאַלס, ערטערס, ווייזעלס און מענדעלסאָנ'ס ווערק, געמוזט ברייגנען פון אויסלאַנד אונלעגאַל, און מען האָט זיי געדאַרפט בעהאַלטען אין שטאַלען און אויף בוידעמער, אַזוי ווי מיט עטליכע יאָהר צוריק די פערבאָטענע סאָציאַליסטישע ליטעראַטור. די ערשטע יודישע משכילים אין רוסלאַנד: מרדכי אהרן גינזבורג, מאַפּו, יצחק בער לעווינזאָן, אדם הכהן — האָבען פאַר זייערע ווערק ניט געקענט קריגען קיין יודישע דרוקערייַ, וואָס זאָל וועלען דרוקען זייערע „אַפּיקורסישע" ביכלעך.

ראָמ'ס דרוקערייַ איז דאַן געווען די ערשטע, וואָס האָט געוואַגט צו דרוקען השכלה ספרים. און ניט בלויז דרוקען, נור אויך קויפען די „אַפּיקורסישע" חבורים, צאָהלען פאַר זיי געלד. שפּעטער אַביסעל, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען ענטוויקלען דער „זשאַרגאָן", זענען די ראָמ'ס אויך געווען די ערשטע וואָס האָבען אַרויסגעגעבען זשאַרגאָנישע ביכלעך און געצאָהלט פאַר זיי געלד. דיק האָט געדרוקט ביי זיי און געשריבען פאַר זיי. שמ"ר, בלאָשטיין, דינעזאָן, ספּעקטאָר, אַבראַמאָוויטש — דער גרעסטער טייל פון די יודישע שרייבער — זענען בעוואוסט געוואָרען דעם ברייטען פּובליקום דורך ראָמ'ס דרוקערייַ. די ראָמ'ס זענען געווען די אינטעליגענטסטע צווישען די דרוקער, און זענען אויך געווען די פעהיגסטע געשעפטס־לייט. זיי האָבען מעהר פון אַלעמען געוואוסט דעם גייסט פון דער צייט און האָבען געשטרעבט צו פיהרען זייער געשעפט נאָך דעם דאָזיגען גייסט. דאָך האָבען זיי אימער געוואָלט צו האָבען די בעסערע אַרטיקלען. אַ ש"ס מיט הונדערט פּירושים, אַנ'אַלפס מיט 50 פּירושים, פון די סאַמע אַלטע כתב ידי'ען, האָט מען געקראָגען נור ביי זיי. זיי האָבען אַרויסגעגעבען אי אַ תחינה אויף עברי־טייטש, אי שמר'ן, אי אַבראַמאָוויטש'ען. דאָך, בשעת זיי האָבען שמר'ן געצאָהלט צעהן רובל אַ בויגען, האָט אַבראַמאָוויטש ביי זיי בעקומען פאַר דער „קליאַטשע" 40 רובל דעם בויגען, שוין מיט 30 יאָהר צוריק. אָן שמר'ן האָבען זיי פערדיענט בעסער, ווי אָן אַבראַמאָוויטש'ן. נור זיי האָבען פערשטאַנען קונסט און געשעצט הויך די רעפּוטאַציע פון אַ פערלעגער.

די לעצטע צייט האָבן די ראָמ'ס כמעט אויפגעהערט צו זיין פערלעגער. זיי פלעגען דרוקען נאָר בעשטעלונגען, דרוקען אַלעס אָהן אַן אויסנאַהמע און האַנדלען בלויז מיט די פאַרטיגע אַרטיקלען פון די הונדערטער פּלאַטען, וואָס ביי זיי האָט זיך אָנגעקליבן זינט די דרוקעריי עקזיסטירט.

יעצט האָבען די ראָמ'ס אינגאַנצען אויסגעגעבען זייער דרוקעריי. צום גליק אָבער איז זי ניט בטל געוואָרען. אַט די אַלטע היסטאָרישע יודישע דרוקעריי איז איבערגעגאַנגען צום פערשטאָרבענעם באַראָן גינזבורג, וועלכער האָט זי געקויפט ניט צוליעב געשעפט, נאָר צוליעב איהר בעריהמטען, היסטאָרישען עבר.

די איבעריגע דרוקער אין ווילנא זענען כמעט אַלע — ראָמ'ס געוועזענע זעצער. ראָמ'ס אַ זעצער איז שוין אַליין פאַר זיך אַ יחסן. איבערהויפט איז דאָס געווען פריהערדיגע צייטען. נאָר ראָמ'ס אַ זעצער איז טאַקע געווען אַ ספּעציאַליסט אין זיין פאַך. ראָמ'ס אַ „בעל־מגיה“ (קאָררעקטאָר) איז געווען אַ למדן און אַ משכיל; ראָמ'ס אַ פערוואַלטער האָט געמוזט זיין אַ ליטעראַט. ביי ראָמ'ען האָט בכלל ניט געדיענט קיין פּראָסטער מענש.

ביי ראָמ'ען זענען אָבגעווען מענשען צעהנדליגע יאָהרען. די מענשען, צוזאַמען מיט דער דרוקעריי פלעגען איבערגעהן בירושה פון די אַלטע ראָמ'ס צו די יונגע, פון די יונגע צו די יונגסטע.

דעריבער איז ראָמ'ס אַן אַרבייטער אַ ספּעציאַליסט אין זיין פאַך. דעריבער זענען די ראָמ'ס אַליין שטאָלץ געווען מיט זייער פירמע, און חאָטש זיי זענען ניט קיין פאַנאַטיקער, און — געשיקטע געשעפטסלייט, פלעגט זיך פיהרען זייער געשעפט אויפ'ן אַלטען שטייגער. אַז די כוואַליע פון דער אַרבייטער־בעוועגונג, מיט אַ 10 יאָהר צוריק, איז צוגעקומען צו זייער דרוקעריי, זענען זיי, די ראָמ'ס וועהר ניט געווען צופריעדען פון „היינטיגע פּאַראָנדקעס“ און פלעגען רופען די יונגע אַרבייטער „פּוילאַקעס“ און „כוליגאַנעס“.

אין אמת'ן האָבען די ראָמ'ס געהאַט אויף וואָס צו זיין ברוגז. אמת, מענשען האָבען ביי זיי אָבגעדיענט צעהנדליגע יאָהרען, צעהנדליגע יאָהרען ביי זיי „ברויט געגעסען“, אָבער דערפאַר — וואָס פאַר אַ קאַטאָרזשנע האָרעוואַניע ביי זיי איז געווען! 14 שטונדען אַרבייט — דאָס איז געווען „על פי דין“. נור אויפ'ן „דין“ האָט מען ניט געקוקט. דאָס רוב האָט מען געאַרבייט „על פי יושר“. און דער „יושר“ איז געווען, אַז אַן אַרבייט האָט מען ניט געקענט לאָזען ניט געענדיגט. איז געקומען, צום ביישפּיעל, 10 אַ זייגער אָוונד און מען האָט געדאַרפט געהן אַהיים, האָט זיך גראַדע אונטערגערוקט אַן אַרבייט צו ענדיגען און מען האָט אַוועקגעאַרבייט ביז דרייצעהן אַ זייגער. דאָנערשטאָג ביי־נאַכט, אַזוי ווי אין קלויז איפ'ן „משמר“, איז שוין געווען דער מנהג ניט צו שלאָפען און אַרבייטען די גאַנצע נאַכט. קורץ: גאָר ניט זעלטען, לויט דעם אויסדרוק פון דעם פערוואַלטער, האָט מען געאַרבייט הדרייסיג שעה אין מעת לעת...

דערפאַר זענען ראָמ'ס אַרבייטער געווען „מענשען“! זיי זענען דורכגעגאַנגען, ווי מ'זאָגט „דורך פייער און וואַסער און קופערנע טרובען“. איבערהויפט איז געווען אַ שטרענגער בעל־הבית דער אַלטער פערשטאָרבענער ראָם, ראובן יוסף, דער אַלמנה'ס מאַן. מיט איהם איז ניט אָנגעגאַנגען קיין קאַטאָוועס. פאַר זיין קוק האָט מען געציטערט, ווי פאַר פייער.

ראָמ'ס דרוקעריי, אַזוי ווי ניקאָלאַי דעם ערשטענס דיענסט, איז געווען אַ שולע פון אייזערנער דיסציפּלין. זייערער אַ מענש איז געווען פערהאַרטעוועט, ווי שטאָל און קיזעלשטיין. דעם מלאך המות אַליין איז, דאַכט זיך, געווען ניט לייכט איהם ביצוקומען.

ווי בעוואוסט, איז די זעצער־אַרבייט איינע פון די שעדליכסטע און גיפטיגסטע. ביי ראָמ'ען איז אָבגעשטאַנען אַ זעצער ביי דעם קאַסטען פופציג, זעכציג און זיעבעציג יאָהר. יעצט איז נאָך דאָ אין דער דרוקעריי אַ זעצער, הירש גלאַז, וואָס האָט אָבגעאַרבייט אויף די ראָמ'ס ניט ווייניגער פון 50 יאָהר. מיט איניגע יאָהר צוריק איז געשטאָרבען ביי זיי אַ זעצער, ישראל הערש יאַבעלסאָן, וואָס האָט אָבגעאַרבייט אין ראָמ'ס דרוקעריי נאָהענט פון 70 יאָהר. „בשעת איך בין געבאָרען געוואָרען — דערצעהלט מיר דער עלטערער פון די ברידער ראָם, אַ גראָהער יוד פון עטליכע און זעכציג יאָהר, — איז שוין דאַמאָלס ישראל הערש געווען ביי אונז“.

אַט דער ישראל הערש איז געווען, ווי מען דערצעהלט, וועהר אַ טיפּישער יוד. „געגאַנגען איז ער — דערצעהלען מיר די איבעריגע זעצער — זינט מיר געדענקען, אין דערזעלבער „בלעכענער“ קאַפּאָטע, אַ מין „טשאַרטאָווע קאָזשע“, וואָס האָט זיך ניט געקנייטשט. נאָר געביינען און געבראָכען, ווי בלעך. אין די זיעבציג יאָהר פון זיין דיענסט, האָט ער כמעט ניט פערפעהלט איין טאָג. געגאַנגען און גערעדט האָט ער געלאַסען: האָט ליעב געהאַט אַריינצושטעלען אַ פּסוק, אַ ווערטעל פון דער גמרא. האָט איהם אויסגעפעהלט שטאָף, וואָרום קיין גרויסער למדן איז ער ניט געווען, פלעגט ער געוועהנליך אַנטלייהען אַ גמרא־וואָרט, צו אַ פּסוק ביי אַן אַנדערען, אַבי עס זאָל אויסקומען גוט. זיין העכסטע געהאַלט, איף וועלכען ער האָט זיך אַרויפגעאַרבייט אין אַ צייט פון זעכציג יאָהר דיענסט, איז געווען 7 רובל אַ וואָך. דאָס איז געווען די גרעסטע שכירות, וואָס אַ זעצער האָט געקענט בעקומען. אָנגעהויבען האָט מען פון צוויי קאָרבען און ביי זיעבען איז מען געבליבען, מען האָט געמאָגט אָבאַרבייטען מתושלח'ס יאָהרען.

פונדעסטוועגן האט ישראל'ן געלעבט זיך ניט שלעכט. ווארום די עלטערע זעצער האבען געהאט א הכנסה נאך א פאר רובל די וואך פון לערנ-יונגלעך. ער האט געהאלטען אליין א דירה, און, נאטירליך, געהאט שכנים ביי זיך אין דירה. ער האט חתונה געהאט, געהאט קינדער. אז די ערשטע ווייב איז געשטארבען — און ישראל הערש איז שוין דאן געוועזן א יוד פון 70 יאהר, — האט ער חתונה געהאט א צווייטען מאל און דוקא מיט א מיידעל. דערפאר האט איהם די צווייטע ווייב געשאנקען דריי מיידלעך. די מיידלעך האבען געמוזט האוונען דריי מאל א טאג. אז ניט, האט ישראל הערש געשמיסען. אוועקגעלעגט א מ'יד פון 14 יאהר אויפ'ן בענקעל און געשמיסען.

די לעצטע יאהרען אבער האבען די מיידלעך געקראגען „אמביציע". אמאל האט ישראל הערש, ווי זיין מנהג, אוועקגעלעגט די עלטערע מיידעל אויפ'ן בענקעל און גענומען צעהלען: „אחת ואחת"... נאך דער עלטערער מיידעל האט ערווארט דערזעלבער פסק דער מיטעלער — א מיידעל פון א יאהר 12. זי האט אבער ניט געהאט קיין געדולד... איז ארויסגעלאפען אויפ'ן הויף און געמאכט א גוואלד: קאראאול! גאראדאוואי!.. עס איז אנגעלאפען פאליציי, עס האבען זיך אויפגעלאפען שכנים... דאן האט ישראל הערש פערשטאנען, אז עס זענען אנגעשטאנען נייע צייטען און — האט אויפגעהערט צו שמייסען די מיידלעך.

אז עס האט זיך אנגעהויבען די רעוואלוציאנערע בעוועגונג איז ישראל הערש גאר א צוטומעלטער געווארען. פון איין זייט איז איהם גאר ניט געפעלען געווען, וואס די יונגע „שקצים" האבען אויפגעהויבען דעם קאפ, בעקומען חוצפה און פערלארען דעם דרך-ארץ פאר'ן בעל-הבית. פון דער אנדער זייט האט איהם ניט געקענט ניט הנאה טון די מעשה, וואס נאך א רייה סטרייקען, אין וועלכע מען האט איהם געדארפט ארונטערנעהמען מיט גוואלד, האט ער דאך אנגעהויבען צו ארבייטען אנשטאט 18 שעה — ניין שעה אין מעת לעת, און אנשטאט 7 רובל האט ער בעקומען, גאר ניט בעטענדיג — 12 רובל א וואך. אזא געהאלט, וואס זינט זעצער זענען זעצער, איז דאס ניט געהערט געווארען. צו די „שקצים" האט ער פערזענליך, אייגענטליך גאר נישט געהאט. „חברה" — ווידער — האטש ער איז געוועזן א פאנאטיקער, האט געהאלטען מיט'ן בעל-הבית, האט דאך געהאט פאר איהם דרך ארץ, פאר זיינע 66 יאהר ארבייט.

פון דער גאנצער ארבייטער-בעוועגונג, פון די שמיעכען און דעבאטען, וואס ישראל הערש האט תמיד געהערט ארום זיך, האט ער אבער דאך פערשטאנען איינס: אז „ארבייט" איז א בכבוד'יגע זאך, און אז דער ארבייטער איז טאקע עפעס א שטיקעל יחסן.

ישראל הערש האט אנגעהויבען ענדליך אליין צו האבען דרך ארץ פאר זיינע 66 יאהר ארבייט. איינער, א ליץ, פון די יונגע ארבייטער, האט איהם איינגעשמועסט, אז איהם קומט „פאטאמסטווע"*). אמאל וואלט דאס ישראל הערש ניט געגלויבט, איצט האט ער געגלויבט. ער האט געזעהן, אז אין דער דרוקעריי זענען געווארען נייע ארדנונגען. עס קומט אריין אפט דער אינספעקטאר. עס זענען ארויסגעהאנגען „תקנות" פאר די ארבייטער. דער אינספעקטאר רעדט מיט איהם מיט רעספעקט.

אמאל איז געקומען דערזעלבער בחור, דער ליץ, צו איהם פערסאפעט:

— רבי ישראל הערש! אויבען, ביי ראמ'ען איז דער אינספעקטאר. ער טיילט די אלטע ארבייטער „פאטאמסטווע". שווייגט ניט! געהט ארויף! מאהנט! ווען קומט מעהר ווי אייך? אז איהר'ט איצט ניט פאדערען וועט זיין פערפאלען..."

ישראל הערש האט אנגעטאן די בלעכענע אויבער-קאפאטע, די היטעל, האט זיך ארומגעשטויבט, א שמעק געטאן טאבאק פון דער פושקע, אריינגעלעגט די רויטע פאטשיילקע אין קעשענע, אויסגעשנייצט דעם נאז און אבגעווישט, און ניט ריידענדיג אווארט — ארויף אויבען אין קאנטאר.

— וואס פערלאנגט איהר, רבי ישראל הערש? — האט זיך צו איהם געווענדט מאקסים, דער יונגערער פון די ברידער ראם.

בשעת ישראל הערש איז אנגעקומען אין דרוק, האט מען איהם גערופען „ישראל הערשקע". אין צעהן-פופצעהן יאהר ארום, אז ער האט שוין גענומען דריי קארבען א וואך, האט מען איהם גערופען „ישראל הערשיל". אין דרייסיג יאהר ארום, ווען ער האט שוין בעקומען שכירות פינף קארבען א וואך, האט מען איהם גערופען האלב מיט דרך ארץ: „ישראל הערש". אין 60 יאהר ארום האבען איהם די אייניקלעך פון זיינע ערשטע בעלי-בתים שוין גערופען אינגאנצען מיט דרך ארץ „רבי" ישראל הערש.

נאר דער אלטער זעצער האט זיך הפנים יעצט מיט'ן „רבי" ניט בענוגענט.

— וואס וויל איך? — האט ער א באך געטאן, ניט וויסענדיג אליין וואס ער רעדט, — איך וויל „פאטאמסטווע".

ראם, אליי, אין קאנטאר, האבען איהם אנגעגעקוקט מיט ערשטוינען, ניט פערשטעהענדיג, איי-

*) פערקירצט פון „פאטאמסטוועני פאטשאטני גראזשדאנין", דאס הייסט דער טיטעל „עהרענבירגער" פאר זיך, קינדער און קינדס-קינדער. אט דער טיטעל גיט פערשיעדענע רעכט און פריווילעגיעס און פלעגט אויך בעפרייען קינדער פון מיליטער-דיענסט.

גענטליך, וואָס דאָ פּאַסירט. זיי האָבען נאָך קיינמאָל ניט געזעהען זייער אַלטען, זייער עלטעסטען זעצער אין אַזאַ פּאָזע. דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען און אין ז י י ע ר לעבען איז ער אַזוי געשטאַנען פאַר זיי: פעסט, שטאָלץ, די אויגען קוקען גלייך אין זייערע אויגען מיט אַ בייזען, פערקלעמטען ערנסט און פייערליכקייט. דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען האָט ער ניט געבעטען, נאָר געמאָהנט...

— וואָס פערלאַנגט איהר, רבי ישראל הערש, — האָט איהם דער יונגערער ראָס איבערגעפרעגט, נאָך אַלץ איבערראַשט און ניט בעגרייפענדיג וואָס מיט דעם אַלטען האָט פּאַסירט. — וואָסער פּאַטאָמסטווע? איך פערשטעה ניט...

— דער אַלטער האָט געמוזט אַראָב פון זינען, איז גלייך ביי אַלעמען אין קאָנטאָר דורכגעלאָפען דורכ'ן מח.

נאָר ישראל הערש האָט ווידער אויסגעשאָסען מיט דער זעלבער פייערליך-בייזער מינע:

— מיר קומט פּאַטאָמסטווע! זעקס-און-זעכציג יאָהר ביי אַייך געהאָרעוועט!... קומט מיר פּאַטאָמסטווע...

מ'האָט איהם גאָר ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. אַלע זענען געווען זיכער, אַז מיט דעם אַלטען האָט געטראָפען אַנ'אונגליק, און מ'האָט גענומען זוכען מיטלען, ווי אַרויסצומאַכען זיך פון איהם. נאָר דער אינספעקטאָר, אַ דייטש, האָט זיך ענדליך אָנגעשטויסען, וואָס דאָ איז. ער האָט איהם אַ קלאַפּ געטאָן איבער'ן שולטער און געזאָגט פריינדליך:

— געהען זי נאָך הויז, ליעבער אַלטער, זי ווערדען שאָן בעקאָמען „פּאַטאָמסטווע".

אַז דער אַלטער ישראל הערש איז אַרונטער אין דרוק, האָבען איהם די יונגע זעצער אַרומגערינגעלט בלומר'שט מיט נייגיערדע און אונגעדולד:

— נו, וואָס הערט זיך, רבי ישראל הערש?

— ער האָט צוגעזאָגט... צוגעזאָגט, — האָט ער געענטפערט מיט נצחון, אַ שמעק געטאָן פייערליך-רוהיג פון דער טאַבאַקערקע און גענומען זיך אָנטאָן דעם אויבער-בגד.

— וואוהין? רבי ישראל הערש? — האָבען איהם די זעצער געפרעגט.

— אַהיים. ער האָט צוגעזאָגט, אַז מ'וועט מיר אַריינשיקען. מלוכה וועט האַלטען וואָרט... מען מוז מיר אַריינשיקען...

און ישראל הערש איז אַוועק אַהיים. די זעצער האָבען זיך געקאַטשעט פון געלעכטער. אַנדערע האָבען שוין באַלד חרטה געהאַט אויף די לצנות.

נאָר ישראל הערש האָט צוגענומען די זאַך זעהר ערנסט. געהענדיג אַהיים איז ער אַלץ געוואָרען פעסטער איבערצייגט, אַז איהם קומט... 66 יאָהר אַרבייט... ער האָט געשיינט ערשט יעצט צו בענעהמען, וואָס ער האָט אָבגעטאָן פאַר די 66 יאָהר ביי דער קאַסע... וויפיעל בלעטער, וויפיעל ספרים, וויפיעל שורות..... וויפיעל תורה און אמונה און השכלה האָט ער פערשפרייט...

ישראל הערש האָט פערשטאַנען, אַז זיינע „הביעות" זענען שטאַרקע. איהם קומט... אָבער, מערקווירדיג! פונג'ם בעל-הבית האָט ער גאָר נישט געמאָנט. מיט'ן בעל-הבית האָט ער גאָר נישט צו טון. זיין אַרבייט איז אַ מלוכה-זאַך... ער פערשפרייט תורה, אמונה און השכלה... איהם קומט פון דער מלוכה, פון דער קרוין, און קומען קומט איהם טאַקע ניט אַנדערש ווי „פּאַטאָמסטווע"...

אַז ישראל הערש איז אַוועק, האָט דער אינספעקטאָר געזאָגט ערנסט צו ראָס'ן:

-- דער אַלטער האָט געאַרבייט גענוג. ער מעג יעצט אָבריהען און בעקומען זיין פּענסיע. איך האָף -- דאָס וועט געשעהן.

אויף מאָרגען האָט מען דעם אַלטען געבראַכט געהאַלט, און איבערגעגעבען אין דעם נאָמען פון ראָס'ען און דעם אינספעקטאָר, אַז ער מעג זיצען אין דער היים, מ'וועט איהם אַריינשיקען זיינע וועכענטליכע שכירות.

דער אַלטער האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגען.

— איך וועל — זאָגט ער — עסען „גמיא דכסופא", „הילטייסקען" ברויט?! איך קען נאָך, דאַנקען גאָט אַרבייטען... איך דאַרף ניט קיין נדבות!..."

און איז אַ ברוגז'ער אַוועק אין דרוק.

ניט דאָס האָט ער געמיינט...

ער איז געגאַנגען אין דרוק ווי פריהער. געגאַנגען נאָך עטליכע יאָהר, ביז ער האָט אָנגעהויבען צו שפּירען, אַז די פיס ענטזאַגען זיך לחלוטין.

דאַן האָט ער זיך אַוועקגעלייגט אין בעט און אין עטליכע טעג אַרום איז ער געשטאָרבען.

געשטאָרבען איז ישראל הערש ערב דער רעוואָליוציע, ערב דעם מאָמענט, ווען עס האָט געהאַלטען אַזוי נאָהענט, אַז ער און זיינע קינדער זאָלען ווירקליך בעקומען „פּאַטאָמסטווע"...

ווילען דאָס זיינע אייניקלעך דערוואַרטען?...

ǂ ǂ ǂ ǂ ǂ ǂ ǂ ǂ

א. ליטווין. פאָלקס-שאַפונג אלס בילדונגס-מיטעל.

מיט וואָס פאַר אַ צוועק ווערט געזאַמעלט די ליטעראַטור פונ'ם פאָלקס-שאַפען? צוליעב וואָס קלייבט

מען די ליעדער, אנעקדאטען, וויצען, באבע-מעשיות; מ'פערשרייבט זיי, מ'דרוקט זיי אין זשורנאלען, מ'פילט מיט זיי אן גאנצע ביכער?

דעם שרייבער פון אט די צייל‍ען איז ניט איין מאל פארגעקומען אויסצוהערען אזא סברה פון אינטעליגענטע מענשען:

די פאלקס-שאפונג איז אבגעשטארבען, איז אינגאנצען אריינגעפאלען אין תהום פון דער פערגאנגענהייט, איז, אזוי צו זאגען, א פערגליווערט שטיק געהארען. און דעריבער דארף מען זי צוזאמענקלויבען, ווי אלטע „שמות" פון דער פערגאנגענהייט, ווי זכרונות פונ'ם אלטערטום פאר היסטארישע צוועקען. א שטייגער למשל, ווי מען שטעלט אן אויף א נאדעל פערשטארבענע, אויסגעטריקענטע פליגעלעך, ווי מען קלויבט צונויף אין א מוזעאום אויסגעגראבענע שטיינדלעך, ביינדלעך, סקעלעטען פון חיות, וואס האבען פאר'ן מבול געלעבט, כדי דורך זיי און פון זיי קענען צו לערנען די אמאליגע וועלט.

אנדערע, ווידער, אויך מענשען אינטעליגענטע, ווילען האבען גראד פערקעהרט: א פאלקס-ליעדעל, א פאלקס-אנעקדאט איז אמאל גוט די צייט דערמיט צו פערטרייבען; פונקט, ווי א מרחץ, א כלי-זמר איז אמאל נייטיג אויך איצט אויף א יודישע חתונה; פונקט, ווי נאך א פעטען מיטאג איז אמאל גוט צו פערבייסען מיט שווארצע ברויט, אדער זויער-מילך; אדער ווי א מענשען, וואס איז איבערגעזעטיגט מיט די שענסטע און פיינסטע מוזיק, ווילט זיך אמאל, פון א שפאס וועגען, פערברענגען א שטונדע אין א ביליגע אפערעטע אדער אין א באלאגאן.

ביידע מיינונגען, זענען, לויט אונזער איבערצייגונג, דורכאויס פאלש.

וואלען די פראדוקטען פון דער פאלקס-שאפונג האט, נאך אונזער מיינונג, א סך א טיעפערע, א סך א העכערע בעדייטונג. דאס איז איינע פון די וויכטיגסטע בילדונגס-מיטלען פאר דער יוגענד, איינע פון די נויטיגסטע זאכען, וואס אהן דעם איז אונמעגליך זיך אויסצוארבייטען א דעמאקראטישע וועלט-אנשויאונג.

און דעריבער איז שטודירען די פאלקס-שאפונג ניט אנ'אויפגאבע פאר ליקסים-זוכענדע לעדיגגעהער און ניט א געגענשטאנד פאר ארכעאלאגען, פאר אלטערטומס-גריבלער, נור דוקא פאר דער יוגענד, וואס שטרעבט צו ליכט, צו אמת'ער בילדונג, צו א ליכטיגער וועלט-אנשויאונג.

געטע זאגט:

ווער דען דיכטער וויל פערשטעהן
מוס אין דיכטער'ס לאנדע געהן.

מיט רעכט קענען מיר אבער אויך אנווענדען די ווערטער צום שוסטער:

ווער דעם שוסטער וויל פערשטעהן,
מוס אין שוסטער'ס לאנדע געהן.

ווער עס וויל פערשטעהן דאס לעבען פון דעם פאלק, זיינע פריידען און ליידען, דער מוז שטודירען זיין נשמה. און די נשמה פון א פאלק איז מעגליך צו פערשטעהן נור דורך זיינע. דורכ'ן פאלקס אייגענע שאפונג.

וואס איז אייגענטליך דעם פאלקס-שאפונג? און וואס פאר אנ'אונטערשייד איז צווישען דער שאפונג פונ'ם פאלק און דער שאפונג פון דער אינטעליגענץ?

אין גרונד איז קיין אונטערשייד ניטא צווישען דער שאפונג פונ'ם פאלק און דער שאפונג פון דער אינטעליגענץ. די ווערק פון די געבילדעטע שרייבער, דיכטער, קינסטלער אין די נייערע צייטען זענען נור א ווייטערע ענטוויקלונגס-שטופע פון דער עלטערער פאלקס-שאפונג. אין די ליטערארישע און קינסטלערישע ווערק איז אבער נור פאלקאמער די פארם. אין דעם תוך, אין דער גרונד-אידעע איז אפט א קליינער אונטערשייד צווישען דער שאפונג פון אנ'אונבעוואוסטען פאלקס-זינגער אדער מעשיות-דערצעהלער און די קלאסישע ווערק פון א שעקספיר און א געטע.

און מיר ווייסען טאקע, אז די גרעסטע ווערק פון דער קלאסיש-דראמאטישער ליטעראטור — „האמלעט" און „פאוסט" זענען געבויט אויף פאלקס-מעשיות, וועלכע האבען ענטהאלטען אין זיך דיזעלבע גרונד-אידעען, וואס ליגען אין אט די אונשטערבליכע דראמען, כאטש אין דער פארם זענען זיי אונענדליך פערשיידען.

אין קיין קינסטלערשען ווערק פון דער נייער צייט, ווי גרויס דער געניע און טאלאנט פון זיין שאפער זאל ניט זיין, וועלען די ברענענדע פראגען פון וועלט-שמערץ, די פראבלעמען פון מענשליכען לעבען און ליידען ניט אויסגעדריקט זיין מיט א גרעסערער קראפט, ווי זיי זענען אויסגעדריקט אין „איוב" און „קהלת", די פרימיטיווע ווערק פון דער אלטערטימליכער פאלקס-שאפונג.

אין די גרעסטע קינסטלערישע ווערק פון דעם מענשענס גייסט ליגט שטענדיג, אפען צי פערבארגען, דאס זוכען און שטרעבען פון דער מענשליכער געזעלשאפט צו נייערע בעסערע פארמען פון לעבען. אפילו אין די ווערק פון די פילאזאפען-מעטאפיזיקער און קאבאליסטען, וואס האבען, דאכט זיך, מיט דער ערד, מיט'ן ערדישען לעבען קיין שום שייכות ניט, ליגט שטענדיג א בענקשאפט נאך שענערע, פאלקאמענערע פארמען פון אינדיווידועלען און געזעלשאפטליכען לעבען. איהר דארפט נאר קענען ענטשיפערן זייער אלטע פערשיפערטע הימעל-שפראך, בעקומט איהר פשיט'ע ערדישע מענשליכע וועהטאגען און גענוסען, פריידען און אנגסטען.

אָט דער תּוך פֿון דער מענשליכֿער שאַפֿונג איז אַנ'אייביגער. מיט יעדען דור, מיט יעדער צייט, מיט יעדען שטאַפּעל פֿון דער מענשליכֿער ענטוויקלונג, בייט זיך די פֿאָרם, אָבער דער אינהאַלט פֿון יעדער שאַפֿונג איז דערזעלבער. איהר בעזאָוכטער, אָדער אונבעוואוסטער ציעל איז: ערקלערען זיך די פֿערוויקעלטע געזעצען פֿון דער אַרומיגער נאַטור, פֿון דעם אייגענעם מענשענ'ס „איך", פֿון די בעציהונגען פֿון אָט דעם „איך" צו זיך אַליין, צו דעם „איך" פֿון אַנדערע, מיט וועלכע דער לעבענס-קאַמפֿף שטעלט אונז שטענדיג „פּנים אל פּנים". יעדען מענשליכֿען דור, אויף יעדער שטופֿע פֿון דער מענשליכֿער ענטוויקלונג, קומט אוים צו פֿיהרען דעם האַרטען לעבענס-קאַמפֿף. וואָס נידריגער דעם מענשענס גייסטיגע ענטוויקלונג איז, אַלץ שווערער איז דער קאַמפֿף. אויף דערזעלבער שטופֿע פֿון ענטוויקלונג איז דער קאַמפֿף שווערער אין די נידריגערע שיכֿטען פֿון פֿאָלק. די מאַסען מוזען אָפֿט אַליין פֿאַר זיך דורכֿמאַכֿען שרעקליכֿע נאַטור-קאַטאַסטראָפֿען, אָפֿט נאָך שרעקליכֿערע, היסטאָרישע אונגליקען, נאַציאָנאַלע, געזעלשאַפֿטליכֿע, אינדיווידועלע און פֿאַמיליען-דראַמען, קורץ: צופּאַסען זיך צו אַלע פֿריידען און ליידען פֿון לעבען מיט אייגענע מיטלען. ווי שווער דער קאַמפֿף איז זיי ניט — זיי מוזען זיך צופּאַסען צום לעבען, מוזען אַליין פֿון זיך און אַליין פֿאַר זיך זוכֿען ענטפֿערס אויף די פֿערפּלאָנטערטע פֿראַגען פֿון לעבען.

און קערנדעל צו קערנדעל, טראָפּען צו טראָפּען קלייבט דאָס פֿאָלק די ביטערע שווערע ערפֿאַהרונגען, וואָס דער גרויזאַמער לעבענס-קאַמפֿף האָט איהם געגעבען. יעדע ערפֿאַהרונג איז איהם טייער, ווייל זי האָט אונגעהויערע גרויסע יסורים געקאָסט, ווייל עס האָט דערפֿאַר אָהן אַ צאָהל קרבּנות געבראַכֿט. און דעריבער קלייבט דאָס פֿאָלק אָט די ערפֿאַהרונגען ווי אַ הייליגע קמיע, פֿון דור צו דור. אָהן דרוק און שריפֿט. ווערען די אָנגעזאַמעלטע ערפֿאַהרונגען פֿון פֿאָלקס-לעבען טריי איבערגעגעבען פֿון טאַטעס צו קינדער, פֿון זיידעס צו אייניקלעך, ליעגען טיעף בעהאַלטען אין דעם פֿאָלקס נשמה.

אונזערע איצטיגע וויסענשאַפֿטליכֿע קענטניסען זענען אָהן אַנ'ערך ברייטער און טיעפֿער פֿון דעם פֿאָלק'ס ידיעות אין די ערשיינונגען פֿון דער נאַטור. אונז דיענט דרוק און שריפֿט, דאַמפֿף און עלעקטריציטעט, אַלע פֿאָלקאָמענערע קאָמוניקאַציאָנס-מיטלען ברייגגען אין איין ווינקעל ערפֿאַהרונגען, וואָס ווערען געמאַכֿט אין אַלע עקען וועלט, ברענגען צו אונז די ערפֿאַהרונגען פֿון פֿאָריגע דורות אָהן אַ צאָהל. ס'איז דעריבער ניט קיין גוזמא, וואָס די וויסענשאַפֿט איז אַזוי רייך, וואָס זי מאַכֿט אַזוינע ריזיגע שפּרינגען פֿון יאָהר צו יאָהר, פֿון טאָג צו טאָג. אָבער די פֿרוכֿט פֿון אָט די ריזיגע, גלענצענדע רעזולטאַטען געניסען דערווייל בלויז די אויבערשטע קלאַסען, די מאַטעריעל און גייסטיג שטאַרקערע שיכֿטען פֿון פֿאָלק. ווייל דער גאַנצער עקאָנאָמישער און וויסענשאַפֿטליכֿער פּראָגרעס טראָגט דערווייל אַ גראָבען עגאָאיסטישען כֿאַראַקטער. די שטאַרקע און געלעהרטע נוצען אוים יעדען פֿאָרשטריט פֿון זייער פֿיזישער און גייסטיגער קראַפֿט פֿאַר זיך אַליין. פֿאַר די אונטערשטע שיכֿטען פֿון פֿאָלק פֿאַלט אַרונטער ברעקלעך פֿון דעם רייכֿען טיש פֿון דער ציוויליזאַציע, בלויז אויף וויפֿיעל די בעלי-בתּים איהרע געפֿינען דאָס נוצליך פֿאַר זייערע אייגענע אינטערעסען.

און דעריבער קומט אויך יעצט אוים די ברייטע מאַסען צו זוכֿען זיך ענטפֿערס אויף די פֿערוויקעלטע פֿראַגען פֿון זייער שווערען לעבען אַליין פֿון זיך און פֿאַר זיך. און דעריבער מוזען זיי נאָך יעצט לעבען נאָך די אייגענע, אין האַרטען לעבענס-קאַמפֿף פֿון הונדערטער און טויזענדער דורות — אויסגעפּרובטע וועגען. און דעריבער האָבען זייערע ערפֿאַהרונגען אין דעם געביט פֿון געזעלשאַפֿטליכֿע מענשליכֿע בעציהונגען אַנ'אונגעהויער גרויסען ווערט, כֿאָטש זייערע בעטראַכֿטונגען און בעגריפֿען אין דעם אַנדער געביט, אין דעם געביט פֿון נאַטור-ערשיינונגען, זענען קינדיש.

נאָך מעהר: די נייעסטע געזעלשאַפֿטליכֿע וויסענשאַפֿטען מוזען אין זייער טעאָריע און פּראַקטיק זיך ווענדען צום פֿאָלק. די געזעצען פֿון אַלע פֿעלקער, אין אַלע צייטען זענען הויפּטזעכֿליך געבויט אויף די מנהגים, טראַדיציעס, איבערלעבונגען און ערפֿאַהרונגען פֿונ'ם פֿאָלק. נאָר מעהר ווי אַלע מאָל איז יעצט שטאַרק די שטרעבונג צו רעפֿאָרמירען די געזעצגעבונג אין פֿאָרטשריטענע לענדער אין האַרמאָניע מיט דעם פֿאָלקס גייסט. עס איז ניטאָ קיין איין פֿילאָזאָפֿישער געדאַנק, ווי הויך און טיעף ער זאָל ניט זיין, וואָס איז שוין פֿריהער ניט אַרויסגעזאָגט געוואָרען אַלס פֿאָלקס-שפּרוך פֿון עמיצען אַ אונבעוואוסטען פֿאָלקס-חכם. די קלאַסישע דיכֿטער אין אַלע צייטען מוזען זיך ווענדען צום פֿאָלק און פֿון זיינע שאַפֿונגס-קוועלען שעפּען זיי די בעסטע פּערל פֿון זייערע אונשטערבליכֿע ווערק.

ס'איז אַלזאָ קלאָר, אַז די יוגענד, וואָס שטרעבט צו בילדונג, וואָס וויל שעפּען איהר אויסקלערונג ניט בלויז פֿון טרוקענע ביכֿער, נאָר, דער עיקר, פֿונ'ם לעבעדיגען לעבען, מוז פֿריהער פֿון אַלץ זיך ווענדען צום אייביגען קוואַל פֿון אמת'ער אויפֿקלערונג, צו די אוצרות פֿונ'ם פֿאָלקס שאַפֿונג. נאָר מעהר פֿון אַלץ איז דאָס וויכֿטיג פֿאַר די, וואָס אין בילדונג זוכֿען זיי אַ מיטעל ברייטער און טיעפֿער צו מאַכֿען זייער קוק אויפֿ'ן לעבען, ערווערבען זיך אַ הומאַניטאַרע, ליכֿטיגע וועלט-

אנשויאונג. אין דער שאפונג פונ'ם פאלק ליעגען פערגליווערט פאר אונז אלע וועהטאגען און שמאכטונגען פון דעם פאלק'ס נשמה פון דורות אהן א צאהל. אין איהר, אין דער שאפונג פונ'ם פאלק, ליעגט דער קניפעל פון אלע נייעסטע סאציאלע פראבלעמען. צו איהר מוזען זיך ווענדען ניט בלויז דיכטער און דענקער און געזעצגעבער, נאר יעדער סאציאלער רעפארמער, יעדער מענש, וואס וויל אנטייל נעהמען אין א געזעלשאפטליכע בעוועגונג, וואס וויל, אז די מענשליכע געזעלשאפט זאל לעבען שענער און גליקליכער, ווי זי לעבט יעצט.

נאר שטודירען די אוצרות פונ'ם פאלקס גייסט איז אונמעגליך, ניט קומענדיג אין ענגער בעריהרונג מיט'ן פאלק. און אט דא קומען מיר צום עיקר פונקט פון אונזער בעהויפטונג, אז די פאלקסשאפונג דיענט אלס איינער פון די בעסטע מיטלען פאר זעלבסטבילדונג.

די פאלקסשאפונג קען ניט און טאר ניט געלערנט ווערען פון ביכער. איהר מוזט געהן אין פאלק אום צו לערנען זי. אבער קומענדיג אין בעריהרונג מיט'ן פאלק, — ווען איהר קומט נאר ניט, אלס פערטריקענטער קאבינעט-מענש, אדער פילאנטראפ — ווערט איהר גלייך איבערציינגט, ווי שטארק די „ליטעראטור" פונ'ם פאלק איז פערבונדען מיט זיין לעבען, איז ביי איהם א שטיק לעבען. איהר זעהט, אויף וועלכען באדען עס זענען געבארען געווארען, עס האבען געמוזט געבארען ווערען די אלע לעגענדעס, ליעדער, וויצען, אנעקדאטען, ווערטלעך, מגילות, אבשפרעכענס א. א. וו. איהר איבערציינגט זיך, ווי טייער עס האט געקאסט דעם פאלק יעדע קלענסטע ערפאהרונג, ווי שווער ער האט אויסגעליטען יעדע וואהרהייט פון זיין לעבענס-וויזהייט.

קורץ: איהר בעמערקט דעם תהום, וואס ליעגט צווישען איהם — דעם פאלק און אייך — דעם אינטעליגענט, אדער דעם, וואס קלויבט זיך צו זיין א אינטעליגענט. איהר ווערט איבערראשט פון דער עפישער, כמעט פילאזאפישער רוהיגקייט, מיט וועלכער עס טראגט איבער אזעלכע ליידען, וואס איהר וואלט דערביי אהן א ספק היסטערישע געוואלדען געמאכט און די וועלט מיט אייערע אכען און ווייהען פערשויבט. איהר ווערט פערוואונדערט פון דער טיעפער ליעבע, וואס שלאגט אפט דארט, אין די הערצער, אונטער די גראבע, שמוציגע שמאטעס, וואס בעדעקען זיי און שטויסען אייך אב פון זיי.

און דאן — מוזט איהר קומען צום נויטווענדיגען שלום. איהר טארט ניט בויען אייער אינטעליגענטיש-קרייזעל-געצעלט אליין פאר זיך, בשעת דארטען, אין די ברייטע מאסען איז דער עלענד אזוי גרויס. איהר מוזט פעראייניגען אייער שיקזאל מיט זייערען. איהר דארפט קומען אהין, ניט ווי געסט, ווי צופעליגע בעזוכער, ווי ארכעאלאגען, אלטערטום-פארשער, נאר ווי שילער און לעהרער. ווארום אויב אייער ליכט איז דארטען נויטיג, איז נאך מעהר נויטיג פאר אייך זייער ליכט. זייער דורשט און לוסט צום לעבען, זייער געדולד, אפטימיזם און מוט צום לעבענס-קאמפף — קענען זיין פאר אייך א קוואל פון בעגייסטערונג פאר די שענסטע אידעאלען, וואס זענען נאר פעהיג צו בעפליגלען די פאנטאזיע פון דער יוגענד. נאר דארטען קענט איהר געפינען די שענסטע אוצרות פון שאפונג אויף אלע געביטען פון דער מענשליכער קולטור, פון וועלכע איהר וועט ווייטער שאפען און שמידען דאס גליק פאר אייך און פאר זיי, פאר דער געגענווארט און דער צוקונפט.

ǂ ǂ ǂ ǂ ǂ ǂ ǂ ǂ

ש. עלקין. יודישע ערציהונג אין אמעריקא.

I.

דאס איז געווען אויף מארגען נאך מיין אנקומען אין אמעריקא. איך בין געגאנגען אין סטריט, ניט ווילענדיג האב איך זיך אבגעשטעלט נעבען א הויז, וואו עס איז געשטאנען א רעדיל פון גרויסע דערוואקסענע בחורים. זיי האבען מיט גרויס התלהבות געשפיעלט אין „פענעס" אויפ'ן טראטואר. עס האט געשיינט, אז קיין זאך וועט ניט זיין אין שטאנד אבצורייסען זיי פון דער בעשעפטיגונג, אין וועלכער זיי זענען געווען אזוי ערנסט פערקאכט.

שפעטער בין איך צו דער דאזיגער גאס-סצענע געוועהנט געווארען און פלעג געהן פארביי גלייכגילטיג, ווי איך פלעג געהן גלייכגילטיג פארביי א סך אנדערע סצענען, וואס פלעגען די ערשטע צייט פון מיין „גרינקייט" מאכען אויף מיר אזא שמערצליכען איינדרוק.

אבער דאמאלס, געדענק איך, דעם ערשטען מאל, ביי יענער סצענע, האב איך זיך אבגעשטעלט מיט זעהר טרויעריגע געדאנקען. איך האב זיך איינגעקוקט אין די געזיכטער פון די שפיעל-באיעס. דאס זענען געווען בחורים אין דעם עלטער פון 15 ביז 19 יאהר. איך האב בעטראכט זייערע בעוועגונגען, זייער ריידען, זייערע געזיכטער. אויף די געזיכטער, אין די אויגען איז געלעגען טעמפקייט, געדאנקלאזיגקייט. איך האב א קלער געטאן וועגען היימישע יודישע בחורים אין דיזעלבע יאהרען. וויפיעל מעהר מענשענשאפט און געדאנק עס ליעגט אויף זייערע געזיכטער. דארטען, אין דערהיים, א בחור אין אט די יאהרען, האט שוין אפט פיעל דורכגעמאכט אין זיין לעבען, איז שוין א מענש, גרייט און פעהיג צום לעבענס-קאמפף.

נאך א שלעכטערען איינדרוק האט אויף מיך געמאכט, די ערשטע טעג נאך מיין קומען אין אמעריקא, די פּצענע: ווי אזוי יודישע קליינע באיעס „פייטען" זיך. א האלבע שטונדע נאכאנאנד בין איך אפּגעשטאנען און גוט צוגעקוקט זיך צום „פייט", צו די פיזיאנאמיען פון די קליינע „באקסערס" און די צעהנדליגע ארומיגע יונגע און אלטע צוזעהער, וועלכע האבען צוגעקוקט דעם „פייט" מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט און פערגעניגען. די „פייטער" זענען געווען גאנץ געוועהנליכע יונגלעך פון 10 ביז 12 יאהר. אנמעסטענדיג זיך צום „פייט" זענען זיי געווארען רויט, די אויגען אנגעגאסען מיט בלוט און דער פנים האט געפלאמט; אזוי ווי ווילדע חיות האבען זיי זיך א ווארף געטאן איינער אויף דעם אנדערען — צוקאכט און קרייצענדיג מיט די ציין. פינף, זעקס מאל האט דער קאמפף זיך ווידער אנגעהויבען אויף דאס ניי, יעדעס מאל מיט דער זעלבער רציחה, און די רעדעל ארום איז אלץ געוואקסען, און דער עולם האט געקוואלען פון נחת.

איך געדענק: איך בין האמאלס געזען אויסער זיך פון אט דער עקעלהאפטער פארשטעלונג, און האב קיינמאל ניט געקענט פארבייגעהן און גלייכגילטיג צוזעהן א „פייט" פון יודישע באיעס.

געהענדיג פון א מיטינג א קורצע צייט שפּעטער, האב איך אריינגעקוקט אין א „דענסינג האל", ס'הייסט א טאנץ-קלאס. דאס איז שוין געווען ארום האלבע נאכט. מען האט געטאנצט אויף וואס די וועלט שטעהט. נאר מיר האט איבערראשט וואס אין האל איז געווען א מאסע יודישע קינדער פון 10 ביז 13 יאהר. די קליינע מיידעלעך מיט פערשמירצטע רויטע פנים'לעך, האבען זיך געדרעהט מיט גרויסע קאוואלערען, ווי גרויסע ערנסטע ליידיעס. נעהענטער צו מיר איז געשטאנען א מיידעלע פון א יאהר 9 מיט א בלאסען געזיכט, שווארצע הערלעך און שווארצע, בלישטשעדיגע אויגעלעך און האט אונטערגעזונגען:

מאי מאדהער איז ע דזשיפּסי גאירל,

מאי פאדהער איז ע באם...**)

מען קען ברייגען נאך א סך פאקטען און בילדער, וואס שילדערען די קינדער-ערציהונג אין יודישען קווארטאל. נאר אט די דריי זענען אויך גענוג כאראקטעריסטיש, זיי ווייזען דייטליך, ווי נידריג עס שטעהט די ערציהונג פון אונזער יוגענד אין דער גאלדענער לאנד...

II.

די סקוהל איז די אנשטאלט, מיט וועלכער אמעריקא שטאלצירט געגען אלע ציווילעזירטע לענדער. דאס וואס א סך אייראפעאישע לענדער האלטען פאר א אידעאל, פאר א הייס געווינשטע זאך, האט אמעריקא שוין לאנג איינגעפיהרט, נעמליך: אז קינדער-בילדונג אין דער סקוהל זאל זיין אומזיסט און א פליכט פאר אלע עלטערען. יעדער רוסישער און רומענישער יודישער עמיגראנט ווייס, וויפיעל צרות א יוד האט אין רוסלאנד אין רומעניען אויסצושטעהן דערפון, וואס ער קען ניט געבען זיינע קינדער בילדונג ווי די צייט און דער לעבען פאדערט; וואס מען לאזט ניט צו א יודיש קינד אין א שול, און אז די צעהנטע קינד האט שוין דאס גליק צוגעלאזען צו ווערען — איז ער דארט אזוי ווי א יתום: א דערשלאגענער, א פעריאגטער, אי פון די אנטיסעמיטישע לעהרער, אי פון די אנטיסעמיטישע חברים.

אין אמעריקא איז דער גאנצער גלות פון קינדער-בילדען אראב. די שולען זענען פאר יודישע קינדער אפען אהן א שום בעגרענצונג. ניט נאר יודישע עלטערען מעגען, נאר זיי מוזען שיקען די קינדער אין סקוהל, און... דאך איז די ערציהונג אזוי טרויעריג!

די עלטערען וואס דענקען נאר עטוואס, זיי מעגען זיין ארטאדאקסישע, צי פרייגעזאנענע, זענען זיי ניט צופריעדען פון דער סקוהל מיט אלע איהרע מעלות.

ניט אלע קענען זיך דאס געבען צו ערקלערען, אבער אן ערקלערונג איז דא. עס איז נאך ווענוג צו געבען א פרייע סקוהל, מען מוז צופאסען די סקוהל צו דעם סארט קינדער, וואס בעזוכען זי. די אמעריקאנער שולע האט צוויי וויכטיגע מעלות: זי גרייט צו דאס קינד צום לעבענס-קאמפף, גיט איהם טעגליכע ידיעות און מיהט זיך מיט אלע קרעפטען צו אקלימאטיזירען דעם עמיגראנט, מאכען פון דעם גרינעם קינד וואס גיכער אן אמעריקאנער. אין אט דער הינזיכט דערגרייכט זי זעהר פיעל. די סקוהלען לאזען ארויס מאסען גוטע ארבייטער און פעהיגע ביזנעסלייט. גרינע קינדער ווערען אין עטליכע יאהר עכטע „יענקים", פונקט ווי זייערע זיידעס וואלטען דא געבארען געווארען אין לאנד.

צום עקאנאמישען לעבען, צו מאכען א לעבען איבערהויפּט איז דאס א גרויסע מעלה. אבער וואס אנבעלאנגט דעם אינערליכען, דעם גייסטיגען און מאראלישען לעבען האט די סקוהל א גרויסען חסרון. דאס וואס די סקוהל איז א שטאאטס-סקוהל, א קאזארמע-סקוהל, וואס די ארדנונגען הענגען דארט אב פון דער רעגירונג, אלץ איינס — צי זי איז א שטאאטס-רעגירונג, אדער א שטאדט-רעגירונג — מאכט דאס, אז די קינדער ווערען מעהר פאבריצירט, ווי ערצויגען, און פאבריצירט ווערען זיי אלע נאך איין מאס און פורם. אין דער פאטריאטישער שטרעבונג צו מאכען דאס קינד פאר אן אמעריקאנער, נעהמט מען

*) מיין מאמע איז א ציגיינערין, מיין טאטע איז א גאס-יונג.

ניט אין בעטראַכט דעם קינדס פערגאַנגענהייט, דעם קינדס נאַציאָנאַליטעט און די בעדינגונגען, אין וועלכע עס לעבט; איבערהויפּט דעם קינדס אינדיווידואַליטעט, זיין בעזונדערע נאַטור, זיין בעזונדער כאַראַקטער. אַז דאָס אַלץ ווערט אין אַ קינד אונטערדריקט, מוז ווערען אונטערדריקט דערמיט אויך דעם קינד'ס מענשליכקייט, זיין מאָראַל.

אין דעם לאַנד פון אינדוסטריע, פון מאַשינעס, ווערט דאָס קינד ערצויגען אַלס אַ שטיק פון אַ מאַשין, אָהן אַ שטאַרקען גייסט, אָהן אַ אידעאַל. און אַז עס איז ניטאָ קיין אידעאַל, איז ניטאָ קיין ליעבע און אַכטונג צו מענשען, און אַז ס'איז ניטאָ קיין ריינע ליעבע און אַכטונג צו מענשען, דאַן איז גראָבער עגאָאיזמוס דער איינציגער פיהרער אין לעבען, דאַן ווערט אַלץ ביזנעס: ביזנעס — די עדעלסטע געפיהלען, ביזנעס -- דער שענסטער אידעאַל.

דער ריין פאַר'ן עקאָנאָמישען לעבען פון די מאַשינעס, ווי אויך פון אַ פרייער שטאַאַטס-שולע איז אָבער צו שטאַרק, אַז מענשען זאָלען זיך קענען דערפון ענטזאָגען. ווי מיר זאָלען ניט קריטיקירען אָט די אָרדנונג — מוזען מיר זיך ניט ווילענדיג צופּאַסען צו איהר און זעהן, אַז איהר שעדליכע זייט זאָל אויף אונז וואָס וועניגער ווירקען.

דער ערשטער מיטעל איז, אַז די סקוהל זאָל זיין צוגעפּאַסט צו דעם סאָרט קינדער, וואָס לערנען דאָרט. דערצו איז נויטיג, אַז די סקוהל זאָל שטעהן אין שטענדיגער פערבינדונג מיט דעם קינדס היים, אַז די לעהרער זאָלען זיין בעקאַנט מיט די קינדערס עלטערן און זאָלען זיי אָפט בעזוכען און שטעהן מיט זיי אין פריינדשאַפטליכער בעציהונג.

צווייטענס איז נויטיג, אַז די לעהרער, ווייניגסטענס די, וואָס האָבען דירעקטע טעגליכע בעשעפטיגונג מיט די קינדער, זאָלען זיין פון דערזעלבער נאַציאָנאַליטעט וואָס די שילער, כדי זיי זאָלען קענען די קינדער בעסער פערשטעהן און צובינדען זיך צו זיי, וואָרום אָהן דעם איז קיין ערציהונג ניט מעגליך.

דריטענס איז נויטיג אַז די עלטערן, וואָס זענען פעראינטערעסירט, אַז די קינדער זייערע זאָלען בעקומען אַ גוטע ערציהונג, זאָלען אין יעדער סקוהל-ראַיאָן בילדען אַ עלטערן-פעראיין, ספּעציעל מיט דעם צוועק, צו וויסען וואָס פּאַסירט מיט זייערע קינדער אין דער סקוהל, וואָסערע פּאָרטשריט זיי מאַכען, וואָס און ווי זיי לערנען. די עלטערן-פעראיינען דאַרפען האָבען אָפטע ספּעציעלע מיטינגס, וואו עס דאַרפען געלאַדען ווערען די לעהרער. אויף אָט די מיטינגס ווערען ביידע צדדים בעקאַנט; די מיט דעם קינד'ס לעבען אין דער היים און יענע מיט זיין לעבען אין דער סקוהל. אויב די עלטערן זענען אַפילו ניט געבילדעט און פערשטעהען גאָר ניט, אָדער וועניג די ענגלישע שפּראַך — מאַכט אויך ניט אויס; די לעהרערס דאַרפען קענען ריידען מיט די עלטערן אין זייער, ד. ה. אין די עלטערנ'ס שפּראַך, געבען זיי צו ערקלערען פּראָסט און דייטליך; ווי זיי דאַרפען בעהאַנדלען די קינדער אין דער היים: אין עסען און טרינקען, אין שלאָפען און קליידען און שפּיעלען א. אַז. וו.

די רעליגיאָנס-לעהרע אין דער סקוהל מאַכט די עלטערן פיעל זאָרג און ווידקט שלעכט אויף דעם קינד'ס מאָראַל. אין די יודישע בלעטער האָט מען ניט איין מאָל דאָ זיך געקלאָגט, וואָס אין אַ סך סקוהל'ס צווינגט מען די יודישע קינדער צו זינגען קריסטליכע ליעדער און איבערהויפּט לערנען צוזאַמען מיט די קריסטליכע קינדער די קריסטליכע רעליגיאָן. אַזאַ גייסטיגע אונטעדריקונג איז ניט געהערט געוואָרען אַפילו אין רוסלאַנד. אין דער סקוהל טאָר קיין רעליגיאָן ניט געלערנט ווערען, בפרט אין אַמעריקא, וואו עס איז דאָ אַזוי פיעל רעליגיאָנען און רעליגיעזע סעקטען. דאָס קען פיהרען צו שטרייטיגקייטען און האַס צווישען די קינדער און האָבען זעהר אַ שעדליכע ווירקונג אויף זייער מאָראַלישע ערציהונג.

קינדער אָבער פון פרייגעזאָנענע עלטערן פערלירען נויטווענדיגער-ווייזע צוזאַמען מיט דער רעליגיאָן אויך איהר ביסעל מאָראַל און פּאָעזיע און קיין אַנדער מאָראַל און פּאָעזיע האָט דאָס פּראַקטישע לעבען אַרום זיי נאָך ניט אויסגעאַרבייט.

אָט די קינדער זענען אָפט מעהר אין געפאַהר בעאיינפלוסט צו ווערען פון די פערדערבליכע בעדינגונגען, אין וועלכע זיי געפינען זיך אי אין סקוהל, אי אין דער היים — ווי זייערע חברים, די קינדער פון פשוט'ע, פרומע עלטערן.

געגען אָט דער אונסימפּאַטישער זייט פון דער אַמעריקאַנער סקוהל העלפען זיך די אָרטאָדאָקסישע יודישע עלטערן אויף זייער שטייגער. זיי האַלטען פאַר זייערע קינדער אין דער היים מלמדים. אָדער יודישע לעהרער, וואָס לערנען די קינדער חומש, תנ"ך און אַז. וו. צי זענען אָט די מלמדים און לעהרער גוט, אַפילו פון זייער אייגענעם אָרטאָדאָקסישען שטאַנדפּונקט — דאָס איז אַ פראַגע, איבער וועלכע מיר ווילען דאָ נישט ריידען. אונז אינטערעסירען דאָ פיעל מעהר די פרייגעזאָנענע עלטערן, וועלכע זענען אין דער דאָזיגער הינזיכט אין אַ סך אַ גרעסערער פערלעגענהייט, ווי די אָרטאָדאָקסישע יודען.

דער חומש, דער תנ"ך און אַזוי וו., ווי זיי ווערען געלערנט פון אונוויסענדע מלמדים, פליסען איין אין די קינדערישע מוחות אַ סך נאַרישקייטען און אַבערגלויבען. דאָס איז אמת, אָבער אין דער ביבעל זענען דאָ אַזעלכע שענע, ערהאַבענע בילדער, אַז — ווי פערקרי-

פעלט דאָס ווערט ניט איבערגעגעבען דעם קינד, ערציִיגען זיי דאָך אין זיין געדאַנק עֶדעלע מאָראַלישע פאָרשטעלונגען, וועלכע זענען אַ סך שטאַרקער און ווירקזאַמער פאַר די געשמאַקלאָזע מוסר־מעשׂיות און פאַבעלען פון אַ סך סקוהל־ביכער.

קורץ: אין דער רעליגיאָן איז דאָך פאַרהאַן אַ שטיק מאָראַל, און כאָטש זי איז ניט גאַנץ אַיינשטימיג מיט די בעגריפען פון אונזער צייט, מאַכט זי דאָך ווייכער דעם קינד׳ס האַרץ, עֶדלער זיינע געפיהלען.

אין פראַנקרייך, וואו די רעליגיאָן איז אין אַ סך ערטער שוין לאַנג אויסגעשלאָסען אי פון סקוהל אי פון הויז, האָבען די פריינעזאָנענע עלטערען די לעצטע יאָהרען דערקענט אָט די ביטערע וואַרהייט. זיי האָבען אָבער דערצו געפונען אַ ווירקזאַמען מיטעל. סאָציאַליסטישע און איבערהויפט פרייגעזאָנענע עלטערען עפענען אַליין שולען, וואו דעם פלאַץ פון רעליגיאָן פערנעהמט „עטיק", ד. ה. זיטענלעהרע. אָט די לעהרע בעשטעהט ניט נאָר אין האַלטען מוסר־דרשות, נאָר מען מאַכט בעקאַנט די קינדער מיט די ערהאַבענע פערזאָנען, וועלכע האָבען אין פערשיידענע צייטען, ביי פערשיידענע פעלקער, געקעמפפט פאַר רעכט און וואַהרהייט, פאַר אָרימע און ליידענדע. הורך אַזוינע מאָראַלישע מוסטער־בילדער איז זעהר לייכט צו מאַכען קינדער בעקאַנט מיט הומאַניטאַר־אידעען נאָך אַ סך יאָהרען בעפאָר זיי ווערען בעקאַנט מיט דער „טעאָריע פון מעהרווערט..."

עס פערשטעהט זיך, אַז אונזערע יודישע סאָציאַליסטען אין אַמעריקא איז ניט אַזוי לייכט צו דערוויזען, דאָס וואָס עס קענען דערוויזען זייערע פראַנצויזישע חברים. די פרייע קאַפּיטאַליסטישע קאַזאַרמע־סקוהל וועט מען ליידער נאָך לאַנג ניט קענען פערבייטען אויף אַנ׳אמת פרייע גוטע פריוואַט־סקוהל. מען קען אָבער פאַר די קינדער עפענען אָבענד־שוהלען, זונטאָג־שולען, לעקציעס, וואָס זאָלען האָבען אונגעפעהר דעמזעלבען צוועק און כאַראַקטער, ווי די פראַנצויזישע פרייע פריוואַט־סקוהל.

מען דאַרף זיך אָבער ניט נאַרען: וואָסערע בעסערונגען מיר זאָלען ניט מאַכען אין דער סקוהל, דער עיקר, דער פונדאַמענט פון ערציהונג ליעגט ניט אין איהר, ניט אין דער שולע. די הויפטזאַך איז די היים. די היימישע ערציהונג.

———————

III.

אַז מען רעדט וועגען גייסטיגען לעבען פון דעם ניו־יאָרקער געטאָ — רעדט מען ניט אַנדערש ווי מיט פעסימיזם. נאָר קיין לעבענספראַגע אין אַמעריקא מאַכט ניט אַזוי פעסימיסטיש, ווי די ערציהונג פון קינדער.

צו בעווייזען, אַז די ערציהונג פון קינדער שטעהט אין אַמעריקא זעהר נידריג, ברויכט מען דערצו ניט קיין סך מיה, אויף יעדען טריט און שריט זעהט מען פאַקטען, וואָס בעשטעטיגען עס. געהט אַרויס אויפ׳ן סטריט, קוקט זיך צו צו די קינדער אין זייער ריידען, אין זייער שפּיעלען, אין זייער לעבען. געהט אַריין אין אַ הויז און קוקט זיך צו צו דער פערהאַלטונג צווישען שוועסטער און ברידער, צווישען עלטערען און קינדער, וועט איהר זעהען, אַז דריי פערטיל פון די קינדער זענען זעהר שלעכט ערצויגען, האָבען קיין שום מאָראַלישען באָדען ניט אין לעבען. ווער ווייס ניט, צום ביישפּיעל, אַז אַ גרינער לאַכט דעם ערשטען שטיין פון יודישע „לויפערס"; אַז גאַנץ אָפט הערט אַ יודישער פאָטער דעם טיטול „שיני" — טאַקע פון זיין אייגענעם זוהן; אַז אין די געריכטען קומען ניט זעלטען פאָר פּראָצעסען פון אָרימע אַלטע יודישע מוטערס, אָדער פאָטערס, וואָס זענען געצוואונגען אייף אַזאַנ׳אַרט צו בעטען שטיצע ביי זייערע רייכע גרויזאַמע קינדער. וויפיעל סצענעס קומט פאָר צו זעהן און צו הערען ווי „יענקישע" קינדער שעמען זיך צו געהן מיט זייערע פרומע, אַלטוועלטישע עלטערען אין גאַס און בעהאַנדלען איבערהויפט זייערע עלטערען אַזוי ווי די הינד!

די ווילדע ערציהונג פון אַמעריקאַנער קינדער איז זאָגאַר געוואָרען אַ שפּריכוואָרט. אין רוסלאַנד זאָגט מען, אַז „אין אַמעריקא פעהלט צוויי חדשים אין יאָהר: „טבת" און „אָב". דער זין פון דעם שפּריכוואָרט איז דייטליך: אין אַמעריקא איז „טובות" טאָן קיין מאָדע ניט און אַ טאַטע (אָב) איז קיין טאַטע ניט.

און ווירקליך: אין רוסלאַנד קומט אָן יודישע עלטערען אַזוי שווער צו געבען די קינדער בילדונג, דער עקאָנאָמישער לעבען, וועלכער האָט אַזוי פיעל צו זאָגען אין קינדער־ערציהונג, איז אַזוי שווער, און דאָך זענען די יודישע קינדער אין דער אַלטער היים אַ סך בעסער ערצויגען, ווי אין אַמעריקא. אין ווען מיר זעהען די פאַמיליען, וואו די קינדער זענען יע מאָראַליש ערציִיגען, זענען דאָס די פאַמיליען, וואָס האָבען זיך נאָך ניט אַמעריקאַניזירט, וואָס לעבען מעהרסטענטיילס נאָכ׳ן היימישען גייסט און — מיר מוזען ליידער זאָגען די וואַהרהייט — די וואָס לעבען נאָך די אַלט פרענקישע, אָרטאָדאָקסישע מנהגים און זיטען.

וואָס מען זאָל ניט דענקען פון גלויבען און אבערגלויבען — דער פאַקט איז זיכער, אַז דער פאַמיליען־לעבען אין אָרטאָדאָקסישע הייזער איז פיעל ריינער, ווי ביי פרייגעזאָנענע, און אַז דער פאַמיליען־לעבען איז ריינער, איז שוין ממילא די ערציהונג פון די קינדער אַ בעסערע. ווייל די ערציהונג הענגט אָב ניט פון דעם, וואָס די קינדער לערנען אין אַ בוך, צי אין

מקודל, נאָר פון דעם, וואָס זיי זעהען ביי די עלטערען אין הויז.

איבערהויפּט הענגט די ערציהונג פון קינדער כמעט אינגאַנצען אָב פון דעם ווי די גרויסע מענשען לעבען. אין רוסלאַנד, וואו דאָס פאָלק, בעזונדערס דאָס יודישע פאָלק, דורשט נאָך רעכט און פרייהייט, איז דער לעבען מעהר אידעאַליסטיש, דעריבער איז אין דער דאָרטיגער ערציהונג פון יודישע קינדער פאַראַן מעהר אידעאַליזם. אויסער די פּראַקטישע זאַכען, וואָס הערען דאָרט געלערנט, ווערט פיעל אויפמערקזאַמקייט געלעגט ספּעציעל אויף זיטליכע ערציהונג. מיר, פריידענקער און מענשען פון דער נייער וועלט, זענען געוועהנט צו קוקען אויף די חדרים און ישיבות, ווי אויף אַנשטאַלטען פון פינסטערניש. אָט דער בליק איז זעהר אָבערפלעכליך און פאַלש. ווען די חדרים דאָבען געגעבען די יודישע קינדער אַ רעליגיעזע ערציהונג, דאָבען זיי צו דערזעלבער צייט געהאַט זעהר אַ שטאַרקע מאָראַלישע ווירקונג אויף די קינדער. דער אַלט-פרענקישער יודישער חדר איז אייגענטליך די פריסטע שולע אין דער וועלט, און, צו דערזעלבער צייט, אַנ'אמת'ע פאָלקס-שולע.

אַ פרייע שולע איז דער חדר — ווייל לויט דעם יודישען געזעץ און מנהג דאַרף מען צו עפענען אַ חדר נים האָבען קיין ערלויבניש, קיין דיפּלאָם, קיינע בעזונדערע צערעמאָניעס. זיין אַ לעהרער קען יעדער מענש, וואָס פיהלט זיך דערצו פעהיג.

אַ פאָלקס-שולע איז דער חדר, ווייל ער ווערט אויפגעהאַלטען פון דעם פאָלק אַליין, געפיהרט פון מענשען, וואָס לעבען אין דער מאַסע און אַזוי ווי די מאַסע. דער חדר אַליין מיט דעם רבי'ן און דער רביצין איז אַ ריכטיג בילד פון דעם קינד'ס הויזיגען לעבען. דער אונטערריכט איז פריי, אָהן אַ שום בעשרענקונג. יעדער מלמד קען לערנען מיט אַזאַ מעטאָד, ווי ער פערשטעהט. אַזאַ סיסטעם ברייננט געוועהנליך שאָדען. עס ברענגט אָבער אויך פיעל נוצען.

דער אונטערריכט אין חדר איז אמת זעהר אַ שווערער. דאָס וואָס ווערט געלערנט אין חדר, האָט נים קיין שום שייכות צום עקאָנאָמישען לעבען, גיט נים דעם קינד קיין מאַטעריעלע פאָרבערייטונג צום לעבענס-קאַמפף. די וועגען און די מיטלען צום לעבען מוז ער זיך ערשט זוכען שפּעטער, אין לעבען גופא. אָבער דערפאַר האָט דער חדר געגעבען אַ מאָראַלישע פאָרבערייטונג, וואָס האָט זעהר אַ גרויסע בעדייטונג אין לעבען. מען קען זאָגען, אַז דער גאַנצער אונטערריכט אין חדר און אין דער ישיבה האָט בלויז אַ זיטליכען צוועק. אין תנ"ך און אין דער גמרא זענען דאָ שטאַרקע מאָראַלישע מוסטערען, וואָס מאַכען דורך זייער בעגייסטערונג און ליעבע צו וואַהרהייט און גערעכטיגקייט, צו שוואַכע און אונטערדריקטע — אַ שטאַרקען איינדרוק אויף די הערצער פון פשוט'ע מענשען און יונגע קינדער. אָט די ווירקונג ווערט ניט אָבגעשוואַכט דערפון, וואָס די ווערטער שטאַמען פון פערזאָנען, וואָס האָבען געלעבט פאַר טויזענדער יאָהרען. די אונגעהויערע ערציהונגס-בעדייטונג פון די ביבלישע בילדער ווערט אָנערקענט פון אַזעלכע גרויסע פּעדאַגאָגען און מענשען-קענער, ווי טאָלסטאָי אין זיינע פּעדאַגאָגישע בריעף, און דעם טאַלאַנטפאָלען רוסישען פאָלקס-שרייבער גליעב אוספּענסקי. דאָס זעלבע ווערט בעשטעטיגט אין אַנ'אויסגעצייכענטען אַרטיקעל איבער פאָלקס-ליטעראַטור פון אַ בעוואוסטען פּעדאַגאָג, אין דעם זשורנאַל „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ". פאַר דעם יאָהר 1902. „פון וואַנען קומט עס, פרעגט דער שרייבער פון אָט דעם אַרטיקעל, וואָס אַ פּשוט'ע פרוי, צי אַ פויער ווערט אַזוי גערירט, ווערט אַזוי צוגאָסען וויינענדיג איבער אַ קאַפּיטעל תהלים, וואָס גאַנץ אָפט פערשטעהען זיי אין דעם קאַפּיטעל כמעט אַ איינציג וואָרט ניט?"" — דאָס קומט דערפון, — ענטפערט דער שרייבער, — „וואָס דורך אָט דעם אונפערשטענדליכען קאַפּיטעל תהלים רעדט צום פּראָסטען מענשען אַזאַ עלענדע, צעוועהטאָגטע האַרץ, ווי זיינע אַליין איז. די האַרץ פון דעם אָרימען*) תהלים-דיכטער רעדט דורך טויזענדער יאָהרען צום האַרצען פון דעם פשוט'ען מענשען אַזוי שטאַרק, אַזוי רידערענד, ווייל די געפיהלען, די ליידען זענען ביי זיי דיזעלבע, כאָטש די שפּראַך איז זיי קוים פערשטענדליך".

ווען אָט די ערקלערונג איז ריכטיג — פאַר אַ רוסישען פויער, איז זי נאָך מעהר ריכטיג פאַר אַ יידען פון דער מאַסע, פאַר אַ יודיש קינד.

דער חדר און די ישיבה זענען ענג, פינסטער, שמוציג, אָבער דערפאַר זענען זיי, ווי אויך די פּערזאָנען, וואָס גיבען אין זיי אונטערריכט, אַזוי ערגליך צו דער גאַנצער סביבה, פון דעם יודישען קינד, צו דעם גאַנצען יודישען גלות, שטעהען אַזוי אין איין קלאַנג מיט דעם, וואָס ווערט דאָרטען געלערנט. די בלעטער פון תנ"ך און גמרא זענען אַזוי פול מיט בילדער פון עלענד און אָרימקייט און דורשט נאָך פרייהייט און לעבען— אַז דאָס קינד קען ניט אַרויסגעהן פון חדר אַ האַרטער. אַ פערדאָרבענער מאַטעריאַליסט.

יעצט לאָמיר זעהן, ווי שטעהט עס מיט דער מאָ-

---

*) די פערפאסער פון תהלים זענען דאס רוב ארימע פאלקסדיכטער, וואס זייערע נעמען זענען געבליעבען אונבעקאנט. די גמרא און דער מדרש האבען זיי צוגעשריעבען שפעטער צו דוד און שלמה המלך, אום צו געבען זיי עהר געוויכט.

ראַלישער ערציהונג אין אַ אַמעריקאַנער סקוהל. ערשטענס ווערט דאָרט גלייך פערלייקענט דעם קינד'ס נאַציאָנאַליטעט. ער איז ניט קיין יוד, ניט קיין דייטש, ניט קיין איטאַליענער און אַז. וו. נאָר אַנ'אַמעריקאַנער. צווייטענס, ווערט איהם גלייך איינגעשאַרפט אין מוח, אַז דאָס אַמעריקאַנישע פאָלק איז דאָס בעסטע, דאָס קליגסטע, דאָס געבילדעטסטע, דאָס שטאַרקסטע פאָלק אין דער וועלט. און דאָס מאַכט דאָס קינד שטאָלץ און פרעך און זעלבסטצופריעדען. דריטענס, איז די שולע, כאָטש אַנ'אומזיסטע, אָבער אַ „קאַזיאָנע“, אַ רייכע, אַ קאַפּיטאַליסטישע. די עלטערן אָדער איינצעלנע לעהרער קענען ניט האָבען קיין דעה אין דעם אונטערריכט, ווייל די ערשטע געבען דאָך קיין „סכום“ ניט. און די לעצטע האָבען פּשוט מורא פאַר זייער שטעלע. די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג אין לעבען איבעראַל מוז זיך אָבשפּיגלען אויך אין דער סקוהל. דער פאַלשער פּאַטריאָטיזם, דער נאַרישער יענקי־שטאָלץ און צופריעדענהייט מיט זיך אַליין — דערלאָזט ניט קיין געדאַנק פון עדלע שטרעבונגען צו ווירקליך בעסערעס און העכערעס. דערצו — און דאָס איז די הויפּט־אורזאַכע — ווירקען העכסט פערדערבענד אויף דער צאַרטער, קינדערשער נאַטור די גראָבע שטרעבונגען פון די גרויסע, וואָס רינגלען דאָס קינד אַרום: די בלאָפס, דער שווינדעל, די פוסטקייט, די ליגענס פון דעם אַרומיגען לעבען, דאָס בוקען זיך צום דאָלאַר — דעם איינציגען גאָט פון די היינטיגע אַמעריקאַנער.

בײַ אַזעלכע אומשטענדען, פערשטעהט זיך, איז אונמעגליך, אַז די קינדער פון דעם יודישען קוואַרטאַל זאָלען בעקומען אַ גוטע ערציהונג, זאָלען זיין אַנדערש ווי דאָס, וואָס זיי זענען אין דער ווירקליכקייט.

* * * * * * * *

ד"ר בן יוסף. די פאָלקס־ווירטשאַפט אין דער פאַר־צייטיגער יודישער מדינה.

(א היסטאריש־עקאנאמישער איבערזיכט)

> די יודישע היסטאריקער פארגיבען זיך מעהר מיט דער געשיכטע פון איינצעלנע פערזאנען איידער מיט דער געשיכטע פון די פאלקס־מאסען.
>
> (בערנאר לאזאר).

I. די יודישע עקאָנאָמיק.

זעהר יונג און קליין איז נאָך די ליטעראַטור איבער דער יודישער עקאָנאָמיק. ביז צום סוף פון פאָריגען יאָהרהונדערט האָט מען נאָך כמעט ניט געקאָנט ריידען פון אַזאַ ליטעראַטור בכלל, דען דאָס יודישע לעבען איז לחלוטין ניט געווען מסוגל אַזעלכע צו שאַפען. די איבערמענשליכע און איבערגעזעלשאַפטליכע אידעען, וואָס האָבען בעהערשט די וועלט־השקפה פון עלטערן יודישען דור, האָבען מיט זיך איננאַנצען פאַרשטעלט דעם עקאָנאָמישען תוך פון דעם וואונדערפולען יודישען לעבען, איגנאָרירט דעם ווילטיגסטען בעוועגענדען כח אין דער ענטוויקלונג פון דער יודישער געזעלשאַפט; זיי האָבען געגעבען אַנ'אָרט פאַר אַלערליי מעגליכע און אונמעגליכע חקירות און פאָרשטעלונגען, נאָר פאַר קיין פאַל ניט פאַר אַ ווירקליכער פאָרשונג פון די סאָציאַל־עקאָנאָמישע פערהעלטניסען פון יעדען דור, פון יעדער תקופה.

דער וואַקסענדער רעאַליזמוס פון דענקען, די נייע אויפפאַסונג פון דער געשיכטע בכלל, וועלכע בעהערשען די מאָדערנע קולטור־פעלקער, בעקומען איצט, אַ דאַנק דער השפעה פון דער נאַציאָנאַלער בעוועגונג, אַלץ אַ מעהרערע שליטה אין דער אַלט־יונגער איביג גרויסער און ליידענדער יודישער אומה, זיי צווינגען לאַנגזאַם איהר פאַסיווען גלויבען, פאַרטרייבען איהרע טרוימען־רייכע האָפנונגען און ווייזען איהר אָן אַנ־אויסגאַנג פון איהר היסטאָרישען בין המצרים אין דער רעאַלער ווירקליכקייט, אין געזעלשאַפטליכע אַרויסטרעטונגען און נאַציאָנאַלע מעשים, אין עקאָנאָמישער פערפעסטיגונג און סאָציאַלער צוזאַמענשליסונג, — זיי לערנען איהר צו דענקען און צו שאַפען. און וואָס רייפער און ערנסטער ס'ווערט דאָס יודישע דענקען און שאַפען, אַזוי טרעטען אַלץ אָב מעהר און מעהר אָן אַ זייט די אַלטע פאַנטאַסטישע השערות איבערן עבר און עתיד פון פאָלקס־לעבען, אַלצדינג הייבט אָן בעהאַנדעלט צו ווערען הויפּטזעכליך פון זיין סאָציאַלען און עקאָנאָמישען שטאַנדפּונקט. און ווי אַ דירעקטער פּועל יוצא פון דער נייער, געזינטערער און קלערערער ריכטונג, קומט אויף און פערנעהמט אַ בכבודיגען אָרט אין דער וויסענשאַפט די יודישע עקאָנאָמיק, וועלכע זוכט איבערצושאַצען די רייכע מעשים פון דער יודישער געשיכטע און צו געפינען זייערע נאַציאָנאַל־ווירטשאַפטליכע יסודות.

ערשט איצט הייבט זיך אָן פיהלען אַ נויטיגקייט אויסצופאָרשען דעם שענעם, פיעלפאַרביגען יודישען מלוכה־לעבען, צו שילדערן די געשיכטע פון דער פאַרצייטיגער יודישער מדינה אין איהר סאָציאַלער און עקאָנאָמישער אויפפאַסונג, אַנשטאָט די אַלטע צייבער־קליידער, אין וועלכע מען האָט זי ביז אויף היינט געוויקעלט. מען דאַרף איצט גאָר אַנדערש בעלייכטען דעם אינהאַלטס־רייכען יודישען עבר, מען דאַרף קלאָר מאַכען די ענטוויקלונג פון פאָלק אַלס אַ גאַנצען סאָציאַלען קערפּער, אַלס אַ קבוץ פון שאַפענדע און

קעמפפענדע קלאַסען, בעטראַכטען די אַלטע היסטאָ-
רישע מעשים, וואָס וועבען זיך אין דער שטיל פון זיין
מאַסען-לעבען, און ניט אָבגעבען זיך נאָר מיט די
איינצעלנע גרויסע פערזענליכקייטען, מיט וועלכע אַליין
עס האָט זיך בעשעפטיגט ס'רוב דער יודישער היסטאָ-
ריקער, און וועלכע, ווי ווייט זיי האָבען זיך ניט אויפ-
געהויבען דעכער פאַר די פאָלקס־מאַסען, קאָנען נאָך
אַליין ניט פאָרשטעלען מיט זיך דאָס פאָלק גופא.

ליידער איז די יודישע פאָלקס־געשיכטע אין
עקאָנאָמישען זין ביז אַהער כמעט נאָך גאָר ניט בע-
טראַכט געוואָרען; ליידער האָבען די היסטאָריקער
גאַנץ אַנדערש פערשטאַנען דעם שווערפונקט פון דער
פערגאַנגענהייט און ניט קלאָר געמאַכט זיך דעם צו-
זאַמענהאַנג צווישען דעם יחיד און דעם כלל, צווישען
דעם גאונ'ישען דענקער און די צרכים פון זיין דור, צווי-
שען די גייסטיגע ריכטונגען פון דער תקופה און איה-
רע ווירטשאַפטליכע תנאים. שטעלענדיג אויפ'ן ערש-
טען פלאַן די גייסטיגע זייט פון לעבען, די רוחניות
פין יודישען פאָלק, און שילדערנדיג די אידעען-ענט-
וויקלונג אין יעדער עפאָכע אין צוזאַמענהאַנג מיט די
גייסטיגע אָנפיהרער איהרע, האָבען די היסטאָריקער זיך
בעשעפטיגט ס'רוב מיט די יחידי סגולה פון יע-
דען דור, און אָפט אינגאַנצען פערגעסען אָן די ברייט-
טע פאָלקס־מאַסען, אָן זייערע לעבענס-אינטערעסען, אָן
די עקאָנאָמישע פאַקטאָרען. די גרויסע געשיכטליכע
פערזענליכקייטען, די טרעגער פון פערשיידענע נאַ-
ציאָנאַלע שטרעבונגען, ווי משה, שמואל, ישעיהו, עזרא,
מתתיהו, רבי יוחנן בן זכאי, און פיעל אַנדערע, זענען בע-
טראַכט געוואָרען ווי בעשאַפער פון געוויסע עטישע
פרינציפען און סאָציאַלע ריכטונגען, ווי אויפטהוער פון
די אַלע פאָלקס־בעוועגונגען, וואָס זענען אין זייער
צייט געשעהן, אויף זייער לעבען און ווירקונג זענען
איבערגעבויט געוואָרען אַלע חקירות וועגען דעם ענט-
וויקלונגס־פראָצעס פון פאָלק, אויף זייערע מעכטיגע פי-
גורען האָט מען אַוועקגעשטעלט דעם גראַנדיעזען בנין
פון דער אַלטער יודישער געשיכטע; און פערנעבעלט
און פערדונקעלט איז געוואָרען די געשטאַלט פון דעם
אמת'ען שאַפער, דעם פאָלק, וועלכער האָט דורך דער
קראַפט פון זיינע צרכים געוועקט און ערצויגען די
גאונ'ישע קעמפפער און דענקער און אַרויסגעפיהרט
זיי אויף דער געשיכטליכער אַרענע, ווי זיינע אָר-
גאַנען, ווי די אויסדריקער פון זיין רצון. און אַזוי איז
כמעט דאָס גאַנצע יודישע אַלטערטום מיט זיינע אי-
בערקעהרענישען, מיט זיינע אַלע ליידען און פריי-
דען, געוואָרען אַ מין טפל, אַ צוגאָב צו דער צענט-
ראַלער פערזאָן פון דעם אָדער יענעם דור.

אין דער אמת'ען דאַרף אָבער דער היסטאָרי-
שער פאָרשער שטודירען דאָס לעבען פון די ברייטע
פאָלקס־שיכטען אין זייער אַלטעגליכען קאַמפף, ער
דאַרף ערלערנען פריהער פאַר אַליץ די סאָציאַלע
כחות, וועלכע זענען געלעגען אין יסוד פון דער געזעל-
שאַפט און וועלכע האָבען אַרויסגערופען אָט די אַלע
ערשיינונגען, וואָס די אַלטע געשיכטע דערלאַנגט אונז
אַלס פאַרטיגע מעשים; דען עס איז דאָך שוין מעהר
קיין ספק ניט, אַז די ווירטשאַפטליכע תנאים, אין
וועלכע דאָס פאָלק האָט געלעבט אין פערשיידענע
צייטען, האָבען געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף זיין
געזעלשאַפטליכען לעבען; נאָך מעהרער: זיי זענען
געווים די טיעפסטע, די הויפט־סבה פון די גרויסע
איבערקעהרענישען שוין אין דער עלטערער צייט.

די דונקעלע פאָרהיסטאָרישע וואַנדערונג פון די
שמ'יישע שבטים בכלל און פון אברהם'ס משפחה
בפרט, די מערקווירדיגע אויסוואַנדערונג פון מצרים, דער
לאַנגזאַמער איבערגאַנג פון פאַסטוכער-לעבען צו דער
ערד־אַרבייט און אינדוסטריע, די אומוואַנדלונג פון דער
פאַטריאַרכאַלער מלוכה־אָרדנונג אין אַ מאָנאַרכישער,
די מלוכה־צוטיילונג פון יהודה און אפרים, דער גרוי-
סער אויפשטאַנד פון יהוא בן נמשי, די מלחמות מיט
אַרם, מואב און פלשתים, די פערשווערונג געגען גדליהו
בן אַחיקם, די פיינדשאַפט פון די שומרונים, — דאָס זע-
נען אַליץ געשעהענישען, וועלכע זענען ניט פער-
שטענדליך, אויב מען זאָל פאַר זיי זוכען אַנ'ערקלערונג
אין ריין פאָליטישע סבות אָדער אין רצון פון איינצעל-
נע יחידים, דאָס זענען געשעהענישען, וואָס האָבען טיע-
פע וואָרצלען אין פאָלק גופא — זיי וואַקסען אויס פון
די לעבענס־תנאים אַליין, און ערשט בשעת מיר קו-
קען אַריין אין דער טיעף פון יודישען לעבען אין יע-
נע צייטען, און קוקען זיך צו צו זיינע צרכים און
טענדענצען, דערזעהען מיר אין קלאָרע, בולט'ע
פאַרבען די אַלע ערשיינונגען; די היסטאָרישע פאַק-
טען בעקומען זייער פולען אינהאַלט און ריכטיגען
אויסזעהן און עס צייכענען זיך דורך זיי אָן דייטליך
די קאָנטורען פון דעם ווירטשאַפטליכען סדר אין דער
אַלטער יודישער מדינה, אין יענער ווייטער און אינ-
טערעסאַנטער עפאָכע, ווען דאָס פאָלק האָט געהאַט
זיין אייגענעם ווירטשאַפטליכען צענטר, זיין זעלבסט-
שטענדיגען עקאָנאָמישען באָדען.

אַזאַ בעלייכטונג פון אונזערע געשיכטליכע
מקורים איז אַ פאָדערונג פון דער צייט, אַ שטאַרקער
ערנסטער צורך, וועלכען עס האָט אויסצופילען מיט
ליעבע און איבערגעבענקייט די וויסענשאַפט פון דער
יודישער עקאָנאָמיק.

———

II. די וואַנדערנדע פאַמיליע פון די עברים.

אין זיין ערשטער יוגענד האָט דער שבט פון די
עברים געפיהרט אַ וואַנדער-לעבען און האָט זיך בע-

שעפטיגט מיט פיה-צוכט, צו וואס עס איז געווען מסוגל דאס לאנד ביי׳ם מיטעלסטען גאנג פון פרת מיט זיינע בעטרונקענע סטעפעס און מיט זיינע בעוואקסענע בערג צום צפון צו. דא איז געשטאנען דער וויעג פון שבט, דא האט ער זיך ענטוויקעלט און אויפגעטיילט פון א צווייטען גרעסערען, סעמיטישען שבט, און אין דער געשטאלט פון א משפחה שפעטער פערלאזען דאס לאנד, און זיך געצויגען מיט זיין פיה איבער די מדבריות פון סוריא אין דעם לאנד אריין, וואס איז געלעגען צווישען ירדן און גרויסען ים. די אלטע היים פון דעם סעמיטישען שבט, פון וועלכען די עברים זענען ארויס, איז געלעגען ווייטער צו דרום-מזרח און די זכרונות וועגען איהר פערלירען זיך אין נעבעל פון דער גראהער פערגאנגענהייט; רמזים, וועלכע מיר געפינען נאך אין די פריהסטע לעגענדען פון פאלק, ווייזען, אז שוין דאן זענען די סעמיטען געזעסען פעסט אויף איין ארט, געהאט זייערע שטעדט און דערפער, זיך בעשעפטיגט מיט ערד-ארבייט, וועלכע זיי האבען געהאלטען פאר א הייליגער און גרויסער מלאכה, צו וועלכער גאט אליין האט זיי בערופען. זיי האבען קענטיג דערגרייכט שוין א געוויסע מדרגה פון קולטור, האבען געהאט א השגה פון רעליגיאן און מלאכות און האבען געלעבט אין געארדענטע געזעלשאפטען. א גרויסער צוזאמענשטויס צווישען פערשיידענע פעלקער און שבטים, וועלכער איז קענטיג פארגעקומען אין די גרעניצען פון זייער אלטער היים און וועלכער שפיגעלט זיך אב אין די ביבלישע לעגענדען וועגען דור הפלגה, האט צושטערט זייערע פריהערדיגע פאזיציעס און האט זיי גערופען אויפ׳ן וואנדער-וועג גלייך מיט פילע אנדערע פעלקער פון אלטען מזרח, צו זוכען נייע און זיכערע עקאנאמישע פאזיציעס, א לאנד, וואו זיי זאלען קאנען ווייטער זיך ענטוויקלען און פיהרען א געארדענטען לעבען. דער חוש הקיום, וואס ליגט אין יעדען סאציאלען ארגאניזמוס, האט זיי געפיהרט צו די ברעגען פון פרת און זיי געלערנט צוצופאסען זיך צו די ארטיגע בעדינגונגען. דער איבערגאנג זייערער צו פיה-צוכט איז געווען אויף אזא אופן א מיטעל פון צופאסונג און ס׳איז מעגליך, אז זיי האבען פריהער איידער זיי זענען געקומען אהער געזוכט אן אנדער ארט, וואס ס׳זאל זיין מסוגל פאר ערד-ארבייט, וואו די פעלדער זאלען זיין זיכער פון א פיינדליכען אנפאל, נאר זיי האבען אזא ארט ניט געפונען אין יענער שווערער צייט פון די פעלקער-וואנדערונגען, און קומענדיג אין מעסאפאטאמיען און פיהרענדיג דא א פאסטוכער-לעבען, האבען זיי ניט אויפגעהערט צו בענקען און צו שטרעבען נאך די מעהר ענטוויקעלטע פארמען פון סאציאלען לעבען, וועלכע זענען פערבונדען מיט דער ערד-ארבייט און מיט א פעסטען ישוב. אונטער דער ווירקונג פון סאציאלע סבות, וועלכע זענען אונז עד היום ניט גענוג בעקאנט, נעהמט אן דער בענקען און שטרעבען נאך אן ערד-ארבייטער לעבען א רעאלען כאראקטער ביי דער פאמיליע פון די עברים, און זי בעשליסט צו פערלאזען דאס לאנד, מיט וועלכען זי איז פערבינדען געווארען גייסטיג אין משך פון פיעל דורות. די תורה דערצעהלט פון א געטליכען רוף, פון א אידעאלען שטרעבען, וועלכער האט איהר געהאלפען גובר זיין די אלע שטערונגען און זי גערופען אין יענעם לאנד אריין, וואס האט זיך געשפרייט צווישען ירדן און גרויסען (מיטטעללענדישען) ים, און וואס איז געווען צוגעפאסט צו א ברייטען ערד-ארבייטער-לעבען. די פערפלאנצונג פון א געארדענטען ישוב אין מערב פון אזיען, די שאפונג פון א גרויסען צענטער פאר דער סעמיטישער קולטור צווישען די פרעמדע געצענדינערישע קולטען, אין א לאנד, וועלכע פערבינדט זיך דורכ׳ן ים און דורך קאראוואנען-וועגען מיט די וויכטיגסטע לענדער פון דער דאמאלסדיגער וועלט — איז געווען א גרויסע קולטורעלע אויפגאבע פאר דעם יונגען סעמיטישען שבט, און ניט אומזיסט האט די רעליגיאן מיט איהר שטראהלענדען רוף בעלויכטען זיינע וועגען און בעגלייט איהם פון דאן אן אין זיין סאציאל-עקאנאמישען קאמפף אין קולטורעלען שטייגען און געווען שטענדיג דער בת-קול פון זיינע צרכים, דער נביא פון זיינע געשיכטליכע מעשים.

אין דער צייט פון איהר וואנדערן, פון איהר פאסטוכער-לעבען, האט די פאמיליע פון די עברים פארגעשטעלט מיט זיך א פשוט׳ע, ניט צוגליעדערטע עקאנאמישע ארגאניזאציע. דער עלטסטער פון דער פאמיליע, דער אב, איז געווען די צענטראלע פערזאן איהרע, דער אויסדריקער פון איהרע צרכים, און ארום איהם האבען זיך גרופירט די איבעריגע מיטגליעדער, וועלכע זענען געווען גלייך צווישען זיך און מיט שותפ׳ישע כחות, אונטער דער השגחה פון דעם פאמיליען-פאטער געפיהרט די פיה-צוכט, וועלכע איז געווען די איינציגע און אלגעמיינע מלאכה, וועלכע האט געדיענט פאר א מקור פון עקזיסטענץ פאר דער גאנצער משפחה. איז די פאמיליע געווארען גרעסער, איז צוזאמען מיט דעם, אונטער דער ווירקונג פון די גלייכע פיזיאלאגישע געזעצען, געווארען גרעסער די צאהל פון פיה, און צוזאמען מיט׳ן שטייגען פון די ארבייטס-קרעפטען איז אויך געשטיגען די צאהל פון די ערווארבענע גוטס. אט די גוטס, וועלכע זענען געווען די פרוכט פון ארבייט פון דער גאנצער פאמיליע, האבען אויך געהערט דער גאנצער פאמיליע און זענען געשטאנען אונטער דער השגחה פון דעם עלט-

סטען אין פאַמיליע, דעם אָב; עס זענען ניט געווען קיין ניט פערמעגענדע, ווייל ס'זענען ניט געווען קיין פרעמדע, אויך וועלכע ס'זאָל ניט חל זיין דער געזעץ פון ברידערליכער גלייכהייט; איז אַ געפאַנגענער אָדער אַ געקויפטער פרעמדער אויפגענומען געוואָרען אין פאַמיליע, איז ער אָדער בעטראַכט געוואָרען ווי אַ חפץ און געהערט אַלעמען, ווי יעדער אַנדער חפץ, אָדער ער איז אויפגענומען געוואָרען, ווי אַ פריינד און חבר און האָט בעקומען זיין גלייכען חלק אין די גוטס פון דער פאַמיליע. — געלעבט האָט די פאַמיליע אין געצעלטען, וועלכע זענען געווען צוגעפאַסט צו איהר בעוועגליכען לעבען. האָט זיך געפונען אַנ'אָרט מיט גענוג גראָז פאַר די בהמות און שעפסען, איז דער אָרט געווען בעשיצט פון די מדבר-ווינטען און פון אַ פיינדליכען אָנפאַל, אַזוי האָט די פאַמיליע דאָרטען צושפרייט איהרע געצעלטען, בעפעסטיגט זיי צו דער גאַסטפריינדליכער ערד דורך די שאַרפע האָלצערנע פלעקלעך (יתדות) און געבילדעט אַזוי אַ קליינעם, צייטווייליגען דאָרפישען ישוב, וועלכער האָט געהאַט זיין אינווענינגסטע אָרדנונג און זיין אַרבייטס-טיילונג, און האָט בכלל געלעבט נאָך סאָציאַלע כללים, וועלכע זענען שפעטער געוואָרען די יסודות פון אַ רייכערן און ברייטערן געזעלשאַפטליכען לעבען.

אַרויסגעהענדיג אויף איהר וואַנדערונג קיין כנען, איז נאָך די פאַמיליע אַ פאַסטוכער-פאַמיליע, אַ גרויסע צאָהל בהמות און שעפסען, צוטיילט אין מחנות, פיהרט אברהם פאַר זיך אין נייעם לאַנד אַריין, — ער געהט אַהין אין אָנהויב ווי אַ פרעמדער, ווי אַ קעמפפער; די אַלטע פאָרמען פון עקאָנאָמישען לעבען טראָגט ער פאָרזיכטיג איבער אויפ'ן נייעם באָדען, ענטוויקעלט זיי און פיהרט זיי ווייטער, וואַנדערט איבער די טאָלען פון לאַנד, פון ירדן ביז צו דעם מדבר באר שבע און די ברעגען פון ים, ביז עס וואַקסען ניט אויס לאַנגזאַם די נייע לעבענס-פאָרמען נאַטירליך, פשוט פון די אַלטע; ביז די פיה-צוכט פערוואַנדעלט זיך ניט ביסלעכווייז אין ערד-אַרבייט, און דאָס וואַנדער-לעבען אין אַ פעסטען; ביז עס דערווייטערען זיך ניט די גרעניצען פון דער שליטה פון דער משפחה.

שוין אין די ערשטע יאָהרען פון ישוב אין לאַנד איז דאָס לעבען פון דער פאַמיליע געוואָרען וועניגער בעוועגליך, ווי פריהער. די כנעני'ישע שבטים, וואָס האָבען פערנומען דעם צפונ'דיגען טייל פון לאַנד, האָבען זי געשטויסען צו דרום-זייט, צו די גרעניצען פון מדבר; שליסענדיג שלום מיט די קליינע שבטים פון די פלשתים, האָבען זיי דאָ געקאָנט זיך אויף שטענדיג בעפעסטיגען און איבערגעהן צום טייל צו ערדאַרבייטער-קולטורען, צו תבואה-זייען און צו בוימער-פלאַנצונגען. אַזוי זעהען מיר שוין אין דער צייט פון יצחק גאַנצע פעלדער מיט תבואה, וועלכע ווערען בעאַרבייט דורך דער פאַמיליע. אָבער שוין די פיה-צוכט אַליין איז ניט אַזוי בעוועגליך געווען אין כנען, ווי אין מעסאָפּאָטאַמיען. וועניג טייכען און קוואַלען זענען דאָ אין דרום-דיגען כנען און די רעגענס פאַלען אַרויס נאָר אין בעשטימטע צייטען פון יאָהר, אַזוי אַז אין לאַנגען און פרוכטבאַרען זומער שפּייזט זיך די ערד פון איהרע אָנגעקליבענע זאַפטען און פון די רייכע טויען. די אומגעגענדען פון באר שבע פערוואַנדלען זיך אין דער צייט פון יאָהר אין אַ מדבר און נאָר איינצעלנע רייכע אָאַזיסען מיט פעטע גראָזען גיבען שפּייז די בהמות און שעפסען. כדי צו בעזאָרגען זיך מיט וואַסער פאַר די שאָף האָבען די פאַסטוכער געמוזט גראָבען ברינען און וואַסער-גריבער, און ממלא זיין די פגימות פון דער נאַטור. אברהם און יצחק האָבען אָפּגעגעבען דער זאַך פיעל כחות; און דורך דעם גראָבען פון די ברינען און גריבער האָבען זיי זיך מעהר צוגעבונדען צו די ערטער פון זייער ישוב, געשאַפען די ערשטע ניט-בעוועגליכע גיטער, געלאָזען וואָרצלען אין באָדען פון לאַנד; שטיקער לאַנד, וועלכע האָבען זיך געפונען אין די הענד פון שכנ'ישע שבטים, זענען אויפ'ן פריעדליכען אופן אָפּגעקויפט געוואָרען און שפעטער, ווען די פאַמיליע איז אויסגעוואַקסען אין אַ שבט, אָפט אויך אָפּגענומען געוואָרען דורך דער קראַפט פון כלי-זין. די בעוועגליכע פאַסטוכער-פאַמיליע, וואָס האָט ניט קיין אייגענטום אויסער איהר שאָף און געצעלטען, ווערט דער בעל-הבית פון באָדען און פון איצט אָן זויגט זי פון איהם איהרע זאַפטען, בעבויט איהם און בעאַרבייט מיט ליעבע און איבערגעבענקייט און איהר גורל איז אויפ'ן ענגסטען פערבונדען מיט'ן גורל פון איהר נייעם פאָטערלאַנד.

* * * * * * * *

ד״ר ש. אייזענשטאדט.

וואס דערצעהלט אונז דער תנ״ך?

דער מענש.

דאָס ליכטיגע שטראַהלענדע וואָרט פון גאָט האָט געבראַכט אין איביגע בעוועגונג דעם-קנויל פון ענטוויקלונג; געזויגען פון דער זאַפטיגער ערד האָבען די גראָזען און בוימער, פון דער לופט געעטעמט די חיות און פויגלעך, — געזויגען און געלעבט, מיט תאוה און לוסט זיך געצויגען צו די זונען-שטראַהלען, זיך געיאָגט נאָך זאַפטען און שפייז, דורך דעם בלינדען כח פון לעבענס-אינסטינקט, וועלכען דער בורא האָט זיי געגעבען. ניט געבענקט האָבען זיי נאָך דער אויפגעהענדער זון פון מאָרגען, ניט געפיהלט האָבען זיי

דעם פערלוסט פון די שטאַרבענדע לעבענס-רגעים, בירושה האָבען זיי זייערע קינדער איבערגעגעבען די אייגענע אינסטינקטען, וואָס זענען געלעגען אין זייער פלייש און בלוט, און אין אַ אייביגען „בין השמשות“, וואָס ווייסט ניט פון קיין שטראַהלענדען שכל, פון קיין בענקען נאָך שכל, האָבען זיי צופריעדענע געוואַנדערט ביי די אונטערשטע שטופען פון דעם גרויסען פאָרטשריטס-לייטער, וועלכער פיהרט פון דער חיה צו גאָט. קיין חוש, קיין פערלאַנג, קיין פונק פון רצון האָט זיי ניט געוועקט, ניט גערייצט און ניט גערופען אין די הויכענישען, דען פון דער זאַפטיגער ערד זענען זיי בעשאַפען געוועזען און זיין הייליגען אָטעם האָט גאָט ניט אַריינגעהויכט אין זייערע חיה'שע לייבער.—

אַלע זענען זיי געווען קנעכט, קנעכט פון די ערדישע אינסטינקטען, געפעהלט האָט נאָך די קרוין פון דער יצירה, דער מושל פון דער ערד, וועמעס לעבען זאָל בעשטראַהלט זיין דורך דעם אייביגען גלאַנץ פון דעם זוכענדען שכל, וועמעס טריט זאָלען דערווייטערט ווערען דורך דעם פרייען ווילען, וואָס ראַנגעלט זיך צווישען די גרעניצען פון גוט און שלעכט, צווישען טאָג און נאַכט, הימעל און ערד, און זינקט און דערהויבט זיך דורך אַ שורה פון לעבענס-נסיונות.

און גאָט האָט דערזעהען די בלינדקייט פון זיין יצירה, די לאַנגווייליגע רוהיגקייט פון זיינע בּרואים, דאָס שטרענגע שפּיעל פון די ערדישע אינסטינקטען, וואָס חזר'ט זיך איבער טאָג אַיין טאָג אויס, און ער האָט דערפיהלט די נויטיגקייט צו געבען דער ערד איהר קרוין, איהר קעמפפער און הערשער, איהר מאַרטירער און העלד — דעם מענשען, וועלכער זאָל אין זיך פעראייניגען דעם געטליכען אָטעם מיט'ן ערדישען לייב, די חיה'שע צופריעדענקייט מיט'ן אייביגען זוכען, וועלכער זאָל דערנעהנען דעם גאָט-פאָטער צו די זעמדעליך פון די ים-ברעגען און צו די חיות פון פעלד און זיין דער טרעגער פון זיין ווילען, דער פּרעדיגער פון זיין געבאָט אין די ווייטענישען פון דער וועלט.

און ער האָט פון דעם הייליגסטען ווינקעל, וואו כ'האָט שפּעטער געדאַרפט שלאָגען דאָס האַרץ פון דער וועלט, אַ הויפען זאַפטיגע, קערניגע ערד גענומען, בעשאַפען דעם מענשליכען לייב, איהם בעלעבט און דערוואַרעמט דורך דעם פלאַמענדען אָטעם זיינעם, דורך דעם הימעלשען פונק, וועלכען ער האָט פערפלאַנצט אין דער טיפעניש פון ערדישען קערפּער, און ער האָט איהם גערופען: „מענש“! און איהם אַוועקגעשטעלט אַ יונגען צאַרטען אויפ'ן ערשטען שטאַפּעל פון יענעם גרויסען לייטער, וואָס פיהרט פון דער חיה צום „כסא הכבוד“ פון גאָט; ער האָט זיינע חושים אויפגעוועקט, זיינע אויגען געעפענט, זיין קאַמפף און ליידען געבענשט און געהייליגט, און ער האָט געזאָגט צו איהם: „געה, זוהן מיינער, בעהערש די ערד, פיהר ווייטער מיין שאַפונג, טראָג אַריין דעם שטורם פון דיין ווילען אין דער סביבה פון שלאָפענדע אינסטינקטען. זעה, איך גיב דיר די אונרוהיגקייט, די אונצופריעדענקייט, דעם בענקען נאָך אַ שטראַהלענדען שכל, וואָס זאָל בעלייכטען דיין וועג דורך נסיונות אָהן אַ צאָהל, און פיהרען דיך אַרויפצו אויפ'ן לייטער פון פאָלקאָמענהייט. איך עפען פאַר דיר אויף די וועגען פון גוטס און שלעכטס, און גראָב אויס אַ אייביגען תהום צווישען דיין זין און געפיהל, ראַנגעל זיך און דערגרייך דאָס גוטע דורך קאַמפף און נצחו'ן“.

און ער האָט איהם מיט אַ זיכערער פאָטער-האַנד אויף דער ערד געפיהרט, געבראַכט איהם אין זיין בליהענדער מדינה, און האָט אויפגעזאַמעלט אַרום איהם די מחנות פון בהמות, חיות און פייגעל, און איהם געקרוינט פאַר אַ הערשער איבער זיי, איהם דעם רוט און פייל אין האַנד געגעבען, און געהייסען הערשען דורך ווילען און פערשטאַנד!

און עס האָט געשטראַהלט איבער אַלע בּרואים פון דער ערד די געשטאַלט פון גאָטס ליבלינג, — דעם מענשען; אין זיין בליק האָט זיך אָנגעצונדען דער פייער פון אַ הערשער אויפגעמישט מיט קינדישער התפעלות און שרעק פאַר דער ווילדער מאַכט פון דער יונגער נאַטור און ווי אַ קינדישער מלך האָט ער בעטראַכט די סודות פון דער בּריאה אַרום זיך און זיין שוואַכער רצון האָט זיך אָנגעהויבען לאַנגזאַם צו בעוועגען און צו וואַקסען.

———

די ערשטע פרוי.

איינזאַם איז געווען דער הערשענדער מענש צווישען די אַנדערע בּרואים, איינזאַם און אַליין; אַ וואַנדערנדער געטליכער פונק אין אַ ים פון דונקעלע אינסטינקטען. און צו שוואַך איז געווען זיין האַנד אויף אויסצובּרייטען זיין מאַכט איבער אַלע ווייטענישען פון דער ערד; ער איז געשטאַנען פאַר די טויערען פון עדן און די ערד האָט זיך פאַר איהם געשפּרייט אַ פרייע, דורשטיגע, האָט איהם גערופען און גערייצט זיינע חושים דורך דער מתיקות פון איהר ריח, נאָר עס האָט איהם ערוואַרט אַ שווערער קאַמפף אָהן הילף און אָהן רוה, אָהן בּעגייסטערונג און נחמה. בּעלאָדען מיט פייל און רוט איז ער געשטאַנען אין שויס פון דער נאַטור, ס'האָט איהם אָבער געפעהלט דער צאַרטער חן און דער אָרדנענדער, ערהאַלטענדער היש, וואָס זאָלען פעראייביגען זיינע נצחונות, דערנעהענען איהם צו אַלע בּרואים וואָס אַרום און מאַכען זי לייכט און אָנגענעהם דעם יאָך פון זיין הערשאַפט. דאָס איינמאָל ערקעמפטע איז באַלד פערלאָרען געגאַנגען און דאָס געטליכע וואָרט פון איינזאַמען הערשער איז

פערשטומט געוואָרען אין די גרענצלאָזע ווייטענישען פון דער ערד.

דער מענש האָט געבענקט נאָך אַ צערטליכען חבֿר, נאָך אַ פרייען מיטקעמפפער אין לעבענס-מלחמה, זיין האַרץ האָט זיך געצויגען, געבענקט נאָך פרוכט פון זיין לייב און גייסט, נאָך אַ פאָרטזעצונג פון דיין שאַפונג ווי די בלומען און גרעזער אויף די זוניגע לאָנקעס. און ווי אַ פערשלאָסענעם קוואַל האָט ער אין זיך געטראָגען די זאַפטיגע כחות פון די קומענדע דורות, וועלכע דאַרפען אויסברייטען זייערע לעבענס-פרייליכע ווילענס אין חלל פון דער וועלט און פיהרען ווייטער, אָהן אַ סוף, די געטליכע שאַפונג, פון איין עק הימעל ביז צום צווייטען. דאָס בלוט אין מענשען האָט געשטורעמט פון פערלאַנג; מחנות געטליכע קינדער האָבען זיך געריסען פון תּהו ובֿהו, זיך געבעטען אויף דער יונגער ערד אַראָב, מחנות יונגע הערשער-קינדער.

און אין אַ רגע פון הייליגער שטילקייט, ווען די ניט געריהרטע שענע נאַטור איז געלעגען אין איהר פראַכט און קלאָרקייט צו די פיס פון בורא, און אין איהר רייכען שוים האָט דער איינזאַמער מענש גדרעמעלט, האָט גאָט פון זיין מענשליכען לייב און גייסט, פון זיין בלוט און נשמה די פרוי בעשאַפען, — דאָס לעצטע וואָרט פון זיין יצירה אויף דער ערד. און ער האָט איהר לייב געבענשט מיט צאַרטקייט, איהר געשענקט דעם געפיהל פון אָרדנונג און ערהאַלטונג, אין איהרע אויגען אַריינגעשטראַהלט דעם ברען פון ערדישער ליידענשאַפט און פון הימעלישען גנאָד, און איהר געגעבען דעם כּח צו רופען און צו בעציבערען, צו רייצען און צו בערוהיגען דעם מענשען אויפ'ן וועג פון זיין קאַמפף, איהם דיענען אַלס מלאך און אַלס שטן, אַלס אידעאַל און אַלס שטערונג, איהם היפען אין די הימלען און ציהען אין די תּהומות, בעגלייטען איהם דורך קבֿרים און בלומען אויף זיין וועג צו גאָט, און שטאַרקען זיין זין דורך אַ שירה פון נסיונות.

און גאָט האָט אויסגעוועקט דעם דרעמלענדען מענשען און בשעת זיינע אויגען האָבען זיך געעפענט, האָט ער צווישען לייבליכען וועהטאָג און גייסטיגער פרייד דערזעהן אין שוים פון דער יונגער בריאה די צאַרטע געטליכע שאַפונג, און זיינע חושים האָבען זיך צו איהר געצויגען אין קינדישער דבֿקות, און ער האָט זיין הערשער-קרוין פערשפרייט איבער איהר שטראַהלענדען קאָפף און זיין פייל אין רוט צו איהרע פיס אַוועקגעלעגט און זי גערופען: ווייב!

און גאָט האָט זיין גנאָד איבער זייערע ביידענס קעפף אויסגעברייט און זיי געבענשט: „פעראייניגט זיך, מיינע קינדער, לייבליך און גייסטיג, לעבט ווי די בלומען פון פעלד און פייגלעך פון וואַלד, טרייסט און העלפט איינע די אַנדערע, שטייגט און פאַלט צוזאַמען, פיהרט ווייטער אייער שאַפונג, שענקט דער ווייטער דורשטיגער ערד אַ געשלעכט פון הערשער, פלייש פון אייער פלייש, בלוט פון אייער בלוט, גייסט פון אייער גייסט, שפרייט אויס מיין פלאַמענדען אָטעם, וואָס איך האָב אין אייך אַריינגעהויכט, אין אַלע עקען פון דער וועלט, און פיהרט אונענדליכע דורות העכער און העכער איבער'ן אונענדליכען לייטער פון ענטוויקלונג".

און דער שמייכעל פון די ערשטע מענשען, די שטראַהלענדע זון, די בלומען-ריחות און זינגענדע פייגעל האָבען זיך צוגעאָסען אין איין גרויסער דאַנק-התלהבֿות פאַר דעם בורא, האָבען איהם שירה געזונגען.

און די צאַרטקייט פון דער ערשטער פרוי האָט זיך אויסגעברייט איבער דער ערד, אין פאַר איהרע בליקען האָבען זיך אונטערטעניג דערפיהלט אַלע יצורים, צו איהרע פיס האָבען זיך געלעגט די שטורמישע חיות פון וואַלד און ים, אין איהר שוים האָבען מחנות פייגלעך גערוהט און זי האָט זיי מיט איהר צאַרטער האַנד געגלעט און געשפייזט, און געהערשט איבער זיי ניט דורך פייל און רוט, נאָר דורך געפיהל און צערטליכקייט. און דער מענש האָט דערפיהלט איהר פולע שליטה איבער די אַלע בריאים פון דער ערד און האָט זי אָנגערופען: „מוטער פון אַלע לעבעדיגע".

אין גאָרטען פון עדן.

פון גאָט געבענשטע יונגע טרעגער פון דער מענשליכער צוקונפט, האָבען זיי ביידע געוואַנדערט אין בליהענדען עדן און די אונשולד האָט געשפיעלט אויף זייערע פנימ'ער און זייערע לייבער זענען געווען ריין און נאַקעט ווי די יונגע בלאָהע הימלען; דען עס איז ניט געווען נאָך אויף דער ערד דאָס שאַם-געפיהל, וויל ס'איז נאָך ניט געוועזן די זינד. קינדער זענען זיי ביידע געוועזן, די ערשטע קינדער, און מיט ציטעריגע הענד האָבען זיי די ערד געאַרבייט און די בלומען געפלאַנצט און אָנגעטרינקען זיי פון קוואַלען-וואַסער; אין דעם בליהענדען גאָרטען האָבען זיי זיך ערצויגען, כּדי צו אַהים שפעטער אין וויסטען מדבר, אין געדיכטען וואַלד, אין רוישענדען ים — צום גרויסען קאַמפף מיט דער נאַטור.

זיי זענען געוואַקסען, און מיט זיי איז געוואַקסען אויך דער בענקען נאָך דעם שטראַהלענדען שׂכל, וועלכען גאָט האָט זיי געגעבען; זייערע הערצער האָט געצויגען צו צעדייען דעם נעבעל פון בין-השמשות, גובֿר זיין די אינסטינקטען, וועלכע דערנעהענען זיי צו דער חיה-וועלט: צו הערשען איבער זיך, איידער זיי וועלען געהן בעהערשען די וועלט.

אַלע ציבער-וועגען אין עדן האָבען געפיהרט

צו יענעם צויבער־בוים פון וויסען, וואָס שטעהט אין דעם רעכטען מיטען פון גאָרטען, — צום בוים, וועמענס פּירות עפענען אויף די אויגען דעם מענשען, וועקען אויף און שטאַרקען זיינע גייסטיגע כחות, וועלכע ענטפּלעקען איהם דעם פייערדיגען זייל, וואָס פיהרט אין די הויכע־נישען פון פאָלקאָמענהייט.

מיט'ן ערשטען טעם פון וויסען האָט דער מענש בעמערקט זיין נאַקעטקייט, זיין קליינקייט, זיין רויה־קייט; צושטערט איז געוואָרען אינגאַנצען דער חיש פון צופריעדענקייט, וועלכער הערשט ביי די נידעריגסטע ברואים. גאָט האָט זיך איהם דייטליכער, קלערער בעוויזען; זיין גרויסע אייביגע קראַפט האָט דורכגעבליצט אין מענשענס בעלויכטענעם זין—און פון קינדישער שרעק האָט ער זיך בעהאַלטען צווישען דעם בליהענדען גרינס־ים פון עדן. מיט נייע אויגען האָט ער בעטראַכט זיין בליהענדע גן־עדן־מדינה, וועלכע גאָט אַליין האָט מיט זיינע זונען בעליכטען, מיט זיינע טויען בעטריפט.

פאַרביי דעם צויבער־בוים פון וויסען פיהרט אַ גרויסער פערפלאָנטערטער וועג, פול ענויים און צער, ווייטער, העכער צו דער פאָלקאָמענהייט און פאָרט־שריט. די געטליכע ברכה איז פערפלאָכטען מיט דער קללה, דיין ליעבע צום מענשען מיט זיין האַס; דאָס גוטע ציהט זיין חיות פון דאָס שלעכטע, די יסורים און דער צער ווערען די ערציהער פון די יונגע מענשען־קינדער. קוים האָבען זיי פאַר זיך אויסגעקליבען דעם וועג פון וויסען, אַזוי האָבען זיי שוין אויסגעקליבען אויך דעם וועג פון ענטוויקלונג, פון וואַקסען און וועלקען, פון שטייגען און פאַלען, דעם וועג פון לעבען און טויט; דען אונפערענדערליך אייביג איז נאָך דאָס פערגליהערטע, פערשטיינערטע, אונבעוועגליכע און צופריעדענע.

דאָס וויסען רופט דעם מענשען אין די ווייטעני־שען פון דער ערד, אויף די וואַנדער־וועגען, און איבער זיין קאָפּ שוועבט די געטליכע קללה־ברכה: בעזיי און בענעין מיט דיין שוויים און בלוט די מדבריות פון מיין ערד; דורך צער און פיין שאַף אַ נייעם געשלעכט פון מענשען און פערוואַנדעל די ערד אין אַ גרויסען בליהענדען עדן, און טראָג די פרוכט פון עץ הדעת פון אָרט צו אָרט, פון דור צו דור.

און ס'האָבען זיך פערשלאָסען פאַר'ן מענשען די צויבער־פולע וואַנדער־וועגען פון געטליכען גאָרטען און ס'האָט זיך געעפענט דער גרויסער וועג פון פורעניות און שטערונגען, מיט וועלכע עס ראַנגעלט זיך דער שכל, לייטערט זיך און שלייפט זיך און דערהויבט זיך אַלץ העכער, העכער דורך אַ שורה פון בעלעהרענדע זינד און בעזיעגטע תאוות. אַ שווערער וועג הייבט זיך אָן וויקלען, אָבער יעדער טריט זיינער בעפרוכטעט דעם מענשליכען גייסט, דערנעהנט איהם צו זיין געטליכען מקור.

\+ \+ \+ \+ \+ \+ \+ \+

מ. ווייננער. די יודישע אָרטאָגראַפיע און איהר היסטאָרישע ענטוויקלונג.

איינע פון די ערשטע ביכער, וואָס זענען ביי אונז יודען געדרוקט געוואָרען נאָך דער ערפינדונג פון דער בוך־דרוקער־קונסט, איז געווען דער „ספר של רבי אַנשיל“.

דאָס בוך האָט ערשיינט אין קראָקאָ אין יאָהר 1581. דאָס איז אַ ווערטער־בוך צו די „עשרים וארבע“—צו די פיער און צוואַנציג ביכער פון תנ"ך. דאָס דאָזיגע בוך האָט פאַר אונז אַ גרויסע בעדייטונג, ווי אַ דענקמאָל, וואָס ווייזט, אין וואָס פאַר אַ צו־שטאַנד אונזער שפּראַך האָט זיך געפינען אין 16־טען יאָהרהונדערט.

אַזוי ווי אין דער היסטאָרישער בעהאַנדלונג פון דער יודישער שפּראַך איז אונמעגליך ניט צו דערמאָנען די געשיכטע פון דער דייטשער שפּראַך, וועלען מיר זאָגען עטליכע ווערטער וועגען די עפּאָכען אינ'ם לעבען פון דער דייטשער שפּראַך.

אין דער געשיכטע פון דייטש ווערען אונטערשיידען דריי פעריאָדען: אַלטהויכדייטש, מיטעלהויכדייטש און ניי־הויכדייטש. דער ערשטער פעריאָד ציהט זיך פון זיעבע־טען ביז צוועלפטען יאָהרהונדערט. די דייטשע שפּראַך אין דעם פעריאָד ווערט בעזונדערס כאַראַקטעריזירט מיט דער פערשידענאַרטיגקייט פון איהרע וואָקאַלישע ענדונגען. קעגען דעם היינטיגען שוואַכען e, וואָס הערשט אין די ענדונגען פון נייהויכדייטש — זעהען מיר אין אַלטהויכדייטש a, i, u און אַנדערע. צ. ב. אַלטהויכדייטש: diu, gasti, pruodar, fatar — ניי־הויכדייטש: die, Gast, Vater, Bruder. דער צווייטער פעריאָד ציהט זיך צווישען צוועלפטען און פופצעה־טען יאָהרהונדערט. דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דעם מאָמענט זענען די וואָקאַלען î, û, iu — וועלכע ס'ענטשפּרעכען אין היינטיגען דייטש די קלאַנגען ei, au, eu, צ. ב. מיטעלהויכדייטש mîn, lîp, hûs, kiusch — נייהויכדייטש Leib, mein, Haus, keusch. פון פופצעהנטען יאָהרהונדערט הויבט זיך אָן דער דריטער פעריאָד—די אייגענטליכע נייהויכדייטשע שפּראַך.

דער פּלאַן פון אונזער בעהאַנדלונג וועט זיין פאָל־גענדער: מיר וועלען פערצייכענען יענע פאַקטען אין דער אויסלעגונג און אין די פאָרמען פון אונזער דענקמאָל, וועלכע שטעלען פאָר אַ גרויסע בעזונדער־קייט; דערביי וועלען מיר זיך בעמיהען, אויף וויפיעל די קרעפטען וועלען אונז ערלויבען, ערקלערען, פון וואַנען קומט צו אונז און מיט וואָס שטעהט אין צו־זאַמענהאַנג די אָדער יענע פאָרם, דער אָדער יע־נער קלאַנג.

וואָקאַליזם. [1]

די פערציכענונג פון די וואָקאַלען שטעהט אין די עלטערע יודישע דענקמעלער אונטער'ן שטאַרקען אײַנפלוס פון העברעאיש. די וואָקאַלען ווערען גאַנץ אָפט אינגאַנצען ניט פערצייכענט, אַמאָל זענען זיי אויסגעדריקט מיט בעזונדערע צייכענס. דערביי דינען אַלס פערצייכנונגס-מיטלען די זעלבע אותיות, וואָס שפּיעלען אין העברעאיש אויך די ראָלע פון וואָקאַלען—די אם-הקריאה—די מוטער פון לייענען, נעמליך: די בוכשטאַבען „א" „ו" „י". זעהר זעלטען ווערט געברויכט דער ע אַלס צייכען פון e. — מיר וועלען פאַנאַנדערקלייבען, וואָס פאַר קלאַנגען ס'געפינען זיך אין דער שפּראַך פון אונזער דענקמאָל, און וועלען זעהן, ווי אַזוי זיי ווערען אויסגעדריקט.

אײנפאַכע וואָקאַלען.

A.

דער דייטשער קלאַנג a ווערט אין אונזער „ספר" פערצייכענט אויף צוויי וועגען: 1) ער האָט אינגאַנצען קיין צייכען נישט. 2) ער ווערט אויסגעדריקט דורכ'ן א. בעווייזען:

1) ולאדיב—צו מכן טרויאריג. ואספת—אונ' דו זולסט אײַן זמלן. אסירי — גיפנגני. בליעל—שלק הפטיג. גאון—הערשפט.

2) ויאנש—אונ' ער וואַר שוואַך. אדירים—שטאַרקין. ובקעות—אונ' טאָל. חיל—קראַפט.

מיר זעהען דאָ בײַשפּילען, ווען דאָס דייטשע a ווערט אין יודיש אויך געלייענט ווי אַ. נאָר שוין זשע איז די ענטשפּרעכונג דייטש a — יודיש אָ אַזוי יונג? שוין זשע זאָל די דאָזיגע ערשיינונג אַלט זײַן נישט מעהר ווי אַ יאָ־ר פיער הונדערט? — אונזער דענקמאָל גיט דערויף אַ קלאָרען ענטפער. מיר טרעפען דאָ אָן אַזאַ אויסלעגונג. גלה—ער הוט אַנפלעקט. מנחתו—זײַן גוב. מנחתי—מײַן גוב. הממלטים—דידו מכן אַנטרנן. הנמלים—די אומייסן. העומר—די מוס. תרפני—דו טוסט מיך היילן. אָהב—ער הוט ליב. אין דער הקדמה טרעפען מיר: דער נוך. מען דאַרף וויסען, אַז דער ו ווערט אַלס וואָקאַל געברויכט אין די אַלטע ספרים צו פערצייכענען דאָס u און דאָס o. פון די געבראַכטע בײַשפּילען זעהען מיר אַלזאָ, אַז די ענטשפּרעכונג דייטש a—יודיש אָ איז געווען אַ געוועהנליכע ערשיינונג אין דער צייט פון רבי אַנשיל. מיר זעהען אפילו, אַז אַזעלכע ווערטער, אין וועלכע מיר וואָלטען היינט אויסגערעדט גלייך מיט'ן דייטש אַ, האָט מען דעמאָלט גערעדט אָ, צ. ב. דאָס וואָרט Ameise שרייבט רבי אַנשיל--אומייסן.

[1] אין פאנעטיק איז מיר בעהילפיג געווען Güdemann Geschichte der Cultur und Erziehung III

דאָס וואָרט—פרענגען—וואָס טרעט אַזוי שאַרף אָב פון אַלגעמיינעם געזעץ, טרעפט מען ביי רבי אַנשיל אויך. ונשאל—אונ' מיר וואָלן ורעגן. מיר טרעפען אין „ספר" נאָך אַ וואָרט, וואו דער ע שטעהט אָנשטאָט דעם היינטיגען נישט נאָר דייטשען, נאָר אויך יודישען a.—יגיעך—דײַן ערבּיט.

O.

דער קלאַנג o ווערט אויסגעדריקט: 1) דורך ו 2) דורך א 3) ווערט גאָר ניט פערצייכענט.

1) האדום—דעם רוטן. באָזניהם—אין אירן אורן. תאחרו—איר זולט. בת—טוכטר. תתקעו—איר זולט בלוזן. שת—ער הוט ניטון פרייא.

2) אנוש—וואָרדן גישוועכט. האכל—דאש קאָרן. אד—וואָלקין. בכתר--מיט דער קראָן.

3) בחרתם — איר הט אויסדערוולט. בראתי—איך הב בישפן.

מיר ווייסען, אַז דעם בּרייטען דייטשען o, ענטשפּרעכט אין יודיש וי. איז אין רבי אַנשילס צייטען אויך אַזוי געוועזן? איך האָב ניט געפונען קיין בײַשפּילען, וואו דאָס דייטשע o, זאָל זײַן אין יודיש פערצייכענט מיט וי. די אונטערזוכונג פון אַנדערע דענקמעלער וועט אַרויסווייזען, אויב דאָס יודישע וי—דייטש o איז ווירקליך אַזוי יונג.

אַ פראַגע רופט אַרויס יענער פאַל, ווען מיר האָבען דעם ו פאַר ל, מ, נ אין די ווערטער זומער, זון, פול און אַנדערע. ווי אַזוי זאָל מען זיי לייענען: o אָדער u? איך מיין, אַז די פאָרמען, וואָס מיר האָבען אין יודיש יעצט, זענען זעהר אַלט און פיהרען זייער אָנהויב פון אַלט-און מיטעל-דייטש, וואו מיר האָבען u אין די דאָזיגע ווערטער. דערפאַר דאַרף מען דעם ו אין יודיש אויך לייענען ווי u. און אויב מיר טרעפען אַזאַ אָנשרייבונג ווי מלא—פאל—מוז מען עס רעכענען ניט פאַר יודיש, נאָר דייטש. דאָס איז דער אײַנפלוס פון דער דייטשער אויסלעגונג.

Ö.

אין היינטיגען יודיש ווייסען מיר ניט, וואָס הייסט „דער אומקלאַנג ö".—רבי אַנשיל און זײַן דור האָבען דעם דאָזיגען קלאַנג אויסגערעדט. דאָס קען מען זעהן פון די פיעל בײַשפּילען, אין וועלכע מיר זעהען דעם צייכען וי אָדער ו געגען דעם מיטעל-הויכדייטשען ö.

אַדמדם — רויטליך. יתאַדם — ווערט זיך זײַן רויטלן. סעפים—בויזי גידנקן. פורע — דערדאָ ורשטוירט. וכשמעו—אונ' אַז זײַן הוירן. ותוך—בוזי גידנקן. נבעתה—איר הויך. יכתירו—זיא ווערן קרוינן. אין די ווערטער ממלכתו—זײַן קויניגרייך און מלכו זײַן קייניג קען זײַן אַ צוויי-

פעל, וואָס בעדייט דאָס וי—ü אָדער ö, וואָרום דער צייכען, ווי מיר וועלען זעהן, איז פאַר די ביידע קלאַנגען דערזעלבער. דערצו וויסען מיר, אַז אין מיטעל־הויכדייטש איז דאָ אַ פאָרם Künec, וואָס ווערט אין יודיש נאָך היינט געברויכט אין דער אויסשפראַך. קומט אויף די פראַגע: וואָס איז דאָס „קיניג"—König אָדער Künig, קען מען נאָר ענטפערן, אַז ביידע פאָרמען זענען מעגליך.

u.

u ווערט שטענדיג אויסגעדריקט דורכ'ן ו. אליהם—צו זי. ואנחנו—אונ' מיר. תאכל—דו זולסט עסין. איה—וואו.—אינטערעסאַנט איז דאָס לעצטע וואָרט. אין רבי אַנשילס צייטען האָט מען עס אויך געלייענט ווי wu, ניט wo, ווי אין דייטש. ווען מען וואָלט עס געלייענט ניט אַזוי, אויף וואָס וואָלט זיך דער מחבר געדאַרפט מאַטערן, שרייבען אַנ'איבעריגען אות: אָנשרייבען וואָ — איז דאָך לייכטער און איינפאַכער.

ü.

מיר וויסען היינט אין יודיש ניט, וואָס הייסט דער אומגעקלונגענער ü. אין דער צייט פון רבי אַנשיל האָט מען, ווי ס'ווייזט אויס, אויסגערעדט דעם דאָזיגען קלאַנג. אין „ספר" ווערט דאָס ü פערצייכענט דורך וי. די ביישפילען זענען זעהר אַ סך.

אַגודת־בוינטל. אין דער פאָררעדע טרעפען מיר דאָס וואָרט בוינטיין. ואזור—אונ' איין גוירטל. בלולות—גימוישט. בלל—ער ור מוישט. בלותי—איך האָב מיך גימוישט. בתרו—זיין שטויק בתר—שטויק. גביהם—אוני אירי רויקן. לגד—צום גלויק. דאָס ü טרעפט מען אָפט אין אַזעלכע ווערטער, וואו דאָס מיטעל־הויכדייטשע האָט אַ געוועהנליכען i. גליך—דייני אינדן. כגלים—אַז אוינדן.

E.

דער קלאַנג e ווערט אויסגעדריקט 1) דורך ע 2) דורך י 3) ווערט ניט פערצייכענט 4) דורך א.

1) אדם — מענש. אדמתנו — אונזער ערד. יאדימו—זי ווערן זיין רויט. אמש—נעכטן. מבכורות—פון ערשטן. גאונך—דיין הערשפט.

2) אחרים—אנדרי. אחרים—פרעמדי. במבחר—אין אויס דער ווילטן. בכורו—זיין אירשטר.

בכורתך—דיין אירשטיקייט. לאכלה—צו עשין. גבירתי—מיין הערין.

3) בת—טוכטר. בכורו—זיין אירשטר.

4) שת—ער הוט גיטון פרייאן. בתולות—יונקפרויאן. לדאבה—צו מכן טרויאריג.

צוויי־קלאַנגען

מיטעל־הויכדייטש ou, ניי־הויכדייטש au.

דער דאָזיגער צוויי־קלאַנג איז אין יודיש פערצייכענט שטענדיג מיט וי. ס'איז נישטאָ קיין איין ביישפיל, וואו דעם דייטשען au—ם. הויכד. ou זאָל ענטשפרעכען אַנ'אַנדער צייכען אויסער וי. ס'קאָן זיך אויסווייזען, פון ערשטען קוק, אַז די דאָזיגע איינאַרטיגקייט אין דער פערצייכענונג קומט דערפון, וואָס ס'איז ניט געווען קיין אַנדער מיטעל צו פערצייכענען דאָס ou, au אונזערע אַלטע שרייבער האָבען געקאָנט אויסלעגען ווי די דייטשען שרייבען—או. אַזאַ פערצייכנונג פון דייטשען au קען מען צייטענווייז אָנטרעפען. צ. ב. דער איבערזעצער פון ביבעל אויף יודיש Paulus Aemilius שרייבט אַזוי: ממני פאולוש עמיליאוש. די צייכענס או האָבען דאַן עקזיסטירט אין יודיש אין די עלטעסטע צייטען, ענדליך האָבען זיי אין העברעאיש אויך געשפילט די ראָלע פון וואָקאַלען. און אויב מיר זעהען פאָרט, אַז דאָס ou, au ווערט פערצייכענט שטענדיג מיט וי, מוז מען קומען צום געדאַנק, אַז אונזער היינטיגע אויסרעדונג פון די דאָזיגע קלאַנגען געהט פון זעהר אַלטע צייטען. מעגליך, אַז ס'איז געווען דער ערשטער צייכען, מיט וועלכען יודיש האָט זיך אונטערגעשיידט פון די אַרומיגע דייטשע אויסשפראַכען. ביישפילען פון יודיש וי—דייטש au ou: באגרוף—מיט דער פויסט, בית—הויז.

eu.

פאַר'ן דייטשען eu האָבען מיר אין „ספר" צוויי צייכענס: 1) וי, דאָס הייסט, ס'ווערט פערצייכענט דער דייטשער קלאַנג אין אויפ'ן יודישען שטייגער ווערט ער נישט פערצייכענט. 2) ײַ, ווי מיר זעהען עס אין דער היינטיגער שפראַך.

1) כים—בויטל. בכיסך — אין דיינעם בויטל. בכם—אין אויך. אכלכם—אויהר עשין.

אימתכם—אויהר פארכט. מגרנך—פון דיינר שויאר.

2) עמכם—מיט איײך. מגואלינו — בון אונזרן ורײַנדן. אליכם—צו אײַך.

ווי אַזוי זאָל מען קוקען אויף דער דאָזיגער שפּאַלטונג אין דער אויסלעגונג? מען האָט דעמאָלט ווירקליך אויסגערעדט דאָס דייטשע eu אַמאָל ווי eu און אַמאָל ווי ei, אָדער ס'איז נאָר די נאָכמאַכונג פון דער דייטשער אויסלעגונג? איך מיין, אַז דאָס לעצטע איז ריכטיגער. פאַר אַ בעווייז קען דינען יענע רעגעלמעסיגקייט, מיט וועלכער דער געזעץ, אַז דאָס דייטשע eu—דעם יודישען ײַ, ווערט דורכגעפיהרט אין דער היינטיגער שפּראַך.—אינטערעסאַנט איז, אַז דאָס וואָרט צויבער, אין וועלכען מיר היטען אָב דעם דייטשען קלאַנג. איז אין „ספר" פעריודישט און מיר לייענען דאָרט: למכשפים—צו דען צײַבירער. מכשפה—צײַבערין. וכשופיה—איר צײַבירײַא.

ei.

דאָס דייטשע ei ווערט שטענדיג פערצייכענט דורך יי. ואדוני — אונ׳ מיין הער. אומן — מיינסטר, אדכתכם—אויהר ערט רייך.

מיר ווייסען, אַז דעם דייטשען ei ענטשפּרעכט אין יודיש אָדער ײַ אָדער ײ. אויב אַזאַ ענטשפּרעכונג האָט עקזיסטירט אין רבי אַנשילם צייטען, זעהט מען פון זיין אויסלעגונג נישט.

דער שטומער א.

אין אונזער ספר, ווי בכלל אין אַלטע ספרים, געפינט מען זעהר אָפט ווערטער, וואָס האָבען צום סוף אַ שטומען א, דאָס הייסט, אַנ׳אלף, וואָס לייענט זיך אינגאַנצען נישט.

טפוחים—זיא וואָרן גימעסן; אינך—ניט דוא בתולה—יונק ורויא; דרור—ורייא ווערן; ברכי— מייני קניא. התפאר—זייא דיך בירימן. בגערת—אן גישריא. טלך—דיין טויא. וואָס טוט דאָ דער אלף? ווי קומט ער אַהער? גידימאַן אין זיין „געשיכטע דער ערציהונג און קולטור" זאָגט אַרויס דעם געדאַנק, אַז דאָס איז דער אַיינפלוס פון דער פראַנצויזישער אויסלעגונג. דער שטומער e אין אַזעלכע ווערטער, ווי tête, bête און אזוי וו. האָט געווירקט אויף דער יודישער אָרטאָגראַפיע. צו וואָס אָבער דאַרף מען געהן אַזוי ווייט? מיר דאַכט זיך, אַז מ׳קען ערקלערען די אויפקומונג פונ׳ם שטומען אלף, בעגרינדענדיג זיך פון איין זייט אויף דער דייטשער אויסלעגונג און פון דער צווייטער זייט אויף דער העברעאישער.—אַז מיר וועלען נעהמען אַזעלכע ווערטער פון ליטעראַריש דייטש, ווי Jude, Gabe, Rede, Büchse און מיר וועלען זיי פערגלייכען מיט יודיש, וועלען מיר זעהען, אַז אין יודיש איז דאָס דייטשע e שטום געוואָרען, ווייל אין פיעל דייטשע דיאלעקטען [1]) איז דאָס ליטעראַריש־דייטשע e אויך שטום. קען מען מיינען, אַז די אָבפאַלונג פון e איז אַנ׳אָרגאַנישע ערשיינונג אין דער ענטוויקלונג פון דער דייטשער שפּראַך, אַז זי ענטוויקעלט זיך שוין נישט דאָס ערשטע יאָהרהונדערט. מ׳קען אַלזאָ די אָבפאַלונג פון e רעכענען פאַר אַנ׳אַלטע ערשיינונג, בעזונדערס אין יודיש, וואו די פערשטומונג פונ׳ם e איז דורכגעפיהרט אין זעהר אַ ברייטער מאָס. אפילו אין ליטעראַריש דייטש געפינען מיר ווערטער, וואָס האָבען אַ שטומען e. צ. ב. Astronomie, Teorie, die, ווי אַזוי זשע האָט די יודישע שפּראַך געזאָלט פערצייכנען דעם דאָזיגען שטומען e? און אַז אַ יודישער שרייבער האָט געמוזט פערצייכענען דעם e, דאָס איז אַ בעווייז פון דער אַלגעמיינער אָבהענגיגקייט פון דער דייטשער שפּראַך און אויסלעגונג). דאָ האָט שוין געווירקט די העברעאישע אויסלעגונג. לאָמיר זיך צוקוקען צו אַזעלכע ווערטער, ווי הוא, היא, שוא, לשוא, גיא. לאָמיר זיך דערמאָנען, אַז אין דער תלמודישער אויסלעגונג איז דער קלאַנג o צום סוף וואָרט פערצייכענט מעהרסטענטיילס מיט אַנ׳אַלף. צ. ב. תנא, לישנא, פפא, רישא, קשיא. לאָמיר זיך ווייטער דערמאָנען, אַז דער וואָקאַל o ווערט אין העברעאיש אייגענטליך פערצייכענט דורך אַ קמץ, וואָס שטעהט אונטער׳ן קאָנסאָנאַנט. ווי באַלד אַזוי, ווען דער „א" אין די אויבען געבראַכטע תלמודישע ווערטער זיין שטום, וואָרום דער וואָקאַל o איז שוין אויסגעדריקט דורכ׳ן קמץ. אָט די תלמודישע און העברעאישע ווערטער מיט׳ן שטומען א האָבען געווירקט, אַז דאָס דייטשע שטומע e זאָל אויך פערצייכענט ווערען דורך א. און פון ווערטער, וואו ס׳איז פאַראַן אַ שטומער דייטשער e, איז דער אלף אַריבער אויך צו אַזעלכע ווערטער, וואָס האָבען קיין e נישט. מען קען אָבער ענטפערן, אַז די אַנאַלאָגיע איז ניט אינגאַנצען ריכטיג. וואָרום ווי אַזוי האָט מען געקענט פערצייכענען מיט אַנ׳א דאָס דייטשע e, ווען אין העבראיש איז מען געוועהנט געוואָרען שטעלען דעם שטומען א דעמאָלט, ווען ס׳הערט זיך o?—די שוועריגקייט וועט בעזייטיגט ווערען, ווען מיר וועלען זיך דערמאָנען, אַז דאָס העברעאישע ענד־o איז אין מויל פון אשכנזים, ד. ה. דייטשע יודען, נישט קיין o נאָר e. דאָס איז אַנ׳אַלטע ערשיינונג. וועגען דעם רעדט שוין שודט אין זיינע „יודישע מערקווירדיגקייטען" (1715) בוך 1 קאַפּ. 36. איך בין אַלזאָ פעסט איבערצייגט, אַז די ענטשטעהונג פונ׳ם שטומען א דאַרף מען זוכען נישט אין פראַנצויזיש, נאָר אין דייטש און אין העברעאיש.

(ענדע אין פאָלגענדען נומ.)

[1]) זעה צ. ב. שמעלער, בייערישעס ווערטערבוך (אין דייטש).

\+ \+ \+ \+ \+ \+ \+ \+

ד״ר שאַטענשטיין. וועגען ראַדיום און זיין רעוואָלוציע אין דער וויסענשאַפט און אין לעבען.

אַלץ, וואָס עס געפינט זיך אין דער נאַטור, אַלץ, האָס מיר זעהען אַרום אונז אין דער וועלט, פון דאָס קלענסטע ביז דאָס גרעסטע, בעשטעהט פון פערשיעדענע מאַטעריאַלען, ענטהאַלט אין זיך אַ געוויסע מאָס, וואָס מען רופט „שטאָף".

דאָס איז גאַנץ גלייך, צי מיר וועלען נעהמען אַ האַרטען קערפּער, ווי אַ שטיין, אָדער אַ האָלץ, צי אַ פליסיגען, שיטערען, ווי וואַסער, צי אַ גאַז, ווי די

פעל, וואָס בעדייט דאָס וי—ü אָדער ö, וואָרום דער צייכען, ווי מיר וועלען זעהן, איז פאַר די ביידע קלאַנגען דערזעלבער. דערצו ווייסען מיר, אַז אין מיטעלהויכדייטש איז דאָ אַ פאָרם Künec, וואָס ווערט אין יודיש נאָך היינט געברויכט אין דער אויסשפּראַך. קומט אויף די פראַגע: וואָס איז דאָס „קייניג“—König אָדער Künig, קען מען נאָר ענטפערן, אַז ביידע פאָרמען זענען מעגליך.

u.

u ווערט שטענדיג אויסגעדריקט דורכ׳ן ו. אליהם—צו זי. ואנחנו—אונ׳ מיר. תאכל—דו זולסט עסין. איה—וואו.—אינטערעסאַנט איז דאָס לעצטע וואָרט. אין רבי אַנשילס צייטען האָט מען עס אויך געלייענט ווי wu, ניט wo, ווי אין דייטש. ווען מען וואָלט עס געלייענט ניט אַזוי, אויף וואָס וואָלט זיך דער מחבר געדאַרפט מאַטערן, שרייבען אַנ׳איבעריגען אות: אָנשרייבען וואָ — איז דאָך לייכטער אין איינפאַכער.

ü.

מיר ווייסען היינט אין יודיש ניט, וואָס הייסט דער אומגעקלונגענער ü. אין דער צייט פון רבי אַנשיל האָט מען, ווי ס׳ווייזט אויס, אויסגערעדט דעם דאָזיגען קלאַנג. אין „ספר“ ווערט דאָס ü פערצייכענט דורך וי. די ביישפּילען זענען זעהר אַ סך.

אגודת=בוינטל. אין דער פאָררעדע טרעפען מיר דאָס וואָרט בוינטיין. ואזור—אונ׳ איין גוירטל. בלולות—גימוישט. בלל—ער ור מוישט. בלותי—איך האָב מיך גימוישט. בתרו—זיין שטויק בתר—שטויק. גביהם—אוני אירי רויקן. לגד—צום גלויק. דאָס ü טרעפט מען אָפט אין אַזעלכע ווערטער, וואו דאָס מיטעל=הויכדייטשע האָט אַ געוועהנליכען i. גליך—דייני אינדן. כגלים—אַז אוינדן.

E.

דער קלאַנג e ווערט אויסגעדריקט 1) דורך ע 2) דורך י 3) ווערט ניט פערצייכענט 4) דורך א.

1) אדם — מענש. אדמתנו — אונזער ערד. יאדימו—זי ווערן זיין רויט. אמש—נעכטן. מבכורות—פון ערשטן. גאונך—דיין הערשפט.

2) אחרים—אנדרי. אחרים—פרעמדי. במבחר—אין אוים דער ווילטן. בכורו—זיין אירשטר.

בכורתך—דיין אירשטיקייט. לאכלה—צו עשין. גבירתי—מיין הערין.

3) בת—טוכטר. בכורו—זיין אירשטר.

4) שת—ער הוט גיטון פרייאן. בתולות—יונקפרויאן. לדאבה—צו מכן טרויאריג.

צוויי=קלאַנגען

מיטעל=הויכדייטש ou, ניי=הויכדייטש au.

דער דאָזיגער צווייקלאַנג איז אין יודיש פערצייכענט שטענדיג מיט וי. ס׳איז נישטאָ קיין איין ביישפּיל, וואו דעם דייטשען au—מ. הויכד. ou זאָל ענטשפּרעכען אַנ׳אַנדער צייכען אויסער וי. ס׳קאָן זיך אויסווייזען, פון ערשטען קוק, אַז די דאָזיגע איינאַרטיגקייט אין דער פערצייכענונג קומט דערפון, וואָס ס׳איז ניט געווען קיין אַנדער מיטעל צו פערצייכענען דאָס ou, au אונזערע אַלטע שרייבער האָבען געקאָנט אויסלעגען ווי די דייטשען שרייבען—או. אַזאַ פערצייכענונג פון דייטשען au קען מען צייטענווייז אָנטרעפען. צ. ב. דער איבערזעצער פון ביבעל אויף יודיש Paulus Aemilius שרייבט אַזוי: ממני פאולוש עמיליאוש. די צייכענס או האָבען דאַן עקזיסטירט אין יודיש אין די עלטעסטע צייטען, ענדליך האָבען זיי אין העברעאיש אויך געשפּילט די ראָלע פון וואָקאַלען. און אויב מיר זעהען פאָרט, אַז דאָס ou, au ווערט פערצייכענט שטענדיג מיט וי, מוז מען קומען צום געדאַנק, אַז אונזער היינטיגע אויסרעדונג פון די דאָזיגע קלאַנגען געהט פון זעהר אַלטע צייטען. מעגליך, אַז ס׳איז געווען דער ערשטער צייכען, מיט וועלכען יודיש האָט זיך אונטערגעשיידט פון די אַרומיגע דייטשע אויסשפּראַכען. ביישפּילען פון יודיש וי—דייטש ou au: באגרוף—מיט דער פויסט, בית—הויז.

eu.

פאַר׳ן דייטשען eu האָבען מיר אין „ספר“ צוויי צייכענס: 1) וי, דאָס הייסט, ס׳ווערט פערצייכענט דער דייטשער קלאַנג אין אויפ׳ן יודישען שטייגער ווערט ער נישט פערצייכענט. 2) ײַ, ווי מיר זעהען עס אין דער היינטיגער שפּראַך.

1) כים—בויטל. בכיסך—אין דיינעם בויטל. בכם—אין אויך. אכלכם—אויהר עשין.

אימתכם—אויהר פארכט. מגרנך—פון דיינר שויאר.

2) עמכם—מיט אַייך. מגואלינו — בון אונזרן וריינדן. אליכם—צו אַייך.

ווי אַזוי זאָל מען קוקען אויף דער דאָזיגער שפּאַלטונג אין דער אויסלעגונג? מען האָט דעמאָלט ווירקליך אויסגערעדט דאָס דייטשע eu אַמאָל ווי eu און אַמאָל ווי ei, אָדער ס׳איז נאָר די נאָכמאַכונג פון דער דייטשער אויסלעגונג? איך מיין, אַז דאָס לעצטע איז ריכטיגער. פאַר אַ בעוויז קען דינען יענע רעגעלמעסיגקייט, מיט וועלכער דער געזעץ, אַז דאָס דייטשע eu—דעם יודישען ײַ, ווערט דורכגעפיהרט אין דער היינטיגער שפּראַך.—אינטערעסאַנט איז, אַז דאָס וואָרט צויבער, אין וועלכען מיר היטען אָב דעם דייטשען קלאַנג, איז אין „ספר“ פעריודישט און מיר לייענען דאָרט: למכשפים—צו דען צייבירער. מכשפה—צייבערין. וכשופיה—איר צייבירייא.

ei.

דאָס דייטשע ei ווערט שטענדיג פערצייכענט דורך יי. ואדוני — אונ׳ מיין הער. אומן — מײַנסטר, אדכתכם — אויהר ערט רייך.

מיר ווייסען, אַז דעם דייטשען ei ענטשפּרעכט אין יודיש אָדער ײַ אָדער ײֵ. אויב אַזאַ ענטשפּרעכונג האָט עקזיסטירט אין רבי אַנשילם צייטען, זעהט מען פון זיין אויסלעגינג נישט.

דער שטומער א.

אין אונזער ספר, ווי בכלל אין אַלטע ספרים, געפינט מען זעהר אָפּט ווערטער, וואָס האָבען צום סוף אַ שטומען א, דאָס הייסט, אַנ׳אלף, וואָס לייענט זיך איינגאַנצען נישט.

טפּוחים — זיא וואָרן גימעסן; אינך — ניט דוא בתולה — יונק ורויא; דרור — וריא ווערן; ברכי — מייני קניא. התפאר — זייא דיך בירימן. בנערת — אן גישריא. טלך — דיין טויא. וואָס טוט דאָ דער אלף? ווי קומט ער אַהער? גידימאַן אין זיין „געשיכטע דער ערציהונג און קולטור" זאָגט אַרויס דעם געדאַנק, אַ דאָס איז דער איינפלוס פון דער פראַנצויזישער אויסלעגונג. דער שטומער e אין אַזעלכע ווערטער, ווי tête, bête און אַזוי ווי. האָט געווירקט אויף דער יודישער אָרטאָגראַפיע. צו וואָס אָבער דאַרף מען נעהן אַזוי ווייט? מיר דאַכט זיך, אַז מ׳קען ערקלערען די אויפקומונג פונ׳ם שטומען אלף, בעגרינדענדיג זיך פון איין זייט אויף דער דייטשער אויסלעגונג און פון דער צווייטער זייט אויף דער העבּרעאישער. — אַז מיר וועלען נעהמען אַזעלכע ווערטער פון ליטעראַריש דייטש, ווי Jude, Gabe, Rede, Büchse און מיר וועלען זיי פערגלייכען מיט יודיש, וועלען מיר זעהען, אַז אין יודיש איז דאָס דייטשע e שטום געוואָרען, ווייל אין פיעל דייטשע דיאלעקטען [1]) איז דאָס ליטעראַריש-דייטשע e אויך שטום. קען מען מיינען, אַז די אָבּפאַלונג פון e איז אַנ׳אָרגאַנישע ערשיינונג אין דער ענטוויקלונג פון דער דייטשער שפּראַך, אַז זי ענטוויקעלט זיך שוין נישט דאָס ערשטע יאָהרהונדערט. מ׳קען אַלזאָ די אָבּפאַלונג פון e רעכענען פאַר אַנ׳אַלטע ערשיינונג, בעזונדערס אין יודיש, וואו די פערשטומונג פונ׳ם e איז דורכגעפיהרט אין זעהר אַ ברייטער מאָס. אפילו אין ליטעראַריש דייטש געפינען מיר ווערטער, וואָס האָבען אַ שטומען e. צ. ב. Astronomie, Teorie, die, ווי אַזוי זשע האָט די יודישע שפּראַך געזאָלט פערצייכנען דעם דאָזיגען שטומען e? און אַז אַ יודישער שרייבער האָט געמוזט פערצייכענען דעם e, דאָס איז אַ בּערינג פון דער אַלגעמיינער אָבּהענגיגקייט פון דער דייטשער שפּראַך און

[1]) זעה צ. ב. שמעלער, בייערישעס ווערטערבוך (אין דייטש).

אויסלעגונג). דאָ האָט שוין געווירקט די העבּרעאישע אויסלעגונג. לאָמיר זיך צוקוקען צו אַזעלכע ווערטער, ווי הוא, היא, שוא, לשוא, גיא. לאָמיר זיך דערמאָנען, אַז אין דער תלמודישער אויסלעגונג איז דער קלאַנג o צום סוף וואָרט פערצייכענט מעהרסטענטיילס מיט אַנ׳אלף. צ. ב. תנא, לישנא, פּפּא, רישא, קשיא. לאָמיר זיך ווייטער דערמאָנען, אַז דער וואָקאַל o ווערט אין העבּרעאיש אייגענטליך פערצייכענט דורך אַ קמץ, וואָס שטעהט אונטער׳ן קאָנסאָנאַנט. ווי באַלד אַזוי, וועט דער „א" אין די אויבּען געבּראַכטע תלמודישע ווערטער זיין שטום, וואָרום דער וואָקאַל o איז שוין אויסגעדריקט דורכ׳ן קמץ. אָט די תלמודישע און העבּרעאישע ווערטער מיט׳ן שטומען א האָבען געווירקט, אַז דאָס דייטשע שטומע e זאָל אויך פערצייכענט ווערען דורך א. און פון ווערטער, וואו ס׳איז פאַרהאַן אַ שטומער דייטשער e, איז דער אלף אַריבּער אויך צו אַזעלכע ווערטער, וואָס האָבען קיין e נישט. מען קען אָבּער ענטפערן, אַז די אַנאַלאָגיע איז ניט איינגאַנצען ריכטיג. וואָרום ווי אַזוי האָט מען געקענט פערצייכענען מיט אַנ׳א דאָס דייטשע e, ווען אין העבּרעאיש איז מען געוועהנט געוואָרען שטעלען דעם שטומען א דעמאָלט, ווען ס׳הערט זיך o? — די שווערינקייט וועט בעזייטיגט ווערען, ווען מיר וועלען זיך דערמאָנען, אַז דאָס העבּרעאישע ענד-o איז אין מויל פון אשכנזים, ד. ה. דייטשע יודען, נישט קיין o נאָר e. דאָס איז אַנ׳אַלטע ערשיינונג. וועגען דעם רעדט שוין שודט אין זיינע „יודישע מערקווירדיגקייטען" (1715) בוך 1 קאַפּ. 36. איך בין אַלזאָ פעסט איבּערצייגט, אַז די ענטשטעהונג פונ׳ם שטומען א דאַרף מען זוכען נישט אין פראַנצויזיש, נאָר אין דייטש און אין העבּרעאיש.

(ענדע אין פאָלגענדען נומ.)

ד״ר שאַטענשטיין. וועגען ראַדיום און זיין רעוואָלוציע אין דער וויסענשאַפט און אין לעבּען.

אַלץ, וואָס עס געפינט זיך אין דער נאַטור, אַלץ, וואָס מיר זעהען אַרום אונז אין דער וועלט, פון דאָס קלענסטע ביז דאָס גרעסטע, בעשטעהט פון פערשיעדענע מאַטעריאַלען, ענטהאַלט אין זיך אַ געוויסע מאָס, וואָס מען רופט „שטאָף".

דאָס איז גאַנץ גלייך, צי מיר וועלען נעהמען אַ האַרטען קערפּער, ווי אַ שטיין, אָדער אַ האָלץ, צי אַ פליסיגען, שיטערען, ווי וואַסער, צי אַ גאַז, ווי די

לופט, וואָס איז אַרום אונז, וואָס מען קען ניט זעהען און ניט אָנטאַפּען.

ווען מיר וואָלטען אָנהויבען צו טיילען און צו צערגליעדערן אַ וועלכען ס'איז קערפּער, אַ טראָפּען וואַסער, למשל, אויף אַלץ קלענערע טיילען, וואָלטען מיר סוף כל סוף געקומען צו אַזאַ קליינינקען טראָפּען, צו אַזאַ קליינינקע טיילכעלע, וואָס ווייטער קען מען שוין איהר מעהר ניט טיילען. די קלענסטע טיילכעלע איז נאָך אָבער אַלץ אונזער אַלטע בעקאַנטע, די נאַסע פליסיגע וואַסער, מיט אַלע איהרע אייגענשאַפטען. ווען מיר וואָלטען אָבער מיט גאָר אַנדערע מיטלען צערגליעדערן אָט די קלענסטע טיילכעלע נאָך ווייטער, וואָלטען מיר בעקומען צוויי גאָר נייע בעשטאַנד-טיילען — צוויי גאַזען, וואָס רופען זיך „וואַסער-שטאָף“ (וואָדאָראָד) און „זויערשטאָף“ (קיסלאָראָד). זיי האָבען שוין קיין שום עהנליכקייט ניט צו די וואַסער, פון וועלכע זיי זענען אַרויסגעקומען, און יעדער פון זיי האָט זיינע בעזונדערע אייגענשאַפטען.

ווייטער קען מען שוין די ביידע גאַזען בשום אופן מיט קיין מיטעל ניט צערגליעדערן. זיי זענען שוין די איינפאַכסטע, ווי מען רופט עס, „עלעמענטען“.

אַלע אַנדערע קערפּער אין דער גאַנצער נאַטור זענען אויך צוזאַמענגעשטעלט פון אַזעלכע איינפאַכע עלעמענטען. דאָס האָט דערוויזען איינע פון די וויכטיגסטע וויסענשאַפטען — כעמיע, וועלכע האָט געפונען מיטלען, ווי צו צערלעגען אַלע קערפּער אויף זייערע איינפאַכסטע כעמישע עלעמענטען, און — פערקעהרט: ווי זיי צו בעקומען צוריק פון די איינפאַכע עלעמענטען.

אַזעלכע כעמישע עלעמענטען איז דאָ ניט קיין סך, אינגאַנצען נאָר עטליכע צעהנדליג (אייזען, קופּער, גאָלד, זילבער, שוועבעל, וואַסערשטאָף, קאַלי, נאַטרי און אַז. וו.).

דער קלענסטער טייל פון יעדען עלעמענט, וואָס מען קען שוין איהם מעהר ניט צעטיילען, רופט מען „אַטאָם“. איין אַטאָם פון איין עלעמענט, למשל פון אייזען, קען זיך פערבינדען מיט איינעם אָדער מיט עטליכע אַטאָמען פון אַנדערע עלעמענטען, למשל פון זויערשטאָף, און אַזוי קומען אַרויס פערשיעדענע כעמישע קערפּער.

יעדער כעמישער עלעמענט פערבלייבט שטענדיג דערזעלבער, אין וואָס פאַר אַ פערבינדונג ער זאָל זיך ניט געפינען און ער קען זיך ניט ענדערן: פון אייזען קען ניט ווערען קיין קופּער, פון וואַסערשטאָף קיין זויערשטאָף און דאָס גלייכען.

פון די עטליכע צעהנדליג כעמישע עלעמענטען איז צוזאַמענגעשטעלט אַלעס, וואָס מיר זעהען אין דער גאַנצער וועלט: אַ שטיין און אַ בוים, לופט און וואַסער, די זון און די שטערען, אַ פליעג און אַ מענש. דאָס אַלעס זענען נאָר פערשיעדענע קאָמבינאַציעס פון צוויי, דריי אָדער מעהר איינפאַכע כעמישע עלעמענטען אין פערשיעדענע פּראָפּאָרציעס. למשל: וואַסער בעשטעהט פון 2 אַטאָמען וואַסער-שטאָף מיט 1 אַטאָם זויערשטאָף.

ווידער האָט זיך אַרויסגעוויזען אַ גרינד-געזעץ אין דער גאַנצער נאַטור, אַז ביי די אַלע צערלייגונגען און צוזאַמענשטעלונגען פון עלעמענטען ווערט קיין האָר ניט פערפאַלען און עס קומט קיין האָר ניט צו: ווען מיר פערבינדען וואַסערשטאָף מיט זויערשטאָף, בעקומען מיר אַזוי פיעל פונט וואַסער, וויפיעל עס איז געוועזען צוזאַמען אין די ביידע גאַזען. ווען עס ווערט פערברענט אַ שטיק האָלץ, בלייבט איבער נור אַביסעלע אַש. מען קען מיינען, אַז דאָ איז עפּעס פערשוואונדען געוואָרען, ווייל פון עטליכע פינט האָלץ איז דאָך געבליבען ניר עטליכע לויט אַש. אָבער דאָס איז ניט ריכטיג. דאָס האָלץ פערבינדט זיך מיט דעם זויערשטאָף פון דער לופט און עס בילדען זיך לייכטע גאַזען, וועלכע אייגענטליך צינדען זיך אָן און ברענען. און ווען מיר וואָלטען אָבוועגען די גאַזען צוזאַמען מיט די איבערגעבליבענע אַש, וואָלטען מיר געפינען, אַז זיי וועגען צוזאַמען פונקט אַזוי פיעל, ווי דאָס האָלץ מיט דאָס פערברויכטע זויערשטאָף.

און דער גרינד-געזעץ, וואָס הייסט דער „געזעץ פון ערהאַלטונג פון שטאָף“ האָט זיך אַרויסגעוויזען שטענדיג, אָהן אַן אויסנאַהמע, ריכטיג ביי אַלע כעמישע פערבינדונגען און צערלייגונגען.

אין דער נאַטור עקזיסטירט נאָך אַן אַנדער גרונד-געזעץ „פון ערהאַלטונג פון קראַפט“.

אויסער שטאָף אין פאָרם פון אַלערליי קערפּער און געגענשטאַנדען איז פאַראַן אין דער נאַטור אויך אַלערליי קרעפטען אָדער אַלערליי פאָרמען פון „ענערגיע“, וואָס ברענגט די שטאָף אין בעוועגונג און איז די אורזאַכע פון אַלע ערשיינונגען אין דער וועלט. אָהן די אַלע סאָרטען און פאָרמען פון ענערגיע וואָלט די גאַנצע וועלט געוועזען אַ טויטע, אָהן בעוועגונג, אָהן לעבען. געוועהנליכע בעוועגונג פון לעבעדיגע און ניט לעבעדיגע קערפּער, ליכט, וואַרימקייט, עלעקטרי, דאָס לעבען גופא — דאָס זענען פערשיעדענע פאָרמען פון ענערגיע.

עס האָט געקאָסט פיעל מיה און צייט דער וויסענשאַפט, ביז עס איז געלונגען קלאָר און זיכער צו דערוויזען, אַז איין פאָרם פון ענערגיע קען איבערגעהן אין אַן אַנדערע און אַז דערביי ווערט קיין האָר ענערגיע ניט פערפאַלען און פערקעהרט, ווידער, — אַז עס קומט אויך קיין האָר ניט צו.

ווען מען רייבט זעהר שנעל צוויי שטיקער טרוקענע האָלץ איינע אָן די אַנדערע (למשל, אַ ראָד אָן

אַ טריקענע אַקס), וואַרעמען זיי זיך אָן, זיי קענען זיך אַפילו אָנצינדען, דאָס הייסט, אַז מעכאַנישע ענערגיע איז איבערגעגאַנגען אין וואַרימקייט און נאָכהער אין ליכט. ווען מען רייבט אַ שטיקעל גלאָז אָן לעדער, בעקומט מען עלעקטרי, דאָס הייסט, אַז מעכאַנישע ענערגיע איז איבערגעביטען געוואָרען אין עלעקטרי.

אָבער ביי די אַלע אומענדערונגען פון איין פאָרם ענערגיע אין די אַנדערע בלייבט די מאָס און די צאָהל גאַנץ גלייך, עס ווערט ניט גרעסער און ניט קלענער.

שוין עטליכע צעהנדליג יאָהר, ווי עס זענען פעסטגעשטעלט געוואָרען אין דער וויסענשאַפט אָט די צוויי גרונד-געזעצען.

יעדער געלעהרטער און אַפילו יעדער איינפאַכער מענש, וואָס איז בעקאַנט איינינערמאַסען מיט דער נאַטור-וויסענשאַפט, איז אַזוי פעסט איבערצייגט געוועזען אין דער ווירקליכקייט און פעסטקייט פון די געזעצען, אַז עס איז שווער געוועזען זיך פאָרצושטעלען, אַז עס קענען פאָרקומען אַזעלכע נייע פאַקטען, וואָס וועלען אַריינבריינגען אין אַ ספק זייער ריכטיגקייט און וואָס וועלען אונז נויטען איבערצומאַכען אונזערע פריהערדיגע בעגריפען און דעם גאַנצען פונדאַמענט פון דער נאַטור-וויסענשאַפט.

וואָס איז דאָס געוועזען, וואָס האָט כמעט איבערגעקעהרט מיט׳ן קאָפּ אַראָב אונזער גאַנצע וויסענשאַפט?

מען האָט געפונען איינינע נייע עלעמענטען, וואָס האָבען גאָר מערקווירדיגע אונערוואַרטע אייגענשאַפטען.

אום קלערער צו געבען צו פערשטעהן די מערקווירדיגקייט פון אָט די אייגענשאַפטען, מוזען מיר אָנהויבען אַביסעל פון דער פערגאַנגענהייט.

אין יאָהר 1895 האָט געמאַכט אין דער גאַנצער וועלט אַ גרויסע איבערראַשונג אַ נייע ערפינדונג פון פּראָפ. רענטגען. ער האָט ערפונדען אַזעלכע שטראַהלען, וואָס מען קען זיי ניט זעהן מיט׳ן אויג און וואָס קענען דורכגעהן דורך ניט-דורכזיכטיגע געגענשטאַנדען. געוועהנליכע שטראַהלען פון דער זון אָדער פון אַ ליכט קענען דורכגעהן נור דורך גלאָז, דורך וואַסער, דורך די לופט און דורך אַנדערע דורכזיכטיגע זאַכען. אָבער שטראַהלען, וואָס דרינגען דורך פּאַפּיר, האָלץ, אייזען, אַפילו דורכ׳ן מענשליכען קערפּער — דאָס איז געוועזען אַ גרויסער וואונדער, וואָס מען האָט גאָר ניט געוואָלט גלויבען.

די רענטגען-שטראַהלען בעקומט מען, ווען מען לאָזט דורך אַ עלעקטרישען שטראָם דורך אַ גלעזערנע רעהרעל, פון וועלכער עס איז אַרויסגעפּומפּט די לופט.

די רענטגען-שטראַהלען ווירקען אויך ווי געוועהנליכע שטראַהלען אויף אַ פאָטאָגראַפישע גלאָז-פּלאַטע: דער אָרט פון דער פּלאַטע, אויף וועלכען זיי פאַלען, ווערט טונקעל. ווען מיר וואָלטען דורכלאָזען די רענטגען-שטראַהלען, וואָס געהען אַרויס פון רעהרעל, למשל, דורך דעם מענשליכען קערפּער, וואָלטען זיי איהם דורכדרינגען, אָבער ניט אין אַלע ערטער גלייך. די ערטער, וואָס זענען ווייניגער דורכזיכטיג פאַר די שטראַהלען, ווי די ביינער, לאָזען זיי ניט דורך און פערהאַלטען זיי. אַנדערע ערטער לאָזען זיי דורך, אָבער ניט אינגאַנצען, אַנדערע לאָזען זיי גוט דורך. ווען מיר וואָלטען איצט הינטער׳ן קערפּער אונטערשטעלען אַ פאָטאָגראַפישע פּלאַטע, וואָלט זי אויף די ערטער, וואו די שטראַהלען זענען גוט דורכגעגאַנגען דורכ׳ן קערפּער, געוואָרען גאָר טונקעל, אויף די ערטער וואו זיי זענען אינגאַנצען פערהאַלטען געוואָרען, וואָלט די פּלאַטע געבליבען גאָר העל, אין די מיטעלע ערטער וואָלט זי געוואָרען נור פערטונקעלט, אַזוי וואָלטען מיר בעקומען אויף דער פּלאַטע אַ ריכטיגען בילד פון אַלע פּרטים פון קערפּער: די ביינער, דאָס האַרץ, די לונגען און א. וו.

די פאָטאָגראַפישע פּלאַטע איז די בעסטע פּראָבע צו דערקענען, צי עס זענען פאַרהאַנען רענטגען-שטראַהלען אָדער ניט, ווייל מיט די אויגען קען מען זיי דאָך ניט זעהען.

אַ קורצע צייט נאָך רענטגענס ערפינדונג האָט אַן אַנדער געלעהרטער בעקערל געפונען, אַז דער כעמישער עלעמענט „אוראַן“ לאָזט אויך אַרויס פון זיך שטראַהלען, וואָס קענען דורכגעהן דורך ניט-דורכזיכטיגע געגענשטאַנדען, וואָס מען קען זיי ניט זעהען מיט׳ן אויג און וואָס ווירקען אויך אויף אַ פאָטאָגראַפישע פּלאַטע.

מען האָט באַלד געפונען נאָך עטליכע אַנדערע עלעמענטען, וואָס לאָזען פון זיך אַרויס עהנליכע שטראַהלען און וואָס האָבען נאָך אַנדערע מערקווירדיגע אייגענשאַפטען.

מען רופט זיי אַלע ראַדיאָ-אַקטיווע עלעמענטען. דער הויפּט-פאָרשטעהער פון זיי איז „ראַדיום“, וועלכען ס׳האָט ערפונדען מאַדאַם קירי פון פּאַריז.

וועלכע מערקווירדיגע אייגענשאַפטען האָט ראַדיום און זיינע פערוואַנדטע עלעמענטען?

ראַדיום געפינט זיך איבערהויפּט אין איין אָרט, אין יאָאַכימסטאַל אין עסטרייך. אום צו בעקומען 1 גראַם (¼ זאָלאָטניק) ריינעם ראַדיום, מוז מען בעאַרבייטען ביז 300 פּוד מאַטעריאַל. דעריבער קאָסט ער אַזוי טייער — 4 גראַם (1 זאָלאָטניק) קאָסט 1 מיליאָן רובל.

ראַדיום לייכט אין אַ פינסטערען צימער. בריליאַנטען און איינינע אַנדערע מאַטעריאַלען הויבען אויך אָן צו לייכטען מיט אַלערליי קאָלירען, ווען זיי ליגען נאָהענט נעבען ראַדיום. זיי ענדערען אויך זייער פאַרב;

גלאָז בעקומט אויך אַ בלויליכען אָדער אַ גרויליכען קאָליר. פּאַפּיר ענדערט זיך און ברעכט זיך לייכט.

ראַדיום לאָזט אַרויס פון זיך אָהן אַנ'אויפהער וואַרעמקייט: זיין טעמפּעראַטור איז מיט 3 גראַד גרעסער, ווי די אַרומיגע לופט. די געלעהרטע האָבען דערוויזען, אַז ראַדיום קען אַרויסגעבען פון זיך וואַרעמקייט ביז 3000 יאָהר און מען קען אויסרעכנענען אַז איין גראַם ראַדיום קען אַרויסגעבען פון זיך אַזוי פיעל וואַרעמקייט, ווי פיעל מען בעקומט, פערברענענדיג 30 פּוד שטיינקויהלען.

דאָס איז איינע פון די מערקווירדיגקייטען, וואָס מיר געפינען ביי ראַדיום און וואָס האָט אין אָנפאַנג איבעראַשט און ערשטוינט אַלע געלעהרטע. דאָס איז דאָך געגען אַלע געזעצען פון דער נאַטור! אַ קליין ביסעלע ראַדיום, אַ טויזענדסטע טייל פון אַ גראַם, וואָס מען קען דאָס קוים זעהען מיט'ן אויג, לאָזט פון זיך אַרויס אַלערליי סאָרטען ענערגיע (ליכט, וואַרעמקייט, כעמישע, עלעקטרישע) אָהן אַנ'אויפהער און עס ווערט ניט קלענער און עס ווערט ניט שוואַכער! און אַזוי קען זיך דאָס ציהען גאָר אָהן אַ סוף! הייסט עס, אַז עס איז ענדליך געפונען געוואָרען אַנ'ענטפער אויף דעם רעטעניש פון פערפּעטואום מאָבילע*) (אייביגע בעוועגונג), וואָס איבער דעם האָבען זיך געבראָכען דעם מח טויזענדער ערפינדער! און פון וואַנען נעהמט זיך אַזאַ אונבעגרענצטער קוואַל פון ענערגיע?

ראַדיום לאָזט אַרויס פון זיך דרייערליי שטראַהלען. מען האָט זיי אַ נאָמען געגעבען נאָך די דריי ערשטע אותיות פון גריכישען אלף-בית: אַלפאַ, בעטאַ, גאַמאַ. יעדער סאָרט שטראַהלען האָט זיינע בעזונדערע אייגענשאַפטען. די שטראַהלען געהען-דורך דורך האַרטע דורכזיכטיגע געגענשטאַנדען, אָבער ניט אַלע גלייך.

די אַלפאַ-שטראַהלען, וועלכע פערנעהמען 9 צעהנטעל טייל פון אַלע שטראַהלען, קענען דורכגעהן נור דורך אַ גאַנץ דינעם ניט-דורכזיכטיגען געגענשטאַנד. עטוואָס אַ גרעבערער פערהאַלט זיי שוין און לאָזט זיי ניט דורך. ווי עס איז איצט שוין בעשטימט דערוויזען געוואָרען, זענען די אַלפאַ-שטראַהלען גאַנץ קליינינקע טיילכעלעך שטאָף, וואָס רייסען זיך אָב פון ראַדיום און פליהען אַוועק אין אַלע זייטען מיט אַזאַ שנעלקייט, וואָס עס איז אונז גאָר שווער זיך פאָרצושטעלען: אין 1 סעקונדע פליהען זיי דורך ביז 20,000 וויאָרסט! פון 1 גראַם ראַדיום פליהען אַרויס אין 1 סעקונדע 136,000,000,000 אַזעלכע טיילכעלעך! זיי זענען 4 מאָל גרעסער, ווי אַנ'אַטאָם פון וואַסערשטאָף. די זענען אָנגעלאָדען מיט פּאָזיטיווע עלעקטרי (עלעקטרי איז דאָ צווייערליי: פּאָזיטיווע און פונקט פערקעהרט — נעגאַטיווע. ווען זיי טרעפען זיך צוזאַמען אין איין אָרט, דאַן פערניכטען זיי זיך איינע די אַנדערע און אין אָט דעם אָרט פערשווינדעט די עלעקטרי איינגאַנצען). זיי ווירקען אויך שוואַך אויף אַ פאָטאָגראַפישע פּלאַטע.

די בעטאַ-שטראַהלען זענען שוין פיעל שטאַרקער. זיי קענען דורכגעהען דורך פיעל גרעבערע, האַרטע ניט-דורכזיכטיגע געגענשטאַנדען (ביז 100 מאָל גרעבער), ווייל זיי פליהען מיט נאָך אַ סך גרעסערע אונגעהויערע געשווינדקייט — ביז 300 טויזענד וויאָרסט אין 1 סעקונדע. זיי זענען 2000 מאָל קלענער, ווי אַנ'אַטאָם פון וואַסערשטאָף (דער קלענסטער אַטאָם פון אַלע עלעמענטען). זיי זענען אָנגעלאָדען מיט נעגאַטיווע עלעקטרי.

די גאַמאַ-שטראַהלען געהען דורך לייכט אפילו דורך אַ גראָבע שטיק אייזען אָדער קופּער ביז 12 צאָל די גרעב. זיי ווירקען אויך זעהר שטאַרק אויף אַ פאָטאָגראַפישע פּלאַטע. נאָך זייער נאַטור און זייערע אייגענשאַפטען נאָך, זענען זיי ענליך צו די רענטגען-שטראַהלען.

ראַדיום האָט נאָך אַ מערקווירדיגע אייגענשאַפט: ער לאָזט אַרויס פון זיך אַ גאַז, וועלכען מען רופט „עמאַנאַציע". די עמאַנאַציע האָט אויך פיעל אייגענשאַפטען פון ראַדיום אַליין. זי האָט אויך שטראַהלען, אָבער נור אַלפאַ-שטראַהלען. זי גיט אויך אַרויס פון זיך וואַרעמקייט, ווירקט אויך אויף אַ פאָטאָגראַפישע גלאָז. די עמאַנאַציע האָט אַלע אייגענשאַפטען, ווי אַנדערע גאַזען. צום ביישפּיעל, דורך שטאַרקע קעלט, קען מען איהר מאַכען פליסיג, ווי וואַסער.

ווי מיר האָבען שוין פריהער דערמאָנט, איז יעדער אַטאָם פון די אַלפאַ-שטראַהלען 4 מאָל שווערער, ווי איין אַטאָם וואַסערשטאָף. עס איז פאַראַנען אַ כעמישער עלעמענט העלי, וואָס זיין אַטאָם איז אויך פונקט 4 מאָל שווערער ווי דער אַטאָם פון וואַסערשטאָף.

צי האָבען ניט די אַלפאַ-שטראַהלען עפּעס אַ שייכות צו דעם עלעמענט העלי, ווייל זייערע אַטאָמען האָבען דיזעלבע וואָג?

עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ווען מען טוט

---

*) דאס פערפעטואום מאבילע (Perpetuum mobile) האט געזאָלט זיין אזא מאשין, וואס מען זאל נור איין מאל ברענגען אין בעוועגונג און עס האט געזאלט נאכהער זיך אייביג בעוועגען ווייטער פון זיך אליין. זעהר פיעל ערפינדער האבען געבראכען דעם קאפ, אראב פון זינען, אויסגעטראכט אלערליי שארפזיניגסטע מאשינען, אבער עס האט זיך קיינעם פון זיי ניט איינגעגעבען אויסצוארבייטען אזא מאשין, ווייל די איינפאכסטע געזעצען פון פיזיק און מעכאניק דערווייזען, אז דאס איז אונמעגליך. איצט מיט דער הילף פון ראדיום האט איינער סטרעט אויפגעשטעלט אזא מין פערפעטואום מאבילע. ריכטיג געזאגט, איז דאס ניט קיין פערפעטואום, ווייל דער אינסטרומענט קען זיך ניט בעוועגען אייביג, נור עטליכע הונדערט יאהרע. נור דאס איז אויך גענוג!

אַריין אַביסעל ראַדיום אין אַ פערמאַכטע גלעזעל, פון וועלכער עס איז אַרויסגעפומפט די גאַנצע לופט, געפינט מען אין דעם גלעזיל אין אַ קירצע צייט אַרום, מיט אַמאָל דעם עלעמענט העלי. פון וואַנען האָט ער זיך דאָרט גענומען? עס איז קלאָר, אַז דאָס האָט איהם אַרויסגעלאָזען פון זיך דער ראַדיום, אַז דאָס זענען די טיילכעלעך פון די אַלפאַ-שטראַהלען, וואָס האָבען זיך ביסלעכווייז אויפגעזאַמעלט, ביז עס איז פון זיי געוואָרען אַ בעזונדערער עלעמענט — דער גאַז העלי.

ווי מיר זעהען, לאָזט פון זיך אַרויס דער ראַדיום צוויי־ערליי גאַזען: די עמאַנאַציע — אַ שווערען גאַז, וואָס איהר אַטאָם וועגט העכער 200 מאָל אַזוי פיעל, ווי דער אַטאָם פון וואַסערשטאָף, און אַ לייכטען גאַז — העלי. די איינפאַכסטע און וואַהרשיינליכסטע ערקלערונג פאַר די אַלע פאַקטען (און עס זענען דאָ בעוויי־זען צו האַלטען די ערקלערונג פאַר די ריכטיגסטע) איז דאָס, אַז יעדער אַטאָם פון ראַדיום ווערט צופאַלען אין צוויי טיילען: אַ קלענערע, לייכטערע — אַ טייל פון די אַלפאַ-שטראַהלען אָדער אַנ׳אַטאָם פון עלעמענט העלי און די שווערערע — אַנ׳אַטאָם פון דעם גאַז עמאַנאַציע. דערביי, ביי דעם צעפאַלען פון די אַטאָמען פון ראַדיום לאָזען זיך אַרויס אַזעלכע אונגעהייערע מאַסען ענערגיע, פון וועלכע מיר האָבען ביז איצט קיין בעגריף ניט געהאַט און וועלכע מאַכען אויף אונז דעם איינדרוק פון אַ וואונדער.

וואָס פאַר אַ נייעס האָט אונז ראַדיום געוויזען און וואָס פאַר אַ אומענדערונג אין דער וויסענשאַפט האָט ער מיט זיך געבראַכט?

עס איז ביז איצט געווען פעסטגעשטעלט, אַז אַנ׳אַטאָם קען שוין מעהר ניט צוטיילט ווערען. דער אַטאָם פון ראַדיום, וואָס האָט אַלע אייגענשאַפטען און דעם גאַנצען כאַראַקטער פון אַ כעמישען עלעמענט, ווערט אָבער דאָך צעפאַלען אויף צוויי טיילען: אויף אַנ׳אַטאָם פון העלי און אַנ׳אַטאָם פון עמאַנאַציע. עס איז נאָך פעסטער געוועזן איינגעשטעלט אין דער וויסענשאַפט, אַז קיין כעמישער עלעמענט קען בשום אופן ניט אומגעענדערט ווערען און איבערגעהן אין אַנ׳אַנדערן. דאָס איז דאָך דער הויפט-צייכען פון אַנ׳עלעמענט! און מיט אַמאָל ווערען פון איין אַטאָם ראַדיום געבאָרען צוויי נייע עלעמענטען: העלי און עמאַנאַציע! (עס זענען נאָך דאָ עטליכע איבערגאַנגס-עלעמענטען, פון וועלכע מיר האָבען גאָר ניט גערעדט). עס איז נאָך אַ סברה, אַז ראַדיום אַליין איז אַנ׳איינִיקעל אָדער אַ אוראייניקעל פון אַנ׳אַנדער עלעמענט — אוראַן. אין אוראַן איז שטענדיג צוגעמישט אַביסעל ראַדיום און ווען מען טיילט אָב פון איהם גאָר אינגאַנצען ראַדיום, געפינט זיך אין

אַ צייט אַרום אין איהם ווידער ראַדיום, וואָס ווערט ווי עב ווייזט אויס, פון איהם געבאָרען אַזוי ווי העלי פון ראַדיום אַליין.

צי האָבען אָט די אַלע פאַקטען איבערגעקעהרט די גאַנצע וויסענשאַפט מיט׳ן קאָפּ אַראָב? צי זענען אַלע פריהערדיגע געזעצען, וואָס זענען אַרויסגעפונען געוואָרען נאָך פיעל מיה און אַרבייט, גאָר אינגאַנצען פאַלש?

ניין, ראַדיום האָט ניט חרוב געמאַכט דעם שענעם בנין פון אונזער וויסענשאַפט. ער האָט אונז ערלויבט אַריינצוּוואַרפען אונזער בליק אין די טיעפסטע סודות פון דער נאַטור. ער האָט אונז געוויזען, אַז דער קלענסטער אַטאָם פון דעם איינפאַכסטען עלעמענט איז אויך אַ גאַנצע וועלט, וואו עס בעוועגען זיך די קלענסטע טיילכעלעך שטאָף, אַזוי ווי די פלאַנעטען אַרום דער זון; אַ וועלט, וואָס בעהאַלט אין זיך אַזעלכע קרעפטען און אַזעלכע מאַסען ענערגיע, וואָס וועלען אפשר מאַכען די גרעסטע איבערקעהרעניש אין דעם גאַנצען מענשליכען לעבען, ווען מיר וועלען זיך אויסלערנען זיי צו בעקיימען און זיי אויסצונוצען.

צי האָבען מיר שוין וואָס דערגרייכט אין אָט דער ריכטונג? צי האָבען מיר שוין וואָס אויסגענוצט פון די מערקווירדיגע אייגענשאַפטען און פון דעם אונגעהייערען קוואַל ענערגיע, וואָס ראַדיום האַלט פערבאָרגען אין זיך?

דערווייל האָבען מיר נאָך אינגאַנצען זעהר ווע־ניג ראַדיום. אין די 15 יאָהר, וואָס זענען אַריבער, זינט מען האָט ערפונדען ראַדיום, האָט מען אין דער גאַנצער וועלט אויסגעאַרבייט 18 גראַם (דאָס הייסט 1 צוואַנציגסטעל פונט) פון אָט דעם וואונדערליכען שטאָף. דערווייל האָבען מיר זיך נאָך ניט אויסגעלערנט אויסצונוצען זיין ענערגיע צו בעלייכטען, צו ערוואַרמען און צו אַנדערע טעכנישע צוועקען. אָבער אין איין געביעט האָבען מיר שוין בעקומען עפּעס אַ נוצען פון ראַדיום אין די לעצטע פאָר יאָהר. דאָס איז — אין דער מעדיצין.

צוערשט האָט מען אויסגעפּרובירט די ווירקונג פון ראַדיום אויף פערשיעדענע באַקטעריען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ראַדיום און די עמאַנאַציע פון ראַדיום טויטען פיעל באַקטעריען אָדער שוואַכען זיי אָב אַזוי, אַז זיי הערען אויף זיך צו פערמעהרען. דערווייל אָבער האָט מען נאָך ניט אָנגעהויבען פראַקטיש אָנצווענדען די אייגענשאַפטען פון ראַדיום.

ראַדיום ווירקט שטאַרק אויפ׳ן לעבעדיגען קערפער. ווען מען זאָל איהם צולעגען צום לייב און האַלטען עטליכע מינוט, ווערט אויפ׳ן הויט אַ רויטקייט און אַ לייכטע ענצינדונג. ווען מען זאָל איהם האַל־

טען לעגער, ווערט אויף דעם אָרט אַ פענכעדל, און ווען ער ליעגט איינינע שטונדען, קען ווערען אויף דעם אָרט אַ טיעפע וואונד, וואָס איז שווער נאָכהער אויסצוהיילען. דעריבער מוז מען זיין פאָרזיכטיג, ווען מען בעשעפטיגט זיך מיט ראַדיום. ער ווירקט אויך אויף די געשלעכטס-אָרגאַנען, קען זיי צערשטערען און מאַכען די פערזאָן אונפרוכטבאַר.

ביז איצט האָט ראַדיום בעקומען אַ פראַקטישע בעדייטונג אין אַנ'אָנווענדונג אין דער מעדיצין ביי'ם היילען געפעהרליכע געשוואולסטען, ווי צום ביישפיעל, „ראַק“, אָדער פון איינינע שווערע און כמעט אונהיילבאַרע הויט-קראַנקהייטען. אַ קליינע רעהריל מיט ראַדיום לעגט מען צו צו דעם קראַנקען אָרט אויף איינינע מינוט און מען ווידערהאָלט דאָס אָפט אַלע עטליכע טעג אָדער אַלע וואָך, ביז די קראַנקהייט ווערט ניט בעסער.

די לעצטע פאָר יאָהר האָט מען אָנגעהויבען אויך אָנצוווענדען די עמאַנאַציע פון ראַדיום ביים היילען אינערע קראַנקהייטען, איבערהויפט ביי פאָדאַגרע (גיכט) און פערעלטערטען רעוומאַטיזם. מען געברויכט די עמאַנאַציע, צוגעמישט אין וואַסער, צום טרינקען, אין וואַנעס צום באָדען זיך און אין די לופט אַיינצואָטמען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז אין פיעל בעדער האָט די וואַסער פון די קוואַלען, וואָס מען טרינקט, אָדער וואָס מען באָדט זיך דערין, פיעל עמאַנאַציע פון ראַדיום. דאָס קען אונז ערקלערען דעם פאַקט, פאַרוואָס די נאַטירליכע מינעראַל-וואַסער ווירקען אויפ'ן אָרט פיעל בעסער, ווי אין די פלאַשען, וואָס מען שיקט פאַנאַנדער, ווייל מיט דער צייט פערליערט די וואַסער אין פלאַש איהר עמאַנאַציע.

דאָס איז קורץ אַלעס, וואָס מיר האַלטען פאַר נויטיג צו זאָגען וועגען דעם נייעם מערקווירדיגען עלעמענט ראַדיום. זיינע אייגענשאַפטען זענען שוין מעהרסטענטיילס ערפאָרשט, אָבער זיין פראַקטישע אָנווענדונג הויבט זיך נאָך ערשט אָן, און מען קען האָפען, אַז מיט דער צייט וועט זי זיין פיעל גרעסער און פרוכטבאַרער.

י. קאַמענעצקי. „לקוי חמה“.

(וויסענשאַפטליכע און קולטור-היסטאָרישע נאָטיין).

I. דער הימעל און די מענשהייט

דער בעריהמטער דייטשער פילאָזאָף קאַנט פלעגט זאָגען: „צוויי זאַכען מאַכען אויף מיך דעם שטאַרקסטען איינדרוק, ווען איך בעטראַכט זיי: די שטילע פון מיין געוויסען אין מיר און דער אויסגעשטערנטער הימעל איבער מיר.“ און ווירקליך, אַ גרויסאַרטיגע ערשיינונג שטעלט פאָר דער טונקעל-בלאָהער הימעל אין אַ העלע נאַכט, ווען עס שטראַהלען און פונקלען זיינע מיריאַדען שטערען און ווינקען און רעדען צו אונז אויף זייער געהיימניספולער שפראַך, דערצעהלענדיג די סודות פון מעשה בראשית. „השמים מספרים כבוד אל“ (די הימלען דערצעהלען די גרויסקייט פון גאָט), — זאָגט דער פרומער דיכטער פון תהלים, און דער חומש דערצעהלט, אַז ביי'ם אויסגעשטערנטען הימעל האָט אברהם אָבינו בעקומען די ערשטע פאָרשטעלונג פון דער גאָטהייט. די טיעפזיניגע פעלקער פון מצרים און בבל האָבען שוין אין אוראַלטע צייטען בעטראַכט און בעוואונדערט דעם הימעל און זיינע מזלות, זוכענדיג אין זיי אַנ'ענטפער אויף די פראַגען פון מענשליכען לעבען, וועגען גליק און אומגליק, מלחמה און שלום, גערעטעניש און הונגער און דאָס גלייכען. בעזונדער האָבען צו זיך צוגעצויגען דעם אינטערעס די פלאַנעטען, די וואַנדערנדע שטערען, וואָס בעוועגען זיך, ווי בלאָנזשענדיג צווישען די איבעריגע אונבעוועגליכע שטערען. מיט בלויזע אויגען אָהן טעלעסקאָפען (שפאַקטיוועס) האָבען די אוראַלטע פעלקער געזעהען נאָר פינף פון זיי: דעם פלינקען מערקור, די פרעכטיגע ווענוס, דעם רויטען מאַרס, דעם גרויסאַרטיגען יופיטער און דעם ווייטען, געהיימניספולען סאַטורן מיט זיין וואונדערבאַרען רייף אַרום זיך. צו די פלאַנעטען האָבען זיי אויך צוגערעכענט די זון מיט דער לבנה, און האָבען זיי אַלעמען פערגעטערט, צוליעב זייער כבוד אַיינגעטיילט די צייט אין זיבענטעגיגע וואָכען און יעדען טאָג אָנגערופען מיט דעם נאָמען פון אַ וואָסער-ס'איז שטערען אָדער פלאַנעט. אַ זכר דערצו האָבען מיר נאָך אין די ווערטער: זון-טאָג, מאָנ-טאָג (די לבנה הייסט ביי די דייטשען — מאָנד). די אַסטראָלאָגען, די שטערנזעהער פלעגען פאָראויסזאָגען דעם כאַראַקטער און דעם גורל פון יעדען מענשען לויט דעם, וועלכע פון די פלאַנעטען איז געשטאַנען אין הימעל, ווען ער איז געבאָרען געוואָרען. אַמאָליגע מענשען האָבען שטאַרק געמיינט, אַז די ערד איז דער מיטעלפונקט פון דער נאַטור, און דער גאַנצער הימעל מיט זיינע מזלות דרעהט זיך אַרום איהר, כדי צו נוצען און דיענען דעם מלך פון דער נאַטור, דעם מענשען צוליעב וועלכען דאָס אַלץ איז בעשאַפען געוואָרען. דעם גרויסען טעות, וואָס האָט געדויערט טויזענדער יאָהרען, האָט דערוויזען אין מיטען פון זעכצעהנטען יאָהרהונדערט דער געניאַלער גלח ניקאָלאַי קאָפערניק. ער האָט אַרויסגעזאָגט און בעגרינדעט די צוויי געדאַנקען, וואָס זענען איצט געוואָרען אַזוי פערשפרייט. זיי קומען אונז איצט פאָר אַזוי זעלבסטפערשטענדליך, אַז מיר קענען זיך גאָר ניט פאָרשטעלען, ווי קען עס אַנדערש זיין: 1) די

ערד דרעהט זיך אַרום זיך זעלבסט, ווי אַ ראָד אַרום איהר אַקס, און אונז דוכט זיך נאָר אויס, אַז די גאַנצע שטערנוועלט דרעהט זיך אַרום דער ערד; די בעוועגונג דויערט אַ מעת־לעת, 2) די ערד איז אַ פּלאַנעט, וואָס בעוועגט זיך, ווי די איבעריגע פּלאַנעטען, אַרום דער זון, וועלכע בילדעט דעם מיטעלפּונקט פון אונזער פּלאַנעטען־סיסטעם; די בעוועגונג דויערט אַ יאָהר, און ערקלערט אונז זעהר גוט, צוזאַמען מיט די בעוועגונגען פון די איבעריגע פּלאַנעטען, וועלכע דרייען זיך מעהר אָדער ווייניגער, אַלע ערשיינונגען אין דעם פערפּלאָנטערטען גאַנג פון די פּלאַנעטען אין הימעל, זייער „וואַנדערען", בלאָנדזשען צווישען די אונבעוועגליכע שטערן. יעדער אונבעוועגליכער שטערן איז אַ זון פאַר זיך, אַרום וועלכען, מעגליך, עס בעוועגען זיך אייגענע פּלאַנעטען, וואו עס קענען אויך וואוינען אַזעלכע בעוואוסטזיניגע בעשעפּענישען, ווי די מענשען אויף דער ערד. קאָפּערניק איז געשטאָרבען אין אַ פּאָר טעג נאָכדעם, ווי ס'איז ערשיענען זיין בוך, און ער האָט ניט געקענט זעהען די איבעראַשונג, די אימה, וואָס זיין געדאַנק האָט אַרויסגערופען ביי די דעמאָלדיגע מענשען. אונז איז איצט אונמעגליך פאָרצושטעלען זיך די געפיהלען פון קאָפּערניק'ס דור; זיי האָבען געמוזט איבערלעבען אַ אמת'ע וועלט־איבערקעהרעניש, אַ גייסטיגע רעוואָלוציע, וואָס האָט צושטערט אַלע זייערע אַלטע און פעסטע געדאַנקען וועגען דעם מענשען און דער נאַטור, וועגען גאָט און זיין השגחה אויף דעם מענשען'ס לעבען אויף דער ערד; זי איז פון מיטעלפּונקט פון דער נאַטור מיט אַ מאָל פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ קליינעם זאַמדקערנדעל פון דער וועלטשאַפונג, וואָס טראָגט זיך אָהן אַ ציעל אין די וויסטענישען פון אונענדליכען הימעל. שרעקליך איז געווען צו פערלירען דעם פעסטען באָדען אונטער די פיס, שרעקליך זיך צושיידען מיט דער אַלטער געמיטליכער וועלטאַנשויאונג, לויט וועלכער דער מענש פלעגט מיט שרעק, אָבער אויך מיט האָפנונג קוקען אויף דעם הויכען הימעל מיט זיינע מזלות, די וואוינונג פון גאָט מיט זיינע מלאָכים... איצט האָט זיך דאָרט פאַר זיי פּלוצלינג געעפענט אַן'אָבגרונד, פון וועלכען ס'האָבען אַרויסגעקוקט די שרעקליכסטע פראַגען פון מענשליכען לעבען: פון וואַנען, וואוהין, צוליעב וואָס, — און האָבען געפאָדערט אַ נייעם ענטפער... די דערשראָקענע מענשהייט האָט געוואָלט זיך בערוהיגען מיט אַ געלעכטער, אויסשפּאָטען דעם חצופ'דיגען שטערער פון איהר רוה. לוטער, דער פרייער גייסט, דער דרייסטער גרינדער פון אַ נייער רעליגיאָנס־לעהרע, וואָס איז אויפגעשטאַנען געגען רוימישען פּאַפּסט און זיין ממשלה און האָט אָבגעריסען פון איהם כמעט אַ העלפט אייראָפּא, האָט געשריעבען וועגען קאָפּערניק'ן פאָלגענדעס: „מען רעדט וועגען עפּעס אַ נייעם אַסטראָלאָג (שטערנזעהער), ער ווייזט אויף, אַז, כלומרשט, די ערד דרעהט זיך, און דער הימעל, די זון און די לבנה זענען אונבעוועגליך... נו, יע, היינטיגע צייטען וויל יעדערער, מען זאָל איהם האַלטען פאַר אַ חכם, יעדערער קליגט זיך אויסצוטראַכטען עפּעס אַ בעזונדער נייעס. אָט וויל דעריבער אויך דער שוטה איבערקעהרען און אַוועקשטעלען קאַפּויר מיט די פיס אַרויף די גאַנצע אַסטראָנאָמיע".

אָט אַזוי האָט געשריעבען איינער פון די קליגסטע מענשען פון אייראָפּא, וואָס זשע האָט געדאַרפט קלערען דער געוועהנליכער מענש! די מעכטיגע קאַטוילישע קירך, די פערמיטלערין צווישען דער ערד און הימעל, האָט אין דער נייער טעאָריע דערזעהן אַ געפאַהר פאַר דער רעליגיאָן און איהר ממשלה איבער דער וועלט און איז אַרויס אַנטקעגען איהר מיט איהר גאַנצער קראַפט, מיט איהרע פינסטערע געפענגניסען און די פייערען פון דער אינקוויזיציע. דעם 17־טען פעברואַר פון יאָהר 1600 איז אין רוים פערברענט געוואָרען דער ערשטער מערטירער (קדוש) פון דער נייער אידעע, דער פרייער דענקער און דער העלדישער קעמפּפער פאַר'ן אמת, דזשאָרדאַניאָ ברונאָ, וועלכער האָט זיינע שופטים שטאָלץ געענטפערט: „איהר זאָגט אַרויס מיין פסק־דין מיט מעהר שרעק, איידער איך הער איהם אויס. איך שטאַרב פרייוויליג פאַר מיין אידעע". ברונאָ איז געשטאָרבען, דער אַלטער גאַלילייי האָט זיך דורך געוואַלט געמוזט אָבזאָגען פון דעם נייעם געדאַנקען, פיעלע אַנדערע האָבען פערשפּיעלט זייער לעבען פערשפּרייטענדיג דעם נייעם אמת, נאָר קיין מאַכט אויף דער וועלט קען ניט דערשטיקען דעם בעפרייטען מענשליכען פערשטאַנד... און ער האָט געזיגט.

עס זענען פערגאַנגען צעהנדליגע און הונדערטער יאָהרען, די בעפרייטע מענשליכע פאָרשונגסקראַפט האָט אַלץ טיעפער און טיעפער אַריינגעדרונגען אין די אָבגרונדען פון דער שטערנוועלט און מיט געוואַלד אַרויסגעריסען און אויפגעדעקט איהרע פערבאָרגענסטע סודות. דער מענש האָט בעוואָפענט זיין אויג מיט שטאַרקע שפּאַקטיוועס, וואָס האָבען איהם ענטדעקט נייע פּלאַנעטען, קאָמעטען*) און שטערן און ווייט, ביז צו אונענדליכקייט, פערברייטערט די גרענעצען פון דער זעהבאַרער וועלט. מ'האָט אַזוי ריכטיג אויסגעפאָרשט די וועגען פון די פּלאַנעטען, אַז ס'איז איצט מעגליך אויף טויזענדער יאָהרען פאָראויס אָדער צוריק אויסצורעכענען זייער אָרט אין הימעל אין יעדען מאָמענט מיט אַ פּינקטליכקייט ביז אַ סעקונדע. די פיזיק האָט געפונען מיטלען צו דערגעהן, פון וואָס בעשטעהען די

---

*) וועגען קאמעטען זעה ד"ר בלומשטיינס ארטיקעל אין „לעבען און וויסענשאפט" № 7 (יאנואר 1910): „האללי'ס קאמעט".

ווייטסטע, קוים זעהבאַרע שטערען, און די אַסטראָנאָמען קענען אויסרעכענען זייער גרויס, זייער ווייטקייט פון דער ערד און אַפילו זייער געוויכט. די געבילדעטע מענשהייט האָט דערזעהן די רעגעלמעסיגקייט אין די בעוועגונגען פון די פּלאַנעטען און מזלות, האָט זיך קלאָר געמאַכט די אורזאַכען דערפון און האָט פערשטאַנען, אַז דאָס האָט קיין שייכות ניט צו דעם גאַנג פון מענשליכען לעבען אויף דער ערד. די געוועהנליכע מענשען האָבען זיך אויפגעהערט צו שרעקען פאַר'ן הימעל און זיינע ערשיינונגען און זענען געוואָרען צו איהם גלייכגילטיג. אמת, קיינמאָל האָט די מענשהייט ניט געשענקט דעם הימעל אַזוי פיעל מיטלען און צייט ווי איצט, נאָר דאָס טהוען די געלעהרטע, ספּעציאַליסטען; דער מאַסע-מענש, די גרויס-שטאָדטישע בעפעלקערונג איבערהויפּט, פערגעסט זיך גאָר אָפּט אָן דעם הימעל מיט זיינע שטערען, צווישען די הויכע הייזער און די שמאָלע גאַסען, וואו דער בליאַסק פון די עלעקטרישע לאָמפּען פערבלענדעט די אויגען און פערשטעלט אָפּט פאַר'ן היינטיגען מענשען די גרויסקייט פון דער וועלט-שעפּפונג און דעם צווישענהאַנג פון דעם מענשען מיט דער נאַטור... די היינטיגע מענשען זענען פרייער, אָבער אפשר פלאַכער, וועניגער טיעפזיניג ווי אַמאָל... די קליינליכע פראַגען פון אַלטעגליכען לעבען האָבען צו זיך צוגעצויגען דעם גאַנצען אינטערעס, און האָבען אַרויסגעשטויסען די ווייטע, אייביגע פראַגען... נאָר זעלטענע ערשיינונגען. סענסאַציעס אין הימעל, רופען אַרויס אַן אינטערעס צו דער שטערען-וועלט אין בּרייטע קרייזען פון דער בעפעלקערונג, אָבער דאָס געדויערט אַ קורצע צייט, און פערשווינדט גיך אָהן אַ זכר. און גלייכגילטיג געהען מענשען ווידער פאַרביי דעם וואונדערבאַרען, אונענדליכען געוועהנליכען הימעל, וועלכער מוז אַרויסרופען ביי יעדען מענשען די טיעפסטע רעיונות, די העכסטע געפיהלען, ווען ער זאָל איהם נור אויף אַ רגע אויפמערקזאַם בעטראַכטען...

צו די ערשיינונגען אין הימעל, וואָס ציהען אַם שטאַרקסטען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון מענשען, האָבען פון אייביג אָן געהערט די לקוי-חמה'ס.

II. לקוי-חמה און לקוי-לבנה.

לקויים, פינסטערנישען, פון דער זון און דער לבנה קומען פאָר רעגעלמעסיג און גאַנץ אָפט אויף דער ערד. זיי בעשטעהען דערין, וואָס די זון אָדער די לבנה ווערען ביסלעכווייז פערשטעלט דורך אַ שוואַרצען און דורכזיכטיגען קערפּער, די ערד אָדער לבנה, וואָס בעדעקט זי אינגאַנצען (אַ פאָלשטענדיגער לקוי) אָדער טיילווייז (אַ טיילווייזער לקוי). אין אַ משך כמעט פון 18½ יאָהר קומען פאָר אויף דער ערד 41 לקוי-חמה'ס און 29 לקוי-לבנה'ס. יעדען יאָהר קומען פאָר ערגיץ וואו אויף דער ערד ניט וועניגער ווי צוויי לקוי-חמה'ס פאָלשטענדיגע אָדער טיילווייזע, און ניט מעהר ווי פינף. לקוי-לבנה'ס קען אין איין יאָהר פאָרקומען ניט מעהר ווי דריי, אָבער ס'קען טרעפען, אַז אין אַ גאַנצען יאָהר וועט גאָר ניט זיין קיין לקוי-לבנה. פון דעם איז געדרונגען, אַז אַ לקוי-חמה קומט פאָר אויף דער גאַנצער ערד עפטער ווי אַ לקוי-לבנה, אָבער אַ לקוי-חמה ווערט געזעהען נור אין איינגע ערטער, און אַ לקוי-לבנה זעהט זיך כמעט אויף אַ גאַנצער העלפט פון דער ערד מיט אַמאָל. דערפון קומט אַרויס, אַז אין יעדער אָרט פון דער ערד בעזונדער ווערט אַ לקוי-חמה געזעהען זעלטענער, ווי אַ לקוי-לבנה. בעזונדער זעלטען קומען פאָר פאָלשטענדיגע לקוי-חמה'ס, ווען ס'ווערט אינגאַנצען פינסטער; אין איין אָרט קענען זיי פאָרקומען ניט עפטער, ווי איינמאָל אין 150—200 יאָהר אָדער נאָך זעלטענער. אין לאָנדאָן, למשל, איז אין אַ משך פון 575 יאָהר, פון 1140 ביז 1715, ניט געווען קיין איין פאָלשטענדיגע לקוי-חמה. אין פּאַריז איז די לעצטע פאָלשטענדיגע זון-פינסטערניש פאָרגעקומען אין יאָהר 1724, און די נאָהענטסטע וועט זיין אין יאָהר 2026, וועלכע קיינער פון די היינטיגע פּאַריזער וועט געוויס שוין ניט זעהן.

צוליעב דעם שוואַכען, רוהיגען גלאַנץ פון דער לבנה איז איהר זעהר לייכט צו בעטראַכטען, און יעדערער קען מיט בלויזע אויגען דערזעהען אַפילו אַ קליינע טיילווייזע פינסטערניש אויף איהר. אַנדערש איז עס מיט דער זון: איהר גלאַנץ איז אַזוי שטאַרק און ליכטיג, אַז ווען זי איז אַפילו אויף אַ העלפט בעדעקט, לייכט זי נאָך גענוג העל און מען קען מיט בלויזע אויגען גאָר ניט בעמערקען, מען מוז אַ קוק טאָן אויף דער זון דורך אַ טונקעלע אָדער פעררויכערטע גלאָז, כדי מ'זאָל קענען דערזעהען, אַז אַ טייל פון דעם לייכטענדען קרייז איז מיט עטוואָס פערדעקט. אָבער אַ פאָלשטענדיגע זון-פינסטערניש שטעלט פאָר אַזאַ אונגעוועהנליכע גרויסאַרטיגע ערשיינונג אין דער נאַטור, אַז זי מאַכט אַ געוואַלדיגען איינדרוק ניט נאָר אויף דעם מענשען, נאָר ווירקט אויך שטאַרק אויף די טיער-וועלט. שטעלט אייך פאָר אַ ריינעם העלען הימעל, וואו עס שיינט ליכטיג די זון. פּלוצלינג הייבט איהר שיין אָן (צו ווערען טונקעלער. אויפ'ן העלען קרייז זעהט זיך אַ שוואַרצער פלעק, וואָס ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער. אָט איז שוין מעהר ווי אַ העלפט פון דער זון פערדעקט, די ליכטיגקייט ווערט שוואַך און בלייך; די גאַנצע געגענד ווערט פערצויגען מיט טונקעלע שאָטענס, אַלע פאַרבען ווערען בלאַס. די דערשראָקענע פייגעלעך הערען אויף צו זינגען און בעהאַלטען זיך צווישען די בלעטער, די בהמות מעקען פון שרעק, די היהנער קלייבען אויף זייערע עופה'לעך אונטער די פליגלען. אַפילו די בלומען פערמאַכען זייערע

בעכערלעך, ווי ביי דער נאַכט. אויפ'ן הימעל זעהט זיך נאָר אַ שמאָלער סערפּ פון דער זון; ער ווערט אַלץ דינער און ענדליך פערשווינדט ער. עס ווערט מיט אַמאָל נאַכט, אַ פינסטערע, אומעטיגע נאַכט. עס ווערט גאַנץ שטיל, די שטערען בעווייזען זיך אין הימעל, די לופט ווערט קיהלער, עס לויפט דורך אַ קאַלטער ווינד. די נאַכטפויגלעך פליהען אַרויס פון זייער נעסטען, די פלעדערמייז הייבען זיך אָן צו טראָגען אין דער לופטען. אויף די חיות פאַלט אַרויף אַנ'אימה: דער פערד וויל ניט לויפען, דער הונד ציטערט און טוליעט זיך צום בעל־הבית. און אַפילו דער מענש... מיר, וואָס האָבען דאָך פריהער געוואוסט, וואָס זענען בכיון געקומען אַהער צו בעטראַכטען די זעלטענע ערשיינונג, מיר, וואָס ווייסען, אַז דאָס איז אַ נאַטירליכע זאַך, מיר זענען אויך אויפגערעגט געגען אונזער ווילען, פון עפּעס אַנ'אונרוהיגען געפיהל. אויף אַ רגע קומט אונז פאָר, אַז דער פרעכטיגער לייכטער פון הימעל איז פערלאָשען געוואָרען און ניט ווילענדיג גיט זיך יעדערער אַ פרעג: „טאָמער איז זי אויף אייביג אויסגעלאָשען געוואָרען! וואָס וועט דאַמאָלס זיין מיט דער ערד און מיט אונז!" אָבער ניין... אַרום דעם שוואַרצען קרייז פון דער לבנה זעהט זיך נאָך אַ קרוין פון ווייסער ליכטיגקייט, וואָס הייזט געגוי, וואו ס'געפינט זיך די זון. ווען דאָס אויג ווערט אַביסעל געוועהנט צו דער פינסטערניש, דערזעהען מיר, אַז די נאַכט איז גאָר ניט אַזוי פינסטער, ווי מיר האָבען פריהער געמיינט... אָ! אַ פריידגעשריי רייסט זיך פלוצליג אַרויס פון האַרצען ביי אַלע צוזעהער, וואָס האָבען ביז איצט, שוין איינינע סעקונדען מיט אַנ'אָנגעשטרענגטער אויפמערקזאַמקייט און טיעפען שטילשווייגען בעטראַכט די ערשיינונג: אַ גאַנצער קוואַל פון ליכטיגע שטראַהלען האָט זיך אַ גאָס געטאָן פון רעכטען זייט פון דער זון, די ליכטיגקייט ווערט אַלץ העלער און העלער... ווידער בעגיסט די פרעכטיגע שיין די ערפרייטע גליקליכע ערד. (Фламмаріонъ, маленькая астрономія, 122—124) ס'איז קיין וואונדער ניט, וואָס אַזאַ אונגעוועהנליכע ערשיינונג פלעגט מאַכען דעם שטאַרקסטען איינדרוק אויף די מענשען און מען פלעגט זיי רעכענען פאַר אַ סמן פון גאָט'ס צאָרן. אין תנ"ך געפינען מיר איינינע ערטער, וואָס ריידען וועגען לקוי־חמה'ס. דער נביא עמוס זאָגט שטראָפענדיג די יודען: „איך וועל ברייגען דעם אונטערגאַנג פון דער זון אין מיטען טאָג, און איך וועל פערפינסטערען די ערד אין מיטען העלער ליכטיגקייט" (קאַפּ. ח, פסוק ט.). אַ סך אַסטראָנאָמען מיינען, אַז דאָ רעדט זיך וועגען דער פאָלשטענדיגער זון־פינסטערניש, וואָס איז ווירקליך פאָרגעקומען אין ירושלים דעם 9 פעברואַר פון יאָהר 784 פאַר קריסטוס געבורט. מיכה המורשתי נעדמט די לקוי־חמה פאַר אַ משל, ווען ער וויל זאָגען, אַז ס'וועט ניט זיין קיין נביאות: „דעריבער וועט די נאַכט אייך זיין אָנשטאָט אַ זעהונג און פינסטערניש — אָנשטאָט אַ פאָראויסזאָגונג. עס וועט אונטערגעהן די זון איבער די נביאים און דער טאָג וועט פינסטער ווערען איבער זיי" (קאַפּ. ג. פסוק ו). מיכה האָט אויך געזעהן אַ פינסטערניש דעם 5־טען יוני אין יאָהר 716 פאַר ק. ג.

שוין אין אוראַלטע צייטען פלעגט מען די פינסטערנישען פערשרייבען אין די פנקס'ן, וואָס פלעגען זיך פיהרען ביי די גרויסע טעמפּלען אין חינא, בבל און מצרים. די פריסטער האָבען אָנגעהויבען בעטראַכטען אויך די טיילווייזע זון־פינסטערנישען און זיי בעשרייבען אין די ביכער. פערגלייכענדיג די אַלע בעשרייבונגען, איז ניט שווער געווען צו בעמערקען, אַז אין פערלויף אונגעפעהר פון 18½ יאָהר הייבען זיך די זון־און־לבנה־פינסטערנישען אָן איבערצוחזר'ן אין דער זעלבער אָרדנונג און זיי פאַלען כמעט אויף די זעלבע טעג פון חדש, ווי מיט 18½ יאָהר צוריק. דאָס האָט געגעבען די מעגליכקייט פאָראויסצוזאָגען די צייט פון די פינסטערנישען. נאָר די געלערנטע פריסטער אַליין פלעגען וויסען דעם סוד, און דאָס פלעגט זיי מאַכען גרויס אין די אויגען פון דער פשוט'ער גלויביגער מאַסע, וואָס פלעגט מיינען, אַז זיי בעקומען זייערע ידיעות אין די הימלישע אָנגעלעגענהייטען דירעקט פון די געטער. אין חינא (קיטאַי) איז נאָך אַ צייט פאַר קריסטוס געבורט איינגעפיהרט געוואָרען בעזונדערע שטעלעס פון הויף־אַסטראָנאָמען, וואָס פלעגען דאַרפען פאָראויסזאָגען דעם קיסר די צייט פון די זון־פינסטערנישען, מ'זאָל קענען ביי־צייטענס צוגרייטען די נויטיגע קרבנות פאַר די געטער. וועגען די אורזאַכען, וועלכע רופען אַרויס די לקויים, האָבען די אַלטע פעלקער געהאַט אַלערליי ווילדע פאָרשטעלונגען, וואָס עקזיסטירען נאָך ביז איצט אין די מזרח־לענדער. די חינעזער פלעגען מיינען, אַז אַ שרעקליכער דראַכע (אַזאַ מין פליהענדער שלאַנג) פאַלט צייטענווייז אָן אויף די זון און די לבנה און וויל זיי איינשלינגען; צווישען זיי קומט פאָר אַ שרעקליכער שטרייט. מען מוז זיך אַריינמישען און ראַטעווען די אונגליקליכע הימעל־לייכטער. די בעפעלקערונג פלעגט אַרויסגעהן אויפ'ן גאַס, פלעגט שרייען, גוואַלדעווען, שיסען, כדי צו איבערשרעקען און פערטרייבען דעם דראַכע. אַזאַ ווילדער קאָנצערט איז פאָרגעקומען לויט דער פעראָרדנונג פון די רעגירונגס־בעאַמטע אין פעקין דעם 16 יאַנואַר פון יאָהר 1880. אין מיטעלאַלטער פלעגען די אייראָפּעאישע פעלקער אויך מורא האָבען פאַר אַ זון־פינסטערניש, מען פלעגט מיינען, אַז די וועלט געהט אונטער און עס קומט אָן דער לעצטער יום־הדין. ביסלעכווייז, מיט די פערשפרייטונג פון בילדונג און אויפקלערונג, האָט דער אונבעוואוסטער שרעק

זיך פערביטען אויף אַ טיעפען אינטערעס, מיט וועלכען די בעפעלקערונג און די געלעהרטע וועלט ערוואַרטעט יעדע נייע פאָלשטענדיגע זון־פינסטערניש. דער פאָרשריט פון דער אַסטראָנאָמיע גיט די מעגליכקייט פאָראויסצוזאָגען, ווען און אין וועלכע געגענדען פון דער ערד וועט געזעהען ווערען יעדע זון־אָדער לבנה־פינסטערניש. אין די נאָהענטסטע יאָהרען, ביז 1919, וועלען פאָרקומען פאָלגענדע פאָלשטענדיגע לקוי־חמה׳ס: דעם 8־טען אויגוסט 1914 — אין סקאַנדינאַוויען, רוסלאַנד און קליינאַזיען, דעם 21־טען יאַנואַר 1916 — אין שטילען אָקעאַן, זיד־אַמעריקא און אינדיען, דעם 26־טען מאַי 1918 — אין נאָרד־אַמעריקא, דעם 16־טען מאַי 1919 — אין זיד־אַמעריקא און מיטעל־אַפריקא.

אום צו פערשטעהן איניגע איינצעלהייטען פון די פינסטערנישען, מוזען מיר זיך קורץ דערמאָנען איניגע פּרטים וועגען דער זון, דער ערד און דער לבנה און זייערע בעוועגונגען אַרום דער זון. די זון, דער מיטעלפונקט פון אונזער פּלאַנעטען־וועלט, דער קוואַל פון לעבען און קראַפט אויף אונזער ערד, די ליכטיגע זון איז אַן אונגעהויער גרויסער קוגעל (שאַר), וואָס בעשטעהט פון אַלערליי צוגליהטע שטאָפען. דער זון־קוגעל איז אַזוי גרויס, אַז ווען מען זאָל אויף איהם אָנטאָן אַ רייף — וואָלט ער געהאַט 600,000 מייל אין די לענג. די זון קומט אונז אויס אַזוי קליין, ווייל מיר געפינען זיך אונגעהויער ווייט פון איהר, אין דורכשניט אויף 20,122,000 מייל. בעטראַכטענדיג גענוי די זון זענען די געלעהרטע דערגאַנגען, אַז זי בעשטעהט פון איניגע שיכטען, וואָס זיי אונטערשיידען זיך איינע פון די אַנדערע: די איבערפלעכע בילדעט אַ בלענדענד ליכטיגע שיכט, וואָס הייסט פאָטאָספערע; זי בעשטעהט פון שווערע פליסיגע שטאָפען, וואָס בעוועגען זיך שטענדיג, ווי די כוואַליעס פון צורודערטען ים ביי אַ שטורמווינד. אויף איהר בעווייזען זיך טונקעלע שטעלען — זון־פלעקען, וואָס פערנעהמען אָפטמאָל הונדערטער־טויזענדער קוואַדראַט מייל, און וואַקסען און פערשווינדען אונגעהויער גיך; אַרום די פלעקען בעווייזען זיך בעזונדער ליכטיגע שטעלען — די, אַזוי גערופענע, „פאַקעלן", „לייכטער", וואָס פערשווינדען אָפט אַזוי גיך, ווי זיי ווערען געבאָרען אין איניגע שעה. פונקט, ווי די ערד איז אַרומגערינגעלט מיט אַ שיכט פון לופט, אַזוי איז די פאָטאָספערע אויך אַרומגערינגעלט מיט אַ ראָזפאַרביגע שיכט פון לייכטע גאַזען, וואָס האָט אין דער גרעב ביז 8000 וויאָרסט — זי הייסט חראָמאָספערע; נאָך ווייטער ציהט זיך אַ ביז 300,000 וויאָרסט ברייטע אונרעגעלמעסיגע שיכט פון זעהר דינע שטאָפען — פון העל־זילבער פאַרב — די „קרוין". די חראָמאָספרע און די קרוין לייכטען זעהר שוואַך און זיי קען מען נאָר זעהען ביי אַ פאָלשטענדיגער זונפינסטערניש, ווען די שטראַהלענדע פאָטאָספערע איז אינגאַנצען פערדעקט דורך דער לבנה. דעריבער דערוועקט יעדער פאָלשטענדיגע זונפינסטערניש אַזאַ גרויסען אינטערעס צווישען די געלעהרטע, וואָס בענוצען זיך מיט דער זעלטענער געלעגענהייט צו פאָטאָגראַפירען און אויספאָרשען די קרוין, וואָס בייט זעהר אָפט איהר לענג און פאָרם. בעטראַכטענדיג אין יאָהר 1842 די פאָלשטענדיגע לקוי־חמה, וואָס איז פאָרגעקומען אין אייראָפּא, האָבען די געלעהרטע צום ערשטען מאָל דערזעהען אַרום דעם פינסטערען קרייז פון דער לבנה, וואָס האָט בעדעקט די זון, אונערוואַרטעטע, אונרעגעמעלסיגע ראָזפאַרביגע שטרייפען, פון וועלכע מ׳האָט ביז דאַמאָלס גאָר ניט געוואוסט. דערנאָך האָט מען זי נאָך איניגע מאָל געזעהען ביי די שפּעטערדיגע זונפינסטערנישען; נאָר גענויער איז מען דערגאַנגען, וואָס דאָס איז, נאָכדעם, ווי מ׳האָט געפונען אַ מיטעל צו בעטראַכטען זיי שטענדיג אָהן פינסטערנישען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דאָס קומען פאָר אויף דער זון, אין דער טיפעניש פון דער פאָטאָספערע, אונגעהויערע אויפרייסונגען, וואָס הויבען אויף מיט אַ אונגלויבליכער שנעלקייט גראַנדיעזע סנאָפּעס פון צוגליהטע שטאָפען, וואָס צורייסען די חראָמאָספערע און דערגרייכען אָפט די הויך פון 150, אַפילו 500 טויזענד וויאָרסט. מען האָט זיי אַ נאָמען געגעבען פּראָטובעראַנסען („אַרויסשטאַרצונגען"). זיי קומען שטענדיג פאָר. אַ סך אַסטראָנאָמען פערנעהמען זיך איצט ספּעציעל מיט פאָרשען די פּראָטובעראַנסען, ווייל דורך זיי בעקומט מען אַ בעגריף פון דעם, וואָס ס׳קומט פאָר אויף דער ווייטער זון, וואָס פאַר ענדערונגען זי לעבט איבער, און דאָס גיט די מעגליכקייט צו ערקלערען, פון וואַנען זי האָט זיך גענומען און וואָס וועט זיין מיט איהר דער סוף...

אַזוי לעבט די זון, אַזוי איז געווען מיליאָנען יאָהרען צוריק, אַזוי וועט זיין נאָך מיליאָנען יאָהרען שפּעטער. און אָט די שטורמישע מאַסע פון צוגליהטע שטאָפען גיט אונז ליכטיגקייט און וואַרימקייט. ווען די זון וועט ווערען רוהיג, וועט זי ווערען טויט, און אויף אונזער ערד וועט אויך אַלץ אָבשטאַרבען אין פערגליווערט ווערען. כדי אויף דער ערד זאָל קענען וואַקסען אַ גרעזעל און פליהען אַ זומער־פייגעלע, מוזען אויף דער זון פאָרקומען גרויזאַמע אויפרייסונגען און גרייסאַרטיגע פּראָטובעראַנסען מוזען פליהען דורך די שטורמישע וועלען פון דער חראָמאָספערע. יע, כדי ס׳זאָל וואַקסען דאָס גרעזעל, אָבער נאָך אויך צוליעב דעם, אַז דער מענש זאָל קענען דענקען און בעטראַכטען די גרויסקייט פון דער נאַטור און פערשטעהן און פיהלען זיין אייגענע עקזיסטענץ...

(ענדע אין פאָלגענדער נימער.)

מ. ח. די לאַגע פון די ענגלישע קויהלען-גרעבער און די סבות פון זייער שטרייק.

די לעזער ווייסען געוויס, ווי דער שטרייק פון די ענגלישע קויהלען-גרעבער האָט זיך געענדיגט. אַ קורצער איבערבליק איבער די בעדינגונגען, אין וועלכע סלעבען די ענגלישע קויהלען-גרעבער, און איינִיגע פאַקטען פון דער געשיכטע פון זייער קאַמפף פאַר אַ בעסערע עקזיסטענץ, וועלען בעלייכטען די סבות, וואָס האָבען אַרויסגערופען דעם גראַנדיעזען שטרייק, וואָס האָט צוגעצויגען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער גאַנצער וועלט.

ביז'ן 16-טען יאָהרהונדערט האָבען מיר נאָר קאַרגע ידיעות וועגען לעבען פון די קויהלען-גרעבער. דער נאָמען קויהלען-גרעבער ווערט דערמאָנט נאָר אין די מעלדונגען וועגען קאַטאַסטראָפעס.

פון דער שפּעטערדיגער צייט דערוויסען מיר זיך, אַז פונ'ם יאָהר 1606 זענען אין אַ משך פון איבער הונדערט יאָהר די ענגלישע קויהלען-גרעבער געווען פערעכענט אַלס לייב-אייגענע פונ'ם אייגענטימער פון דער שאַכטע, וואו זיי האָבען געאַרבייט. דער אונטערנעהמער האָט געהאַט איבער זיי דאָסזעלבע רעכט, ווי אַלע פריצים איבער די פויערים אין דער צייט פונ'ם לייבאייגענטום. ער האָט זיי געקענט פערקויפען אין קויפען, בעשטראָפען מיט געלד, קאָנפיסקירען זייער האָב אין גוטס, אפילו שמייסען מיט ריטער און שמידען אין קייטען און איינשפּאַרען אין טורמע. די אַרבייטער האָבען אַפילו ניט געהאַט דאָס רעכט צו פייערען רעליגיעזע ימים-טובים אויסער דעם ערשטען טאָג וועהנאַכטען.

אָבגעשאַפט איז געוואָרען דאָס געזעץ וועגען לייבאייגענטום אין די אַרבייטער זענען ערקלערט געוואָרען אַלס פרייע לוין-אַרבייטער ערשט דאַן, ווען אָט דאָס אינסטיטוט האָט גענומען ברענגען שאָדען די אינטערנעהמער אַליין, ווייל זיי האָבען ניט געקענט געפינען גענוג אַרבייטער, כדי צו בעפריעדיגען די וואַקסענדע נאָכפראַגע אויף קויהלען.

פונ'ם 19-טען יאָהרהונדערט אָן ווערט די נאָכפראַגע אויף קויהלען זעהר גרויס, ווייל די אינדוסטריע ענטוויקעלט זיך זעהר גיך צוליעב דער ערפינדונג פון דער דאַמפף-מאַשין. די שאַכטען ווערען טיעפער און די געפאַהר ביי דער אַרבייט גרעסער. ס'טרעפען זיך אַלע ווייִלע אויפרייסונגען מיט מענשליכע קרבנות. דער פּאַרלאַמענט איז געצוואונגען צו בעשטימען קאָמיסיעס אויסצופאָרשען די סבות פון די קאַטאַסטראָפעס. אָבער די קאָמיסיעס, וואָס בעשטעהען געוועהנליך פון די פאָרשטעהער פון די הערשענדע קלאַסען, בעשילדיגען אין אַלץ די אַרבייטער אַליין. אַזוי דויערט עס ביז'ן יאָהר 1840, ווען די קאָמיסיע, וואָס דער פּאַרלאַמענט האָט ווידער אַמאָל בעשטימט, קען צוליעב דעם דרוק פון דער געזעלשאַפטליכער מיינונג קיין זאַך ניט בעהאַלטען, און גיט שרעקליכע ידיעות וועגען דער לאַגע פון די אַרבייטער און די בעדינגונגען, אין וועלכע זיי אַרבייטען. פון די בעריכטען פון אָט דער קאָמיסיע דערוויסען מיר זיך, אַז די גאַנצע פאַמיליע פונ'ם אַרבייטער מוז אַרבייטען אונטער דער ערד, כדי אונטערצוהאַלטען אַ האַלב-הונגעריגע עקזיסטענץ. די פרוי פערלאָזט די קליינע קינדער און געהט מיט די גרעסערע העלפען דעם מאַן. 7-יעהריגע קינדער אַרבייטען אויך! אַ פאַמיליע פון ביידע עלטערן און 4—3 קינדער פערדיענט קוים 3 שילינג אַ טאָג (אַ שילינג איז קנאַפּע 50 ק.). די אַרבייט איז שרעקליך שווער און רופט אַרויס קראַנקהייטען און אָפטע טויט-פעלען. דער בעריכט פון אָט דער קאָמיסיע רופט אַרויס אַ פערבאָט פרויען צו אַרבייטען טיעף אונטער דער ערד און ערלויבט ניט צו אַרבייטען יונגלעך יונגער פון 10 יאָהר. אין 1855 שיקען אַלע קויהלען-גרעבער פון גאַנץ ענגלאַנד אַ פעטיציע צום פּאַרלאַמענט צו בעשטימען 12 הויפּט-אינספעקטאָרען און איינִיגע געהילפען, וואָס זאָלען זיין געוועהלט פון די אַרבייטער, כדי צו קאָנטראָלירען די אַרבייט. אָבער דער פּאַרלאַמענט וואַרפט אָב אָט די פעטיציע. די ווייטערדיגע פאָדערונגען פון די אַרבייטער צו פערבעסערען די אַרבייטס-בעדינגונגען, וואָס ווערען אַרויסגערופען דורך די אָפטע קאַטאַסטראָפעס, בלייבען ניט בעפריעדיגט, ווייל די אונטערנעהמער הויבען געוועהנליך אויף אַ געוואַלד, אַז דער עקאָנאָמישער וואוילשטאַנד פונ'ם גאַנצען לאַנד איז אין געפאַהר.

דער פּאַרלאַמענט פערטיידיגט געוועהנליך די אינטערעסען פון די קאַפּיטאַליסטען. אַזוי דויערט עס ביז אויף היינטיגען טאָג. פאָלגענדע ציפער בעווייזען דאָס קלאָר: פון יאָהר 1851 ביז 1909 זענען אין די שאַכטען אומגעקומען 64,322 מאַן, אין יאָהר 1909 אַליין איז די צאָהל פון די אומגעקומענע 1,453. די צאָהל פון די פערוואונדעטע און פון די וואָס האָבען פערלאָרען די אַרבייטספעהיגקייט דערגרייכט די שרעקליכע ציפער 153,306. דער יאָהר 1910 איז געווען אַ שוואַרצער יאָהר. אין איהם זענען אומגעקומען 1796 קויהלען-גרעבער. מיר זעהען אַלזאָ, אַז אויך אין אונזער צייט איז די לאַגע פון די קויהלען-גרעבער ניט גאָר גלענצענד. אין ענגלאַנד זענען איצט פאַרהאַן 24 פונקטען, וואו די בעפעלקערונג בעשעפטיגט זיך אויסשליסליך מיט גראָבען קויהלען. די אַלע קויהלען-גרובען געהערען דער אַריסטאָקראַטיע, וואָס גיט זיי געוועהנליך אָב אין אַרענדע. דער אַרענדאַטאָר מוז צאָהלען ניט

בלוין די אַרענדע, גאָר אויך די אַזוי גערופענע „קעניגליכע
אָבצאָהלען“, פאַר דאָס רעכט צו עקספּלאָאַטירען די
קויהלען-גריבען. אָט די קעניגליכע אָבצאָהלען פלע-
גען אַמאָל געהן אין די קאַסעס פון דער קרוין. איצט
געהען זיי אין די קעשענעס פון די שאַכטען-אייגענ-
טימער. די הכנסה פון אָט די אָבצאָהלען בעטרעפט
6 מיליאָן פונט סטערלינג ,ד. ה. 60 מיליאָן רובל. נאַ-
טירליך, געהמט דער אַרענדאַטאָר אָט די אָבצאָה-
לונגען ניט פון זיין קעשענע, נאָר ער העכערט דעם
פּרייז פון די קויהלען.

דער אַרענדאַטאָר, אָדער דער שאַכטען-אייגענ-
טימער בויט געוועהנליך אויס פאַר די אַרבייטער וואוי-
נונגען; דאָס זענען גרויסע, שטיינערנע קאַסטענס, וואָס
זענען אַלע עהנליך איינער אויף דעם אַנדערן, ווי צווי
טראָפּען-וואַסער. ביי אָט די הייזער, וואָס שטעהען איי-
נע נעבען דעם אַנדערען זענען ניטאָ אַפילו קיין סמנים
פון אַ גערטעל. די מייסטע וואוינונגען בעשטעהען פון
2 צימערען. אָבער ס'זענען דאָ אַ סך צו איין צימער און צו
3 אויך. דאַביי זענען די צימערען זעהר קליין. קיין
וואַסערלייטונג איז אין די הייזער ניטאָ. וועגען וואַנעס
איז ניטאָ וואָס צו רעדען, דאָס איז נאָך דער מיינונג
פון די אונטערנעהמער — אַן איבעריגער לוקסוס. וואַ-
סער קומט אויס צו טראָגען פון ווייט און דעריבער
מוז מען שפּאָרען — און אַ קויהלען-אַרבייטער נויטיגט זיך
דאָך אין וואַסער, מעהר ווי אַן אַנדערער. ביי די הייזער איז
ניטאָ קיין ספּעציעלע ערטער און איינריכטונגען צו
טריקענען די קליידער. און כמעט אַלע קויהלען-גרע-
בער אַרבייטען אין וואַסער אָדער אין פייכטע שאַכ-
טען. זיי טריקענען די קליידער אין די וואוינונגען גופא
און דער גיפטיגער ריח פון זיי טראָגט זיך פאַנאַנדער
איבער דער גאַנצער שטוב און אַלע אָטעמען איהם איין.
די נויטיגסטע בעדערפניס איז, מען זאָל איינאָרדנען
בעדער ביי די קויהלען-גרובען, כדי די אַרבייטער זאָלען
גלייך פון דער שאַכטע אַריינגעהן אין באָד און אי-
בערבייטען זייערע נאַסע קליידער אויף ריינע און טרו-
קענע, וואָרום אַ סך אַרבייטער וואוינען ניט ביי די שאַכ-
טען און פאָהרען אויף די טראַמווייען און אייזענבאַה-
נען אַהיים. אַזוי אַרום קענען זיי זיך לייכט פערקיה-
לען, בעזונדערס ווינטער, אין זייערע נאַסע קליידער.

די אַרבייט אונטער דער ערד קומט פאָר ביי
שרעקליכע בעדינגונגען. די טעמפּעראַטור אַפילו אין
די בעסטע שאַכטען איז מייסטענס זעהר הויך, די
לופט איז שטיקענד און אָנגעפילט מיט קויהלען-שטויב.
ניט קוקענדיג אויף די פערפאָלקאָמטע פּאָמפּעס איז דער
באָדען פון אַ סך שאַכטען בעדעקט מיט וואַסער, וואָס
דערגרייכט אָפט ביז די קניע, פון די ווענד גיסט זיך
וואַסער, דער קויהלען-שטויב ווערט אָנגעזאַפּט מיט
פייכטקייט און שטעהט צו צום קערפּער, ווי פאַרב.

די איבריגע פינסטערניש פון די שאַכטען ווערט בעלויכ-
טען נאָר מיט זעלטענע לעמפּעלעך פון די אַרבייטער.

דער לוין איז זעהר אַ נידעריגער און איז אָבּ-
העניג פון דער שיכט, אין וועלכער ס'קומט אויס צו
אַרבייטען. אָפט טרעפט זיך, אַז דערוועלבער אַרבייטער
קען אין איין אָרט פערדינען 2½ שילינג פאַר אַ טאָנע
קויהלען און אין אַן אַנדערען 1 שילינג 2 פענס (אין אַ
שילינג זענען דאָ 12 פענס, אַ פענס איז — 4 קאָפּי-
קעס). פאָלגענדע טאַבעלע אילוסטרירט דעם געדאַנק:

שאַכטע נומער 1, שיכט נ. 1 — דער פערדיענסט
1 שילינג 8½ פענס; דיזעלבע שאַכטע שיכט נ. 2 —
2 שילינג ½ פענס; דיזעלבע שאַכטע שיכט נ. 3 —
פון 1 שילינג 2 פענס ביז 1 שילינג 4 פענס; שאַכטע
נ. 2 — 2 שילינג 6 פענס א. אַז. וו.

אָפט טרעפען זיך די אַזוי גערופענע אונגאָרמאַלע
שיכטען, וואו די קויהלען זענען אָדער זעהר האַרט,
אָדער זעהר ווייך און געמישט מיט שטיינער, דאַן
פערדיענט דער אַרבייטער געוועהנליך נאָר אַ העלפט
פון דעם, וואָס ער וואָלט געקאָנט פערדיענען אין אַ
נאָרמאַלער שיכט; אַזוי אַרום האָט ער ניט אַפילו
אויף די נויטיגסטע בעדערפניסען. אויסער דעם זענען די
בעדינגונגען פון דער אַרבייט אין פערשידענע שאַכ-
טען ניט גלייך. אין איינינע מוז דער קויהלען-גרעבער
אויך ערפילען זייטיגע אַרבייט, ווי אַוועקשטעלען זיי-
לען, כדי צו פערהיטען, ס'זאָל זיך ניט טרעפען קיין
אומגליק, אָנלייגען די קויהלען אין וועגלעך, זיי אַרויס-
פיהרען און זעהן, דער וועג זאָל זיין אין אָרדנונג. אין
אַנדערע שאַכטען קריגט ער פאַר די זייטיגע אַרבייט
בעזונדער בעצאָהלט. אויף אַזאַ אופן קומט אַמאָל אויס,
אַז דערזעלבער אַרבייטער פערדיענט 2 שילינג אַ טאָג,
אָדער 2½. דורכשניטליך אָבער פערדיענען זיי זעהר
ווייניג, איבערהויפּט דערפאַר, ווייל מייסטענס האָבען
די קויהלען-גרעבער ניט קיין פולע 6 אַרבייטס-טעג,
ד. ה. 48 שעה אַ וואָך, נאָר צוליעב סבות, וואָס זענען
ניט אָבהענגיג פון זיי, אַרבייטען זיי דורכשניטליך ניט
מעהר, ווי 36 שעה אַ וואָך, ד. ה. 4 אַ האַלב טאָג
און מיט די פערדיענסטען פון אָט די 4 אַ האַלב טאָג
דאַרף מען לעבען 7 טעג. דער לוין פון די אַרבייטער,
וואָס פיהרען אַרויס די אַרבייט, איז אויך ניט אומעטום
גלייך. אין איינינע גרובען פיהרען זיי מעהר ניט די
קויהלען, אין אַנדערע פּאַקען זיי אין די וועגעלעך; אוי-
סער דעם זענען נאָך דאָ אין די שאַכטען אַרבייטער,
וואָס רייניגען, מאַכען רעמאָנט, צינדען די לאָמפּען.
זיי בעקומען שוין גאָר ווייניג פאַר זייער אַרבייט, און
דאָס געזעץ וועגען מינימאַל-לוין איז אייגענטליך מעהר
בעשטימט פאַר זיי, ווי פאַר די איבעריגע אַרבייטער.

אין אַלגעמיין קומט אויס, אַז יעדער דערוואַקסענער
אַרבייטער פערדיענט דורכשניטליך 18 שילינג אַ וואָך,

ד. ה. ווייניגער, ווי צו 3 שילינג אַ טאָג. אַזוי ווי די פרויען-אַרבייט איז אונטער דער ערד פערבאָטען, אַרבייטען די פרויען אויף דער ערד און אויף זייער אַרבייט ווערט זעהר קאַרג בעצאָהלט. אינ'ם יאָהר 1909 האָבען אין די גרובען געאַרבייט 6 טויזענד פרויען. זייער אַרבייט האָט ניט געפּאַסט צו זייער געשלעכט און האָט זיך שלעכט אָבגערופען אויף זייער געזונד און זיטליכקייט. די אַרבייטער האָבען גענומען פאָדערען, אַז פרויען- און קינדער-אַרבייט זאָל ווערען אינגאַנצען פערבאָטען, דען דאָס וועט האָבען אַ גוטע ווירקונג אויף דעם געזונד און ענטוויקלונג פון די יונגע דורות. אויסער דעם וועלען די מינער ניט בעגעגענען די קאָנקורענץ פון דער ביליגער פרויען-אַרבייט.

איבערהויפּט איז צוזאַמען מיט'ן וואוקס פון דער אַלגעמיינער ענטוויקלונג און בעוואוסטזיניגקייט פון די אַרבייטער געוואַקסען זייער אונצופריעדענהייט מיט די עקזיסטירענדע לעבענס-בעדינגונגען, און זיי האָבען אָנגעהויבען פאָדערען אַזאַ לוין, וואָס זאָל זיי געבען די מעגליכקייט צו פיהרען אַ מענשליכען לעבען, אַזוינע וואוינונגען, וואָס זאָלען ניט שאַדען זייער געזונד און ניט בעליידיגען זייערע זיטליכע געפיהלען, אַזוינע אַרבייטס-בעדינגונגען, ביי וועלכע זייער לעבען זאָל ניט זיין יעדע מינוט אין געפאַהר. שוין מיט אַ יאָהר צוריק האָבען זיך געפיהרט אונטערהאַנדלונגען צווישען דער פעדעראַציע פון די קויהלען-גרעבער און די שאַכטען-אייגענטימער וועגען בעשטימען אַ שטענדיגען לוין פאַר די אַרבייטער, וואָס אַרבייטען אין די ניט-נאָרמאַלע שיכטען, וועגען פערגרעסערען די וואוינונגען און וועגען אָננעהמען מיטלען צו פערהיטען די אַרבייטער פון די קאַטאַסטראָפען. נאָך דער גרויסער קאַטאַסטראָפע פונ'ם יאָהר 1910, וואָס האָט אַוועקגעטראָגען אַזוי פיעל לעבענס, האָבען די אַרבייטער אַרויסגעשטעלט זייערע אונטערנעהמער 3 פאָדערונגען: 1) אָנשטאָט די איצטיגע שאַכטען-אינספּעקטאָרען ווערען בעשטימט אַנדערע, ערפאַהרענע, וואָס זענען בעקאַנט מיט דער זאַך. זיי דאַרפען ווערען בעצאָהלט פון דער רעגירונג, וואָרום אויב זיי וועלען זיין אָבהענגיג פון די אונטערנעהמער, וועלען זיי קיינמאָל ניט זאָגען דעם אמת וועגען דעם צושטאַנד פון די גרובען. 2) דאַרפען ווערען בעשטימט אינספּעקטאָרען פון די ערפאַהרענע אַרבייטער. אויף זיי ליעגט די פליכט צו בעקוקען יעדע שאַכטע, וואו ס'אַרבייטען 5000 אַרבייטער, ווייניגסטענס איין מאָל אין 3 מאָנאַטען. 3) די צאָהל פון די אינספּעקטאָרען דאַרף ווערען אַ סך פערגרעסערט, דאַביי דאַרפען זיי אָפט און אונערוואַרטעט בעזוכען די שאַכטען.

שפּעטער, אַז די אַרבייטער האָבען געזעהען, אַז צו זייערע שטימען הערט מען זיך ניט צו, האָבען זיי אַרויסגעשטעלט די פאָדערונג פון מינימאַל-לוין פאַר אַלע אַרבייטער. פאַר די דאָזיגע פאָדערונג האָבען זיי בעשלאָסען צו קעמפּפען ביז דער לעצטער מעגליכקייט.

אַלס בעסטער ענטפער אויף די טענות פון די בעלי-בתים, אַז די בעפריעדיגונג פון אָט דער פאָדערונג וועט זיי שטעלען בדלות און וועט ברענגען צו גרונד די קויהלען-אינדוסטריע, קען דיענען דער פאַקט, אַז פאַר די לעצטע 50 יאָהר האָט זיך דער סכום פון די אויסגעגראָבענע קויהלען פערגרעסערט אין 4 אַ האַלב מאָל און די צאָהל פון די אַרבייטער איז איבערגעשטיגען אַ מיליאָן. (אין ענגלאַנד זענען אינגאַנצען דאָ 22 מיליאָן מענער.).

אין יולי 1909 יאָהר האָט אָנגעהויבען ווירקען דאָס געזעץ וועגען 8-שעה'דיגען אַרבייטס-טאָג אין די גרובען. (אייגענטליך דויערט ער 9 שעה, ווייל אין איהם ווערט ניט אַריינגערעכענט די צייט, וואָס דויערט זיך אַראָבלאָזען אין די שאַכטען און אַרויפגעהן צוריק).

פון דער צייט אָן, איז 1) דער פּרייז פון יעדער טאָנע קויהלען געפאַלען אויף 10½ פּענס אין פערגלייך מיט'ן יאָהר 1908, 2) די מאָס קויהלען, וואָס מען האָט אויסגעגראָבען, איז געשטיגען אויף 2,245,000 טאָנען. דער עקספּאָרט האָט זיך פערגרעסערט אויף 731,000 טאָן. אויסער דעם האָט זיך די פּראָדוקטיוויטעט פון די קויהלען-גרובען גופא פערדאָפּעלט פאַר די לעצטע 50 יאָהר, בעזונדערס, צייט מען האָט אָנגעהויבען בענוצען מאַשינען צו האַקען קויהלען. (אין יאָהר 1908 זענען אין אַלע קויהלען-גרובען געווען 1659 מאַשינען, וואָס האָבען געגראָבען 13 מיליאָן 590 טויזענד טאָנען קויהלען אַ יאָהר). אויסערדעם האָט זיך אויך די מאָס גאַז, וואָס ווערט פּראָדוצירט פון די קויהלען, די פּערפומען און אַלערליי פאַרבען פערגרעסערט אויף פולע 60 פּראָצענט. דאָס אַלץ פערגרעסערט אין אַנ'אינערהערטער מאָס די הכנסות פון די גרובען. אַזוי האָבען אין דרום אועלס 24 קויהלען-קאָמפּאַניעס בעקומען אין אַ משך פון 10 יאָהר 17 מיליאָן 899 טויזענד פונט סטערלינג הכנסה. אַזוי ווי דער קאַפּיטאַל, וואָס זיי האָבען אַריינגעלעגט אין די גרובען, האָט בעטראָפען סך-הכל 15 מיליאָן 199 טויזענד, הייסט דאָס, אַז זיי האָבען בעקומען דעם קרן און נאָך 2 מיט דריי פערטעל מיליאָן פונט סטערלינג. אָט די 24 קאָמפּאַניעס גראָבען אויס 25 מיליאָנען טאָנען קויהלען אַ יאָהר ד. ה. אַ העלפט פון גאָר די קויהלען, וואָס מען בעקומט אין דרום אועלס, דעם גרעסטען פלאַץ פון די קויהלען-גרובען.

אין דאַרהאַם (אַ צווייטע געגענד מיט אַ סך קויהלען-גרובען) בעזיצען 7 קאָמפּאַניעס 58 קויהלען-גרובען, וואו ס'אַרבייטען 33 טויזענד אַרבייטער. זייער גרונד-קאַפּיטאַל איז בעשטאַנען אין 10 מיליאָן 762 טויזענד און האָט אין 10 יאָהר געבראַכט 11 מיליאָן 825 טויזענד פונט סט. נאָך 2 קאָמפּאַניעס האָבען

גרובען, וואו ס'אַרבייטען 30 טויזענד אַרבייטער, און וואו מען בעקומט 1 זיבעטיל פון גאָר די קויהלען אין יענער געגענד. ביי נאָך 2 קאָמפּאַניעס אין די גרובען אַרבייטען 15 טויזענד אַרבייטער, זייערע הכנסות זענען אונגעהויער גרויס.

איבערהויפּט בעמערקט זיך אין אַלע קויהלען־ראַיאָנען אַ נייגונג צו קאָנצענטרירען די קויהלען־אינדוסטריע אין די הענד פון עטליכע קויהלען־מאַגנאַטען, און אַזוי אַרום פערוואַנדלען זי אין אַ גרויסע מאָנאָפּאָל, וואָס איהר מאַכט איבער די אַרבייטער וועט זיין אונבעגרענצט. ניט קוקענדיג אויף אַזוינע גרויסע הכנסות ווילען די אונטערנעהמער בשום אופן ניט אָנערקענען די גערעכטע פאָדערונגען פון די אַרבייטער. און ס'האָט געמוזט דערגעהן צו דעם סטרייק, וואָס איז געווען איינע פון די זעלטענסטע ערשיינונגען אין דער געשיכטע פונ'ם סאָציאַלען קאַמפּף. לאַנג האָבען זיך די קויהלען־גרעבער געגרייט צו דעם דאָזיגען סטרייק. צו שטאַרק און אָרגאַנזירט איז זייער געגנער, נאָר אַנ'אָבשטימינג צווישען די אַרבייטער האָט בעשלאָסען דעם סטרייק, און אָט די לאַנגע צוגרייטונג, דאָס אָבוואַרטען, די פערצויגענע אונטערהאַנדלונגען מיט די אונטערנעהמער האָבען געבראַכט דערצו, אַז ס'איז אָבגעשוואַכט געוואָרען די ספּעציעלע מאַכט, וואָס אַזאַ סטרייק האָט געקענט האָבען, ד. ה. די פּאַראַליזירונג פון דער אינדוסטריע פון דעם גאַנצען לאַנד. אַז די אונטערנעהמער, אַז די בעשטעלער (פאַבריקען, אײַזענבאַהנען א. אז. וו.), האָבען זיך בייציטענס אָנגעגרייט אַ גוטען זאַפּאַס קויהלען און דער סטרייק האָט זיך געמוזט לאַנג ציהען ביז דאָס לאַנד האָט אָנגעהויבען פיהלען אַנ'אמת'ען קויהלען־הונגער. די אײַזענבאַהנען האָבען זיך אַזוי איינגעאָרדענט, אַז זיי האָבען אָנגעהויבען צו פערקלענערען די צאָהל פון די צירקולירענדע צוגען פון ערשטען טאָג אָן, און זענען דערגאַנגען ביז אַזאַ מינימום, וואָס האָט דאָך געקענט בעפריעדיגען די בעדערפניסען פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט. ס'פערשטעהט זיך, אַז פריהער פאַר אַלץ איז אויסגעקומען צו ליידען פון דער בעגרענצטער בעוועגונג דער אָרעמער בעפעלקערונג (אַזוי האָבען, למשל, געליטען די אַרבייטער, וואָס וואוינען אין די פאָרשטעדטלעך, דערפון, וואָס מען האָט אָבגעשאַפט די צוגען, וואָס פיהרען אין די פאַבריקען). אויך די זאַוואָדען און פאַבריקען האָבען זיך ניט אַזוי גיך צוגעמאַכט, ווי מ'האָט ערוואַרט. אָט די צוגעגרייטקייט צום קאַמפּף פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרגאַניזאַציע האָט געצוואונגען די אַרבייטער פאַרנאַנדערצוּוויקלען אַ קאָלאָסאַלע מאַכט און אָנצווענדען אונערהערטע קאַמפּף־מיטלען. זיי האָבען געמוזט פערציהען דעם סטרייק וואָס לענגער און ערשט דאַן, בעת די גאַנצע נאַציאָן האָט איהם אָנגעהויבען פיהלען, בעת ער איז געווען נאָהענט צו ווערען אַ נאַציאָנאַל־אומגליק, האָט דאָס בורזשואַזע מיניסטעריום זיך ענטשלאָסען אַריינצוטראָגען דעם מינימאַל־געזעץ אין פּאַרלאַמענט און די בורזשואַזע דעפּוטאַטען האָבען זיך ענטשלאָסען איהם אָנצונעהמען. וועגען דער בעדייטונג פונ'ם מינימאַל־געזעץ וועלען די לעזער געפינען אין אונזער זשורנאַל אַ בעזונדער אַרטיקעל. מיר ווילען דאָ מעהר ניט אָנמערקען, אַז די אונטערנעהמער האָבען גלייך אין אָנהויב פונ'ם סטרייק בעקומען אַ גרויסען ריוח. די פּרייזען פון די קויהלען האָבען גענומען שטייגען נאָך אין מאָנאַט אויגוסט, ווען ס'האָבען זיך ערשט אָנגעהויבען די אונטערהאַנדלונגען צווישען די אונטערנעהמער מיט די אַרבייטער, און ס'האָבען גענומען צירקולירען קלאַנגען וועגען דער מעגליכקייט פון אַ סטרייק. אַ טאָנע קויהלען, וואָס האָט אין 1909 געקאָסט 8 שילינג $\frac{3}{4}$ פּענס, האָט אין יאַנואַר 1912 געקאָסט אין דער פּראָווינץ 17 שילינג, אין לאָנדאָן — אין אויגוסט 1910 — 17 שילינג און אין מערץ 1912 33 שילינג. אַזוי אַרום האָבען די שאַכטען־אייגענטימער און די קויהלען־הענדלער אַריינגעלעגט אין זייערע קעשענעס 6 מיליאָן פונט סטערלינג עקסטראַ־ריוח.

≠ ≠ ≠ ≠ ≠ ≠ ≠ ≠

פּראָפעסאָר סאַבאַליעוו.

די סאָציאַלע פּערספּעקטיווען פונ'ם ענגלישען געזעץ וועגען מינימאַל־לוין.

דער ענגלישער פּאַרלאַמענט האָט אָנגענומען דאָס געזעץ וועגען מינימאַל־לוין פאַר די קויהלען־אַרבייטער. דאָס איז אַ היסטאָרישע ערשיינונג, וואָס איהר סאָציאַל־עקאָנאָמישע בעדייטונג איז ניט אָבצושאַצען. אין אַ משך פון 6 וואָכען האָט די גאַנצע וועלט מיט דעם גרעסטען אינטערעס צוגעזעהען דעם גאַנצען גאַנג פונ'ם קאַמפּף פון די ענגלישע קויהלען־גרעבער פאַר זייער גערעכטער פאָדערונג. רוהיג זענען געשטאַנען צוויי מעכטיגע לאַגערן איינער געגען צווייטען: פון איין זייט די אַל־ענגלישע אָרגאַניזאַציע פון די קויהלען־מאַגנאַטען, מיט זייער בעשלוס פאַר קיין פאַל ניט נאָכצוגעבען די אַרבייטער, מיט זייערע רייכע קאַסעס און דער שטיצע פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, בורזשואַזער פּרעסע און פון דער רעגירונג, וועלכע געפינט זיך אונטער זייער איינפלוס; פון אַנדער זייט די גרויסע מיליאָנען־אַרמיי פון די קויהלען־גרעבער, מיט זייער מוסטערהאַפטער אָרגאַניזאַציע, מיט דער מערקווירדיגער אחדות און אויסגעהאַלטענקייט אינ'ם קאַמפּף, מיט גאַנץ רייכע קאַסעס, וועלכע האָבען אין אָנהויב פון סטרייק פערמאָגט 54 מיליאָן רובל, מיט דער שטיצע ניט נאָר

פונ'ם גאַנצען ענגלישען אַרבייטער-קלאַס, נאָר פונ'ם פּראָלעטאַריאַט פון דער גאַנצער וועלט. דער סטרייק איז געווען אַ וואונדערבאַרע דעמאָנסטראַציע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט פונ'ם אַרבייטער-קלאַס. די לעזער דערמאָהנען זיך מסתמא די רעזאָלוציעס פון די ענגלישע אייזענבאַהן-אַרבייטער ניט אַריינצופיהרען קיין קויהלען פון אַנדערע לענדער, די מיטגעפיהל-גרוסען און צוזאָגען שטיצע פון די אַרבייטער פון פראַנקרייך, דייטשלאַנד, בעלגיען א. אז. וו.

לאַנג האָט זיך געצויגען דער סטרייק, די אַרבייטער זענען געוואָרען מיעד, די פעראיין-קאַסעס פוסט און הונגער איז געוואָרען אַן'אָפטער גאַסט אין זייערע הייזער. די גאַנצע נאַציאָן האָט גענומען שטאַרק פיהלען די פאָלגען פונ'ם קויהלען-סטרייק. ס'איז געקומען די געפאַהר פון אַ נאַציאָנאַל-אומגליק. דאַן האָט דער מיניסטער אַריינגעטראָגען דעם געזעץ וועגען מינימאַל-לוין און דער פּאַרלאַמענט האָט איהם אָנגענומען.

לויט אָט דעם געזעץ ווערט גאַנץ ענגלאַנד צעטיילט אויף 21 קרייזען. יעדער קרייז וועהלט אויס אַ קאָמיסיע וואָס בעשטעהט פון אַ גלייכער צאָהל פאָרשטעהער פון די אונטערנעהמער און אַרבייטער אין פון אַ פאָרזיצענדען, וועלכען ס'קלייבט אויס די קאָמיסיע אָדער ס'בעשטימט די רעגירונג. אָט די קאָמיסיע אַרבייט אויס נאָרמען פונ'ם מינימאַל-לוין, פאַר אַלע אַרבייטער, וואָס אַרבייטען אונטער דער ערד, וועלכען זי האָט רעכט מיט דער צייט אומצוענדערן. דער מינימאַל-לוין איז אָבליגאַטאָריש פאַר די אונטערנעהמער און אַרבייטער פונ'ם בעשטימטען קרייז. דאָס געזעץ ווערט דערווייל איינגעפיהרט מעהר ניט אויף 3 יאָהר.

דאָס מאָדערנע עקאָנאָמישע לעבען האָט שוין ניט איינמאָל געבראַכט דערצו, אַז די מלוכה נעהמט אָנטייל אין דער בעשטימונג פונ'ם אַרבייטס-לוין. בעזונדערס קאָנזעקווענט איז אָט דער אָנטייל פון דער מלוכה אין די קאָלאָניעס פון אויסטראַליען. שוין אינ'ם יאָהר 1896 איז אין דער קאָלאָניע וויקטאָריאַ אַרויסגעגעבען געוואָרען אַ געזעץ, לויט וועלכען ס'זענען בעשטימט געוואָרען בעזונדערע קאָמיסיעס אויסצואַרבייטען דעם מינימאַל-לוין פאַר די קליידער-מעבעל און ברויט-אַרבייטער.

אין יאָהר 1900 בעפאָלמעכטיגט דאָס געזעץ די אָרטיגע גובערנאַטאָרען צו גרינדען קאָמיסיעס אויף אויסצואַרבייטען נאָרמען פון מינימאַל-לוין אויך אין אַנדערע פּראָדוקציאָנס-צווייגען. און אין יאָהר 1910 האָבען שוין דאָרט עקזיסטירט 59 אַזוינע קאָמיסיעס, וואָס האָבען פעסטגעזעצט דעם מינימאַל-לוין פאַר די אַרבייטער פון קאַרעטען, פאַר די גאַרבער, שטיינהאַקער, גראַווירער, שפּיגעל-מאַכער, דרוקער, שוסטער, האָלץ-אַרבייטער, גלעזער, גומע-אַרבייטער א. אַז. וו. אין אַלגעמיין איז די רעגולירונג פונ'ם לוין דורכגעפיהרט ביי 67 טויזענד אַרבייטער. אינגאַנצען איז אין דער קאָלאָניע דאָ 90 טויזענד אַרבייטער.

אין דרום-אויסטראַליען זענען אויך איינגעפיהרט געוואָרען ענליכע געזעצען. דאָרט איז אָנגענומען דער פּרינציפּ, אַז ווייניגער פאַר 4 שילינג (אַ שילינג איז 50 קאָפּ.) אַ טאָג דאַרף קיין אַרבייטער ניט פערדיענען.

אין ניי-זעעלאַנד איז אין 1901 און 1902 דורכגעפיהרט געוואָרען אַ געזעץ, לויט וועלכען אַ לעהרען-יונגעל דאַרף בעקומען 5 שילינג אַ וואָך דעם ערשטען יאָהר אין יעדען קומענדען יאָהר דאַרף הער לוין געהעכערט ווערען אויף 3 שילינג אַ וואָך. אין יאָהר 1905 איז בעשטימט געוואָרען אַ מינימאַל-לוין פון 17 שילינג אַ וואָך פאַר אַרבייטער, וואָס זענען ניט עלטער פון 20 יאָהר און 20 שילינג — פאַר עלטערע.

די לייכטקייט, מיט וועלכער ס'האָט זיך איינגעגעבען דורכצופיהרען די בעטייליגונג פון דער מלוכה אין דער פעסטשטעלונג פונ'ם מינימאַל-לוין אין אויסטראַליען, ערקלערט זיך דערמיט, וואָס 1) איז די אויסטראַלישע אינדוסטריע דורך די הויכע אָבצאָהלען פערהיט פון דער אויסלענדישער קאָנקורענץ, 2) איז דער אַרבייטער-קלאַס דאָרט ניט גרויס אין צאָהל. פונדעסטוועגען האָבען די נייע געזעצען בעגעגענט אַ שטאַרקען ווידערשטאַנד פון די אונטערנעהמער, וואָס האָבען אויף אַלערליי אופנים געזוכט צו ברעכען דעם געזעץ. אַזוי פלעגען, למשל, די אונטערנעהמער פון פאַרטיגע קליידער איינאָרדנען אַ פיקטיווען מסחר, דערביי פלעגען זיי פערקויפען די אַרבייטער צוגעשניטענע סחורה און דערנאָך אָבקויפען ביי זיי אויפגענייטע קליידער. אַנדערע פלעגען אין געהיים פאָדערען, מען זאָל אָבגעבען צוריק אַ טייל פון די שכירות. ווידער אַנדערע פלעגען פערדינגען די אַרבייטער דירות פאַר זעהר אַ הויכען פּרייז א. א. וו. די פאַבריק-אינספּעקציע פלעגט פיהרען אַן'ענערגישען קאַמפף מיט אָט די אונגעזעצליכע מעשים פון די אונטערנעהמער. זי פלעגט זיי אָפט פערקלאָגען אין געריכט און דאָס געריכט האָט געהאַט דאָס רעכט אַרויסצולעגען אַ געלד-שטראָף פון 5 ביז 100 פונט סטערלינג. סוף כל סוף האָבען זיך די אונטערנעהמער אונטערגעוואָרפען דעם געזעץ, און איצט ווילען זיי זיך שוין אַליין ניט אומקעהרען צו די פריהערדיגע בעדינגונגען פון אַרבייטס-לוין.

אַזוי ווי די מינימאַל-געזעצען האָבען געבראַכט דערצו, אַז די אונטערנעהמער האָבען אויפגעהערט צו דינגען עלטערע אָדער ניט-ספּעציאַליזירטע אַרבייטער, וועלכע זענען אויף אַזאַ'אופן געווען פערורטיילט צו

אַנ'אייביגער אַרבייטסלאָזינקייט, האָט דאָס אויסטראַלישע געזעץ געמוזט בעשטימען אַ קלענערען מינימום פאַר אַזוינע אַרבייטער.

אין אייראָפּא זענען די ערשטע שריט אין דער פעסטשטעלונג פון אַ מינימאַל-לוין געמאַכט געוואָרען אין דעם געביעט פון פּאָדריאַדען און ליפעראַנטען, וואָס אַרבייטען ביי דער רעגירונג אָדער מוניציפּאַליטעטען. אין ענגלאַנד עקזיסטירט כמעט אין אַלע מיניסטעריומס דאָס געזעץ, לויט וועלכען יעדעס מיניסטעריום רעדט איים אין קאָנטראַקט, וואָס עס מאַכט מיט די פּאָדריאַדטשיקעס, אַז זיי זאָלען צאָהלען זייערע אַרבייטער לויט די נאָרמען, וואָס זענען פעסטגעשטעלט געוואָרען אין די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען. אויך די שטאָדט- און דאָרף-פערוואַלטונגען פיהרען דורך אָט דעם פּונקט ביים אָבגעבען זייערע אַרבייט אַנ'איינצעלנעם סוחר.

אין פראַנקרייך זענען אין יאָהר 1899 אַרויסגעגעבען געוואָרען 3 דעקרעטען, לויט וועלכע די מלוכה-אַנשטאַלטען זענען פערפליכטעט, די דעפּאַרטאַמענט-געמיינדעס און געזעלשאַפטליכע איינריכטונגען אָבער ווערט זעהר שטאַרק רעקאָמענדירט אַריינצושטעלען אין די קאָנטראַקטען מיט די סוחרים אַ פּונקט, וואָס זאָל פערזיכערען די אַרבייטער אַ לוין, וואָס זאָל ענטשפּרעכען די נאָרמען, וועלכע עקזיסטירען אין דעם אינדוסטריע-צווייג, וואו זיי אַרבייטען. אין יאָהר 1903 האָבען שוין 50 דעפּאַרטאַמענטען ערפילט אָט די פאָדערונג. אויך אין בעלגיען און אין קאַנאַדאַ איז אין 1896 יאָהר איינגעפיהרט געוואָרען אַזאַ געזעץ, וואָס חאַפּט אַרום אַלץ מעהר און מעהר שטעדט און שטעדטלעך. אין קאַנאַדאַ איז אַפילו דאָ אַ בעזונדער בעאַמטער, וואָס איז פערפליכטעט צו בעשטימען די נאָרמע פון אַזאַ „גערעכטען" לוין, ווי מען רופט דאָס.

אַנ'ענטשלאָסענערען שריט אין אָט דעם געביעט האָט געמאַכט ענגלאַנד אינ'ם יאָהר 1909, ווען ס'איז אין פּאַרלאַמענט אָנגענומען געוואָרען דער געזעץ וועגען מינימאַל-לוין אין אַ גאַנצער רייה פון דער גרויסער הויז-אינדוסטריע. דער געזעץ איז גילטיג פאַר די בראַנזשעס פון קליידער און וועש, פון שפּיצען, קאַרטאָן-אַרבייט און קייטלעך-אַרבייט.

פאַר יעדער בראַנזשע ווערט בעשטימט אַ אינדוסטריעלער ראַט, וואָס בעשטעהט פון אויסגעוועהלטע פאָרשטעהער פון די אַרבייטער און אונטערנעהמער און איינינע רעגירונגס-מיטגליעדער. די צאָהל פון די מיטגליעדער פון אַזאַ ראַט דערגרייכט פון 35 ביז 37. אויב דער ווירקונגס-ראַיאָן איז צו גרויס, האָט דער ראַט דאָס רעכט צו עפענען אָבטיילונגען. אָט די ראַטען זענען פערפליכטעט אויסצואַרבייטען נאָרמען פון מינימאַל-לוין פאַר די וואָך- און שטיק-אַרבייטער. פאַר ניט פאָלגען אָט דעם געזעץ ווערען אַרויפגעלעגט געלד-שטראָפען. כדי צו קאָנטראָלירען אויף וויפיעל דער געזעץ ווערט ערפילט, האָבען די ראַט-מיטגליעדער דאָס איינטריטס-רעכט אין די וואַרשטאַטען און געשעפטען, זיי קענען אויך שטעלען צום פערהער די אַרבייטער און אונטערנעהמער און קאָנטראָלירען די האַנדעלס-ביכער. אין אַ יאָהר אַרום, ווי דאָס געזעץ איז געוואָרען גילטיג, האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז אונטער זיין ווירקונג שטעהען 250 טויזענד קליידער- און וועש-אַרבייטער, 50 טויזענד קאַרטאָן-אַרבייטער און 10 טויזענד שפּיצען- און קייטלעך-אַרבייטער. די מינימאַל-נאָרמען, וואָס זענען נאָך איצט אויך ניט זעהר הויך, האָבען פונדעסטוועגען פערגרעסערט דעם וועכענטליכען פערדיענסט פון די אַלע אַרבייטער אויף 60—70 פּראָצ.

אויך אין פראַנקרייך פּראָיעקטירט זיך אַזאַ געזעץ פאַר די אַרבייטער פון קליידער, וועש, הייט, שיך און אַנדערע קליידונגס-זאַכען, און דער מיניסטאָרען-ראַט האָט שוין געגעבען זיין איינשטימונג צו אַזאַ געזעץ.

אָבער ערשט דורך דעם געזעץ פונ'ם מינימאַל-לוין פאַר די קוילען-גרעבער ווערט די פראַגע וועגען דער רעגולירונג פונ'ם אַרבייטס-לוין דורך דער מלוכה אַוועקגעשטעלט אויף אַ ברייטען סאָציאַלען באָדען. דער געזעץ איז גילטיג כמעט פאַר אַ מיליאָן אַרבייטער, וואָס זענען פערנומען אין איינעם פון די גרעסטע אינדוסטריע-צווייגען, און ער קען דיענען פאַר אַ פאָרשפּיעל צו אַ רייהע עהנליכע געזעצען אויך אין אַנדערע אינדוסטריען. דעריבער האָבען אויך פּראָטעסטירט געגען דעם געזעץ די אונטערנעהמער פון אַנדערע בראַנזשעס, ווי פון שטאָל-גיסערייען, פּאַפּיער-פאַבריקען, שיפבוי-אַנשטאַלטען א. אַז. וו. אויך פון דעם פּאַרלאַמענטאַרישען אונטערנעהמער-ראַט.

אין וואָס בעשטעהט אַלזאָ די פּרינציפּיעלע בעדייטונג פון ענגלישען געזעץ וועגען מינימאַל-לוין? די קלאַסישע שול פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, בעזונדערס איהרע נאָכפאָלגער פונ'ם 2-טען פערטעל 19-טען יאָהרהונדערט, וועלכע זענען בעוואוסט אונטער דעם נאָמען „מאַנטשעסטערער" און וועלכע האָבען אויסגעדריקט און פערטרעטען די אינטערעסען און אַנזיכטען פונ'ם קאַפּיטאַליסטישען קלאַס, האָבען געפּרעדיגט, אַז די מלוכה מוז בלייבען נייטראַל און טאָר זיך ניט אַריינמישען אין די אָבמאַכען צווישען די אונטערנעהמער און זייערע אַרבייטער. זיי האָבען פערזיכערט, אַז די אונבעגרענצטע פרייהייט פון די דאָזיגע אָבמאַכען וועט שוין פון זיך אַליין, אַראַנק דעם פּראָצעס פון דער האַנדעלס-קאָנקורענץ, ברענגען די בעסטע רע-

זאָלטאַטען פאַר ביידע זייטען. נאָך זייער מיינונג זעגען די אונטערנעהמער צוליעב דער אייביגער קאָנקורענץ, וואָס הערשט אין זייערע רייהען, שטענדיג געצוואונגען אויף אַזוי פיעל נאָכצוגעבען זייערע אַרבייטער, אויף וויפיעל דאָס פאָדערען די בעדינגונגען פון דער פאָלקס-ווירטשאַפט. דעריבער האָבען זיי ניט אָנגערקענט דעם צוואַנג פון דער מלוכה, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דער פאָרם פון פאַבריק-געזעצגעבונג. ניט קוקענדיג, וואָס די מיינונג פון דער מאַנטשעסטער-שולע איז געווען די הערשענדע, האָט דער אַרבייטער-קלאַס פון אַלע קולטורעלע לענדער אין פערלויף פונ'ם 19-טען יאָהרהונדערט זיך דערשלאָגען גרויסע רעזולטאַטען אינ'ם געביעט פון דער פאַבריק-געזעצגעבונג. פונ'ם יאָהר 1802 אָן, ווען אין ענגלאַנד איז דורכ'ן געזעץ פעסטגעשטעלט געוואָרען אַ מאַקסימאַלער 12-שעה'דיגער אַרבייטסטאָג פאַר קינדער און ס'איז פערבאָטען געוואָרען די נאַכט-אַרבייט, ביז צו ענדע פונ'ם יאָהרהונדערט זענען אָט די איינצעלנע צופעליגע געזעצען פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ קאָנזעקווענטע, זעלבסשטענדיגע סיסטעם, וואָס האָט רעגלאַמענטירט אַלע געביעטען פון דער פאַבריק-אַרבייט. אין אונזער צייט האָט די פאַבריק-געזעצגעבונג נאָרמירט, אין וועלכען עלטער קינדער ווערען צוגעלאָזען צו דער פאַבריק-אַרבייט, די לענג פונ'ם אַרבייטס-טאָג ביי פערשיעדענע קאַטעגאָריעס אַרבייטער, די זונטאָגס-רוה, די נאַכט-אַרבייט, די סאַניטאַרע אַרבייטס-בעדינגונגען און די פערזיכערונג פון די אַרבייטער אין פאַל פון אַ קראַנקהייט, פון אומגליקען, און אַרבייטס-אונפעהיגקייט.

נאָר ביז דער לעצטער צייט האָט זיך אָט די געזעצגעבונג ניט געפרובט פעסטצושטעלען דעם אַרבייטס-לוין. אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט האָט געהערשט די מיינונג, אַז דער אַרבייטס-לוין איז אַ טייל פון די פּראָדוקציאָנס-הוצאות, וואָס דער אונטערנעהמער מאַכט. און ער האָט זעלבסטפערשטענדליך דאָס רעכט אַליין צו בעשטימען די גרויס פון זיינע הוצאות. אַדאַנק אָט דער מיינונג איז צווישען די אונטערנעהמער שטאַרק פערשפּרייט די איבערצייגונג, אַז ווען זיי העכערען דעם לוין פון זייערע אַרבייטער, פערגרעסערען זיי די פּראָדוקציאָנס-הוצאות, ד. ה. זיי מוזען אויך העכערען דעם פּרייז פון די סחורות.

אָבער די מאָדערנע עקאָנאָמיסטען האָבען בעוויזען, אַז דער אַרבייטס-לוין שטעלט מיט זיך פאָר — אַ טייל פונ'ם ריינעם ריוח, וואָס די געזעלשאַפט בעקומט, און די גרויס פון אָט דעם לוין איז אָבהענגיג פון די בעדינגונגען פונ'ם עקאָנאָמישען קאַמפּף, וואָס די אָנטיילנעהמער פון דער פּראָדוקציאָן פיהרען. וואָס העכער עס שטייגט דער אַרבייטס-לוין, אַלץ קלענער ווערט דער ריינער ריוח פון די קאַפּיטאַליסטען און פערקעהרט. ביז איצט האָבען זיך די אַרבייטער דערשלאָגען אַ גרעסערען אַרבייטס-לוין מיט דער הילף פון די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען, פריעדליכע אונטערהאַנדלונגען און סטרייקען. אָבער די פּראָפעסיאָנעלע בעוועגונג איז געקומען צום בעשלוס, אַז יעדער אַרבייטער דאַרף בעקומען אַ לוין, וואָס זאָל איהם לאָזען פיהרען אַ מענשליך לעבען. דעריבער האָבען די טרעד-יוניאָנס געשטרעבט אין זייערע אינטערהאַנדלונגען מיט די אונטערנעהמער צו דערגרייכען אַזאַ לוין, וואָס זאָל בעפריעדיגען די בעדערפנישען פון אַ אָנשטענדיגען לעבען. אָבער ס'איז אַ גרויסער אונטערשייד, אויב מען דערשלאָגט זיך אַזאַ נאָרמע דורך פריעדליכע אונטערהאַנדלונגען און דורכ'ן פּראָפעסיאָנעלען קאַמפּף, אָדער זי ווערט בעשיצט דורכ'ן צוואַנג פון דער מלוכה. מיט דעם געזעץ פונ'ם יאָהר 1912 האָט ענגלאַנד צום ערשטען מאָל סאַנקציאָנירט דאָס רעכט פון דער מלוכה צו בעשטימען פאַר די אַרבייטער אַ פערדיענסט, וואָס זאָל ניט זיין נידעריגער פון אַ בעשטימטער מאָס. די מלוכה רעכענט זיך ניט דערמיט, וואָס פאַר אַן אַלגעמיינעם ריוח די אונטערנעהמונג ברענגט, און צווינגט איהר אַלענפאַלס צו געבען דעם אַרבייטער אַזאַ לוין, וואָס זאָל קלעקען אויף צו בעפריעדיגען די נויטיגסטע בעדערפנישען. דורך דעם, וואָס די מלוכה האָט פאָראויס בעשטימט דעם מינימאַלען לוין פונ'ם אַרבייטער, נויט זי דעם אונטערנעהמער זיך אָבצוזאָגען פון אַ טייל פון זיין הכנסה.

אמת, דאָס געזעץ ווערט דערווייל איינגעפיהרט בלויז אַלס פּראָבע, מעהר ניט אויף 3 יאָהר, און זיין רעדאַקציע האָט דעם חסרון, וואָס ער לאָזט איבער די פעסטשטעלונג פונ'ם מינימאַל-לוין פאַר די אָרטיגע קאָמיסיעס. אָבער דאָ איז וויכטיג דער ערשטער שריט, נאָך וועלכען ס'וועט אָהן אַ צווייפעל, געהן די ווייטערע ענטוויקלונג פונ'ם נייען פּרינציפּ.

אויף אַזאַ אופן געפינען מיר אינ'ם ענגלישען געזעץ פונ'ם יאָהר 1912 די אָנערקענונג, דורך די היינטיגע מלוכה, אַז די אַרבייטער האָבען רעכט אויף אַזאַ פערדיענסט, וואָס זאָל בעפריעדיגען זייערע עלעמענטאַרע בעדערפנישען, ד. ה. מיר בעקימען דעם אָנפאַנג פונ'ם אַקטיווען אַריינמישען זיך פון דער מלוכה אינ'ם עקאָנאָמישען פּראָצעס פון דער ריוח-איינטיילונג אין דער געזעלשאַפט.

דערמיט עפענט זיך אָהן אַ צווייפעל אַ נייע עפּאָכע אין דער סאָציאַלער געזעצגעבונג.

אַנ'אייביגער אַרבייטסלאָזינקייט, האָט דאָס אויסטראַלישע געזעץ נעמוזט בעשטימען אַ קלענערען מינימום פאַר אַזויגע אַרבייטער.

אין אייראָפּא זענען די ערשטע שריט אין דער פעסטשטעלונג פון אַ מינימאַל-לוין געמאַכט געוואָרען אין דעם געביעט פון פּאָדריאַדען און ליפעראַנטען, וואָס אַרבייטען ביי דער רעגירונג אָדער מוניציפּאַליטעטען. אין ענגלאַנד עקזיסטירט כמעט אין אַלע מיניסטעריומס דאָס געזעץ, לויט וועלכען יעדעס מיניסטעריום רעדט איים אין קאָנטראַקט, וואָס עס מאַכט מיט די פּאָדריאַדטשיקעס, אַז זיי זאָלען צאָהלען זייערע אַרבייטער לויט די נאָרמען, וואָס זענען פעסטגעשטעלט געוואָרען אין די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען. אויך די שטאָדט- און דאָרף-פערוואַלטונגען פיהרען דורך אָט דעם פונקט ביים אָבגעבען זייערע אַרבייט אַנ'איינצעלנעם סוחר.

אין פראַנקרייך זענען אין יאָהר 1899 אַרויסגעגעבען געוואָרען 3 דעקרעטען, לויט וועלכע די מלוכה-אַנשטאַלטען זענען פערפּליכטעט, די דעפּאַרטאַמענט-געמיינדעס און געזעלשאַפטליכע איינריכטונגען אָבער ווערט זעהר שטאַרק רעקאָמענדירט אַריינצושטעלען אין די קאָנטראַקטען מיט די סוחרים אַ פונקט, וואָס זאָל פערזיכערען די אַרבייטער אַ לוין, וואָס זאָל ענטשפּרעכען די נאָרמען, וועלכע עקזיסטירען אין דעם אינדוסטריע-צווייג, וואו זיי אַרבייטען. אין יאָהר 1903 האָבען שוין 50 דעפּאַרטאַמענטען ערפילט אָט די פאָדערונג. אויך אין בעלגיען און אין קאַנאַדא איז אין יאָהר 1896 איינגעפיהרט געוואָרען אַזאַ געזעץ, וואָס חאַפּט אַרום אַלץ מעהר און מעהר שטעדט און שטעדטלעך. אין קאַנאַדא איז אַפילו דאָ אַ בעזונדער בעאַמטער, וואָס איז פערפּליכטעט צו בעשטימען די נאָרמע פון אַזאַ „גערעכטען“ לוין, ווי מען רופט דאָס.

אַנ'ענטשלאָסענערען שריט אין אָט דעם געביעט האָט געמאַכט ענגלאַנד אינ'ם יאָהר 1909, ווען ס'איז אין פּאַרלאַמענט אָנגענומען געוואָרען דער געזעץ וועגען מינימאַל-לוין אין אַ גאַנצער רייה פון דער גרויסער הויז-אינדוסטריע. דער געזעץ איז גילטיג פאַר די בראַנזשעס פון קליידער און וועש, פון שפּיצען, קאַרטאָן-אַרבייט און קייטלעך-אַרבייט.

פאַר יעדער בראַנזשע ווערט בעשטימט אַ אינדוסטריעלער ראַט, וואָס בעשטעהט פון אויסגעוועהלטע פאָרשטעהער פון די אַרבייטער און אונטערנעהמער און אייניגע רעגירונגס-מיטגליעדער. די צאָהל פון די מיטגליעדער פון אַזאַ ראַט דערגרייכט פון 35 ביז 37. אויב דער ווירקונגס-ראַיאָן איז צו גרויס, האָט דער ראַט דאָס רעכט צו עפענען אָבטיילונגען. אָט די ראַטען זענען פערפּליכטעט אויסצואַרבייטען נאָרמען פון מינימאַל-לוין פאַר די וואָך- און שטיק-אַרבייטער. פאַר ניט פאָלגען אָט דעם געזעץ ווערען אַרויפגעלעגט געלד-שטראָפען. כדי צו קאָנטראָלירען אויף וויפיעל דער געזעץ ווערט ערפילט, האָבען די ראַט-מיטגליעדער דאָס איינטריטס-רעכט אין די ווארשטאַטען און געשעפטען, זיי קענען אויך שטעלען צום פעהרער די אַרבייטער און אונטערנעהמער און קאָנטראָלירען די האַנדעלס-ביכער. אין אַ יאָהר אַרום, ווי דאָס געזעץ איז געוואָרען גילטיג, האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז אונטער זיין ווירקונג שטעהען 250 טויזענד קליידער- און וועש-אַרבייטער, 50 טויזענד קאַרטאָן-אַרבייטער און 10 טויזענד שפּיצען- און קייטלעך-אַרבייטער. די מינימאַל-נאָרמען, וואָס זענען נאָך איצט אויך ניט זעהר הויך, האָבען פונדעסטוועגען פערגרעסערט דעם וועכענטליכען פערדיענסט פון די אַלע אַרבייטער אויף 60—70 פּראָצ.

אויך אין פראַנקרייך פּראָיעקטירט זיך אַזאַ געזעץ פאַר די אַרבייטער פון קליידער, וועש, היט, שיך און אַנדערע קליידונגס-זאַכען, און דער מיניסטאָרען-ראַט האָט שוין געגעבען זיין איינשטימונג צו אַזאַ געזעץ.

אָבער ערשט דורך דעם געזעץ פונ'ם מינימאַל-לוין פאַר די קוילען-גרעבער ווערט די פראַגע וועגען דער רעגולירונג פונ'ם אַרבייטס-לוין דורך דער מלוכה אַוועקגעשטעלט אויף אַ בריטען סאָציאַלען באָדען. דער געזעץ איז גילטיג כמעט פאַר אַ מיליאָן אַרבייטער, וואָס זענען פערנומען אין איינעם פון די גרעסטע אינדוסטריע-צווייגען, און ער קען דיענען פאַר אַ פאָרשפּיעל צו אַ רייהע עהנליכע געזעצען אויך אין אַנדערע אינדוסטריען. דעריבער האָבען אויך פּראָטעסטירט געגען דעם געזעץ די אונטערנעהמער פון אַנדערע בראַנזשעס, ווי פון שטאָל-גיסערייען, פּאַפּיער-פאַבריקען, שיפבוי-אַנשטאַלטען א. אז. וו. אויך פון דעם פּאַרלאַמענטאַרישען אונטערנעהמער-ראַט.

אין וואָס בעשטעהט אַלזאָ די פּרינציפּיעלע בעדייטונג פון ענגלישען געזעץ וועגען מינימאַל-לוין? די קלאַסישע שול פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, בעזונדערס איהרע נאָכפאָלגער פונ'ם 2-טען פערטעל 19-טען יאָהרהונדערט, וועלכע זענען בעוואוסט אונטער דעם נאָמען „מאַנטשעסטערער“ און וועלכע האָבען אויסגעדריקט און פערטרעטען די אינטערעסען און אַנזיכטען פונ'ם קאַפּיטאַליסטישען קלאַס, האָבען געפּרעדיגט, אַז די מלוכה מוז בלייבען נייטראַל און טאָר זיך ניט אַריינמישען אין די אָבמאַכען צווישען די אונטערנעהמער און זייערע אַרבייטער. זיי האָבען פערזיכערט, אַז די אונבעגרענצטע פרייהייט פון די דאָזיגע אָבמאַכען וועט שוין פון זיך אַליין, אַראַנק דעם פּראָצעס פון דער האַנדעלס-קאָנקורענץ, ברענגען די בעסטע רע-

זולטאַטען פאַר ביידע זייטען. נאָך זייער מיינונג זענען די אונטערנעהמער צוליעב דער איבעריגער קאָנקורענץ, וואָס הערשט אין זייערע רייהען, שטענדיג געצוואונגען אויף אַזוי פיעל נאָכצוגעבען זייערע אַרבייטער, אויף וויפיעל דאָס פאָדערען די בעדינגונגען פון דער פאָלקס-ווירטשאַפט. דעריבער האָבען זיי ניט אָנערקענט דעם צוואַנג פון דער מלוכה, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דער פאָרם פון פאַבריק-געזעצגעבונג. ניט קוקענדיג, וואָס די מיינונג פון דער מאַנטשעסטער-שולע איז געווען די הערשענדע, האָט דער אַרבייטער-קלאַס פון אַלע קולטורעלע לענדער אין פערלויף פונ'ם 19-טען יאָהרהונדערט זיך דערשלאָגען גרויסע רעזולטאַטען אינ'ם געביעט פון דער פאַבריק-געזעצגעבונג. פונ'ם יאָהר 1802 אָן, ווען אין ענגלאַנד איז דורכ'ן געזעץ פעסטגעשטעלט געוואָרען אַ מאַקסימאַלער 12-שעה'דיגער אַרבייטסטאָג פאַר קינדער און ס'איז פערבאָטען געוואָרען די נאַכט-אַרבייט, ביז צו ענדע פונ'ם יאָהרהונדערט זענען אָט די איינצעלנע צופעליגע געזעצען פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ קאָנזעקווענטע, זעלבסטשטענדיגע סיסטעם, וואָס האָט רעגלאַמענטירט אַלע געביעטען פון דער פאַבריק-אַרבייט. אין אונזער צייט האָט די פאַבריק-געזעצגעבונג נאָרמירט, אין וועלכען עלטער קינדער ווערען צוגעלאָזען צו דער פאַבריק-אַרבייט, די לענג פונ'ם אַרבייטס-טאָג ביי פערשיעדענע קאַטעגאָריעס אַרבייטער, די זונטאָגס-רוה, די נאַכט-אַרבייט, די סאַניטאַרע אַרבייטס-בעדינגונגען און די פערזיכערונג פון די אַרבייטער אין פאַל פון אַ קראַנקהייט, פון אומגליקען, און אַרבייטס-אונפעהיגקייט.

נאָר ביז דער לעצטער צייט האָט זיך אָט די געזעצגעבונג ניט געפּרובט פעסטצושטעלען דעם אַרבייטס-לוין. אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט האָט געהערשט די מיינונג, אַז דער אַרבייטס-לוין איז אַ טייל פון די פּראָדוקציאָנס-הוצאות, וואָס דער אונטערנעהמער מאַכט. און ער האָט זעלבסטפערשטענדליך דאָס רעכט אַליין צו בעשטימען די גרויס פון זיינע הוצאות. אַדאַנק אָט דער מיינונג איז צווישען די אונטערנעהמער שטאַרק פערשפּרייט די איבערצייגונג, אַז ווען זיי העכערען דעם לוין פון זייערע אַרבייטער, פערגרעסערען זיי די פּראָדוקציאָנס-הוצאות, ד. ה. זיי מוזען אויך העכערען דעם פּרייז פון די סחורות.

אָבער די מאָדערנע עקאָנאָמיסטען האָבען בעוויזען, אַז דער אַרבייטס-לוין שטעלט מיט זיך פאָר — אַ טייל פונ'ם ריינעם ריוח, וואָס די געזעלשאַפט בעקומט, און די גרויס פון אָט דעם לוין איז אָבהענגיג פון די בעדינגונגען פונ'ם עקאָנאָמישען קאַמף, וואָס די אָנטיילנעהמער פון דער פּראָדוקציאָן פיהרען. וואָס העכער עס שטייגט דער אַרבייטס-לוין, אַלץ קלענער ווערט דער ריינער ריוח פון די קאַפּיטאַליסטען און פערקעהרט. ביז איצט האָבען זיך די אַרבייטער דערשלאָגען אַ גרעסערען אַרבייטס-לוין מיט דער הילף פון די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען, פריעדליכע אונטערהאַנדלונגען און סטרייקען. אָבער די פּראָפעסיאָנעלע בעוועגונג איז געקומען צום בעשלוס, אַז יעדער אַרבייטער דאַרף בעקומען אַ לוין, וואָס זאָל איהם לאָזען פיהרען אַ מענשליך לעבען. דעריבער האָבען די טרעד-יוניאָנס געשטרעבט אין זייערע אינטערהאַנדלונגען מיט די אונטערנעהמער צו דערגרייכען אַזאַ לוין, וואָס זאָל בעפריעדיגען די בעדערפנישען פון אַ אָנשטענדיגען לעבען. אָבער ס'איז אַ גרויסער אונטערשייד, אויב מען דערשלאָגט זיך אַזאַ נאָרמע דורך פריעדליכע אונטערהאַנדלונגען און דורכ'ן פּראָפעסיאָנעלען קאַמף, אָדער זי ווערט בעשיצט דורכ'ן צוואַנג פון דער מלוכה. מיט דעם געזעץ פונ'ם יאָהר 1912 האָט ענגלאַנד צום ערשטען מאָל סאַנקציאָנירט דאָס רעכט פון דער מלוכה צו בעשטימען פאַר די אַרבייטער אַ פערדיענסט, וואָס זאָל ניט זיין ניעדעריגער פון אַ בעשטימטער מאָס. די מלוכה רעכענט זיך ניט דערמיט, וואָס פאַר אַן אַלגעמיינעם ריוח די אונטערנעהמונג ברענגט, און צווינגט איהר אַלענפאַלס צו געבען דעם אַרבייטער אַזאַ לוין, וואָס זאָל קלעקען אויף צו בעפריעדיגען די נויטיגסטע בעדערפנישען. דורך דעם, וואָס די מלוכה האָט פאָראויס בעשטימט דעם מינימאַלען לוין פונ'ם אַרבייטער, נויט זי דעם אונטערנעהמער זיך אָבצוזאָגען פון אַ טייל פון זיין הכנסה.

אמת, דאָס געזעץ ווערט דערווייל איינגעפיהרט בלויז אַלס פּראָבע, מעהר ניט אויף 3 יאָהר, און זיין רעדאַקציע האָט דעם חסרון, וואָס ער לאָזט איבער די פעסטשטעלונג פונ'ם מינימאַל-לוין פאַר די אָרטיגע קאָמיסיעס. אָבער דאָ איז וויכטיג דער ערשטער שריט, נאָך וועלכען ס'וועט אָהן אַ צווייפעל, געהן די ווייטערע ענטוויקלונג פונ'ם נייען פּרינציפּ.

אויף אַזאַ אופן געפינען מיר אינ'ם ענגלישען געזעץ פונ'ם יאָהר 1912 די אָנערקענונג, דורך די היינטיגע מלוכה, אַז די אַרבייטער האָבען רעכט אויף אַזאַ פערדיענסט, וואָס זאָל בעפריעדיגען זייערע עלעמענטאַרע בעדערפנישען, ד. ה. מיר בעקומען דעם אָנפאַנג פונ'ם אַקטיווען אַריינמישען זיך פון דער מלוכה אינ'ם עקאָנאָמישען פּראָצעס פון דער ריוח-איינטיילונג אין דער געזעלשאַפט.

דערמיט עפענט זיך אָהן אַ צווייפעל אַ נייע עפּאָכע אין דער סאָציאַלער געזעצגעבונג.

א. ליטווין. טשאַרלז דיקענס.

(צו זיין הונדערטען געבורטסטאג-יובילעאום).

אין אונזער טרויעריגער צייט, ווען דער נביא פון דער געגענוואַרט, דער קינסטלער, פערשוועכט אַלץ מעהר און מעהר זיין הייליגען בערוף פון אַ לעהרער און וועגווייזער פאַר׳ן פאָלק, און פערקויפט זיין ברענענד וואָרט, זיין געטליכען פייער אין די טעמפּלען פון גאָלדענעם קאַלב, איז בעזונדערס אַנגענעהם צו דערמאָהנען יענעם גרויסען קינסטלער פונ׳ם פאָריגען יאָהרהונדערט, וואָס האָט הויך געהאַלטען זיין פאָהן, וואָס האָט דער ערשטער געוויזען וואָס די קונסט קען און דאַרף זיין פאַר דער מענשהייט אין אונזער צייט.

מיר מיינען דעם בעריהמטען ענגלישען ראָמאַניסט טשאַרלז דיקענס.

דיקענס איז געבאָרען געוואָרען מיט הונדערט יאָהר צוריק. דער קאַפּיטאַליזם האָט נאָר וואָס אָנגעהויבען פאַרנאַנדערשפּרייטען זיינע פליגלען. ער האָט געמאַכט אַ תל פון דער אַלטער פעאָדאַלער אָרדנונג אין אייראָפּאַ. אויף דעם פּלאַץ פון די פּריצים-מיוחסים האָט ער אַרויסגערוקט אויף דער וועלט-סצענע דעם אויפגעקומענעם נגיד — דעם בורזשואַ — מיט זיינע ריזיגע אונטערנעהמונגס-פעהיגקייטען, מיט זיינע געוואַלדיגע אַפּעטיטען, מיט זיין צערשטערענדער און בויענדער קראַפט, וועמעס אמת׳ע פערקערפּערונג איז געווען דער געניאַלער סאָלדאַט פון דער קאָרסיק-אינזעל נאַפּאָלעאָן.

כאָטש דער אויסברוך פון דער בורזשואַזער רעוואָלוציע איז געשעהן אין פראַנקרייך, נאָר פראַנקרייך האָט אייגענטליך בלויז די קרבנות געבראַכט. די געבעהר-וועהענישען געליטען. די פראַנצויזישע רעוואָלוציע איז געווען בלויז די עקספּלאָזיאָן, דער פייערליכער „לויה-מאַרש“ פון דער אַלטער אָרדנונג, וועלכע האָט שוין לאַנג גע׳גוסס׳ט, און די נאָך מעהר פייערליכע געבורט פון דער נייער קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע, וואָס איז אין אמת געבאָרען געוואָרען אַ סך פריהער, איז שוין געשטאַנען שטאַרק אויף די פיס, און האָט נאָר אין דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע שטאָלץ פּראָקלאַמירט איהר וועזען און געפּראַוועט איהר פערשפּעטיגטען „מזל טוב“.

די רעוואָלוציע איז נאָך אַ סך פריהער געשעהן אין ענגלאַנד. נור דאָ האָט זי ניט געפּילדערט מיט אַזעלכע „דונערן און בליצען ווי אין דעם פייער-ווערק-לאַנד פראַנקרייך. דאָ איז זי געשעהן שטיל, איידעל און פיין“. דער ענגלישער בורזשואַ האָט פיינד צו פּויקען און טרומייטערן. ער טוט אָב זיינע געשעפטען טיעף אויסגערעכענט, געלאַסען און אונבעמערקט פאַר אַ פרעמד אויג.

אין דער צייט ווען דיקענס איז געבאָרען געוואָרען האָט שוין די ענגלישע בורזשואַזיע לאַנג געהאַט די גרעסטע פּאָליטישע מאַכט, איז געווען שטייף אין מעמד, געלאָזען זיך מיט איהרע „שיפּלעך“ אין אַלע עקען וועלט און פון אומעטום געצויגען פאַר זיך די בעסטע זאַפטען. זי איז געווען שטאָלץ און רייך און ווי יעדער אויפגעקומענער שטייפער בעל-הבית — האַרטהערציג און גראָב.

צוזאַמען מיט דעם וואוקס פון דער בורזשואַזיע איז שוין געווען אויסגעוואַקסען אַ גרויסער פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז נאָך ניט געווען בעוואוסט פון זיין קראַפט און בעדייטונג. דער תהום צווישען די צוויי געגענגעזעצטע קלאַסען איז געווען אַ שרעקליכער. אַלעס אין אינערליכען ענגלישען לעבען איז געווען פערשימעלט, רויה און פערגרעבט. ס׳איז געווען אַ כאַאָס, און עס האָט געפעהלט דער שעפּפערישער גייסט, וואָס זאָל מיט זיין געטליך וואָרט בעלויכטען אָט דעם תהום, אָט דעם תהו ובהו.

אָבער די שעפּפערישע קראַפט האָט זיך שוין געטראָגען אין דער לופט. זי האָט ניט געקענט קומען פון אונטען: צו דערשלאָגען זענען געווען די פערטעמפּטע און געדריקטע מאַסען. זי האָט ניט געקענט קומען פון אויבען: צו הויך זענען די פּאַלאַצען געשטאַנען איבער די אָרימע שטיבלעך פונ׳ם פאָלק. זי איז געקומען פון מיטען, פון דעם ענגלישען „ראַזנאָטשיניעץ“, דעם קליין-בירגער-קלאַס, וואָס איז פון דער גרויס-פּראָדוקציאָן אַלץ געשטויסען געוואָרען נידריגער און נידריגער צו די מאַסען.

דאָס איז אַלזאָ ניט קיין צופאַל, וואָס דער ערשטער ענגלישער ראָמאַניסט און גרעסטער קינסטלער — טשאַרלז דיקענס איז געבאָרען געוואָרען אין דער פאַמיליע פון אַ מיטעלבירגערליכען בעאַמטען, אַ געפאַלענעם ענגלישען בעל-הבית, וועלכער איז געווען אַ פאָלקאָמענעם בילד, וואָס האָט טריי אָבגעשפּיגעלט די גאַנצע טראַגעדיע פון זיין קלאַס. דיקענס דער פאָטער איז געווען געצוואונגען פאַר חובות צו זיצען אַ לענגערע צייט אין טורמע, מיט ווייב און קינדער; און געמוזט אָבגעבען זיין עלטערן זוהן — טשאַרלז עפּעס אַ קרוב, אַ קליינעם פאַבריקאַנט, ער זאָל ביי איהם וואַשען פלעשלעך און טון עהנליכע אַרבייטען אין זיין פאַבריק. דיקענס האָט געקענט בלייבען אַנ׳אַרבייטער. אָבער אַ צופעליגע ירושה האָט געגעבען זיין טאַטען די מעגליכקייט אַריינצוברענגען איהם אין אַ שולע. די נויט האָט איהם אָבער ניט געלאָזען לאַנג בעשעפ-

טיגען זיך מיט זיין בילדונג. ער האָט געמוזט נעהרען זיך און העלפֿען מפרנס זיין די פֿאַמיליע. האָט זיך אויסגעלערנט סטענאָגראַפיע. האָט בעקומען אַ שטעלע אין אַ רעדאַקציע. פון דאַנען הויבט זיך אָן זיין ליטעראַריש-קינסטלערישע קאַריער.

דיקענס איז געווען אַנ'אמת'ער טיפּ פון אַן ענגלישען „סעלף-מייד-מען", ד. ה. אַ מענש, וואָס האָט זיין גליק, זיין קאַריערע צו פֿערדאַנקען נור זיך אַליין. זיין טאַלענט האָט, נאַטירליך, דיקענסען פיעל געהאָלפֿען. אָבער גאָך מעהר זיין אונגעהויערע מיה איבער זיין אייגענער זעלבסטענטוויקלונג, מאָראַלישער, גייסטיגער און קערפּערליכער פֿערפֿאָלקאָמענונג. אין אָט דער הינזיכט איז דיקענס'ס ביאָגראַפיע פֿאַר יונגע קינסטלער און פֿאַר אַלע יוגענדליכע לעזער בכלל פונקט אַזוי וויכטיג צו לעזען, ווי זיינע געניאַלע, אונשטערבליכע ווערק.



טשאַרלז דיקענס.

נאָר אונז ערלויבט לײדער ניט דער פּלאַץ אָבצושטעלען זיך לענגער אויף דיקענס לעבענסשילדערונג. און מיר ווילען זיך דאָ בעשרענקען בלויז מיט אַ קורצער כאַראַקטעריסטיק פֿון דעם גרויסען ענגלענדער ראָמאַניסט'ס קינסטלערישעם שאַפֿען.

דיקענס איז געווען דער ערשטער רעאַליסטישער שריפֿטשטעלער ניט בלויז אין ענגלאַנד, נאָר אויך אין גאַנץ אייראָפּאַ. ביז איהם זענען די ראָמאַנען און נאָוועלען געווען ניט געשטויגענע ניט געפֿלויגענע פֿאַנטאַזיעס פֿול מיט סענסאַציאָנעלע פּלאָנטערס, אינטריגעס און איבערראַשונגען — פֿון קייזערליכע הויפֿען, פֿון הויכע פּאַלאַצען, פֿון געשעהעניסען, וואָס האָבען וועניג געהאַט שייכות צום ווירקליכען לעבען. זייער אונשולדיגעס ציעל איז נור געווען צו אַמיזירען, צו שאַפֿען שפּייז דער פֿאַנטאַזיע, אויפֿהויבען דעם לעזער פֿון דער ערד און פֿליהען מיט איהם אין אונבעקאַנטע צויבער-לענדער מיט משונה'דיגע מענשען.

דער ענגלישער ראָמאַניסט וואַלטער-סקאָט האָט דער ערשטער אַראָבגעצויגען דעם ראָמאַן פֿון די נעבעלדיגע פֿאַנטאַזיע-וואָלקען צו דער פּשוט'ער ערד. ער האָט דער ערשטער געוואָלט ניט בלויז בעצויבערן, איבערראַשען, נאָר אויך עפּעס לערנען זיינע לעזער. און ער האָט בעשאַפֿען דעם היסטאָרישען ראָמאַן, וועלכער האָט ווירקליך זעהר אַ גרויסע בעדייטונג פֿאַר דער ענטוויקלונג פֿון דעם בעסערן ליטעראַרישען געשמאַק פֿון דעם לעזער. דורך זיינע היסטאָרישע ראָמאַנען האָט וואַלטער-סקאָט געוועקט אין דעם ענגלישען לעזער די ליעבע צו זיין פֿערגאַנגענהייט, געלערנט איהם טיעף אַריינקוקען און ריכטיג אָבשאַצען די געשעהעניסען און פּערזאָנען, וואָס האָבען געווירקט אויפֿ'ן שיקזאַל פֿון דעם גרויסען ענגלישען פֿאָלק.

דיקענס האָט געמאַכט אַ ריזיגען טריט ווייטער. ער האָט ניט בלויז גענומען אַלס טעמע פֿאַר זיינע נאָוועלען די ווירקליכקייט פֿון דער פֿערגאַנגענהייט, נור האָט דער ערשטער אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור געוואַגט צו שילדערן בילדער פֿון דער געגענוואַרט, פֿונ'ם אַלטעגליכען לעבען. ער האָט דער ערשטער געוויזען, אַז די אמת'ע קונסט און דיכטונג זענען ניט קיין פֿיינד פֿון דער רעאַלער ווירקליכקייט, נאָר דוקא אין איהר בעקומען זיי זייער שטאַרקסטען אויסדרוק, זייער שענסטע בליהונג. נאָך קיין דיכטער און שריפֿטשטעלער, ניט פֿאַר דיקענס'ן און ניט נאָך איהם, האָבען ניט געמאַכט אַזאַ טיעפֿען רושם מיט זייערע קיינסטלערישע ווערק, האָבען ניט געהאַט אַזאַ אונגעהייערן איינפֿלוס אויף דער ערציהונג פֿון זייער דור, אויף דער רעפֿאָרמירונג אין אַלע זייטען פֿון לעבען, זענען ניט געווען אַזוי געליעבט און געשעצט פֿון מיליאָנען הערצער, ווי דער בעריהמטער ענגלישער ראָמאַניסט.

און פֿערדינט האָט ער אַזאַ טיעפֿע פֿערעהרונג ניט דערפֿאַר אַליין, וואָס ער האָט אַראָבגעצויגען דעם ראָמאַן פֿון די פֿאַנטאַזיע-וואָלקען און האָט איהם ערדיש געמאַכט. ער האָט דער ערשטער פֿערבונדען דעם טאַלאַנט פֿון אַ קינסטלער מיט דעם בעררוף פֿון אַ נביא. זיין ראָמאַן איז געווען אַ פֿייערדיגע פּרעדיגט פֿון ליעבע, אַ געוואַלדיגער רוף צו ברידערליכקייט, צו אמת, צו גערעכטיגקייט.

דיקענס איז געווען דער נביא פֿון 19-טען יאָהרהונדערט. ער איז ניט געווען אַ נביא אין דעם אַלטערטימליכען זין. ער האָט ניט געשריען: אָך און וועה! האָט ניט געשאָלטען די זינדיגע, האָט

ניט גע'חזר'ט ווי טאָלסטאָי אַלע ווײַלע: ליעבע! ליעבע! ליעבע! און דאָך איז ער געווען איינער פון די גרעסטע אַפּאָסטאָלען פון ליעבע, וואָס די מענשהייט האָט ווען עס איז געוואוסט.

דער ווערט פון דעם דאָזיגען קינסטלער-גאון פאַר דעם מענשליכען פּראָגרעס איז נאָך גרעסער דערפון, וואָס ער איז אייגענטליך ניט געקומען מיט נייע שלאָגווערטער, האָט ניט געבראַכט קיין נייע סאָציאַלע, אָדער פילאָזאָפישע אידעען, האָט זיך גיט אויסגעשטעלט פאַר אַ נביא. איז אַליין געווען פילייכט ווייניג בעוואוסט פון דער גרויסער ווירקונג, וואָס ער האָט געהאַט אויף זיין דור, אויף גאַנצע דורות. נאָך איהם, אין זיין לאַנד און אין אַלע לענדער, וואוהין זיין ראָמאַן האָט דערגרייכט. ער האָט בלויז געשילדערט דאָס איינפאַכע לעבען פון פּשוט'ע מענשען, וואָס יעדער האָט געקענט זעהן טעגליך צוואַנציג מאָל אַרום זיך. ער האָט בלויז אַרויפגעגאָסען דערויף זיין ליכט, דאָס ליכט פון דעם גרויסען דיכטער'ס נשמה.

און דאָס גאַנצע ענגלישע פאָלק האָט דערזעהן זיך אין דעם דיכטער'ס נשמה-שפּיגעל, געזעהן און אַ שוידער געטאָן...

דער תהום איז פון אַ געטליכען וואָרט בעלויכטען געוואָרען. די וואָס זענען אונטען, די יערים געקראָכען, האָבען זיך ווי מענשען דערפיהלט. די וואָס האָבען אויבען, ווי געטער געשוועבט, האָבען אין דעם דיכטער'ס שפּיגעל אַ גראָב, העסליך געשטאַלט דערבליקט, און — דאָס איז זייער אייגען פּרצוף געווען...

דיקענס ווערק זענען פול מיט ליעבע צו די מאַסען, צו די פערוואָרפענע, דערשלאָגענע; נאָר מעהר פון אַלעמען ליבט ער די קינדער. און דאָס אַלעס שטאַמט ביי איהם פון אַ העכערער ליעבע, אַ ליעבע צו דער נאַטור, צו דער מוטער-ערד, צו אַלעם, וואָס איז אונגעקינסטעלט, צאַרט, תמימות'דיג און ריין.

און ווי טיעף זיין ליעבע איז צו דעם פּשוט'ען פאָלק, צו דער אונגעקינסטעלטער נאַטור, צו דעם קינד, אַזוי שטאַרק איז זיין האַס צו די אויבערשטע אויפ'ן געזעלשאַפטליכען לייטער, צו די שטאָלצע און שטאַרקע מיט זייער געלד און מיט זייער מאַכט.

איינער פון דיקענס'ס ביאָגראַפען זאָגט, אַז דיקענס איז געווען אַ פילאַנטראָפּ. דאָס איז אַבסאָלוט ניט ריכטיג. אמת איז, אַז ער האָט, ווייזענדיג די וואונדען פונ'ם געזעלשאַפטליכען קערפּער, ניט גערופען די אונטערשטע קלאַסען דירעקט צום קאַמפּף געגען די אויבערשטע. ער האָט בכלל ניט געשימפּפט, ניט געזידעלט. נאָר דער בעגריף פון פילאַנטראָפּ, פון צדקה איז איהם געווען פרעמד. אַלס גרויסער דיכטער און קינסטלער האָט ער ניט געדאַרפט און ניט געקענט איינשליסען זיך אין אַ וועלכער עס איז פּאַרטיי, ווי ראַדיקאַל זי זאָל ניט זיין. זיין נשמה איז געווען צו טיעף, זיין האַרץ צו ברייט פאַר וועלכער ס'איז פּאַרטיי-פּראָגראַם. ער איז געווען מעהר, ווי פּאַרטיי-פיהרער, ער איז געווען אַ לעהרער, אַ נביא פאַר פעלקער און לענדער, זיין פּאַרטיי האָט געקענט זיין און איז געווען די גאַנצע מענשהייט.

ט ע ן, דער בעריהמטער פראַנצויזישער דענקער און קריטיקער, וואָס האָט געגעבען די גלענצענדסטע כאַראַקטעריסטיק פון דעם אונשטערבליכען ענגלישען ראָמאַניסט, זאָגט אין אַן אָרט, ריידענדיג וועגען דיקענס בעריהמטעס ווערק „דאָמבי עט זאָהן“, אַז דער דיכטער האָט, ניט טריי מיט דער ווירקליכקייט, דעם האַרטהערציגען, גרויזאַמען דאָמבי ווייך געמאַכט, האָט איהם צום שלום געמאַכט פאַר דעם צערטליכסטען פאָטער אין דער וועלט און דערמיט געפּטר'ט אַ שענע ערצעהלונג.

אָט די מיינונג טען'ס, אַז דיקענס האָט מיט אַ כיוון צוגעגעבען אַ גוטען סוף זיין ערצעהלונג, כדי „די מעשה זאָל זיך ענדיגען גוט און דער לעזער זאָל זיך אַ מוסר אַראָבנעהמען“, ווידערשפּרעכט דער גאַנצער כאַראַקטעריסטיק טען'ס פון דיקענסען, וועלכען ער שטעלט הויך, אַז איינעם פון די גרעסטע דיכטער און קינסטלער.

און ווירקליך: צוצושטעפּען צו אַ מעשה אַ גוטען סוף, דאָס איז אַ סימן פון אַ שונד-שרייבער, פון אַ מענשען, וואָס בעזיצט ניט קיין טאַלאַנט, קיין קונסט. און דאָס קען מען פאַר קיין פאַל ניט זאָגען פון דיקענסען. ער האָט געווירקט אויף די מענשען ניט דורך מאָראַל-פּרעדיגט, ניט דורך מגידות, נאָר דורך דער רוהיגער, קונסטרייכער שילדערונג פון דער רעאַלער ווירקליכקייט, אַזוי ווי זי איז. דיקענס האָט אונז געוויזען דעם תהום פון מענשליכער נאַרישקייט, בייזקייט, גרויזאַמקייט. אָבער דער תהום איז געווען בעלויכטען פון זיין געטליכען שאַפען. מענשען האָבען ביז אַהער געלעבט אין אונמעגליכע בעדינגונגען און האָבען זיי געפונען פאַר נאַטירליך. ד י האָבען גיט פּראָטעסטירט און י ע נ ע האָבען זיך ניט געשעמט. נאָר דאַן, ווען דיזעלבע ווירקליכקייט איז פאַר זיי ערשיענען אין דער קינסטלערישער שילדערונג פון דעם דיכטער'ס שאַפען — האָבען אַלע אַ שוידער געטאָן... ניט שוין זשע האָבען מיר אַזוי העסליך געלעבט?... האָט זיך געטראָגען אין יעדערנס מויל.

מ׳דערצעהלט, אז בשעת דיקענס האט נאך געהאלטען אין דרוקען העפטענווייז זיין ראמאן „ניקאלאס ניקלבי“, וואו עס ווערען געשילדערט די פערשימעלטע ארדנונגען פון דער דאמאלסדיגער ענגלישער שול, האבען זיך געשאטען צו איהם פון אלע זייטען פראטעסטען פון לעהרער. אין יעדען בריעף איז געווען טענות: וואס האט געהאט דער שרייבער צו איהם, ווי אזוי האט ער געוואגט איהם צו בעשרייבען.

אזוי לעבעדיג און טריי דער ווירקליכקייט האט דיקענס געשילדערט די ענגלישע געזעלשאפט אין אלע איהרע ארדנונגען פון זיין צייט, אז אויף יעדען טיפ זענען געווען הונדערטער „קאנקורענטען“ מיט טענות, מיט דראהונגען, אז דוקא איהם האט דער דיכטער געמיינט.

דיקענס האט ניט געשריבען זיצענדיג ביי זיך אין קאבינעט. ער האט געשטודירט דאס לעבען, געקראכען אין יעדען ווינקעלע, וואו עס האט נאר געשמעקט מיט שימעל, מיט פאלשקייט, מיט אונרעכט, און געגען יעדעס אונרעכט האט ער אויפגעהויבען זיין מעכטיגע שטים.

דיקענס האט ניט געשטראפט ווי א מגיד און ניט געשילדערט ווי א פאטאגראף. אלץ וואס איז געקומען אונטער זיין פעדער איז בעלעבט און בעלויכטען געווארען מיט דעם געטליכען שיין פון זיין קינסטלערישען שאפען. ער אליין האט נאך מיט מעהר רעכט פון בערנע געקאנט זאגען, אז ער שרייבט מיט דעם בלוט פון זיינע אדערן, מיט דעם מארך פון זיין געהירען. בשעת ער האט געשילדערט זיינע העלדען, האט ער צוזאמען מיט זיי געלעבט, געטיילט מיט זיי זייערע פריידען און ליידען. דא פלעגט ער קאטשען זיך פון געלעכטער איבער זייערע קאמישע זייטען, דא בעגיסען זיך מיט טרערען איבער זייערע צרות.

אזא בעציהונג צו די דורך קונסט בעשאפענע פערזאנען שטאמט ניט פון נערוועזיטעט און היסטערישקייט. זי מוז זיין ביי דעם אמת׳ן קינסטלער. דער אמת׳ער דיכטער איז אזוי ווי אנ׳עכא צו אלעם וואס לעבט און וועבט אין דער נאטור. ער אליין ווערט פערשוואונדען, גיסט זיך צוזאמען מיט אלעס, וואס ער שאפט. ער לעבט מיט טויזענדער לעבענס, פיהלט מיט טויזענדער הערצער. אזוי ווי דער קעניגליכער דיכטער פון דער ביבעל, דארף ער פערשטעהן די שפראך פון יעדער פליגעלע אין דער לופט און פון יעדער ווערימיל אין דער ערד.

אזא איז געווען דיקענס און דעריבער האבען זיינע ראמאנען געמאכט אזא מעכטיגען רושם.

אז דיקענס איז ניט פעהיג געווען צוצושטעלען קינסטליך א גוטען סוף צוליעב א „מוסר השכל“, איבערצייגען מיר זיך, ווען מיר פערגלייכען זיינע צוויי ראמאנען — די בעסטע פון זיינע ווערק — „דאמבי עט זאהן“ אין „דייוויד קאפערפילד“. דא און דארטען ווערט געשילדערט א טיף פיין גרויזאמקייט און הארטהערציגקייט, וואס מאכט אונז שוידערן. אין ערשטען ראמאן איז דאס, דער שעף פון דער פירמע מיסטער דאמבי; אין צווייטען — דער שטיף־פאטער מיסטער מארדסטאון און זיין שוועסטער — די אלטע מויד, מיס מארדסטאון. אט די ביידע טיראנישע נאטורען, וואס ניט קוקענדיג אויף דעם שוידערליכען איינדרוק, וועלכען זיי מאכען אויף אונז, זענען זיי דאך אויף א האר ניט איבערטריבען, — אט די צוויי גרויזאמע נאטורען, בלייבען טריי זיך אליין, בלייבען ניט געענדערט ביז צום סוף. זיי ווערען ניט קיין בעלי־תשובות. זיי ווערען בעסער נור דאן, ווען זיי האבען מעהר קיין מאכט ניט צו טיראניזירען.

דאס זענען ארגאניש הארטע נאטורען. עפעס פעהלט אין זייער נשמה. זיי קענען שוין אנדערש ניט זיין. ביי אלע אומשטענדען בלייבען זיי דיזעלבע. זיי קען מען ניט מאכען בעסער. דאס איינציגע, וואס מ׳קען, איז צונעהמען פון זייער רשות די אפפער פון זייער טיראניי. דאס טוט דיקענס צום ענדע פון זיין ראמאן „דייוויד קאפערפילד“. דער העלד פונ׳ם ראמאן, דער אויסגעוואקסענער און זעלבסטשטענדיגער דייוויד, זוכט ניט נקמה צו נעהמען אן די, וואס האבען זיין מוטער פערפייניגט און איהם אזוי פיעל יסורים אנגעטאן אין זיין קינדהייט. ער איגנארירט זיי. ער בעגנוגענט זיך דערמיט, וואס ער לאזט זיי אויפ׳ן נאטירליכען וועג דערווארטען זייער סוף. נקמה נעהמען אן זיי וועט די נאטור אליין. אזעלכע מענשען מוזען ענדיגען איינזאם און פערלאזען, פערהאסט און פערשטויסען פון אלעמען, אפילו פון זייערע אייגענע קינדער. זייער שטראף איז אין זיי אליין.

גאנץ אנדערש איז מיסטער דאמבי — דער העלד פונ׳ם צווייטען ראמאן. זיין רוהיגייט און גרויזאמקייט צו זיין טאכטער איז ניט קיין ארגאנישע נאטירליכקייט. זי שטאמט פון א געוויסער וועלטאנשויאונג, און די גיפא איז דער פועל־יוצא פון בלויז עקאנאמישע בעדינגונגען. מיסטער דאמבי האלט העכער פון אלץ זיין פירמע. דערפון שטאמט זיין נאטירליכע שטרעבונג איבערצוגעבען די פירמע זיין זוהן, וואס זאל קענען פארטזעצען דעם טאטענס פירמא און ער זאל דערלעבען דעם נחת ביי זיין לעבען. מיט איין ווארט, זאל האבען די מעגליכקייט צו שרייבען און אונטערשרייבען: „דאמבי עט זאהן“. אחוץ דעם, איז ער א מענש,

װי אַלע מענשען, צייטענװייז פעהלען איהם ניט אַפילו קיין אידעאַלע שטריכען פון מענשליכקייט.

אָט דער גרויזאַמער פאָטער האַלט ניט אויס די ראָלע ביז צום סוף, אַזױ װי מיסטער און מיס מאָרדסטאָון. נאָך אַ רייה קלעפּ פונ׳ם שיקזאַל, בעזונדערס, נאָך דעם װי זיין צװייטע פרוי ערד׳ש גרענדזשער, אין װעלכער ער האָט געהאָפט צו דערגרייכען די צװיי אידעאַלען: יתום און אַ יורש פון זיין פירמע (אַנשטאָט זיין פערשטאָרבענעם זוהן פאָול, װאָס איז איהם געבליבען פון זיין ערשטער פרוי), איז אַנטלאָפען פון איהם, — װערט ער װייכער. ער װערט אַנדערש; ער װערט בעסער. ער װערט שלום מיט זיין טאָכטער פלאָורענס (איינע פון די שענסטע פיגורען אין דיקענ׳ס שאַפונג). קורץ: ער װערט אַ גוטער פאָטער.

איז דאָס אוננאַטירליך, װי טען װיל האָבען?

אויף קיין פאַל ניט. די נאַטירליכקייט פון אַ קינסטלעריש שאַפונג ליגט גאָר ניט אין דעם, אַז דער גוטער מוז בלייבען גוט און דער שלעכטער מוז בלייבען שלעכט זיין גאַנצען לעבען. אין דער װירקליכקייט זעהען מיר גאַנץ אָפט, װי מענשישע כאַראַקטערען בייטען זיך אונטער דעם איינפלוס פון ערציהונג, װען דער מענש איז יונג, און אונטער דער װירקונג פון קולטורעלע, סאָציאַלע און איבערהויפט עקאָנאָמישע בעדינגונגען, אין יעדען אַלטער.

די ביטערע ערפאַהרונג פון לעבען האָט געװיזען דעם מיסטער דאמבי, אַז געלד און די פירמע איז ניט אַלעס אין לעבען. אויף די הויכע שטאַפלען פון זיין בעריהמטער קאָמערציעלער פירמע איז מיסטער דאמבי אייגענטליך געװען שרעקליך איינזאַם. ער איז געװען אַרומגערינגעלט פון בעשרענקטע, טרוקענע קליינליכע נפשות, װעלכע האָבען געבילדעט זיין אַטמאָספערע, זיין געזעלשאַפט, האָבען איהם גע׳חנפ׳עט, אינטערגעבאַמקעט צו יעדען װאָרט זיינעם, געטאָן זיין בעפעהל אויף זיינעם אַ װאונק, ניט אויס נאַטירליכער צובינדליכקייט און פערזענליכער סימפּאַטיע, נאָר צוליעב זיין געלד. נישט מעהר. דאָס האָט מיסטער דאמבי ניט געקענט בעמערקען אין די יונגע יאָהרען, װען ער איז געװען שכור פון זיין קאָמערציעלען ערפאָלג און אַמביציע.

נאָך אַ רייה קלעפּ פון שיקזאַל, װען דער שעף פון דער פירמע „דאמבי עט זאָהן“ װערט ענטטוישט אין דער פערװירקליכונג פון זיינע צװיי אידעאַלען; װען די עלטער קלאַפּט שוין אין טהיר און דער מענש הייבט שוין אָן מעהר צו פיהלען, אַז געדונגענע בעדינונג און חניפה קען ניט פערבייטען די ערגעבענהייט און אויפריכטיגע צוגעבונדקייט פון אַ קינד, הויבט ערשט אָן דער טאַטע צו פערשטעהן, װאָס זיין טאָכטער איז איהם געװען, און װאָס זי קען איהם זיין צו די עלטערע יאָהרען. און ער װערט געבראָכען, מוז װערען געבראָכען. שוין פון זיין ריין עגאָאיסטישען שטאַנדפּונקט איז דאָס נאַטירליך. בעסער, פערשטעהט זיך, װאָלט געװען צו האָבען אַ זוהן, װעמען ער זאָל קענען צוזאַמען מיט זיין פערמעגען, אויך איבערגעבען זיין פירמע, זיין נאָמען. אָבער אַז קיין זוהן איז נישטאָ, איז דאָך אַלענפאַלס בעסער איבערצולאָזען דעם פערמעגען אַן׳אייגען קינד, כאָטש אַ טאָכטער, אײדער פרעמדע מענשען.

מיר זעהען אַלזאָ, אַז אַזאַ פאַקט קען פּאַסירען, איז טריי דער װירקליכקייט, איז אויך מעגליך אין דער קונסט. װאָרום די קונסט איז און דאַרף זיין אַן אָבשפּיגלונג פון דער װירקליכקייט.

דאָס װערק „דאמבי עט זאָהן“ דאַרף נאָך אָבער בעטראַכט װערען פון אַן׳אַנדער שטאַנדפּונקט. אָט דער בעריהמטער דיקענס׳ס ראָמאַן איז ניט בלויז אַ רעאַליסטיש װערק, װאָס שילדערט איינציגע פּערזאָנען, נאָר אַ גרויסע קלאַסישע פּאָעמא, אַ סימבאָליש װערק. אין „דאמבי עט זאָהן“ שטעלט אונז דיקענס פאָר די ענגלישע בורזשואַזיע. מיט זיין װערק „דאמבי עט זאָהן“ האָט דיקענס געװאָלט װירקען אויף דער בורזשואַזיע. ער האָט איהר אַנטקעגען געשטעלט אַ שפּיגעל: „נאַט! זעהט זיך אָן, װי איהר זייט!“. מיט דעם גוטען סוף פונ׳ם ראָמאַן האָט דיקענס געװאָלט װייזען, אַז די ענגלישע בורזשואַזיע איז דאָך ניט האָפנונגסלאָז פערדאָרבען. נאַטירליך: דאמבי קען ניט װערען אויס דאמבי. ער קען דאָך אָבער אונטער דער װירקונג פון קולטור, פון אומשטענדען, װערען װייכער, בעסער. מ׳דאַרף איהם נאָר אַװעקשטעלען אַנטקעגען אַ ריכטיגען שפּיגעל, דעם שפּיגעל פון דעם דיכטער׳ס קינסטלערישער אידעלער נשמה.

און מיר, דער צװייטער, דער דריטער דור פון דיקענס און טען, האָבען די געלעגענהייט זיך צו איבערצייגען, אַז דיקענס האָט געהאַט פאָלקאָמע רעכט צו דענקען אַזױ. די ענגלישע בורזשואַזיע האָט זיך געװיזען פעהיג פאַר העכערע, קולטורעלע בעגריפען, מעהר װי יעדע אַנדערע בורזשואַזיע אין אייראָפּא און אַמעריקא, זי האָט גענומען אַ גרויסען אַנטייל אין די פּאָליטישע רעװאָלוציעס פון די לעצטע יאָהרען אין די מזרח־לענדער. זי האָט ביי זיך אין לאַנד גופא פאַר די לעצטע פאָר יאָהר איינגעפיהרט אַ גאַנצע רייה פּאָליטישע און סאָציאַלע רעפאָרמען, װאָס האָבען אַװעקגעשטעלט ענגלאַנד אויף דער שפּיץ פון דער אייראָפּעאישער דעמאָקראַטיע.

דיקענס װערק האָבען געמאַכט אַן׳אונגעהויערע װירקונג אויף דעם געזעלשאַפטליכען און קולטורעלען לעבען פון ענגלאַנד. דאָס האָט דער דיכטער אַליין געהאַט די געלעגענהייט זיך צו איבערצייגען

ביי'ם ענדע פון זיין לעבען. דער שימעל, די רויהייט פון דער שולע איז אראב. פון דער אלטער ערציהונגס-סיסטעם אין ענגלאנד איז א שטיין אויף א שטיין ניט געבליבען. דעם דיכטער'ס ראמאן איז געווען א הייסע אגיטאציע פאר העכערע שענערע פארמען פון לעבען. די מאסען האבען איהם פערגעטערט אלס פריינד, וואס האט געוועקט ליעבע און רעספעקט צו זיי און זעלבסט-רעספעקט און שטאלץ אין זיי. נאר אויך די אויבערשטע קלאסען האבען זיך שטארק צוגעהארכט צו זיין שטים, ניט קוקענדיג דערויף, וואס ער האט זיי ארויסגעשטעלט אין אזא העסליכער געשטאלט. זיין שטראף איז געווען די שטראף פון א לעהרער, די שטראף פון א נביא. ער האט ניט געשאלטען, ניט געווילדעוועט, נאר געוויזען, אויפמערקזאם געמאכט. מיסטער דאמביי'ם זוהן, דער קליינער פאול, איז איינער פון די שענסטע, פון די געלונגענסטע קינדער-טיפען דיקענס. א צארטע, פיינע, קינדערישע נשמה, וואס איז פריהצייטיג פערשמאכט און פערוועלקט געווארען פון צופיעל ערציהען, פון צופיעל זארג, אז ער זאל זיין, א ווירדיגער יורש פון דער פירמע „דאמבי עט זאהן". דער טרוקענער רויהער בורזשוא, וואס האט ניט געקענט דענקען וועגען זיין קינד, ווי וועגען א לעבעדיגען נפש מיט א הארץ, מיט א נשמה פאר זיך, האט וועגען זיין זוהן געקענט דענקען ניט אנדעריש, ווי ענג צוזאמענגעקניפט מיט זיין פירמע. ער האט צוגענומען פון זיין קינד די תמימות'דיג-ליעבהארציגע ניאניע, די דארפספרוי, צו וועלכער ער איז געווען אזוי צוגעבונדען, האט צוגענומען פון איהם זיין איינציגע שוועסטער, מיט וועלכער זיין קינדערשע נשמה איז געווען צוזאמענגעוואקסען, און געשיקט איהם ערציהען אויף דער ים-לופט אויף די רויהע, קאלטע הענד פון געדונגענע, פרעמדע מענשען, אין וועמעס ארימס דאס קינד איז דערשטיקט געווארען אהן ליעבע, ווי א בלומעלע ווערט פערוועלקט אהן זונשיין. דאס קינד האט געדארפט האבען צו זיין געזונד ניט ים-לופט אין ערציהונגס-פאנסיאנען, נאר די ווארעמע ספערע פון איינפאכע ליעבענדע הערצער, פון זיין שוועסטער, זיין ניאניע ביי זיך אין דער היים.

דיקענס האט ביים ענדע פון זיין לעבען געמאכט רייזען איבער אמעריקא און ענגלאנד און געלעזען עפענטליך זיינע ווערק. דאס איז געווען א טריאומף-רייזע פאר'ן דיכטער, א נצחון פאר זיינע ערהאבענע אידעאלען פון אמת און ליעבע. קיין געקריינטע פערזאן איז קיינמאל אין ערגעץ ניט בעגעגענט געווארען מיט אזוי פיעל אויפריכטיגען, הייסען ענטוזיאזם, ווי דער בעריהמט געווארענער ענגלישער ראמאניסט. בשעת ער פלעגט לעזען די סצענע פון דעם פריהצייטיגען טויט פונ'ם דעם קינד פאול, פלעגט די גאנצע אודיטאריום צוגאסען ווערען פון געוויין. דאס איז ניט געווען קיין היסטערישער, אדער סענטימענטאלער געוויין. דאס זענען געווען געזונדטע, הייליגע טרערען פון א קראנקען, פאר וועמען א גוטער, א טרייער, ליעבהארציגער דאקטאר האט אויפגעדעקט די וואונדען פון זיין גוף און נשמה און — געוויזען דעם וועג צו גענעזונג.

אויף וויפיעל דיקענס איז געווען געשעצט ביי דער העכסטער ענגלישער געזעלשאפט, ווייזט די בעציהונג צו איהם פון דער קעניגין. אין דער יוגענד האט זיך דיקענס פערליעבט אין דער ענגלישער קעניגין — אזוי ליידענשאפטליך, אז ער איז אומגעגאנגען וואכענלאנג, ווי א וואהנזיניגער. שפעטער, מיט יאהרען, האט די קעניגין איהם איינגעלאדען אין הויף אויף א ליטערארישען אווענד — לעזען עפעס פון זיינע ווערק. דיקענס האט געענטפערט, אז ער האלט ניט פאסענד פאר דער ווירדע פון א שריפטשטעלער צו געהן לעזען אין קעניגליכע הויפען. אויב די קעניגין וויל, לאדט ער זי צו איהם אויף א'ן אווענד. די קעניגין האט נאכגעגעבען דעם ראמאניסט און איז געקומען צו איהם, אין זיין וואוינונג. דארט האט זי איהם געשענקט איהרע מעמוארען מיט דער אויפשריפט: די בעשיידענע פערפאסערין פון די מעמוארען צום אנדענקען „דעם בעריהמטען דיכטער פונ'ם ענגלישען פאלק".

איך האב ניט די אבזיכט צו געבען א פולע ביאגראפיע פון דעם בעריהמטען ראמאניסט און א'ן אויספיהרליכע כאראקטעריסטיק פון זיין ארט שאפען. דאס וועט קומען שפעטער, ענטוועדער אין זשורנאל, אדער אין די ספעציעל ליטערארישע זאמעלביכער, וואס דער פערלאג „לעבען און וויסענשאפט" הייבט אן ארויסצוגעבען. איך האב דא נאר געוואלט געבען אייניגע גרונד-שטריכען וועגען דער פערזענליכקייט און בעדייטונג פון דעם גרויסען ענגלישען שרייבער. דער יודישער לעזער דארף ניט בלויז וויסען זיין אייגען ליטעראטור, ער דארף אויך בעקאנט זיין מיט די ניט-יודישע פארשטעהער פון געדאנק אין קינסטלעריש שאפען. ער דארף זיין אייגענע ליטעראטור מעסטען מיט דער מאס פון די ערהאבענע אידעען און שטרעבונגען, וואס ליגען אין גרונד פון די שענסטע ווערק אין דער אלוועלטליכער ליטעראטור. דאס איז אויך נויטיג. פאר אונזערע אייגענע יונגע שריפטשטעלער. אום ברייטער צו מאכען זייער בעאבאכטונגס-האריזאנט, אום טיעפער צו מאכען זייער געדאנקען-וועלט און שאפונגס-קוואל — מוזען זיי שטענדיג האבען פאר זיך די גרויסע מוסטערען פונ'ם איראפעאישען דענקען און שאפען. צווישען אט די מוסטערען איז דיקענס געווען איינער פון די אידעלסטע און שענסטע.

א. י. קרייצבורגער

אלעקסאנדער הערצען.

(זיין לעבען און ווירקען).

דעם 25-טען מערץ האָט דאָס בעוואוסטזיניגע רוסלאַנד געפייערט דעם יובילײ פונ'ם הונדערט-יאָהריגען געבורטס-טאָג פון אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש הערצען — איינעם פון איהרע מערקווירדיגסטע זיהן, וואָס האָט אַ געוואַלדיגע ווירקונג געהאַט ניט בלויז אויף אַ גאַנצע רייה דורות פון דער רוסישער יוגענד, נאָר אויך דירעקט אויף די גרעסטע היסטאָרישע פּאַסירונגען אינ'ם לעבען פון זיין פאָלק און פון דער רוסישער מלוכה.

זיין גאַנצען לעבען, פון געבאָרען-טאָג אָן כמעט ביז זיין טויט, איז געווען פול מיט טיעף-טראַגישע געשעהעניסען, וואָס האָבען אָפט געדויערט יאָהרען לאַנג. ער איז פערפאָלגט געווען פון רעכטס און פון לינקס, פון שונאים און פון גוטע פריינד. — און דאָך איז זיין גייסט ניט געבראָכען געוואָרען. ביז זיין לעצטען טאָג איז ער געבליבען פעסט ווי אַ פעלז אין מיטען שטורמישען ים און האָט ניט געבויגען זיין קאָפּ פאַר די כוואַליעס.

הערצען איז געבאָרען געוואָרען אין מאָסקווע דעם 25-טען מערץ פון יאָהר 1912, האַרט פאַר נאַפּאָלעאָן דעם ערשטענס אָנפאַל אויף רוסלאַנד. ער איז געבאָרען געוואָרען „צופעליג“, ניט לויט'ן „געזעץ“, און דער ערשטער דראַמאַטישער עפּיזאָד אין זיין קינדהייט איז געווען די געוואַלדיגע מאָסקווער שרפה פון יענעם יאָהר, וואו, אַ קינד פון זעקס מאָנאַטען, איז ער שיער ניט אומגעקומען. זיין פאָטער איז געווען אַ רייכער אַדעליגער גוטסבעזיצער, איוואַן יאַקאָוולעוו, און זיין מוטער אַ דייטשקע. יאַקאָוולעוו האָט מיט איהר ניט געהייראַט, דאָך האָט ער מיט איהר אָפּגעלעבט זיין גאַנץ לעבען און זי האָט אין שטוב געשפּיעלט די ראָלע פון אַ ווירטין. דעם קינד האָט ער געגעבען די פאַמיליע הערצען, אַלס צייכען, אַז די מיטער דעם קינד'ס איז די הערצענס-געליעבטע פון זיין פאָטער.

איוואַן יאַקאָוולעוו איז געווען אַ מענש מיט אַ טיעפען פערשטאַנד, מיט זעלטענע פעהיגקייטען און גוט געבילדעט, אַ הייסער אָנהענגער פונ'ם פראַנצויזישען פרייהדענקער וואָלטער. זיין לעבען איז אָבער אַוועק ניט געלונגען, די אויסגעלאַסענע פעאָדאַלע סביבה זיינע האָט איהם מיטגעריסען מיט איהר שטראָם און ער איז געוואָרען פערדאָרבען, ווילד און דעספּאָטיש. דאָס איז געווען אַ צייט, ווען דער לייב-אייגענטום (פאַנשטשיזנע) האָט געווילדעוועט און געשטיקט אויף רעכטס און אויף לינקס אָהן אַ דין און אָהן אַ ציעל. די ווילדעסטע אויסגעלאַסענקייט און די הימעל-שרייענדסטע רציחות

פלעגען בלייבען אונבעשטראָפט. אַנ'עזות'דיגער חוזק איבער די עלעמענטאַרסטע מענשענרעכט פונ'ם „אַקערער, זייהער און שפּייזער“, אַ ווילדע איזדיעקעווען זיך פון משוגע'נע טיראַנען איבער שווייגענדיג-געבויגענע רוקענס פון דערשלאָגענע קנעכט — דאָס איז געווען די מאָראַל און דער פאַקט פון יענער פינסטערער צייט.—

פאַר די אויגען פון דעם קליינעם הערצען האָט זיך פאַרבייגעטראָגען אַ מאַסע שוידערליכע סצענעס, וואָס האָבען איבערגעלאָזען אַן'אונפערגעסליכען איינדרוק אויף זיין גאַנצען לעבען. וואָס ווייטער, איז זיין פאָטער געוואָרען אַלץ עגאָאיסטישער, אויפגערעגטער, בייזער. די אַטמאָספערע אין שטוב איז געוואָרען אַלץ מעהר אונערטרעגליך. דער קליינער הערצען האָט גענומען אַוועקגעהן פון שטוב צו די פויערים, די לייב-אייגענע פון זיין פאָטער. זיי האָבען איהם ליעב בעקומען און מקרב געווען. פון זיי האָט ער זיך דערוואוסט די אמת'ע לאַגע זיינע און זיין מוטער'ס אין זיין פאָטער'ס הויז. דאָס האָט איהם נאָך מעהר דערווייטערט פון פאָטער און דערנעהענט צו די פויערים. די בעקאַנטשאַפט מיט די פויערים האָט אויף איהם געהאַט אַ גוטע ווירקונג, זי האָט איהם פון די יונגסטע יאָהרען אָן נאָהענט געבראַכט צום פאָלקס-לעבען און אַרויסגערופען אין איהם אַ מיטגעפיהל צו רעכטלאָזע און געדריקטע. דאָ האָט ער מיט זיינע אויגען געזעהען אַ סך האַרצרייסענדע דראַמען פונ'ם דעמאָלטיגען פאַנשטשיזנע-לעבען.

זומער פלעגען זיינע עלטערן שטענדיג וואוינען אין דאָרף. דאָ, צווישען די פּשוט'ע, עהרליכע פויערים-האָרעפּאַסניקעס, זענען ביי דעם קליינעם לייענדיגען הערצענ'ען אין דער נשמה צום ערשטען פערזייהט געוואָרען די זוימען פון זיין פלאַמענדיגער ליעבע צום פּשוט'ן פאָלק און פון זיין גלויבען אין די גייסטיגע כוחות פון פאָלק. פון אָט די זוימען זענען עם שפּעטער אויסגעוואַקסען הערצענ'ס טעאָרעטישע אנשויאונגען אין זיין בעקאַנטער שפּרוך: „דער מענש פון דער צוקונפט אין רוסלאַנד — איז דער פויער!“.

ביי זיינע לעהרער האָט זיך הערצען געלערנט שלעכט, ווייל ער האָט ניט געקענט אַריבערטראָגען די פאַרצייטיגע ווילדע מעטאָדעס פון לערנען. דערפאַר האָט ער זעהר פיעל געלייענט און געלערנט אַליין, זעלבסטשטענדיג. דענקען, פאַנטאַזירען און ביכער — דאָס איז געווען דער אינהאַלט פון זיינע יונגע יאָהרען.

די שרעקען אין מאָסקווע נאָך דער נידערלאַגע פון דעם דעקאַבריסטען-אויפשטאַנד דעם 14-טען דעצעמבער 1825, די שוידערליכע ערצעהלונגען וועגען דעם משפט און די טויט-שטראָפען איבער די דעקאַבריסטען — האָבען אינגאַנצען צעטרייסעלט די צאַרטע, עמפּפינדליכע נשמה פון דעם יונגען טרוימער. פאַר איהם האָט זיך געעפענט אַ נייע וועלט. ער האָט דאַן

נאך וועניג, אדער אלענפאלס נעבעלהאפטיג פערשטאנען, וועגען וואס דא האט זיך אייגענטליך געהאנדעלט.

די איינזאמקייט האט איהם גענומען שטארק דריקען און ער האט געזוכט אויסצוגיסען פאר עמיצען זיין הארץ. און ער האט דעם עמיצען געפונען. דאס זענען אייגענטליך געווען צוויי מענשען: איינער — זיין רוסישער לעהרער פראטאפאפאוו, אן'אידעלער ליבעראל, און דער צווייטער — דער פראנצויזישער לעהרער בושא, א טשיקאווער זקן און א פערברענטער רעפובליקאנער-פאטריאט פון זיין פאטערלאנד. אונטער זייער ביידענס ווירקונג האט ער אנגעהויבען לעזען גאר אויף אנ'אנדער אופן, איבערהויפט פאליטיש-געשיכטליכע ליטעראטור.

צו יענער צייט איז דער פערצעהן-יאהריגער הערצען שטארק באפריינדעט געווארען מיט זיין ווייטען קרוב דעם 13-יאהריגען אגארעוו, דעם שפעטערדיגען פאעט פון לידען און קאמפף. זיי האבען צוזאמען געלערנט, געלייענט, צוזאמען שפאצירט, געטיילט זיך מיט די איינדריקען און צוזאמען געטרוימט. אונטער דער ווירקונג פון'ם פראנצויזישען גואווערנער און פון שילער'ס ווערק זענען ביידע חברים געווארען פלאמענדיגע פאליטישע טרוימער. די טראגעדיע פון די דעקאבריסטען ווערט דער אויסגאנגס-פונקט פון זייער צוקינפטיגען לעבען און ווירקען. זייער התלהבות איז וואס ווייטער געוואקסען אלץ מעהר. איינמאל זענען זיי געווען אויף די וואראביאוו-בערג אין מאסקווע. „די זון האט זיך אראבגעלאזען. די קלויסטער-שפיצען האבען געפינקעלט. די שטאדט האט זיך ווייט און ברייט אויסגעשפרייט פאר זיי אונטער'ן בארג... זיי זענען ביידע געשטאנען אנגעשפארט איינער אויפ'ן אנדערן און — פלוצלינג האבען זיי זיך געווארפען איינער דעם צווייטען אין די ארעמס און געשוואורען איבער'ן קאפ פון גאנץ מאסקווע, צו אפפערן זייער לעבען אונ'ם קאמפף פאר פרייהייט“... („Былое и думы“)

דער דענקער און דער דיכטער זענען געבליבען טריי אין זייער פריינדשאפט דעם גאנצען לעבען. אין יאהר 1830 זענען זיי ביידע אנגעקומען אין מאסקווער אוניווערזיטעט אויפ'ן פיזיש-מאטעמאטישען פאקולטעט. דארט זענען זיי אריינגעטראטען אין דעם בעריהמטען סטאנקעוויטש'עס קרייזעל, וואס איז געווען דורכגעדרונגען מיט'ן אידעאליזם פונ'ם דייטשען פילאזאף קאנט און זיינע תלמידים. אט דער קרייזעל האט געשפיעלט א גרויסע ראלע אין הערצענ'ס ווייטערדיגער ענטוויקלונג. איהם איז אבער באלד דארטען ענג געווארען. הערצען האט געהאט דורכגעשטודירט די שול פון דער פראנצויזישער מאטעריאליסטישער פילאזאפיע פונ'ם 18-טען יאהרהונדערט און די טעאריען פונ'ם פראנצויזישען סאציאלאג סען-סימאן און, פונקט ווי די דעקאבריסטען, איז ער געווען דורכגעדרונגען מיט די אידעען פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציע. ער האט צוזאמען מיט אגארעוו'ן געגרינדעט א בעזונדער קרייזעל. אויפ'ן ערשטען פלאן זענען דארטען געשטאנען ריין-פראקטישע לעבענס-פראגען. אין סען-סימאנ'ען האבען זיי געזעהן א פייערדיגען קעמפפער געגען לייב-אייגענטום און דאס האט זיי געצויגען. דא זעהען מיר הערצענ'ען צום ערשטען מאל אויף זיין וועג — אויפ'ן וועג פון פייערדיגען פראטעסט געגען דעם יאך פון לייב-אייגענטום, און מיט דעם וועג איז ער געגאנגען ביז דעם בעריהמטען יאהר 1861, ווען ס'איז פארגעקומען די פויערים-בעפרייאונג. ער האט זיינע געדאנקען און געפיהלען ארויסגעזאגט שטורמיש, דרייסט און מיט היץ. אבער באלד, נאכדעם ווי ער האט געענדיגט דעם קורס, איז הערצען מיט זיינע חברים דעם 19-טען יולי 1834 ארעסטירט געווארען. דער משפט איז געווען א שרעקליכער: „לויט איין געזעץ האט זיי פאר זייגען פערבאטענע לידער געקומט טויט-שטראף; לויט אנ'אנדער געזעץ — אייביגע קאטארגע, נאר צוליעב דיער יונגשאפט איז זיי געגעבען געווארען דער חסד — אויף אייביג פערשיקט צו ווערען“.



אלעקסאנדער הערצען.

ער איז אָבגעזעסען אין טורמע ניין חדשים און נאָכדעם האָט מען איהם פערשיקט, פריהער קיין פּערם, דערנאָך קיין וויאַטקע, וואו ער איז אָבגעזעסען צוויי יאָהר. דאָס האָט הערצען'ען ערביטערט. ס'האָט איהם אָבער ניט צובראָכען. פערקעהרט, נאָכמעהר פערהאַרטעוועט. ער איז דאָ גוט בעקאַנט געוואָרען מיט'ן פּראָווינציאַלען לעבען, ער האָט דאָ געזעהן דעם גאַנצען חושך, אונוויסענהייט, גראָבקייט, וואָס האָבען דאָרט געהערשט. אַדאַנק דער השתדלות פונ'ם פּאָעט זשוקאָווסקי, וואָס איז געווען לעהרער און ערציהער פונ'ם טראָן-פאָלגער, איז הערצענ'ען פערגרינגערט געוואָרען די שטראָף און ערלויבט אַריבערצופאָהרען אין דער שטאָדט וולאַדימיר. דאָרטען האָט ער חתונה געהאַט מיט זיין היים-געליעבטער שוועסטערקינד נאַטאַליאַ זאַכאַרינאַ, אַ צניעות'דיגע, צערטליכע און רעליגיעז-מיסטישע פערטראַכטע נשמה.

די ליעבע און דער הייראַט האָבען הערצענ'ען אונטערגעהאַלטען אין זיין גלות. נאַטאַליאַ האָט געהאַט אויף איהם אַן'אונגעהויערע ווירקונג, האָט אַרויסגעשטויסען פון איהם דעם אַטעאיסטישען גייסט און אָנגעשטעקט איהם מיט מיסטיציזם. אַ לאַנגע צייט האָט ער געלעבט נור מיט זיין ליעבע. אַלץ אַנדערס איז געווען פערוואָרפען. די טרויעריג-העסליכע ווירקליכקייט אָבער, וועלכע ער האָט קענען געלערנט אויף די ערטער, האָט פערסמ'ט זיין נשמה, ער האָט געוועלט העלפען זיין אָרימען פאָטערלאַנד, האָט אָבער ניט געוואוסט, ווי און מיט וואָס.

פון דער אַנדער זייט איז אין איהם פאָרגעקומען אַ קאַמפף צווישען זיין אַטעאיזם און דעם מיסטישען גייסט, וואָס זיין פרוי האָט אין איהם אַריינגעבראַכט
גייסט, וואָס זיין פרוי האָט אין איהם אַריינגעבראַכט.
דאַן זענען פערזייט געוואָרען די ערשטע זוימען פון זיין גייסטיגער טראַגעדיע.

אין אַזאַ געדריקטען צושטאַנד האָט ער זיך נאָך דער בעפרייאונג אומגעקעהרט קיין מאָסקווע אין יאָהר 1840.

דאָ איז ער ווידער אַריינגעטראָטען אין **סטאַנקעוויטש'עס** קרייזעל, אין וועלכען ס'האָבען שוין דאַן געהערשט צוויי שטרעמונגען: דער עלטערער דור (טשאַאַדאַיעוו מיט זיינע חברים), האָט זיך פעסט געהאַלטען ביים אידעאַליזם פון **קאַנט-שעלינג-פיכטע** (דער רוח ווירקט אויפ'ן חומר), בעת די יונגערע מיטגליעדער (דער בעריהמטער קריטיקער ביעלינסקי מיט זיינע אָנהענגער) זענען שוין געווען איבערגעגאַנגען צו העגעל'ן מיט זיין „געזעצמעסיגקייט פון די היסטאָרישע ערשיינונגען“. הערצען האָט זעהר שנעל דורכגעשטודירט העגעל'ן, וואָס ס'איז גאָר ניט אַזוי לייכט, און האָט פאָלקאָם בעגריפען די העגעל'שע דיאַלעקטיק — און דאָך געבליבען ביי זיינע זעלבסטשטענדיגע פריייע אַנשויאונגען, וואָס זענען נור רייכער געוואָרען דורך זיין שטענדיגען דענקען, שטודירען און לעבענס-פּראַקטיק. ער האָט גענומען פיהרען אונענדליכע ויכוחים מיט **ביעלינסקי'ן** און **באַקונינ'ען**, וועלכע האָבען דאַן געהאַט שלעכט פערשטאַנען העגעל'ס פאָרמול: „אַלץ וואָס איז ווירקליך — איז פערנינפטיג, און אַלץ וואָס איז פערניפטיג — איז ווירקליך“. הייסט עס אַלזאָ, אַז דאָס עקזיסטירענדע לייבאייגענטום איז פערנינפטיג, קלוג און בערעכטיגט. אַזאַ רעאַקציאָנערער אויספיהר האָט הערצענ'ען אויפגערעגט ביז די טיעפעניש פון זיין פּראָטעסטירענדער נשמה. ער האָט זיך צוקריגט מיט בעלינסקי'ן און געבילדעט אַן'אייגענעם קרייזעל. ביעלינסקי'ס פרייער גייסט האָט זיך באַלד אָבער בעפרייט פון דער פערפיהרעניש און ער איז מיט הערצענ'ען שלום געוואָרען. כמעט אין איין צייט זענען זיי אַוועקגעפאָהרען קיין פּעטערבורג, וואו ביעלינסקי האָט אָנגעהויבען רעדאַגירען דעם זשורנאַל „אָטעטשעסטווענייאַ זאַפּיסקי“. גאָר באַלד האָט מען, איבער אַן'איבערגעכאַפּטען בריעף, הערצענ'ען אַרויסגעשיקט פון פּעטערבורג קיין נאָווגאָראָד. דאָרטען האָט זיין פאַמיליע געליטען פיעל נויט, און אין 1842 האָט ער, לויט אָגאַרעוו'ס השתדלות, בעקומען אַן'ערלויבניש צו קומען אין מאָסקווע. דאַן הויבט זיך אָן הערצענ'ס ליטעראַרישע טעטיגקייט. אין משך פון פינף יאָהר האָט ער אָנגעשריבען אַ מאַסע אויסגעצייכענטע וויסענשאַפטליך-פילאָזאָפישע ווערק, וואָס האָבען געהאַט אַ געוואַלדיגע ווירקונג אויף דער גאַנצער רוסישער געבילדעטער געזעלשאַפט.

בעזונדערס דאַרף מען דערמאָנען זיינע אַרטיקלען: „בריעף וועגען שטודירען די נאַטור“, „מכח איין דראַמע“, „דילעטאַנטיזם אין דער וויסענשאַפט“, „קאַפּריזען און געדאַנקען“ און זיינע ראָמאַנען: „ווער איז שולדיג?“, „די כתבים פון דאָקטאָר קרופּאָוו“ און די מעשה: „די סאָראָקע—די גנבטע“. אין די אַלע ווערק שטעלט ער אַרויף נייע פּראָבלעמען: פּראָבלעמען פון הייראַט און פערזענליכקייט, פון וויסענשאַפט און פילאָזאָפיע. זיינע בעלעטריסטישע ווערק זענען אמת'ע פּערל פון קונסט, — זיי צייכענען זיך אויס מיט טיעפען אויפריכטיגען געפיהל, מיט דינעם, לעבענסטרייען פּסיכאָלאָגישען אַנאַליז פון זיינע העלדען, מיט טראַגיש-רידהרענדע איבערלעבונגען און מיט בליצען פון טיעפען דענקען. אָבער דאָך איז די בעלעטריסטיק ביי איהם ניט געווען קיין ציעל, נאָר אַ מיטעל אין יענעם טעטיגען און ליידענשאַפטליכען קאַמפף, וועלכען ער האָט געפיהרט אי אין דער פּרעסע, אי אין לעבען — דעם קאַמפף מיט'ן לייבאייגענטום און מיט דעם גאַנצען לעבענסאַרט, וואָס האָט זיך אויף אָט דעם באָדען אויסגעאַרבייט. ער

האָט געשילדערט די טרויעריגע דראַמעס, וואָס זענען פאָרגעקומען טאָג־טעגליך אין דער פערשטיקטער אַטמאָספערע פונ׳ם פּראָווינציעלען קליינליכען קליינבירגערליכען לעבען, דראַמעס פון קיינעם ניט בעמערקטע, — און האָט פיינליך געשטעלט די פראַגע: ווער איז שולדיג? אַן׳איינגעאַרטיג פעסימיסטישער אַקאָרד קלינגט אויך אין זיין „דאָקטאָר קרופּאָוו".

ער איז אומגעגאַנגען מיט אַ צופּייניגטער נשמה.

ער האָט געלעבט אין אַן׳אַטמאָספערע פון טייערע פריינד, פון מערקווירדיגע אָריגינעלע אידעאַלע פערזענליכקייטען, צווישען דער גאַנצער פּלעיאַדע ליכטיגע רוסישע שטערען פון די פערציגער יאָהרען, ווי בעלינסקי, גראַנאָווסקי, באַקונין, קאַוועלין, אָגאַרעוו און אַנדערע, וואָס ער האָט זיי דעם גאַנצען לעבען דערמאָנט מיט ליעבע און טיעפען רעספּעקט. זיין גלענצענדע ליטעראַרישע טעטיגקייט האָט איהם פערשאַפט כבוד און רוהם. און דאָך האָט זיך זיין נשמה געצאַפּעלט ווי אַ געפאַנגענע פייגעלע אין שטייגעל און קיין רוה ניט געפונען. און עס איז קיין וואונדער ניט. אין יענער שווערער עפּאָכע פון רוסישען לעבען האָבען אַזוינע הערצענס ניט געקענט אויסהאַלטען. דריי גרויסע פּאָעטען זענען געפאַלען איינער נאָכ׳ן אַנדערן: פּושקין, פּאָלעזשאַיעוו און לערמאָנטאָוו. עס איז אויסגעגאַנגען אין שווינדזוכט דער גרויסער בעלינסקי... מיט איין וואָרט, דאָס איז געווען יענע עפּאָכע, ווען אַלעס, וואָס האָט אַ לעבעדיגע נשמה געהאַט, האָט געמוזט אונטערגעהן אין אונמוט און פערצווייפלונג.

אין 1846 האָט זיך הערצען אויפ׳ן אידעאַלישען באָדען צוקריגט מיט גראַנאָווסקי׳ן, איינעם פון זיינע נאָהענטסטע און אויפריכטיגסטע פריינד. דאָס האָט שטאַרק געווירקט אויף הערצענ׳ען און האָט איהם געמאַכט אַ וואונד אין האַרצען. און דאָ זענען צוגעקומען די מיספערשטענדנישען צווישען איהם און זיין פרוי, וואָס האָבען זיך אָנגעהויבען נאָך אין נאָווגאָראָד און וואָס האָבען זיך ענטוויקעלט וואָס ווייטער אַלץ מעהר. ער איז געווען אַ נאַטיר אַ פּראָטעסטירענדע, און זי איז געווען געניינגט צו רעליגיעזער אונטערטעניגקייט. די צוזאַמענשטויסונגען זענען געוואָרען אַלץ אָפטער. דאָס פערגיפטעט אַלץ מעהרער זיין האַרץ... „אַוועקפאָהרען! אַוועקפאָהרען וואָס ווייטער!" — שרייט אין איהם דאָס האַרץ.

אין 1847 שטאַרבט זיין פאָטער און לאָזט איהם איבער אַ גרויסע ירושה. הערצען בעשליסט און פאָהרט באַלד אַוועק אין אויסלאַנד, אין פּאַריז. דאָ האָט זיך אָנגעהויבען דער סאַמע שטורמדיגער און טראַגישער פּעריאָד אין הערצענ׳ס לעבען. ער האָט גאַנץ גוט געקענט אייראָפּע, ער האָט גענוג געלעזען וועגען איהר און האָט איהר גאָר ניט אידעאַליזירט, די אַלטיטשקע. דאָרטען איז אָבער פּאָרט פרייער, דאָרט איז לכל הפחות פאַראַן די נאָהנטע מעגליכקייט פון אַן׳אָפענעם פרייען קאַמפּף, דאָרטען שפּרודלען דאָך די פרישע קוואַלען פון לעבעדיג־מונטערע אידעען. ער איז אָבער באַלד ענטטוישט געוואָרען. די אויסערליך גלענצענדע אייראָפּא איז דורך און דורך צופוילט און זי צופאַלט אין איהר פערדאָרבענהייט. ער האָט פערהאַסט די פערקויפטע נשמות פונ׳ם פראַנצויזישען קליינבירגערטום, די „מעשטשאַנסטוואָ", ווי ער האָט עס דער ערשטער גערופען. ער האָט געוואָרפען פּאַריז און איז אַוועק קיין איטאַליען, קיין רוים. דאָ איז ער אַביסעל אויפגעמונטערט געוואָרען: דאָ איז געגאַנגען דער פּראָצעס פון בעפרייאונג און פעראייניגונג. אָבער ביי דער ערשטער ידיעה וועגען דער אויפגעפלאַקערטער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פון 1848 איז הערצען אַוועק ווידער אין פּאַריז. דאָ איז ער באַלד אינגאַנצען ענטטוישט געוואָרען. געזיעגט האָט די ליבעראַלע בורזשואַזיע. איבער די ביינער פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט איז זי געגאַנגען און פערכאַפּט די ממשלה אין איהרע הענד, איהר צייטווייליגע רעגירונג האָט זיך בעוואָפענט צו בעשיצען איהרע עקאָנאָמישע אינטערעסען געגען דעם דראַנג פון די מאַסען. אַ פינסטערער וואָלקען האָט זיך פערצויגען איבער גאַנץ אייראָפּא. „דאָס לעבען האָט אָבגענאַרט, די געשיכטע האָט אָבגענאַרט.... אַ פלוך דיר, יאָהר (1849) פון בלוט און פון אונזין, יאָהר פון טריאומפירענדער נידערטרעכטיגקייט, אַכזריות און טעמפּקייט... די לעצטע האָפנונג, וואָס האָט געוואַרעמט, אונטערגעהאַלטען, ווערט פערשוואונדען"... („Съ того берега")

באַלד האָט איהם די פּאַריזער פּאָליציי איבער אַ חשד אַרויסגעשיקט פון פראַנקרייך און ער איז אַוועק קיין שווייץ, אין זשענעווע. דאָ בעקומט ער אַ נייעם קלאַפּ. די דראַמע צווישען איהם און זיין פרוי האָט דערגרייכט איהר העכסטע שטופע. זי האָט זיך איינגעליעבט אינ׳ם דייטשען פּאָעט הערווע; און האָט הערצענ׳ען געוואָרפען. אין אַ יאָהר אַרום האָט זי זיך אומגעקעהרט צום מאַן און ער האָט איהר אויפגענומען מיט פרייד, אָבער זי איז אין אַ קורצע צייט אַרום געשטאָרבען פון שווינדזוכט. דאָס איז געווען אין יאָהר 1850 אין ניצאַ, וואו ער האָט מיט זיין פאַמיליע געוועלט אַ ביסעל אָברוהען זיך. באַלד האָט איהם געטראָפען נאָך צוויי קאַטאַסטראָפעס: בעת אַ שיפבּרוך אין מיטעללענדישען ים זענען דערטרונקען געוואָרען זיין מוטער און זיינער אַ קליינער זוהן.

ענדע יאָהר 1852, ניט זעהענדיג פאַר זיך קיין שום פּערספּעקטיווען פון אַ וואָסער־ס׳איז אַקטיווער אַרבייט, האָט דער אויסגעמאַטערטער הערצען גענומען שרייבען זיין געניאַלען מעמואַרען־בוך

„בילאָיע אי דומי“ (ס׳געוועזענע און געדאַנקען), וואָס ווערט פון אַלעמען אָנערקענט אַלס דער בעסטער אוצר אין זיין איבערגעלאָזענער רייכער ליטעראַרישער ירושה.

אומעטום, וואו ער איז מגולגל געוואָרען אין זיינע אומענדליכע וואַנדערונגען, האָט ער געהאַט נאָהענטע פריינדשאַפטליכע פערבינדונגען מיט די גרעסטע פערזענליכקייטען פון אייראָפּע; אומעטום איז ער געווען אין צענטער פון אַלע וועלט-בעוועגונגען און געשיכטליכע ערשיינונגען. דאָס איז אויסגעקומען עפּעס אַלץ אַזוי ווי אומגעריכט, ער האָט דאָס אַליין בשעת מעשה ווי ניט געפיהלט.

אין זיינע „בריעף פון פראַנקרייך און איטאַליען“ און אין זיין ווערק „פון יענעם ברעג“ גיסט ער אויס זיין גאַנצע פערצווייפלונג און זיין גרויסען טרויער, וואָס אייראָפּע האָט אין זיין צעוועהטאָגטען האַרצען אַריינגעגאָסען. איהם איז געוואָרען קלאָר, אַז אייראָפּע שטאַרבט, אַז זי איז פערזונקען אין האָפנונגסלאָזער „מעשטשאַנסטווע“ און וועט זיך שוין קיינמאָל פון איהר ניט בעפרייען. דעריבער האָט ער זיך קאַטעגאָריש אָבגעזאָגט, ווען היכטיגע אייראָפּעאישע טוער האָבען איהם פאָרגעלעגט אַריינצוטרעטען אין אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטישע צענטרען. איין וואָרט: אייראָפּע איז אַלט, פערפוילט, אייראָפּע איז האָפנונגסלאָז. איהם ציהט צו זיין עלענדען, אָבער יונגען געזונדען פאָטערלאַנד. פאַר זיינע גייסטיגע אויגען ערשיינט די רוסישע קהלה (אָבשטשינע) אַלס געזונדער קערן פאַר דער געזעלשאַפטליכער בענייאונג און בעפרייאונג, אַלס מוסטער, ווי עס דאַרף געבויט ווערען די צוקונפטיגע געזעלשאַפט אויך אין אייראָפּע. די רוסישע אָבשטשינע איז דורכגעטראָגען געוואָרען דורך לאַנגע יאָהרהונדערטען, דורך די געוואַלדיגסטע היסטאָרישע ערשיטערונגען, אַן׳אונבעריהרטע, אַ גערעכטיגע געזונדע אמת-קאָמוניסטישע געזעלשאַפט. זי איז נור פערשקלאַפט ביי׳ם פּריץ. מ׳דאַרף זי בעפרייען, און דאַן וועט זי ערשיינען אין איהר העלער, שענער פּראַכט.

הערצען איז דער שעפער פון דער נאַראָדנישער טעאָריע. ער שטרעבט אָן אַלע כחות בעקאַנט צו מאַכען אייראָפּע מיט די שענע זייטען פון זיין פאָלק, מיט דעם עהרליכען ריינעם אַרט לעבען זיינעם.

איהם ווערט ענג אויפ׳ן אייראָפּעאישען קאָנטינענט, ער פּעקעלט זיך אַריבער קיין ענגלאַנד. אין לאָנדאָן קומט ער באַלד צו זיך, בעגעגענט זיך מיט זיין אַלטען פריינד אָגאַרעוו׳ן און זיי גרינדען אין 1857 דעם זשורנאַל „קאָלאָקאָל“ (גלאָק), וועלכען עס איז בעשערט געווען צו שפּיעלען אַן׳אונגעהייערע ראָלע אין דער פּויערים-בעפרייאונג. איבער אַלע זייטען פון „קאָלאָקאָל“ געהט דורך איין און דערזעלבער פלאַמענדיגער פּראָטעסט געגען דעם לייבאייגענטום.

דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזען דער גאַנצער הערצען אין זיין גאַנצער ברייט און טיעף, דאָ האָט ער — זיך געפונען, זיין ציעל, זיין ריכטיגע אויפגאַבע געפונען. דאָ האָט הערצענ׳ס פּובליציסטישער טאַלאַנט, זיין וואונדערבאַרער פערשטאַנד, זיין טעמפּעראַמענט און זיין ליטעראַרישע מאַכט אַרויסגעוויזען זיך מיט פולען גלאַנץ און קראַפט. זיין לעבעדיגקייט און טיעפער זין, זיין הייסער מיטגעפיהל און ברייטער בליק, זיין קלאָרער, דורכדרינגענדער פערשטעהן די בעדינגונגען און די אומשטאַנדען פון מאָמענט אינאיינעם מיט די גרעניצלאָזע האָריזאָנטען פין זיינע אידעאַלען און אָנשויאונגען האָבען הערצענ׳ען און זיין „קאָלאָקאָל“ געגעבען אַ קראַפט, וואָס קיין איין רוסישער פּובליציסט ניט פריהער און ניט שפּעטער האָט אַזוינס ניט פערמאָגט. „קאָלאָקאָל“ — איז אַ קראַפט, „קאָלאָקאָל“ — איז אַ מאַכט אין דער רוסישער מלוכה!“ — האָבען גערעדט זיינע פריינד און פאַר זיך מודה געווען זיינע שונאים. טורגעניעוו האָט אין אַ בריעף געשריבען הערצענ׳ען, אַז דער „קאָלאָקאָל“ ליגט אויפ׳ן טיש ביי׳ם קייזער אין קאַבינעט, ער לייענט איהם אויפמערקזאַם און בעשטימט אויספאָרשונגען לויט זיינע ענטדעקונגען. דער בעריהמטער פּיעל-ליידענדער אוקראַינער פּאָעט שעווטשענקאָ האָט מיט יראת הכבוד געקושט די בלעטלעך פון „קאָלאָקאָל“. און די יוגענד (אַפילו אין פּאַזשען-קאָרפּוס) האָט איהם מיט טרערען פון התפעלות געלייענט. פאַר זיינע ענטדעקונגען פלעגען בלייך ווערען און ציטערן הויכגעשטעלטע מאַגנאַטען. פאַר׳ן „קאָלאָקאָל“ פלעגט מען זיך קלאָגען, פון „קאָלאָקאָל“ האָט מען געוואַרט גערעכטיגקייט און ער האָט גיט גענאַרט די האָפנונגען. „קאָל.“ האָט, מיט איין וואָרט, געהאַט אַ געוואַלדיגען איינפלוס סיי אויף דער געזעלשאַפטליכער מיינונג, סיי אויף די רעגירענדע ספערען אין רוסלאַנד.

איצט איז הערצען שוין ניט געווען קיין רעוואָלוציאָנער. די גאַנצע קראַפט פון זיין וואָרט האָט ער געווענדעט איבערהויפּט אויף דער זאַך פון דער פּויערים-בעפרייאונג. אין פּויער און אין דער פּויערשער „אָבשטשינע“ האָט ער געזעהן די ישועה און די צוקונפט פון רוסלאַנד און די אונמעגליכקייט צו פערזינקען אין זומפּ פון מעשטשאַנסטווע. אָט די אידעאַלען האָבען געראַטעוועט הערצענ׳ען און אונטערגעהאַלטען איהם ביז ענד לעבען.

נאָך מיט עטליכע יאָהר פריהער פאַר'ן „קאָלאָקאָל“ האָט שוין הערצען געמאַכט פּאַרטיזאַנישע אַרויסטרעטונגען געגען אַלץ וואָס שטיקט און דריקט אין זיין פערלאָזענעם פאָטערלאַנד. אין 1853 האָט ער אָבגעדריקט אַ בעגייסטערטען אַרטיקעל „דער פריהלינגס־טאָג“, וואָס האָט געקלונגען ווי אַ נביאה. ער ווענדט זיך צום רוסישען אַדעל, ווייזט איהם אָן, אַז גיט קוקענדיג אויף דעם חושך־אפלה פון דער טיעפער רעאַקציע איז די שעה פון דער פויערים־בעפרייאונג נאָהענט, אַז דאָס פאַלען פונ'ם לייבאייגענטום איז „נייטווענדיג, אונפערמיידליך, אונבעזיגבאַר“, אַז אויב דער אַדעל וועט ניט נעהמען אויף זיך די בכבוד'יגע איניציאַטיוו צו בעפרייען דעם פויער פון אויבען, וועט דער פויער זיך אַליין בעפרייען פון אונטען. אין 1854 נעהמט ער אָנטייל אין אַ מיטינג, וואָס איז איינגעאָרדענט געוואָרען אין לאָנדאָן דורך די פאָרשטעהער פון דער אַלוועלטליכער עמיגראַציע. ער רעדט ווידער וועגען דער נאָהענטקייט פון דער פויערים־רעפאָרם, פאָרמולירט זיין פראָגראַם פון לייזען די פויערים־פראַגע, וואָס איז ענדליך אין אַלגעמיינע שטריכען אָנגענומען געוואָרען דורך דער רעגירונג פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטען. דעם 10 מערץ 1855, שרייבט ער אַלעקסאַנדער דעם II אַ בעגייסטערטען בריעף. מיט אַ בעשיידענעם, אָבער אונאָבהענגיגען טאָן ווייזט ער איהם אָן אויף די נויטווענדיגקייט צו בעפרייען די פויערים און די פרעסע. קיין ענטפער איז, פערשטעהט זיך, ניט געווען, אָבער מ'קען רעכענען, אַז אַ ווירקונג האָט עס געמאַכט. דאָס זעלבע קען מען אויך זאָגען וועגען דעם בעגייסטערטען אַרטיקעל „אין דריי יאָהר אַרום“, וועלכער איז אויך געווען געווענדעט לויט'ן זעלבען אַדרעס.

נאָכ'ן מאַניפעסט פון 19־טען פעברואַר 1861 האָט דער „קאָלאָקאָל“ נאָך אַלץ געהאַט אַ ווירקונג אָבער שוין ניט דאָס וואָס פריהער. דער יונגער דור האָט שוין געפונען, אַז הערצען איז געוואָרען רעכטער, ווייל ער האָט אַרויסגעשטעלט אַ מעסיגע פּלאַטפאָרם: 1) בעפרייען די פויערים פון די פריצים; 2) בעפרייען דאָס וואָרט פון צענזור; 3) אָבשאַפען לייבשטראָף. אַזאַ קליינע פראָגראַם איז, פערשטעהט זיך, ווייט צו זיין אַ בעפריעדיגענדע. אָבער די בעשולדיגונג אין „רעכטקייט“ איז ניט בעגרינדעט. הערצען אַליין האָט זיך גערופען „פערביסענער סאָציאַליסט“. ער איז אינגאַנצען געשטאַנען אויף דער זייט פון די עקספּלואַטירטע און ניט אויף דער זייט פון די עקספּלואַטאַטאָרען. ער איז געשטאַנען אויפ'ן שטאַנדפונקט פון אויטאָנאָמיע פאַר די פעלקער, וואָס וואוינען אין רוסלאַנד. ער איז געבליבען ביז ענד לעבען טריי זיינע אידעען. ער האָט אָבער געהאַט זיין איבערצייגונג, וועלכע אידעען האָבען די מעגליכקייט פערווירקליכט צו ווערען גלייך אַלס פּראָגראַם־מינימום פון מאָמענט און וועלכע אידעאַלען בלייבען נאָך דערווייל נור אידעאַלען, וואָס זייער צייט דאַרף, מוז און וועט נאָך געוויס קומען. ער איז דער ערשטער אידעען־פאָטער פון דער בעפרייאונגס־בעוועגונג אין רוסלאַנד. זעהר אַ גרויסער טייל טראַדיציעס און שלאָגווערטער איהרע ציהען זיך פון איהם. ער איז דער ערשטער טעאָרעטיקער פון דער „נאַראָדניטשעסטוואָ“. ער האָט דער ערשטער איינגעפיהרט אַ פרייע פרעסע אין אויסלאַנד. זיין געדאַנק איז געווען: „ווענדען זיך צום פאָלק — איז אַ גרויסע זאַך“. ער האָט געהאַלטען, אַז די בעוועגונג פון די פאָלקסמאַסען וועט האָבען אַ שאַרף קאָמוניסטישען כאַראַקטער. ער געהערט בשום אופן ניט צו די ליבעראַלען. ער איז געווען אַ איבערצייגטער און פעלזענפעסטער קעמפפער פאַר די פאָרדערסטע, פאַר די ווייטסטע אידעאַלען פון דער מענשהייט.

אמת, הערצען איז ניט געווען קיין פילאָזאָף אין עכטען זין פון דעם וואָרט: ער האָט ניט געשאַפען קיין אייגענע אָריגינעלע פילאָזאָפישע סיסטעם און איז אַפילו ניט געווען קיין מאָראַליסט. זיינע פילאָזאָפישע אַנשויאונגען ליידען פון אונבעשטימטקייט. ער האָט עס אַליין פערשטאַנען און האָט געשריבען, אַז אין גאַנצע ביכער, אין אַ רייהע אַרטיקלען און בריעף האָט ער סוף כל סוף ניט געקענט אויפקלערען זיין פילאָזאָפישע וועלטאַנשויאונג. ער האָט טאַקע ניט געהערט צו קיין שום בעשטימטער פילאָזאָפישער שול. דאָס איז אָבער ניט הערצענ'ס שולד. ער געהערט צו יענער קליינער צאָהל מענשען, וואָס זייער אַלזייטיגער שכל און דער אונרוהיגער גייסט פונ'ם פרייען געניע האָט זיך ניט געקענט בערוהיגען אויף די איינגעשטעלטע דאָגמאַטישע אמונות און טעאָריעס. אין הערצענ'ס אידעאָלאָגיע האָבען זיך אָבגעשפּיגעלט אי דער עמפּיריזם 1) פון בעקאָן, אי דער פאַנטעאיזם 2) פון ספּינאָזאַ, אי דער קריטיציזם 3) פון קאַנט,

---

1) עמפּיריזם — א וועלט־אנשויאונג, וואס לויט איהר קומט אויס, אז אלס איינציגער מיטעל פון ערקענטניס דארף דינען די ערפאהרונג אדער די בעאבאכטונג פון די חושים.

2) פאנטעאיזם — א פילאזאפישע לעהרע, וואס גיסט צונויף דעם מהות פון דער געטליכקייט מיט דער עקזיסטענץ פונ'ם וועלטאל — א מין חסידישער מלא כל הארץ כבודו.

3) קריטיציזם — א מין ארט דענקען, וואס האלט

אי דער ניכטערער אידעאַליזם 4) פון העגעל, אי דער מאַטעריאַליזם 5) פון פייערבאַך און פיעלע אַנדערע. אָבער הערצען איז ניט געווען קיין עקלעקטיקער (כל-בו-מענש): ער איז פשוט געווען אַן׳עלטער מענש מיט אַ נייעם, ביז איצט נאָך ניט געוועזענעם געניע — דעם געניע פון לעבען. אַלע טעאָריעס זענען ביי איהם אין מח איינגעאַרטיג איבערגעקאָכט געוואָרען צום דיענען דעם רעאַלען לעבען. דער לעבעדיגער אמת ווערט ענטדעקט אין אַ לעבעדיגער נשמה, די געלעהרטע אָבער און די פילאָזאָפען זענען אַוועק פון לעבען. יעדע ספעציאַליטעט איז אָהן צווייפעל נויטיג, עס מוז אָבער ווערען אַ סינטעז פון אַלע טעאָריען צוליעב און פאַר דעם לעבען. אויסער דער וויסענשאַפטליכער וועלט איז נאָך דאָ אַ סאָציאַל-היסטאָרישע, אַ מאָראַליש-פרייע און אַ פאָזיטיוו-טעטיגע וועלט. די וויסענשאַפט עקזיסטירט ניט פאַר דער וויסענשאַפט, נאָר פאַר׳ן לעבען. די פערזענליכקייט דאַרף זיך וואַרפען אין די טיעפע וואַסערן פון דער וויסענשאַפט, אום אַרויסצוגעהן אויפ׳ן ברעג, אויפ׳ן ברייטען פעלד פון לעבען און אַלזייטיג צו פערווירקליכען איהרע קרעפטען.

אין זיין אָנשויאונג אויף דער נאַטור געהט הערצען צו נאָהענט צו ספינאָזאַ׳ן, אָבער אין דער פראַגע וועגען דעם פרייען ווילען געהט ער אינגאַנצען אַוועק פון איהם. ספינאָזאַ לייקענט אָב דעם פרייען ווילען, אין דער נאַטור איז ניטאָ קיין צופאַלען, און יעדער צופאַל איז נאָר אַ פועל יוצא פון אונזער ניט וויסען. הערצען אָבער האַלט, אַז דער לעבענס-פראָצעס, די געגענוואַרט און די צוקונפט איז נאָר אַ פועל יוצא פון טויזענדער נויטווענדיגע און צופעליגע בעדינגונגען און אויך פונ׳ם מענשליכען ווילען. דאָ געהט ער זיך פאַנאַנדער אויך מיט דער אייגענטליכער מאַטעריאַליסטישער פילאָזאָפיע, וואָס לייקענט אויך אָב די ווירקונג פון דער פערזענליכקייט אויף דער געשיכטע אַלס הויפט-ראָלע. ער זעהט ניט קיין אַנטאַגאָניזם צווישען דעם אינדיווידואום און דער געזעלשאַפט. די פערזענליכקייט קען בעקומען אַ בעפריעדיגונג נור אין דער געזעלשאַפט.

פאר נויטווענדיג קודם כל צו ערפארשען די קוועלען און די גרעניצען פונ׳ם ערקענטניס, פונ׳ם ערקענען, בעגרייפען די געגענשטאנדען, די וועלט, און ערשט דערנאך צוטרעטען צום ערקענטניס גופא.

4) אידעאליזם — א פילאזאפישע לעהרע, וואס בעטראכט, אין געגענזאץ צום רעאליזם, אלע וועזענטליכע געגענשטאנדען אלס פראדוקטען פון דער פארשטעלונג, און דאס דענקענדע וועזען (כח החושב) און דאס געדענקטע — אלס די רעאליטעט, די ווירקליכקייט.

5) מאטעריאליזם — א פילאזאפישע וועלט-אנשויאונג, וואס נעהמט אן אלס הויפט-יסוד פון אלע ערשיינונגען דעם שטאף, די מאטעריע, דעם חומר.

*

* *

אין 1863 פאַלט הערצענ׳ס ווירקונג אינגאַנצען. ער האָט פערטיידיגט דעם פוילישען אויפשטאַנד. דאָס האָט בעליידיגט די פאַטריאָטישע געפיהלען פון זיינע לאַנדסלייט און זיי האָבען זיך אָבגעקעהרט פון איהם. אין 1864 האָט זיך הערצען ווידער אומגעקעהרט אין זשענעווע. און האָט דאָרט נאָך אַליין ווייטער אַרויסגעגעבען דעם „קאָלאָקאָל“ כמעט ביז ענדע 1867. נאָך אַ צעהניאָהריגער עקזיסטענץ האָט זיך דער „קאָלאָקאָל“ אָבגעשטעלט. הערצענ׳ען האָט דאָס אינגאַנצען צעוואונדעט זיין האַרץ און צעטרייסעלט זיינע נערווען. ס׳זענען אַוועק נאָך עטליכע יאָהר פון וואַנדערונגען און האָפנונגסלאָזער בענקשאַפט... הערצען איז ווידער אין פאַריז. דאָ איז ער קראַנק געוואָרען אויף צוקער-קראַנקהייט, וואָס האָט זיך שפעטער שטאַרק פערערגערט דורך אַ לונגען-אָנצינדונג. דעם 9-טען יאַנואַר 1870, ערב נייע ערשיטערנדע וועלט-געשעהעניסען, איז ער געשטאָרבען אינגאַנצען אַנ׳עלענדער, פון אַלעמען אַ פערלאָזענער. צו קבורה איז ער געקומען אין ניצצא, לויט זיין פערלאַנג.

דאָס איז געווען אַ גרויסער מענש, וואָס האָט געלעבט מיט די גרויסע ליידען און מיט די קליינע פריידען פון זיין פינסטערער עפאָכע. און אַלע זיינע איבערלעבונגען האָט ער פעראייביגט אין זיינע אומשטערבליכע ווערק. און ווי אַלע גרויסע מענשען האָט ער אַ לעבען געקעמפט און אַ לעבען געליטען, געליטען און געקעמפט און ניט אַרויסגעלאָזט די פאָהן פון האַנד. און ווי אַלע גרויסע מענשען, וועלען אויך הערצענ׳ען מיט אַנ׳אמת פערשטעהן, אָפשאַצען און מיטפיהלען — ערשט די קומענדיגע דורות.—

≠ ≠ ≠ ≠ ≠ ≠ ≠ ≠

ש. נואַר. נאָטיצען פון אַלעזער.

I. „די יודישע וועלט“.

איך ווייס ניט, ווי ביי אייך, — ביי מיר איז דאָס ערשטע ביכעל פון אַ נייעם זשורנאַל אויף יודיש — אַ שמחה. איך פיהל מיך אין יענעם טאָג, וואָס איך בעקום דאָס ביכעל, אויפגעמונטערט. זאָלען שמייכלען די, וואָס פערשטעהען ניט דעם ווערט פון ציעגעל צו אַ בנין. איך זעה אין יעטווידען נייעם ציעגעל, וואָס ווערט געבראַכט, דעם נייעם בנין; טאָ-

מער ווערט אַ ציגעל צובראָכען אויפ'ן וועג, געהט עס אויך ניט לאבוד...

אַ בעזונדער פרייד אָבער האָט מיר פערשאַפט דאָס ערשטע העפט פונ'ם נייעם זשורנאַל „די יודישע וועלט“. די ערשטע זאַך האָב איך מיר אַ טראַכט געטאָן: צי איז עס ניט אַ נאָמען נאָכ'ן פערשטאָרבענעם „יעווריסקי מיר“? אויב יע, — צי איז אָט דער יודישער נאָמען ניט קיין אָנזאָג אויף נייע, יודישערע דורות? די רוסישע „יודישע וועלט“ איז געשטאָרבען — לעבען זאָל די יודישע „יודישע וועלט“? צו איז עס ניט דער אויסרוף פון די נייע כחות, פון די נייע שטימען, וואָס לאָזען זיך הערען אין דער יודישער אינטעליגענץ? אַודאי מיין איך נישט, אַז ס'איז שוין געקומען טאַקע די צייט, ווען די „רוסישע“ יודישקייט ווערט פערביטען דורך אַ יודישער, אַן'איינפאַכער, אַ נאַטירליכער: צו דער צייט איז נאָך ווייט; אָבער אַ עקבתא דמשיחא, אַ אָנהויב, אַ אָנזאָג איז עס דאָך פאָרט, — ווען כמעט די זעלביגע גרופּע אינטעליגענטען, וואָס האָט אַרויסגעגעבען פריהער דעם זשורנאַל אויף רוסיש, פערנעהמט זיך איצט אין דעמזעלביגען פעטערבורג, אין דעמזעלביגען קאַלטען, גוי'ישען פעטערבורג מיט אַ יודישען זשורנאַל! גלאַט אַ מקרה־זאַך איז עס דאָך ניט!

און אויך דאָס איז אָהן קיין שום ספק ניט קיין צופאַל, וואָס די אַרויסגעבער פונ'ם פעטערבורגער זשורנאַל זענען ניט אויסען „דוקא דעם תּחום“, די „פּראָווינץ“, די „מאַסע“, נאָר אינ'ם כלל פון זייערע לעזער נעהמען זיי אַריין אויך די אינטעליגענץ אָדער, וועניגסטענס, אַ טייל פון איהר: „די אינערליכע איבערקעהרעניש, לייענען מיר אינ'ם אַרטיקעל „אונזער וועג“, — די אינערליכע איבערקעהרעניש, וואָס שפּיעלט זיך אָב פאַר אונזערע אויגען אין דער אינטעליגענץ, האָט אַרויסגערופען ביי אַ געוויסען טייל איהרען — אמת, דערווייל נאָך אַ קליינעם — אַ בעגעהר נאָך אַ יודיש וואָרט, אַ דרינגענדען פערלאַנג זיך צו דערנעהענטערן צום פאָלק, צו זיין שפּראַך און ליטעראַטור“. אַלזאָ אַ זשורנאַל אין פעטערבורג — און ניט דוקא פאַר'ן „תּחום“, פאַר דער „מאַסע“ — און דוקא אויף יודיש! איז עס ניט אַ פרייד?

מיט עטליכע יאָהר צוריק איז אַזאַ מין עקספּערימענט געוואָרען געפּרובט אין ווילנא; די „ליטעראַרישע מאָנאַטסשריפטען“, וואָס האָבען געמאַכט דעם אָנהויב אין דעם פּרט, זענען בעגאַנגען אָבער דעם פעהלער, וואָס זיי האָבען אויף „קולטור“ און „קולטור־טרעגעריי“ געקוקט, ווי אויף זאַכען, וואָס דאַרפען זיין אָבגעטיילט איינע פון דער אַנדערער. דער נייער זשורנאַל וועט, משמעות, בעהעפטען ביידע זאַכען אינאיינעם; ער וויל זיין „אַ פעראייניגונגס־פּונקט פאַר'ן פאָלק און זיין אינטעליגענץ“. צו דער אינטעליגענץ, ווי עס ווייזט, וועט ער דאָך שטעהן נעהנטער, ווי צום „פאָלק“, צו דער „מאַסע“; אינ'ם ערשטען ביכעל שוין איז פאַראַן זאַכען (ווי, למשל, ד"ר בירנבוים'ס אַרטיקעל: „די אַבסאָלוטע אידעע פונ'ם יודענטום און די יודישע שפּראַך“), וואָס דער פּראָסטער יודישער לעזער וועט זיי ניט אַזוי לייכט פערדייהען...

צו וועט דער זשורנאַל געפינען לעזער אין דעם טייל פון די רייכערע קלאַסען און דער אינטעליגענץ, וואָס „די אַרויסגעבער שעמען זיך ניט צו זאָגען אויף זיי אָפען און „מיט האַרץ, אַז זיי זענען „ווייט פון אַ וואַסער נישט איז אמת'ער קולטור, ווייל זיי זענען אָבגעפרעמדט פון דער פאָלקס־נשמה, דעם טיעפסטען און ריינסטען קולטור־קוואַל, ווייל זיי זענען אָבגעריסען פונ'ם פאָלק, פון זיין טאָג־טעגליכען לעבען, פון זיין גרויסער פערגאַנגענהייט און בליהענדער צוקונפט“, — צו וועט דער זשורנאַל געפינען לעזער צווישען אָט די קלאַסען יודען — איז וויכטיג אפשר פּראַקטיש; מאָראַליש אָבער איז וויכטיג אַן'אַנדער זאַך: דאָס, וואָס די בעסערע, געזינטערע עלעמענטען פון דער יודישער אינטעליגענץ הויבען אָן אַלץ טיעפער און טיעפער צו פיהלען און צו פערשטעהן, אַז אויב „אַ גרויסער חלק פונ'ם פאָלק איז שטאַרק אָבגעשטאַנען פון דער מאָדערנער קולטור“, איז „אַ היבשער טייל פון די רייכערע קלאַסען און דער אינטעליגענץ בכלל ווייט פון אַ וואַסער נישט איז אמת'ער קולטור“, און אַז דערפאַר דאַרף מען דעם קערן פון דער יודישער אויפלעבונג זוכען אינ'ם פאָלק, אין זיינע לעבענסבעדערפנישען, אין זיין אייגענאַרטיגער ענטוויקלונג; איהם דאַרף מען אויסערליך בילדען כדי עס זאָלען אַרויסשפּראָצען די כחות פון זיין אינעוועניגסטען לעבען..

די בעריהרונג מיט'ן פאָלק וועט אָבפרישען און געזינטער מאַכען דאָס קראַנקע בלוט פון דער יודישער אינטעליגענץ — דאָס איז די ערשטע נייע שטימע, וואָס קלינגט מיר אַרויס פון אַזאַ ערשיינונג, ווי „די יודישע וועלט“. די צווייטע נייע שטימע, וואָס איך הער, ווען איך לייען דעם פּראָגראַם־אַרטיקעל פון דעם נייעם זשורנאַל — איז: אַוועק מיט דעם פּאַרטיי־און סעקטען־נאַציאָנאַליזם! לעבען זאָל דער „נאַציאָנאַלער“ נאַציאָנאַליזם! דאָס הייסט: גענוג צו פּטר'ן די כחות אויף דעם, וואָס פּרץ האָט דאָ ניט לאַנג אָנגערופען „ווינקעלבויעריי“! גענוג צו נעהמען איין פּסוק — און שרייען: זו כל התּורה כּולה, צו נעהמען איין תּקופה — און זאָגען: דאָס איז די יודישע געשיכטע, איין ווערט — דאָס איז די יודישע קולטור, איין בעדערפניש פונ'ם יודישען לעבען — אָט דאָס און נאָר דאָס פאָדערט דאָס יודישע לעבען! ניין,

די גאַנצע יודישע פערגאַנגענהייט, די גאַנצע יודישע געגענוואַרט — איז דער קוואַל פון אונזער חיות, די אַרענאַ פון אונזער אַרבייט. אַ סינטעז מוז בעשאַפען ווערען. אַ סינטעז, וואָס אַלע פּאָזיטיווע פונקטען, אַלע נאַציאָנאַלע אַרבייטען פון אַלע פראָגראַמען און פּאַרטייען זאָלען פעראייניגט זיין אין איהם. אַ מעין פון אָט דעם סינטעז שפּיר איך אין דער פּראָגראַם פון דער „יודישער וועלט". פון ציוניסטען זענען מיר געוועהנט צו הערען: פוי מיט'ן גלות! פון „גלות-נאַציאָנאַליסטען": — וואָס קעהר זיך אָן מיט אונז ציון? די „יודישע וועלט" אָבער וויל „אויך נעהמען אין בעטראַכט די וויכטיגע עקאָנאָמישע און נאַציאָנאַלע בעדייטונג, וואָס עס קאָן האָבען פאַר אונז אַ יודישער ישוב אין פּאַלעסטינא און אין די שכנות'דיגע מזרח-לענדער". זי וויל עס נעהמען אין בעטראַכט, הגם זי איז, ווי מערב פון מזרח, ווייט פון דעם באמת גלות'דיגען פּעסימיזם פון די ציוניסטען בנוגע צום גלות און זי איז גרייט „ערנסט צו בעטראַכטען יעדע מעגליכקייט, וואָס קאָן פערשטאַרקען (אין גלות — ש. נ.) אונזערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס געגען אויסען און אויפהויבען די פּראָדוקטיווע כחות און דעם סאָציאַלען צושטאַנד פון דער יודישער פאָלקס-מאַסע".

ווייטער הערען מיר אָפּט פון העברעאיסטען: נאָר ניט „זשאַרגאָן"! פון אַ טייל יודישיסטען: — העברעאיש איז רעאַקציע! די „יודישע וועלט", וואָס שטעהט שטאָל און אייזען פאַר אַ שול, וואו עס „זאָלען געלערנט ווערען הן די אַלגעמיינע, הן די ספּעציעל-יודישע למודים אויף יודיש" — האַלט דאָך פאַר מעגליך און פאַר נויטיג מוסיף צו זיין, אַז „ניט ווייניגער נויטיג איז עס אויך, אַז די גאַנצע ערציהונג, וואָס דאָס יודישע קינד בעקומט אין דער שול, זאָל געפיהרט ווערען אינ'ם גייסט פון די העכסטע און שענסטע קולטור-אידעאַלען פונ'ם יודענטום א. אַז. וו. דאָ מוז קומען צו הילף אויך די העברעאישע שפּראַך, וואָרום זי איז דאָס ווערטסטע שליסעל צו אונזערע היסטאָרישע אוצרות און מען דאַרף איהר אָבגעבען אין דער שול אַ פּאַסיגען אָרט".

אַזאַ ברייטען סינטעטישען שטאַנדפּונקט, האָט דער זשורנאַל אויך אין אַנדערע פראַגען פונ'ם יודישען לעבען. דערפאַר האָב איך געזאָגט, אַז ס'איז אַ טריט פון פּאַרטיי-נאַציאָנאַלישקייט צו נאַציאָנאַלער נאַציאָנאַלישקייט.

און דערפאַר איז מיר די נייע מאָנאַטסשריפט דאָפּעלט ליעב און נאָהענט.

II פּסח'דיגס.

דער נאַציאָנאַלער סענטימענטאַליזם האָט די לעצטע צייט אויפגעהערט צו זיין אַ פּסול אין דער משפּחה פון די אַמעריקאַניש-יודישע ראַדיקאַלען; רעליגיע אָבער איז, ווי פריהער, געבליבען טריפה, ווי חזיר (פאַר ניט ראַדיקאַלען!). און דער איינציגער „גרויס-אינקוויזיטאָר", וואָס איז געשטעלט אין אַמעריקא אַכטונג צו געבען אויף דער יודישער אמונה, זי זאָל חלילה ניט אַראָפּפיהרען פון דרך הישר די יודישע סאָציאַליסטען, — דער איינציגער אָבער-משגיח אויף פריידענקערישע כשרות איז געבליבען, ווי פריהער, ה' פייגענבוים; ער איז, ווי ווייט איך ווייס, דער איינציגער, וואָס האָט, קאָן מען זאָגען, סמיכה אויף אַפּיקורסות.

הינטיגען פּסח אָבער איז פּלוצלינג אויסגעוואַקסען אַ משיג-גבול, אַ קאָנקורענט ביי אונזער אַפּיקורס'ישען רב הכולל: דאָס איז „די יודישע אַרבייטער-וועלט", וואָס געהט אַרויס אין דער הייליגער קהלה שיקאַגאָ. די „יודישע אַרבייטערוועלט" איז פּלוצלונג פערפרומט געוואָרען אין הלכות-ראַדיקאַלעכטס, איז געוואָרען אַ מורא'דיגע מחמיר'טע, אַ מין רמ"א אויפ'ן לינקען זייט, און האָט געלאָזען מכריז ומודיע זיין, אַז די פּסח'דיגע קניידלעך, וואָס האָבען געוועסט געקראָגען אַ הכשר, — זענען מיט אַ סרכא. זיי האָבען אויף זיך אַ גאַנצען באַרג מיט שאלות, און דער לייט-אַרטיקלער פון דער ראַדיקאַלער צייטונג מאַכט אונז בעקאַנט מיט זיי אין דער פאָרם פון אַ שטרענגען פּראָטאָקאָל: „שוין הונדערטער יאָהרען, ווי יודען זיצען יאָהר-יעהרליך צוויי נעכט נאָכאַנאַנד (!) און דערצעהלען זיך די מעשיות א. אז. וו. א. אַז. וו. פון דער גאַנצער יציאת מצרים זענען געבליבען נאָר די מצות. פון דער גאַנצער בעפרייאונג — נאָר אַ באַרג פון דינים און מצוות, צו וועלכען דער פּאַרצייטיגער יוד פיהלט זיך (איהר הערט? — ש. נ.) פערשקלאַפט און פערקויפט"... נאָך אַ גליק, וואָס אָט דער „פּאַרצייטיגער יוד" לייענט ניט די צייטונג, אַ'ניט, דוכט מיר, וואָלט ער גאַנץ געלאַסען און רוהיג געזאָגט: ר' יוד, אָדער ר' ראַדיקאַל! ראשית, ווער בעט אייך אָננעהמען זיך פאַר מיין קריוודע? והשנית, האָט מיר קיין פאַראיבעל ניט, ווען איך וועל אייך זאָגען, אַז, כאָטש איהר זייט אַ גרויסער שייגעץ, זייט איהר אַ יוד אַ תמים, אויב איהר קלערט טאַקע מיט אַנ'אמת, אַז איך פיהל מיך פּסח „פערשקלאַפט און פערקויפט". ווען איהר וואָלט צו אייער תמימות נאָך געהאַט אַ שטיקעלע זכרון, וואָלט איהר זיך דערמאָנט, ווי איהר אַליין האָט זיך געפיהלט יונגעלוויז, ווען איהר זייט אויף פּסח געקומען אַהיים פון ישיבה, און דאַן וואָלט איהר וויסען, וועמען איהר האָט צו בעדויערן, מיך אָדער גאָר....

נאָר וואָס איז פאַרדאַן, וואָס צו ריידען מיט אייך, אַז אייערע ביכלעך, ווי איך זעה, האָבען אייך אַזוי אָבגעשוואַכט דעם פערשטאַנד, אַז איהר נעהמט און שרייבט: „...און דער יוד שלעפּט אויף זיך דעם

גאַנצען באַרג א. אַז. וו. און איהם פאַלט גאָר ניט איין זיך צו וועלען בעפרייען דערפון... — — ער קנייפּט די באַקען און זוכט זיך אַיינצורײדען, אַז עס איז איהם פרעהליך" וכדומה נאַרישקייטען, וואָס פאַר אַמאָליגע אַפּיקורסים אפשר האָט עס געפּאַסט, אָבער ניט פאַר היינטיגע, וואָס זענען דאָך קליגער אַביסעל... מילא, איהר שרייבט אין סוף: „די אמת'ע זמן חרותנו וועט זיין, ווען די גאַנצע מענשהייט א. אז. וו." — שרייבט איהר! דאָס איז דאָך אַייער עבֿודה צו שרייבען אַזוי... אָבער ווער נויט אַייך, ווייס איך ניט, צו מישען זיך אין זאַכען, וואָס איהר האָט צו זיי קיין שייכות ניט... איהר ווילט ניט זאָגען קיין הגדה? זאָגט ניט. עס געפעלען אַייך ניט די קניידלעך? עסט ניט. עס וועלען זיך געפינען זאָגער אָהן אַייך. און עסער אַודאי. אָבער וואָס קריכט איהר צו מיר מיט אַייערע נאַרישע דברי חיל? וואָס ווילט איהר מיר פערשטערען מיין יום-טוב? פערשוועכען מיין היילינקייט? פאַסט עס פאַר אַייך, וואָס איהר זאָגט, אַז איהר האָט אַייערע אייגענע ימים-טובים מיט אַייער אייגענעם גלויבען? פאַסט עס פאַר אַייער אידעאַל פון פרייהייט און גלייכהייט?.

ווען דער קלוגער, פאַרצייטיגער יוד וואָלט געליינט די „יודישע אַרבייטער-וועלט", וואָלט ער געוואוסט אָט די אַלע ווערטער און ווערטלעך, און מיר דוכט, אַז דוקא ז י י וואָלט ער געברויכט אין זיין שטילען געלאַסענעם שמיעס מיט דעם שיקאַגער ראַדיקאַל, דעם קאָנקורענט פון ה' פייגענבוים.

III פאַרוואָס ניט דייטש?

„האָללענדיש איז נאָהענט צו דייטש; גיט איינער אַן עצה די האָללענדער, זיי זאָלען אַוועקוואַרפען זייער האָללענדיש און זיך אויסלערנען דייטש, וועלען זיי קאָנען געניסען די רייכע דייטשע קולטור". ווען איך זאָל אַזאַ נייעס לייענען אין דער אָבטיילונג פון בלאַט-צייטונג, וואָס רופט זיך, „אַרבע פנות עולם", וואָלט איך אויף דער דאָזיגער ידיעה — כאָטש אַליץ, וואָס שטעהט אין „אַרבע פנות עולם", איז ביי מיר הייליג, — מיך ניט פערלאָזען, דען איך ווייס, אַז דער גרעסטער משוגע'נער וועט צום קלענסטען פאָלק ניט קומען מיט אַזוינע עצות. אַז איך האָב אָבער אַזאַ מין עצה דורכגעלייענט אין דער „יודישער רונדשוי", וואָס געהט אַרוים אין בערלין, האָב איך זיך כלל נישט פערוואונדערט, עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז ס'איז גאָרניט אַזוי נאַריש. איך האָב מיך, פערקעהרט, געחידושט, וואָס אָט דער קלוגער בעל-יועץ, ד"ר ראָזענבערג, האָט זיך געכאַפּט אַזוי שפּעט פאַר'ן שכל. וואו איז ער געווען מיט אַ יאָהר 70—60 צוריק, ער וואָלט דאָך דאַן ביי אונז געווען אַ ראש פון אַ פאַרטיי, — פון די משכילים. ביי די משכילים פון יענער צייט איז דייטש, כידוע, געווען ניט גאָר, ווי ביי אונזער בעל-יועץ, אַ פראַקטישע זאַך, ס'איז געווען אַ ש ע נ ע זאַך, אַ אידעאַל. תנ"ך האָט מען געלערנט מיט מענדעלסאָהנ'ס „באור" און מענדעלסאָהנ'ס דייטש, „חיי אדם" פלעגט מען אין די קאַזיאָנע שולען פאַר יודישע קינדער לערנען אויף דייטש. היינט ווער רעדט שיללער — דאָס איז דאָך דייטש אַליין! דייטש איז דאַן געווען אַ מין צווייטע הייליגע שפּראַך, אַ מין צווייטער לשון-קודש.... אַ שאָד, אַ שאָד, וואָס דער ד"ר ראָזענבערג פון דער „יודישער רונדשוי", איז אַזוי שפּעט געבוירען געוואָרען, — אַזוי האָב איך מיר געטראַכט, ווען איך האָב געלייענט זיין קלוגע עצה, און איך האָב פאַר זיך געזאָגט: ווי גרויס זענען די רייד פון די חכמים, וואָס האָבען געזאָגט, אַז גרויסע אידעען געהען קיינמאָל ניט פערלאָרען, זיי קעהרען זיך אום צוריק... וועט איהר דאָך פרעגען: מה נשתנה? פאַרוואָס עפּיס אַז צו האָללענדער זאָלען מען קומען מיט אַזאַ מין אידעע, אַז זיי זאָלען זיך נעהמען פאַר דייטש, ווייל דייטש איז אַ רייכער פעטער און האָט גרויסע קאַפּיטאַלען, — וואָלט איך נעהאַלטען פאַר אַנ'אונגלויבינע זאַך, און איצט, אַז די זעלבינע עצה גיט מען אונז, יודען, קומט עס ביי מיר אוים לאָגיש? ס'טייטש, מה נשתנה? מיינט איהר דאָך, אַז דער תירוץ אויף דער קשיה איז... עבדים היינו!? — דוקא ניט! דער תירוץ איז, אַז די „יודישע רונדשוי", וואָס געהט אַרוים אין בערלין, איז אַ ציוניסטיש בלאַט, און אַ ציוניסטיש בלאַט, איז שוין ממילא אַ העברעאיסטיש בלאַט... פערשטעהט איהר שוין, אָדער איהר פערשטעהט נאָך אַליץ ניט? וועל איך אַייך זאָגען נאָך אַ זאַך: אַ ציוניסטיש בלאַט, וואָס איז ממילא אַ העברעאיסטיש בלאַט, איז אויך ממילא אַ אינטעליגענטיש בלאַט, דאָס הייסט אַ בלאַט, וואו עס שוועבט דער גייסט פון דער יודישער אינטעליגענץ... איז עס אַייך נאָך אַליץ ניט קלאָר? וועל איך אַייך עס אויסטייטשען: יעטווידער איינער פון דער יודישער אינטעליגענץ קאָן שבעים לשונות; איז ער אין דייטשלאַנד — איז זיין שפּראַך דייטש, קלייבט ער זיך איבער קיין פראַנקרייך—ניצט ער פראַנצויזיש; כאַפּט ער זיך אַריבער קיין ענגלאַנד—איז ענגליש זיין שפּראַך. אונזער בעל-יועץ, הערר ד"ר ראָזענבערג, וואוינט איצט גראָד אין דייטשלאַנד, איז זיין שפּראַך דייטש, פריהער, קאָן זיין, האָט ער געוואוינט אין גאַליציען אָדער אין אונגאַרן און גערעדט „זשאַרגאָן", נאָר איצט רעדט ער „ריינעם דייטש". היינט פאַרוואָס, פרעגט ער זעהר לאָגיש, זאָלען אַלע יודען ניט אָנהויבען רעדען „ריינעם דייטש". אַלמאי ער רעדט „ריינעם דייטש", און אַז ס'וועט זיך מאַכען, וועט ער ריידען ריינעם פראַנצויזיש, און אַז מען וועט

דארפען — איז ענגליש אויך א שפראך, און איטאליעניש איז גאר א שענע שפראך....

איצט פערשטעהט איהר שוין, פארוואס ער איז גארניט אזוי אומגערעכט? זיין קליינער טעות איז נאר, וואס ער מיינט, יאז דאס גאנצע יודישע פאלק בעשטעהט פון אזויגע יודישע אינטעליגענטען, ווי ער; ווען דאס גאנצע יודישע פאלק וואלט אבער טאקע בעשטעהן פון אזויגע יודישע אינטעליגענטען ווי ער, וואלט זיין עצה גארניט געווען אזוי נאריש; נאכמעהר: זי וואלט דאן געווען איבעריג: דאס יודישע פאלק וואלט שוין דאן ממילא, אזוי ווי איצט די אינטעליגענץ די יודישע, גערעדט אויף אלע שבעים לשון.

וועט מען פרעגען, ווי באלד מיר האבען דא צו טאן מיט דער בעריהמטער פסיכאלאגיע פון דער יודישער אינטעליגענץ, היינט צו וואס איז נאך געווען צו דערצעהלען, אז דאס אינטעליגענטישע בלאט איז א ציוניסטיש-העברעאיסטיש בלאט.

איז דער תירוץ: די ציוניסטען-העברעאיסטען האבען די ערשטע אויפגעטאן דעם ענין פון *ביטען די יודישע שפראך* אויף אן'אנדערע, א שענערע; פון זייער אידעאליסטישען שטאנדפונקט לעגען זיי פאר העברעאיש דעם יודישען פאלק; היינט פאר וואס זאל ניט קומען אן'אנדערער פון אן'אנדער שטאנדפונקט, א פראקטישען, און ניט פארלעגען — דייטש?

ווי באלד די פראגע וועגען ביטען די שפראך לאזט זיך דיסקוטירען — קען דאך קומען יעדערער און זאגען זיך זיין מיינונג. איהר ווילט העברעאיש, זייט איהר זיך, ווי אידעאליסטען און נאציאנאליסטען, גערעכט; אבער איך האב מיר מיין שטאנדפונקט, א רעאליסטישען — ראט איך דייטש! וויבאלד א דיסקוסיע — איז א *פרייע* דיסקוסיע!

איצט פערשטעהט איהר שוין, פארוואס ס'איז מיר ניט אויסגעקומען ווילד, ווען איך האב אין א אינטעליגענטיש-יודישען בלאט, וואס ס'איז דערצו נאך ציוניסטיש און ממילא העברעאיסטיש, געלעזען די קלוגע מיינונג, אז אנשטאט העברעאיש, וואס איז שווער, דארפען די ציוניסטען אין דעם נייעם יודישען ישוב אין ארץ ישראל *איינפיהרען* דייטש...

איצט פערשטעהט איהר שוין, אז ניט אזוי דאס דייטש האט מיר הנאה געטאן, ווי דער עצם איינפאל *איינצופיהרען* א פאסיגע שפראך.

אבא קאנטער. דאס עקאנאמישע יודישע לעבען אין פאקט און בילד.

זייגער-מאכער, יובעלירער און גאלד-שמידען — אט די דריי מלאכות זענען צווישען זיך ענג פערבונדען און בילדען אייגענטליך דריי שכנ'ישע בראנזשעס פון איין אלגעמיינער מלאכה. דער נייעסטער פון זיי איז דער זייגער-מאכער, דער עלטסטער — דער יובעליר. די יובעליר-ארבייט איז אייגענטליך א נאציאנאלע, ספעציעל יודישע מלאכה. דאס איז געוויס ניט צופעליג, וואס אין דער ענגלישער שפראך זענען די ווערטער דזשו (א יוד), דזשולער (א יובעלירער), דזשולע (קאסטבארע שטיינער, צירונג) פון איין שטאם. נאך אין די עלטעסטע צייטען זענען יודען געווען כמעט די איינציגע יובעלירערס און הענדלער פון גאלד, דימענטען און ברילאנטען. דורך אט דעם האנדעל האבען זיי געהאט א פערקעהר מיט די גרעסטע קריסטליכע מאגנאטען און שררות, האבען צוליעב דעם געהאט ניט זעלטען א ווירקונג אויף דער אלוועלטליכער פאליטיק און א מאכט אין דער אייגענער געמיינדע.

איצט זענען די גרעסטע און רייכסטע געשעפטען פון צירונג, וואס זענען פערבונדען מיט דער יובעליר-ארבייט אין די הענד פון קריסטען, אפילו אין יודישען תחום. אפילו יודען, וואס דארפען האבען צירונג, געהען זיי מעהרסטענס קויפען אין א קריסטליכען געשעפט. און דער יודישער יובעלירער בעלאנגט צו די ארעמסטע, יודישע בעלי-מלאכות.

וואס אנבעלאנגט דעם זייגער-מאכער, איז ער צוגלייך מיט'ן זעצער אין מעהר נאך פאר'ן זעצער דער גרעסטער יחסן צווישען די יודישע בעלי-מלאכות אין תחום. ער שטעהט כמעט אויף איין שטופע מיט'ן מיטעלען בעל-הבית. אין ווען דער יודישער בעל-הבית, געטריעבען פון נויט, האט געמוזט זוכען א „תכלית" פאר זיין קינד אין א מלאכה, איז אמאל געווען די געהויבענסטע, די איידעלסטע מלאכה — א זייגער-מאכער.

דאס האט געוואוסט דער זייגער-מאכער און איז ביי זיך געווען גרויס. די בעדינגונגען פון לערנען די זייגער-מאכעריי זענען דעריבער די שווערסטע פון אלע מלאכות. דער זייגער-מאכער האט גענומען פאר אויסלערנען די ארבייט ניט ווייניגער פון הונדערט רובל, און ניט זעלטען — נאך מעהר. דעם לערן-יונגעל האט ער צוריק גארנישט ארויסגעצאהלט, אפילו עסען און קווארטיר האט ער דעם יונגעל ניט געגעבען.

דער זייגער-מאכער אונטערשיידט זיך פון אנדערע בעלי-מלאכות דערמיט, וואס ער מאכט ניט קיין נייע ארבייט. זיין זאך איז נאר פעדריכטען. און דאך ליגט אין דער ארבייט א גרויסע שטיק קונסט. די קונסט ליגט אין דער טעכניק, אין טאקען א שפינדעל. מען

דאַרף דאָ האָבּען אַ שאַרפע אויג, אַ פלינקע האַנד. „אונזער אַ בּעל-מלאכה — בּערימט זיך מיר אַנ'עלטערער זייגער-מאַכער — דאַרף האָבּען אַ קאָפּ פון אַ דאָקטאָר. דער רעכטער קונץ פון אַ דאָקטאָר איז, וואָס ער דאַרף טרעפען דעם קראַנקענ'ס חולאת. אַז ניט קען ער איהם ניט היילען. מיט אַ זייגער-מאַכער איז אויך אַזוי. מען בּריינגט אַ זייגער. ער האָט זיך געשטעלט — פאַרוואָס וויל ער ניט געהן? דאָס איז אַ גרויסע קונץ צו טרעפען. אַ זייגער איז אַנ'איידעלע זאַך. ער האָט „געדערים" להבדיל ווי אַ מענש. אַ פּאָרק ניט אַזוי אין די געדערים — אָבּגעשטעלט דער פּילס. געשטאָרבּען. און מיר דאַרפען „מחיה מתים" זיין. אַהאַ! זייגער-מאַכעריי איז אַ גרויסער קונץ!".

אין דאָס איז די אורזאַכע, פאַרוואָס דער יודישער בּעל-הבּית האָט ליעבּ געהאַט די מלאכה. ווייל זי איז שׂכלדיג, ד. ה., פערבּונדען מיט קונסט, מיט ערפינדונגס-גייסט. צו אַ זייגער-מאַכער האָט מען דעריבּער אָבּגעגעבּען אַ קינד פון אַנ'איידעלער משפחה, וואָס האָט ניט געוואָלט לערנען, וואָס זיין מח האָט איהם געשטופּט צו גייסטיגער שעפּפינגס-אַרבּייט. די פעהיגע יודישע בּחורים, וואָס דער פּלפּול פון דער גמרא איז פאַר זייער נשמה געווען צו טרוקען, האָבּען אַמאָל ניט געהאַט און ניט זעלטען האָבּען זיי נאָך יעצט ניט קיין אַנדער געלעגענהייט אַרויסצווייזען זייער פעהיגקייט, ווי אָט אין דער מלאכה. כּמעט אין יעדער שטאָדט געפינט איהר אַ יודישען זייגער-מאַכער, וואָס מאַכט זיין אייגענע ערפינדונג. דער מאַכט אַ זייגער מיט קוראַנטען, יענער מיט מענשעלעך, וואָס וויגען זיך, מאַכען מיט די אויגען, אַנ'אַנדערער מאַכט, אַז אַ קוקאַווקע זאָל אָבּזאָגען איהר „קוקו", בּשעת דער זייגער דאַרף שלאָגען. ניט זעלטען טרעפט איהר אַ זייגער-מאַכער, וואָס האָט אין פענסטער אַ גאַנצען פּלאָט, מיט אַ צוג, מיט אַלע משרתים און קלאַפּער-געציינג. דאָס אַלץ קומט אין בּעוועגונג, און קלינגט און שיפט זיך און פייפט און לויפט, בּשעת דער זייגער דאַרף שלאָגען.

דאָס איז אָבּער אַלץ נאָך פון אַמאָליגע. איצט פאַלט אָט די קונסט-אַרבּייט אויך אין קוואַליטעט פון יאָהר צו יאָהר, צוליעבּ דיזעלבּע סבּות, פאַרוואָס עס פאַלט די קוואַליטעט פון אַ גאַנצע רייה אַנדערע מלאכות אין תחום.

ווען דער זייגער-מאַכער איז גלייך צו אַ דאָקטאָר, אין דער קונסט צו שטעלען דעם דיאַגנאָז (טרעפען, וואָס דעם „קראַנקען" זייגער פעהלט), איז ער אָבּער גלייך אויך צו אַ שוסטער. און דאָס איז זיין מעלה און ניט זיין חסרון. שוסטער און זייגערמאַכער זענען אין אַ געוויסען גראַד האַלבּע בּעלי-מלאכות, האַלבּע קרעמער. אַ שוסטער, ווען ער האָט קיין אַרבּייט ניט, נעהמט ער בּיי'ם קרעמער אויף קרעדיט אַבּיסעל לעדער, מאַכט עטליכע פּאָר שיך, קאַמאַשען, שטעלט זיי אַרויס אין פענסטער אָדער הענגט זיי אַרויס אין אַנ'אַלמעריל דרויסען. אָט אַזוי האַנדעלט ער אַבּיסעל צו מיט פאַרטיגע סחורה. דעם האַנדעל פיהרט געוועהנליך די ווייבּ, אָדער אַ קינד.

דאָסזעלבּע איז מיט זייגער-מאַכעריי. דער זייגער-מאַכער קויפט-אויף פון אַנ'אויקציאָן עטליכע אַלטע זייגערס און זייגערלעך, פּוצט זיי אויס, הענגט זיי אויף אויפ'ן וואַנד, אָדער ציהט זיי אָן אויף אַ דראָט אין פענסטער און מסחר'ט. דער זייגער-מאַכער איז אויך אַ קרעמער נאָך גאָר פון אַמאָליגע צייטען.

ווי אַזוי ווערט דער זייגער-מאַכער אַ קרעמער? וואו נעהמט ער געלד, אַז זיין העכסטער לוין איז זעקס זיעבּען רובּל אַ וואָך?

געלד נעהמט ער בּיי דער כּלה. אַ זייגער-מאַכער טוט קיין מאָל ניט אַ שדוך אָהן נדן. אין אָט דער אַרבּייט ווערט איהר קיינמאָל ניט געפינען אַ בּעווייבּטען יודען — אַנ'אַרבּייטער בּיי יענעם. נאָך דער חתונה ווערט דער אַרבּייטער אַ בּעל-הבּית פאַר זיך. אַזוי איז שוין דער מנהג. דער כּלה'ס נדן געהט אַוועק אויף איינאָרדנען אַ ווערקשטאַט און אַ קרעמעל. אַ פּאָר הונדערט רובּל גיט מען אויס אויף אַ וואוינונג — אַ זייגער-מאַכער מוז האָבּען אַ ריינע און אַ שענע וואוינונג, צום גאַס — און אַ פּאָר הונדערט רובּל גיט מען אויס אין וואַרשא אויף סחורה און געצייג.

און ווייל יעדער זייגער-מאַכער, כּמעט, איז אַ האַלבּער קרעמער, דעריבּער לעבּט בּכלל דער זייגער-מאַכער בּעסער פון יעדען דורכשניטליכען יודישען בּעל-מלאכה. ער האָט אַ בּעסערע, לופטיגערע וואוינונג, נעהרט זיך בּעסער, קליידט זיך לייטישער און בּילדעט זיינע קינדער. זיין פיהרונג אין דער היים איז מעשׂה יוד בּעל-הבּית, אָהן ליאַרם, אָהן גראָבּע ווערטער.

דאָס איז אָבּער אַלץ, ווען גאָט העלפט דעם זייגער-מאַכער צו ווערען אַ מייסטער פאַר זיך. דער זייגער-מאַכער-אַרבּייטער אָבּער געפינט זיך אין אַ גאַנץ אַנדער לאַגע. ער איז פערשקלאַפט צו זיין מלאכה מעהר פון יעדען אַנדער יודישען אַרבּייטער. אמת, דעם זייגער-מאַכער איז לייכטער פון יעדען אַנדערען צו פערדיענען עפּעס אָן דער זייט. האָט ער אַבּיסעל געצייג, קען ער אין דער היים פערדיענען פון אַ „פּאַטשינקע". אָבּער דערפאַר איז ער פערנומען פון אויפשטעהן בּיז לעגען זיך און האָט ניט קיין פרייע צייט צי לעזען עפּעס, צו בּעפריעדיגען אַנדערע קולטורעלע מענשליכע בּעדערפניסען.

אָט דאָס, צוזאַמען מיט דעם, וואָס דער זייגער-מאַכער איז בּכלל זעהר נאָהענט צום קליינבּירגערליכען שטאַנד און וואָס ער איז אַ האַלבּער אַ קרעמער—

דאַרפען — איז ענגליש אויך אַ שפּראַך, און איטאַליעניש איז גאָר אַ שענע שפּראַך....

איצט פערשטעהט איהר שוין, פאַרוואָס ער איז גאָרניט אַזוי אומגערעכט? זיין קליינער טעות איז נאָר, וואָס ער מיינט, אַז דאָס גאַנצע יודישע פאָלק בעשטעהט פון אַזויגע יודישע אינטעליגענטען, ווי ער; ווען דאָס גאַנצע יודישע פאָלק וואָלט אָבער טאַקע בעשטעהן פון אַזויגע יודישע אינטעליגענטען ווי ער, וואָלט זיין עצה גאָרניט געווען אַזוי נאַריש; נאָכמעהר: זי וואָלט דאַן געווען איבעריג: דאָס יודישע פאָלק וואָלט שוין דאַן ממילא, אַזוי ווי איצט די אינטעליגענץ די יודישע, גערעדט אויף אַלע שבעים לשון.

וועט מען פרעגען, ווי באַלד מיר האָבען דאָ צו טאָן מיט דער בעריהמטער פּסיכאָלאָגיע פון דער יודישער אינטעליגענץ, היינט צו וואָס איז נאָך געווען צו דערצעהלען, אַז דאָס אינטעליגענטישע בלאַט איז אַ ציוניסטיש-העברעאיסטיש בלאַט.

איז דער תירוץ: די ציוניסטען-העברעאיסטען האָבען די ערשטע אויפגעטאָן דעם ענין פון בייטען די יודישע שפּראַך אויף אַנ'אַנדערער, אַ שענערער; פון זייער אידעאַליסטישען שטאַנדפּונקט לעגען זיי פאָר העברעאיש דעם יודישען פאָלק; היינט פאַר וואָס זאָל ניט קומען אַנ'אַנדערער פון אַנ'אַנדער שטאַנדפּונקט, אַ פּראַקטישען, און ניט פאָרלעגען — דייטש?

ווי באַלד די פראַגע וועגען בייטען די שפּראַך לאָזט זיך דיסקוטירען — קען דאָך קומען יעדערער און זאָגען זיך זיין מיינונג. איהר ווילט העברעאיש, זייט איהר זיך, ווי אידעאַליסטען און נאַציאָנאַליסטען, גערעכט; אָבער איך האָב מיר מיין שטאַנדפּונקט, אַ רעאַליסטישען — ראַט איך דייטש! וויבאַלד אַ דיסקוסיע — איז אַ פרייע דיסקיסיע!

איצט פערשטעהט איהר שוין, פאַרוואָס ס'איז מיר ניט איינגעקומען ווילד, ווען איך האָב אין אַ אינטעליגענטיש-יודישען בלאַט, וואָס ס'איז דערצו נאָך ציוניסטיש און ממילא העברעאיסטיש, געלעזען די קלוגע מיינונג, אַז אָנשטאָט העברעאיש, וואָס איז שווער, דאַרפען די ציוניסטען אין דעם נייעם יודישען ישוב אין ארץ ישראל איינפיהרען דייטש...

איצט פערשטעהט איהר שוין, אַז ניט אַזוי דאָס דייטש האָט מיר הנאה געטאָן, ווי דער עצם איינפאַל איינצופיהרען אַ פּאַסיגע שפּראַך.

אבא קאנטער. דאס עקאנאמישע יודישע לעבען אין פאקט און בילד.

זייגער-מאַכער, יובעלירער און גאָלד-שמידען — אָט די דריי מלאכות זענען צווישען זיך ענג פערבונדען און בילדען אייגענטליך דריי שלכ'ישע בראַנזשעס פון איין אַלגעמיינער מלאכה. דער נייעסטער פון זיי איז דער זייגער-מאַכער, דער עלטסטער — דער יובעליר. די יובעליר-אַרבייט איז אייגענטליך אַ נאַציאָנאַלע, ספּעציעל יודישע מלאכה. דאָס איז געוויס ניט צופעליג, וואָס אין דער ענגלישער שפּראַך זענען די ווערטער דזשו (אַ יוד), דזשולער (אַ יובעלירער), דזשולע (קאָסטבאַרע שטיינער, צירונג) פון איין שטאַם. נאָך אין די עלטעסטע צייטען זענען יודען געווען כמעט די איינציגע יובעלירערס און הענדלער פון גאָלד, דימענטען און בריליאַנטען. דורך אָט דעם האַנדעל האָבען זיי געהאַט אַ פערקעהר מיט די גרעסטע קריסטליכע מאַגנאַטען און שׂרוה, האָבען צוליעב דעם געהאַט ניט זעלטען אַ ווירקונג אויף דער אַלוועלטליכער פּאָליטיק און אַ מאַכט אין דער אייגענער געמיינדע.

איצט זענען די גרעסטע און רייכסטע געשעפטען פון צירונג, וואָס זענען פערבונדען מיט דער יובעליר-אַרבייט אין די הענד פון קריסטען, אַפילו אין יודישען תחום. אַפילו יודען, וואָס דאַרפען האָבען צירונג, געהען זיי מעהרסטענס קויפען אין אַ קריסטליכען געשעפט. און דער יודישער יובעלירער בעלאַנגט צו די אָרעמסטע, יודישע בעלי-מלאכות.

וואָס אָנבעלאַנגט דעם זייגער-מאַכער, איז ער צוגלייך מיט'ן זעצער אין מעהר נאָך פאַר'ן זעצער דער גרעסטער יחסן צווישען די יודישע בעלי-מלאכות אין תחום. ער שטעהט כמעט אויף איין שטופע מיט'ן מיטעלען בעל-הבית. אין הען דער יודישער בעל-הבית, געטריעבען פון נויט, האָט געמוזט זוכען אַ „תכלית" פאַר זיין קינד אין אַ מלאכה, איז אַמאָל געווען די געהויבענסטע, די איידעלסטע מלאכה — אַ זייגער-מאַכער.

דאָס האָט געוואוסט דער זייגער-מאַכער און איז ביי זיך געווען גרויס. די בעדינגונגען פון לערנען די זייגער-מאַכעריי זענען דעריבער די שווערסטע פון אַלע מלאכות. דער זייגער-מאַכער האָט גענומען פאַר אויסלערנען די אַרבייט ניט ווייניגער פון הונדערט רובל, און ניט זעלטען — נאָך מעהר. דעם לערן-יונגעל האָט ער צוריק גאָרנישט אַרויסגעצאָהלט, אַפילו עסען און קוואַרטיר האָט ער דעם יונגעל ניט געגעבען.

דער זייגער-מאַכער אונטערשיידט זיך פון אַנדערע בעלי-מלאכות דערמיט, וואָס ער מאַכט ניט קיין נייע אַרבייט. זיין זאַך איז נאָר פעררירכטען. און דאָך ליגט אין דער אַרבייט אַ גרויסע שטיק קונסט. די קונסט ליגט אין דער טעכניק, אין טאָקען אַ שפּינדעל. מען

דארף דא האבען א שארפע אויג, א פלינקע האנד. „אונזער א בעל-מלאכה — בעריהמט זיך מיר אנ'עלטערער זייגער-מאכער — דארף האבען א קאפ פון א דאקטאר. דער רעכטער קונץ פון א דאקטאר איז, וואס ער דארף טרעפען דעם קראנקען'ס חולאת. אז ניט קען ער איהם ניט היילען. מיט א זייגער-מאכער איז אויך אזוי. מען ברייגגט א זייגער. ער האט זיך געשטעלט — פארוואס וויל ער ניט געהן? דאס איז א גרויסע קונץ צו טרעפען. א זייגער איז אנ'אײדעלע זאך. ער האט „געדערים" להבדיל ווי א מענש. א פארק ניט אזוי אין די געדערים — אבגעשטעלט דער פילס. געשטארבען. און מיר דארפען „מחיה מתים" זיין. אהא! זייגער-מאכעריי איז א גרויסער קונץ!".

אין דאס איז די אורזאכע, פארוואס דער יודישער בעל-הבית האט ליעב געהאט די מלאכה. ווייל די איז שכל'דיג, ד. ה., פערבונדען מיט קונסט, מיט ערפינדונגס-גייסט. צו א זייגער-מאכער האט מען דעריבער אבגעגעבען א קינד פון אנ'אײדעלער משפחה, וואס האט ניט געוואלט לערנען, וואס זיין מח האט איהם געשטופט צו גייסטיגער שעפפינגס-ארבייט. די פעהיגע יודישע בחורים, וואס דער פלפול פון דער גמרא איז פאר זייער נשמה געווען צו טרוקען, האבען אמאל ניט געהאט און ניט זעלטען האבען זיי נאך יעצט ניט קיין אנדער געלעגענהייט ארויסצווייזען זייער פעהיגקייט, ווי אט אין דער מלאכה. כמעט אין יעדער שטאדט געפינט איהר א יודישען זייגער-מאכער, וואס מאכט זיין אייגענע ערפינדונג. דער מאכט א זייגער מיט קוראנטען, יענער מיט מענשעלעך, וואס וויגען זיך, מאכען מיט די אויגען, אנ'אנדערער מאכט, אז א קוקאווקע זאל אבזאגען איהר „קוקו", בשעת דער זייגער דארף שלאגען. ניט זעלטען טרעפט איהר א זייגער-מאכער, וואס האט אין פענסטער א גאנצען פלאט, מיט א צוג, מיט אלע משרתים און קלאפערגעצייג. דאס אלץ קומט אין בעוועגונג, און קלינגט און שיפט זיך און פייפט און לויפט, בשעת דער זייגער דארף שלאגען.

דאס איז אבער אלץ נאך פון אמאליגע. איצט פאלט אט די קונסט-ארבייט אויך אין קוואליטעט פון יאהר צו יאהר, צוליעב דיזעלבע סבות, פארוואס עס פאלט די קוואליטעט פון א גאנצע רייה אנדערע מלאכות אין תחום.

ווען דער זייגער-מאכער איז גלייך צו א דאקטאר, אין דער קונסט צו שטעלען דעם דיאגנאז (טרעפען, וואס דעם „קראנקען" זייגער פעהלט), איז ער אבער גלייך אויך צו א שוסטער. און דאס איז זיין מעלה און ניט זיין חסרון. שוסטער און זייגערמאכער זענען אין א געוויסען גראד האלבע בעלי-מלאכות, האלבע קרעמער. א שוסטער, ווען ער האט קיין ארבייט ניט, נעהמט ער ביים קרעמער אויף קרעדיט אביסעל לעדער, מאכט עטליכע פאר שיך, קאמאשען, שטעלט זיי ארויס אין פענסטער אדער הענגט זיי ארויס אין אנ'אלמעריל דרויסען. אט אזוי האנדעלט ער אביסעל צו מיט פארטיגע סחורה. דעם האנדעל פיהרט געוועהנליך די ווייב, אדער א קינד.

דאסזעלבע איז מיט זייגער-מאכעריי. דער זייגער-מאכער קויפט-אויף פון אנ'אויקציאן עטליכע אלטע זייגערס און זייגערלעך, פוצט זיי אויס, הענגט זיי אויף אויפ'ן וואנד, אדער ציהט זיי אן אויף א דראט אין פענסטער און מסחר'ט. דער זייגער-מאכער איז אויך א קרעמער נאך גאר פון אמאליגע צייטען.

ווי אזוי ווערט דער זייגער-מאכער א קרעמער? וואו נעהמט ער געלד, אז זיין העכסטער לוין איז זעקס זיעבען רובל א וואך?

געלד נעהמט ער ביי דער כלה. א זייגער-מאכער טוט קיין מאל ניט א שדוך אהן נדן. אין אט דער ארבייט וועט איהר קיינמאל ניט געפינען א בעוויבטען יודען — אנ'ארבייטער ביי יענעם. נאך דער חתונה ווערט דער ארבייטער א בעל-הבית פאר זיך. אזוי איז שוין דער מנהג. דער כלה'ס נדן געהט אוועק אויף איינארדנען א ווערקשטאט און א קרעמעל. א פאר הונדערט רובל גיט מען אויס אויף א וואוינונג — א זייגער-מאכער מוז האבען א רייגע און א שענע וואוינונג, צום גאס — און א פאר הונדערט רובל גיט מען אויס אין ווארשא אויף סחורה און געצייג.

און ווייל יעדער זייגער-מאכער, כמעט, איז א האלבער קרעמער, דעריבער לעבט בכלל דער זייגער-מאכער בעסער פון יעדען דורכשניטליכען יודישען בעל-מלאכה. ער האט א בעסערע, לופטיגערע וואוינונג, נעהרט זיך בעסער, קליידט זיך לייטישער און בילדעט זיינע קינדער. זיין פיהרונג אין דער היים איז מעשה יוד בעל-הבית, אהן ליארם, אהן גראבע ווערטער.

דאס איז אבער אלץ, ווען גאט העלפט דעם זייגער-מאכער צו ווערען א מייסטער פאר זיך. דער זייגער-מאכער-ארבייטער אבער געפינט זיך אין א גאנץ אנדער לאגע. ער איז פערשקלאפט צו זיין מלאכה מעהר פון יעדען אנדער יודישען ארבייטער. אמת, דעם זייגער-מאכער איז לייכטער פון יעדען אנדערען צו פערדיענען עפעס אן דער זייט. האט ער אביסעל געצייג, קען ער אין דער היים פערדיענען פון א „פאטשינקע". אבער דערפאר איז ער פערנומען פון אויפשטעהן ביז לעגען זיך און האט ניט קיין פרייע צייט צו לעזען עפעס, צו בעפריעדיגען אנדערע קולטורעלע מענשליכע בעדערפניסען.

אט דאס, צוזאמען מיט דעם, וואס דער זייגער-מאכער איז בכלל זעהר נאהענט צום קליינבירגערליכען שטאנד און וואס ער איז א האלבער א קרעמער—

איז געווען די אורזאַכע, וואָס אין דעם דאָזיגען פֿאַך איז די אַרבייטער-בעוועגונג זעהר שוואַך אַריינגעדרונגען. ביי די זייגער-מאַכער איז קיין מאָל ניט געוועזען קיין רעכטע אָרגאַניזאַציע, ווי אין אַנדערע פֿאַכען. אַפילו אין דעם סאַמע קאָך פֿון דער רעוואָלוציע, ווען דער יודישער תּחום האָט געשטורמט פֿון סטרייקס, האָבען די זייגער-מאַכער ניט געוואוסט, וואָס איז דאָס אַזוינס אַ סטרייק. דער זייגער-מאַכער אַרבייט דאָס רוב מיט איין אַרבייטער און אַ לערן-יונגעל. געהט אַוועק דער אַרבייטער, קען ער אויסקומען מיט דעם לערן-יונגעל. געהט אַוועק דער לערן-יונגעל אויך, זעצט ער זיך אַליין אַרבייטען. און מען קען איהם ניט אָבשרעקען. אַן'אויסנאַהם זענען נאָר די גרויסע זייגער-געשעפֿטען, וואָס האָבען עטליכע מענשען. נאָר אַפילו דאָ נויטיגט זיך דער בעל-הבית מעהר אין דעם פּריקאַזטשיק, ווי אין דעם אַרבייטער. דער זייגער-מאַכער קען לייכט צווינגען דעם אַרבייטער צו אַרבייטען אומזיסט איבער-שטונדען. וואָרום אין אַזאַ פֿאַל איז אַ קרן ביי דעם אַרבייטער, וואָס ער האָט די געלעגענהייט צו דערגעהן דערווייל די אַרבייט. די זייגער-מאַכעריי איז, ווי געזאָגט, אַ טעכנישע קונסט, און דער אַרבייטער נויטיגט זיך צו לעבען גוט מיט'ן בעל-הבית, ווייל ער האָט אַלע ווילע „שאלות", אַלע ווילע מוז ער פֿרעגען דעם בעל-הבית, ווי צו מאַכען דאָס און יענעס.

ווען ניט די „פּאַטשינקעס" אין דער היים און די אויסזיכט צו ווערען נאָך דער תּתינה אַליין אַ מייסטער, וואָלט זייגער-מאַכעריי געוועזען די אָרימסטע, די אונגליקליכסטע מלאכה. אַן'אַרבייטער בעקומט נאָכ'ן טערמין פֿון אַ רובל ביז אָנדערהאַלבען אַ וואָך. פֿאַר צוויי, דריי רובל אַרבייט מען יאָהרענלאַנג, און 6—7 רובל איז דער העכסטער לוין. נאָר ביי קריסטען בעקומט אַ ספּעציאַליסט ביז 100 רובל אַ מאָנאַט. איז דאָס אַזעלכער, וועלכען מען האָט געבראַכט פֿון אויסלאַנד, פֿון דער שווייץ, צי פֿון פּאַריז.

ביי די זייגער-מאַכער איז די עמיגראַציע ניט אַזוי שטאַרק, ווי ביי אַנדערע בעלי-מלאכות. אין אויסלאַנד, בעזונדערס אין אַמעריקא, ליגט דער פֿאַך איבערהויפּט אין די גרויסע פֿאַבריקען, וואו די אַרבייט איז שטאַרק צעטיילט, און דאָס, וואָס פֿאָדערט אין רוסלאַנד גרויסע טעכנישע קונסט, ווערט דאָרט געמאַכט מיט דער מאַשין. דער אַרבייטער איז מעהר ניט ווי אַ „האַנד", און זיין אַרבייט ווערט ביליג בעצאָהלט. דעריבער נעהמט זיך דער זייגער-מאַכער אין אַמעריקא מעהרסטענטיילס צו אַן'אַנדער פֿאַך.

דאָסזעלבע איז אויך מיט גאָלדשמיעדעריי. דער דאָזיגער פֿאַך איז איצט אין תּחום שרעקליך געפֿאַלען. ער איז אַריבער כמעט אינגאַנצען אין דער פֿאַבריק.

ד"ר N. ווי אַזוי צו לעזען אַ בוך?

(צו דער בילדונגס-פֿראַגע פֿאַר יודישע אַרבייטער).

לעזען אַ בוך איז אַ וויכטיגע קונסט, כּמעט אַזוי ווי פֿערשטעהן איהם. וועגען דער קונסט: ווי אַזוי צו לעזען אַ בוך? איז אָנגעשריבען געוואָרען גאַנצע ביכער. דאָך מיר וועלען זיך מיט דער דאָזיגער פֿראַגע בעשעפֿטיגען אויך אַזוי פֿיעל, ווי דאָס איז וויכטיג פֿאַר אַרבייטער, נעהמענדיג אין בעטראַכט די בעזונדערע בעדינגונגען, אין וועלכע אַן'אַרבייטער קומט פֿאָר צו לערנען עפּעס און צו לעזען. ווען אָט די פֿראַגע איז אַ וויכטיגע פֿאַר יעדען מענשען, איז זי נאָך פֿיעל וויכטיגער פֿאַר אַן'אַרבייטער, וועלכער האָט ניט קיין סיסטעמאַטישע פֿאָרבערייטונג, גאַנץ ווייניג צייט און זעהר ניט קיין רוהיגען קאָפּ — דריי זאַכען, וואָס זענען אַבסאָלוט נויטיג אום ערנסט עפּעס צו לערנען.

ביכער ווערען אין אַלגעמיין איינגעטיילט אין וויסענשאַפֿטליכע און בעלעטריסטישע. געוועהנליך ווערט אָנגענומען, אַז וויסענשאַפֿטליכע ביכער דאַרף מען לערנען און בעלעטריסטישע — לעזען. דערביי פֿערשטעהט מען אונטער „לערנען" — „זוברעווען", חזר'ען, אויסלערנען אויף אויסווענדיג, און לעזען, מיינט מען, איבערלעזען, איבערקוקען פֿון אויבען אויף. אין אמת'ן איז דאָס אָבער גאַנץ אָפֿט אַ טעות. שעקספּיר, צום ביישפּיעל, געהערט צו בעלעטריסטיק, און זיינע דראַמען דאַרף מען ערנסט שטודירען, ווייל זיי איז פֿיעל שווערער צו פֿערשטעהן, ווי אַ געוועהנליכען וויסענשאַפֿטליכען בוך. איבערהויפּט: יעדעס ווערק פֿון אַ גרויסען שרייבער מוז מען לערנען. לערנען אָבער הייסט ניט זוברעווען, חזר'ן. אָט די סיסטעם פֿון לערנען, וואָס הייסט אין רוסיש „זובראָזקע", און וואָס ווערט ליידער נאָך יעצט, אַזוי ווי אַמאָל, געברויכט ניט בלויז אין נידעריגע שולען, נור אַפילו אין אוניווערזיטעטען אויך, מאַכט ניט רייכער דעם גייסט מיט אמת'ע בילדונג, נאָר, גראַדע פֿערקעהרט: זי פֿערטעמפּט דעם מח און שטאָפּט איהם אָן מיט אַזוינע זאַכען, וואָס זענען אַבסאָלוט ניט וויכטיג אין דעם זין פֿון אמת'ע קענטעניס.

לערנען הייסט אין אמת'ן נאָר צוהערען זיך, אָדער לעזען מיט קאָפּ, ניט דורכלאָזענדיג אַ קאַפּיטעל צי אַ פֿראַזע, צי זאָגאַר אַ וואָרט, וואָס איז ניט קלאָר. איבערצולעזען אַ בוך, אויף אַזאַ אופֿן, צוויי דריי מאָל איז גענוג אום צו האָבען אַ ריכטיגען בעגריף פֿון דעם, וואָס דאָרטען שטעהט, זעהר ניצליך איז צו לעזען הויך און די וויכטיגערע שטעלען איבערצושרייבען אין אַ נאָטיץ-ביכעל. דער

ענגלישער שרייבער באָקל זאָגט, אַז דאָס איז איינער פֿון די בעסטע מיטלען צו געדענקען וואָס אין בוך שטעהט. לעזען אַ בוך צוזאַמען מיט נאָך איינעם איז אויך זעהר נוצליך, דערביי האָט מען אימער די מעגליכקייט דורכצוריידען זיך וועגען דעם, וואָס מ'לעזט און אויסהערען איינער דעם אַנדערן. אַ סך פּאָפּולערע, ד. ה. וויסענשאַפֿטליכע ביכער, געשריבען אין אַ לייכטע שפּראַך, האָבען פֿראַגען צום סוף אויף יעדען קאַפּיטעל, דורך וועלכע מען קען זיך אַליין אימער עקזאַמענירען. דאָס איז פֿיעל בעסער צו טון, מ'לעזט מיט נאָך איינעם צוזאַמען. ווען מ'ענטפֿערט אויף די פֿראַגען לייכט, איז דאָס אַ סימן, אַז מ'האָט אויפֿמערקזאַם געלעזען. אויב ניט, ווייזט דאָס, אַז מ'דאַרף לעזען נאָך אַמאָל, אָבער נאָר לעזען און ניט „אויסחזר'ען".

דאָס איז גאַנץ גוט ביי נאַטור-וויסענשאַפֿטליכע ביכער. אָבער וועניג, ווען מ'לעזט אַ בוך וועגען דער מענשליכער געזעלשאַפֿט, וועגען דעם מענשענס ענטוויקלונג און געשיכטע. צו די דאָזיגע וויסענשאַפֿטען געהערען: קולטור-געשיכטע, היסטאָריע אין אַלגעמיין, פּאָליטישע עקאָנאָמיע, סאָציאָלאָגיע, און אַז. וו. דאָ איז וויכטיגער פֿון אַלץ דער שטאַנדפּונקט, וואָס ווערט דורכגעפֿיהרט, און די נעמען פֿון פּערזאָנען, שטעדט, דאַטען, און פּאַסירונגען. דעם עיקר שטאַנדפּונקט, וואָס מ'דאַרף האָבען אויף אַזאַ סאָרט בוך, איז: אויף וויפֿיעל האָט די אָדער יענע פּערזאָן, דער אָדער יענער פֿאַקט, אָדער פּאַסירונג געווירקט אויף דעם מענשליכען פּראָגרעס. איינפֿאַכער גערעדט: צו האָט די אָדער יענע פּערזאָן אָדער פּאַסירונג אויסגעבעסערט דעם מענשענס זיטען, רייכער געמאַכט זיין גייסט מיט ערפֿאַהרונגען, ווייכער געמאַכט זיין האַרץ צו פֿיהלען דעם אַנדערנ'ס ליידען און ליעבען דעם צווייטען? איבערהויפּט: געבראַכט, אַז מענשען, וואָס מעהר מענשען, זאָלען לעבען פֿרייער און גליקליכער? ווען מען נעהמט אָן דעם דאָזיגען שטאַנדפּונקט, פֿערלירען אַ סך היסטאָרישע פּערזאָנען, וועמעס נעמען ס'האָבען געקלונגען דורך טויזענדער יאָהרען, זייער גאַנצען ווערט. און פֿערקעהרט: אַנדער'ע פּערזאָנען, וואָס מ'האָט קוים געוואוסט זייער נאָמען, בעקומען אַ אונגעהייערע בעדייטונג. אַזוי צום ביישפּיעל, זענען די נעמען פֿון די יודישע נביאים, פֿון דעם גריכישען פֿילאָזאָף סאָקראַטעס, די רעמישע פֿרייהייטס-קעמפֿער — ברידער גראַקכוס, די קעמפֿער און מאַרטירער פֿאַר רעליגיעזע פֿרייהייט, גאַלילעי און יאָהאַן הוס אַם ענדע פֿון דעם מיטעל-אַלטער — אַ סך מעהר בעצויבערנד פֿאַר אונזער אויער ווי די נעמען פֿון די בעריהמטע העלדען: אַלכּסנדר מוקדון, יוליוס צעזאַר און נאַפּאָלעאָן, וועלכע האָבען ממש איבערגעקעהרט וועלטען. די ערפֿינדונג פֿון אַ פּשוט'ען ליימענעם טעפּעל האָט אַ סך מעהר ווערט פֿאַר דער מענשליכער ציוויליזאַציע, ווי די העלדענטאַטען פֿון די דאָזיגע דריי גרויסע העלדען פֿון דער מענשליכער געשיכטע צוזאַמען.

די הויפּט-ראָליע, פֿון דעם דאָזיגען שטאַנדפּונקט, שפּילען אין די געזעלשאַפֿטליכע וויסענשאַפֿטען, אַלזאָ, ניט די פּערזאָנען און טאַטען, מיט וועלכע עס האָט געקלונגען, נאָר — יענע שטילע בעוועגונג אין דעם מענשענס גייסט, וואָס אָפֿט אַנטלויפֿט זי פֿון אונזער פּשוט'ען אויג, און מיר מוזען טיעף אַריינקוקען אום זי צו בעמערקען. אין יעדער היסטאָרישער צייט-אָבטיילונג, וואָס מ'שטודירט זי, מוז מען זעהן, פֿריהער פֿאַר אַלץ, ווי אַזוי האָבען מענשען דאַן געלעבט. דאָס הייסט פּשוט זייער עקאָנאָמישען צושטאַנד, דאַן די בעציהונגען צווישען פֿערשיעדענע קלאַסען, און בעמערקען וואָס פֿאַר אַ ווירקונג האָט אויף אָט די קלאַסענבעציהונגען געמאַכט דער עקאָנאָמישער צושטאַנד. ווייל מען דאַרף אימער געדענקען, אַז ביי דעם מענשען איז דער קערפּער מיט'ן גייסט אימער פֿערבונדען צוזאַמען. יעדע ענדערונג אין קערפּערליכען און מאַטעריעלען לעבען פֿיהרט אונבעדינגט צו אַ פֿערענדערונג אין גייסטיגען לעבען, דאָס הייסט אין די זיטען, אין די געזעלשאַפֿטליכע פֿערהאַלטונגען איינער צום אַנדערן. דעם מענשענ'ס ענטוויקלונג שטעהט העכער, די מענשליכע געזעלשאַפֿט איז בעסער, איז גליקליכער, ווען אָט די פֿערהאַלטונגען זענען בעסער, פֿריינדליכער.

נאָך אַ וויכטיגען פּונקט דאַרף מען בעטראַכטען, ווען מ'לעזט אַזוינע ביכער. אום גוט צו פֿערשטעהן אַ וויכטיגע היסטאָרישע פּערזאָן אָדער איהרע האַנדלונגען, איז זעהר ניצליך זיי צו פֿערגלייכען מיט עהנליכע פּערזאָנען און עהנליכע פֿאַקטען פֿון אַן אַנדער צייט-פּונקט: פֿריהער צו שפּעטער. ווייל אין דער געשיכטע פֿון דער מענשליכער ענטוויקלונג חזר'ן זיך אָפֿט איבער דיזעלבע פּערזאָנען און דיזעלבע פּאַסירונגען. זיי זענען עהנליך איינע צו די אַנדערע, אָבער ניט גלייך. אין דער נאַטור איז קיינמאָל ניטאָ קיין צוויי זאַכען, וואָס זענען גלייך אין אַלע פּינטעלעך. דער עיקר איז צו פֿערשטעהן: מיט וואָס זיי זענען עהנליך און מיט וואָס זיי אונטערשיידען זיך איינער פֿון דעם אַנדערן, און וואָס האָט געבראַכט די עהנליכקייט און פֿערשיידענהייט. אָט דער פּונקט איז זעהר וויכטיג אין לערנען, ווייל נור דורך פֿערגלייכונג קענען מיר גרינדליך פֿערשטעהן אַ געוויסע ערשיינונג.

אַ דריטער פּונקט ביים לעזען אַנ׳ערנסט בוך איז: אויסצוגעפינען די אורזאַך, וואָס האָט אַרויסגערופען אַ געוויסע וויכטיגע ערשיינונג אין לעבען פון די מענשען און צו וואָס זי האָט געפיהרט. מ׳דאַרף קיינמאָל ניט אורטיילען וועגען אַ געוויסען פאַקט אַליין פאַר זיך גענומען, ווי גרויס און ווי קליין דער פאַקט זאָל ניט זיין. אָפט איז אַ קליינע זאַך די אורזאַך פון גרויסע געשעהעניסען, וואָס האָבען אַנ׳אונגעהויערע בעדייטונג אינ׳ם לעבען פון דער מענשהייט. און פערקעהרט: ניט זעלטען טרעפט, אַז „פון אַ באַרג — ווי מען זאָגט אַ שפּריכוואָרט, — ווערט געבאָרען אַ קליין מייזעל“, דאָס הייסט: פון אַ זאַך, וואָס דערמיט האָט געקלונגען די וועלט, לאָזט זיך גאָר נישט אויס. איבערהויפּט, אום צו זיין אין שטאַנד צו פערשטעהן ריכטיג דעם ווערט פון אַ וועלכען עס איז געגענשטאַנד אָדער אַ פּערזאָן, אָדער אַ ערשיינונג — ווי אין בוך, אַזוי אין לעבען — מוזען מיר דענקען וועגען דעם איינפלוס, וואָס זיי האָבען געהאַט אויפ׳ן לעבען פון מענשען און דעם איינפלוס, וואָס דאָס לעבען און די מענשען האָבען געהאַט אויף זיי.

נאָך אַ וואָרט צו אָט דער פראַגע: דאָס געהערט שוין צו דער אויסערליכער זייט, אָבער זי איז זעהר וויכטיג. אום אַ בוך זאָל בריינגען נוצען, דאַרף מען לעזען מיט אַ סדר, מיט אַ סיסטעם און טעגליך — אין אַ געוויסע צייט, ווי ווייניג אָט די צייט זאָל ניט זיין. קיין איין וואָרט דאַרף ניט בלייבען אונפערשטענדליך אין לעזען, ווארום אין איין וואָרט הענגט אָב אָפט אַ גאַנצער געדאַנק. דער וואָס וויל עפּעס וויסען, דאַרף זיך קיין מאָל ניט שעמען צו פרעגען, ווען ער פערשטעהט עפּיס ניט אין אַ בוך. קיין אינטעליגענטער מענש וועט ניט ענטזאַגען, ווען אַנ׳אַרבייטער וועט קומען צו איהם פּריוואַט און פרעגען אַנ׳ערקלערונג איבער אַ שטעלע אָדער אַ וואָרט אין אַ בוך, וואָס איז איהם ניט קלאָר.

דאָס אַלעס איז גערעדט וועגען דעם, ווי אַזוי צו לעזען אַ וויסענשאַפטליכען בוך. וואָס אָנבעלאַנגט אָבער בעלעטריסטיק, דאָס הייסט: ערצעהלונגען, ראָמאַנען, נאָוועלען, סקיצען און געדיכטע, איז זיי אויך ניט ווייניגער וויכטיג צו וויסען, ווי אַזוי צו לעזען. נאָר וועגען דעם אַנ׳אַנדערש מאָל.

די קולטור-עטישע בעוועגונג אין אייראָפּאַ.

ל. נ.

גאָר ניט לאַנג האָט זיך געגרינדעט אַ נייע געזעלשאַפט מיט׳ן נאָמען „דער אינטערנאַציאָנאַלער אָרדען פון עטיק און קולטור“. דער הויפּט-ציעל פון דיזער געזעלשאַפט איז צו קעמפּפען מיט׳ן שוואַרצען אינטערנאַציאָנאַל און צו בעפרייען די מענשהייט פון אַלערליי מיסטישע פלאָנטערנישען. די אינטערעסאַנטע סאָציאַל-עטישע בעוועגונג האָט געפונען אַנ׳אָבקלאַנג אין די רייהען פון די גרעסטע געלעהרטע און אויך אין איינינגע אינטערנאַציאָנאַלע געזעלשאַפטען, וועלכע זענען איינשטימיג מיט דער אויבענדערמאָנטער געזעלשאַפט.

איידער מיר וועלען איבערגעבען די גרונד-ציעלען און די הויפּט-אויפגאַבען פון דער נייער געזעלשאַפט, וועלען מיר אָנווייזען אויף יענע סבות, וועלכע האָבען אַזאַ געזעלשאַפט אַרויסגערופען.

אַ גאַנץ אייגענאַרטיגעס בילד שטעלט מיט זיך פאָר די לעצטע צייט דאָס רעליגיעז-מאָראַלישע לעבען אין די קולטורעלע, ענטוויקעלטע מלוכות. שווער איז צו כאַפּען דעם צוזאַמענהאַנג צווישען דער רעליגיעזער און עקאָנאָמיש-פּאָליטישער זייט פון היינטיגען לעבען. מיר זעהען, ווי אין די לענדער, וואו דער קאַפּיטאַליזם און די פּראָלעטאַריזאַציע זענען הויך ענטוויקעלט, איז דער רעליגיעזער קאָנסערוואַטיזם, די מיסטישע אידעאָלאָגיע זעהר טיעף איינגעוואָרצעלט אין פאָלק. אין ענגלאַנד, צום ביישפּיעל, אין אַזאַ קאַפּיטאַליסטיש-ענטוויקעלטען לאַנד, שעצט מען זעהר די ביבעל, און זי געפינט זיך כמעט ביי יעדען ענגלענדער, צו אַ בורזשואַ, צו אַ פּראָלעטאַריער. אַזוי איז אויך אין אויסטראַליען, אַזוי איז אויך אין ניי-זעלאַנד. אין קיין לאַנד אין דער וועלט איז ניטאָ אַזוי פיעל קלויסטער׳ס, ווי אין ניי-זעלאַנד.

אין אייראָפּאַ רעכענען זיך פאַר זעהר פריי-געזאָנענע לענדער די אינדוסטריעל-שוואַך-ענטוויקעלטע פראַנקרייך און רוסלאַנד.

אין דייטשלאַנד, וואָס איז פּאָליטיש גאַנץ הינטערשטעליג, שטעהען די אַרבייטער-מאַסען אינטער דער ווירקונג פון סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אַטעאיסטישע אידעען.

גור ניט קוקענדיג אויף די פרעמדקייט און ווייטקייט פון די ביידע וועלטען — פון דער רעליגיעזער אין דער עקאָנאָמישער — געפינען מיר דאָך, ביי אַ גענויערער דורכשטודירונג, געוויסע פעדים, וואָס בינדען זיי צוזאַמען.

די רעוואָלוציאָנערע אונצופריעדענהייט און דער סקעפּטיציזם אין דעם עקאָנאָמישען לעבען רופט אַרויס

אַ צווייפעל און אַ אונצופריעדענהייט אויך אין גייסטיגען, אין רעליגיעזען.

פאַר די יעניגע, וועלכע זענען אונצופריעדען מיט דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער אָרדנונג, ווייזט אויס די גאַנצע וועלט, דער גאַנצער קאָסמאָס, ווי אַ כאַאָס, ווי אַן אונזיניגער, לעבענסלאָזער מיש-מאַש.— די צרות, וואָס מען דאַרף אויסשטעהן, די אונגערעכטיגקייטען עפענען אויף די אויגען, וואָס זענען פריהער בלינד געווען פאַר'ן לעבען, פאַר דעם שרעקליכען קאַמפף פון לעבען.

ענדערען זיך אָבער אום די בעדינגונגען פון דער סאָציאַלער לאַגע צום גוטען, בעקומט דער פריהערדיגער כאַאָס פון לעבען אַ ליכטיגע פאַרב, ווערט פערשוואינדען די עלענדקייט און די הילפלאָזיגקייט פון דער מענשליכער פערזענליכקייט.

אָבער מען דאַרף בעמערקען, אַז מיט די אויבענדערמאָנטע מאָמענטען אַליין קאָן מען נאָך נישט ערקלערען דעם פערוויקעלטען קנויל פון רעליגיעזע עוואָלוציעס און רעוואָלוציעס אין די היינטיגע קולטורעלע לענדער. עס זענען דאָ נאָך אַ סך אַנדערע מאָמענטען, וואָס הירקען-מיט דער ענטוויקלונג פון מיסטיק.

נעהמט אָב ביי די מענשען זייער אילוזיע, שטעלט זיי אַוועק פנים אֶל פנים מיט'ן לעבען, און פערבענקען וועלען זיי זיך, זיי וועט ווערען אומעטיג. אום ניט אַראָבצופאַלען פון דער „הויך", וואָס רופט זיך אָן „אונגלויבען", און ניט צו פערלירען דעם אינערליכען גלייכגעוויכט, דאַרף מען בעזיצען אַ סך ענערגיע און מאָראַלישע קראַפט. אָהן חלומות, אָהן מיסטיק-שטעגהייטען איז שווער צו ענדיגען דעם לעבענ'ס-וועג, און דאָ אין נור דאָ דאַרף מען זוכען די אינדיווידועל-פסיכישע פאַקטאָרען פון רעליגיעזען קאָנסערוואַטיזם.

אין איינעם פון די אויפרופען פון דער אויבענדערמאָנטער געזעלשאַפט איז אָנגעוויזען אויף דעם, אַז די געזעלשאַפט פעראייניגט פריידענקענדע מענשען, וואָס זוכען דעם אֶמת און זענען נישט פערבונדען מיט קיינע „אַני-מאַמינ'ס", די געזעלשאַפט שטעלט זיך אַלס ציעל אָנצופילען מיט עפּעס ערהאַבענעס און שענעס די לעבענס-פוסטקייט. די געזעלשאַפט פלייסט זיך צו שאַפען אַ גייעם קולט פון אַלי'ן, וואָס עס האָט געגעבען דער וועלט ביז איצט די וויסענשאַפט, די קולטור און ציוויליזאַציע. די געזעלשאַפט אָרדענט איצט איין גרופען מיט'ן נאָמען „היימען", וואו מען קלייבט זיך אויף יעדע וואָך און מען פערנעהמט זיך מיט פראַגען פון אינערליכער טעטיגקייט, בנוגע דער זעלבסט-ערציהונג, מיט פראַגען פון אינערליכער זעלבסט-פערטיעפונג און גייסטיגער פערשטאַרקונג דורך דער הירקונג פון מוזיק, רעדעס, לעזונגען און פון אַנדערע קונסט-געביטען. וואָס אָנבעלאַנגט דער מאָניסטישער צוקונפטס-רעליגיע, געפינט די געזעלשאַפט איין, אַז זי האָט קיין שום שייכות ניט צו דער מעטאַפיזיק, צו דער פראַגע פון לעבען אויפ'ן עולם האֱמת. די רעליגיע וועט זיין אַ סאָציאַלע, די הויפט-אויפגאַבען איהרע וועלען זיין: אַלגעמיינע בילדונג און ערציהונג גלייכע רעכט און גלייכע פליכטען, פערניכטונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלאָאַטאַציע און אַ סאָלידאַרע ברודערשאַפט צווישען אַלע מענשען. אום צו דערגרייכען די אויבען-אויסגערעכענטע ציעלען, פאָדערט דער אָרדען, אַז מען זאָל אָפּטיילען די קירך פון דער מלוכה, בעזייטיגען יעדע געוואַלד-טאַט און צוואַנגמיטלען אין דער רעליגיעזער ספערע.

צווישען די סאָציאַל-פּאָליטישע פונקטען פון דער פּראָגראַם פערנעהמט ביי דעם אָרדען אַ גרויסען אָרט די פראַגע פון ערציהונג און בילדונג פון דעם יונגען דור. אין דער הינזיכט איז דער אָרדען זעהר נאָהענט צו דער בעוועגונג אין דער פּעדאַגאָגיק פון דער לעצטער צייט, אָן דער שפּיץ פון וועלכער עס שטעהט ד״ר הערמאַן ליטץ.

די פאָרשטעהער אָבער פון דעם „אָרדען" מיט פּאָרעל'ן אָן דער שפּיץ, אונטערשיידען זיך מיט זייערע סאָציאַליסטישע פאָדערונגען. די פּראָדוקציאָנס-מיטלען און אויך די ערד דאַרפען ניט געהערען מעהר צו איינצעלנע פּערזאָנען, נור זיי דאַרפען אַריבערגעהן צו דער גאַנצער געזעלשאַפט.

גרויסע שוועריגקייטען שטעלט מיט זיך פאָר די פאָרבערייטונג פון דעם יונגען דור צו אַ געזעלשאַפטליך-אָרגאַניזירטער אַרבייט. דעריבער טוז די יוגענד זיין אַזוי ערצויגען, זי זאָל יעדע מינוט וויסען, אַז נור מיט שווערער אַרבייט קאָן מען זיך אַ געזיכערטעס לעבען קויפען.

די פעראייניגטע קולטורעל-עטישע בעוועגונג פון אונזער צייט דאַרף בעזיצען אַ גאַנצע סיסטעם פון מיטלען צו פערווירקליכען וואָס גיכער איהרע ציעלען.

די הויפט-פונקטען פון איהר טעטיגקייטס-פּראָגראַם זענען:

1) דעצענטראַליזאַציע פון בעפעלקערונג, די צונויפגיסונג פון דאָרף און שטאָדט.

2) אַנטימיליטאַריזם, אינטערנאַציאָנאַלע פעראייניגונג.

3) דאָס בעשאַפען פון איין אַלגעמיינער אינטערנאַציאָנאַלער שפּראַך.

4) דער קאַמפף מיט'ן אַלקאָהאָליזם.

5) בעניידען און געזונד מאַכען די סעקסועלע בעציהונגען.

6) רעפאָרמירען די קרימינעלע און בירגערליכע רעכט, די פינאַנסען-סיסטעם אין דעם גייסט פון נייע סאָציאַלע פאָדערונגען.

7) רעפאָרמירען די גאַנצע היינטיגע מעדיצין און היגיענע לויט די נייע פאָדערונגען פון ראַסען-פערפאָלקאָמונג און געזעלשאַפטליכען פּראָגרעס.

מיר וועלען אין קורצען זיך פונאַנדערקלייבען אין יעדען פון אַט די פונקטען.

בנוגע צו דעם ערשטען פונקט קאָנען מיר זאָגען, אַז די לעצטע צייט בעמערקט זיך אַ גרויסע בעוועגונג צו פערלאָזען די שטאָדט, די ענגע שטייג, און אַנטלויפען צום פעלד, צום דאָרף. אין שטאָדט, ביי'ם שטענדיגען טומעל און געררודער, שטיקענדען רויך פון פאַבריק-קוימענס, איז שווער זיך צו פערטיעפען אין זיך, צו אָבגעבען זיך דין-וחשבון פאַר'ן לעבען, און די נשמה בעט זיך אין די גרינע ווייטקייט, אין די פרייע וועלדער. אין דאָרף זעהען מיר, פערקעהרט, אַ שטרעבען צו אַנטלויפען אין שטאָדט, עס בענקט זיך דעם דאָרף נאָך דעם גאָלדענעם גלאַנץ פון דער גייסטיגער און עקאָנאָמישער קולטור פון שטאָדט. אַזוי אַרום וועט זיך בּיסלעכווייז בעשאַפען אַ נייער מענשליכער ישוב, אַ האַרמאָנישער סינטעז, וואָס וועט אין זיך איינשליסען די שטאָדט און דעם דאָרף צוזאַמען, דעם טומעלדיגען לעבען מיט דער אוני-בעוועגליכער שטילקייט. וואָס אָנבעלאַנגט דעם היינטיגען מיליטאַריזם, איז די נייע עטישע בעוועגונג גאָר ווייט פון די פריעדענס-געזעלשאַפטען, וואָס טראָגען אויף זיך דעם שטעמפעל פון בורזשואַזער פילאַנטראָפיע. „דער אינטערנאַציאָנאַלער אָרדען" קעמפפט שאַרף און שטאַרק געגען דעם געוועהר, ער פיהרט אַ ברייטע פּראָפּאַגאַנדע פאַר אַנטימיליטאַריסטישע אידעען, ער פיהרט אַן ערנסטען קאַמפף מיט די בלוט-דורשטיגע טענדענצען פון די היינטיגע מלוכות.

אַ כך מיטווירקען דער אינטערנאַציאָנאַלער פעראייניגונג קאָן, נאָך דער מיינונג פון די נעאָ-עטיקער, אויך אַן אַלגעמיינע, אינטערנאַציאָנאַלע שפּראַך, ווי עספּעראַנטאָ. אַזוי ווי קיין איין שפּראַך אין דער וועלט וויל מען ניט אָנערקענען פאַר די איינציגע און אַלגעמיינע, צוליעב דער נאַציאָנאַלער זעלבסט-ליעבע פון יעדען פאָלק, האָט מען דערפיהלט אַ נויטווענדיגקייט צו בעשאַפען אַ נייע, איינפאַכע, בויגזאַמע שפּראַך, אויף וועלכער עס זאָלען זיך קאָנען צונויפריידען אַלע בירגער פון דער גאַנצער וועלט. אַלס איינציגע בעסטע אינטערנאַציאָנאַלע שפּראַך האָט מען אָנערקענט די לעצטע צייט עספּעראַנטאָ, און דער „קולטור-עטישער אָרדען" פיהרט אַ ברייטע אַגיטאַציע פאַר אַט די שפּראַך.

אין געביט פון רעכטווויסענשאַפט דאַרף מען אַ סך פּונקטען אינגאַנצען איבעראַרבייטען אין גייסט פון סאָציאַליזם און מענשען-ליעבע. די הויפּט-אויפמערקזאַמקייט דאַרף מען לעגען אויף די סאָציאַלע סבות פון אַלערליי פערברעכען און אויך צו פערהיטען, עס זאָל ניט קומען צו דעם. פאָרעל, למשל, מיינט, אַז עס איז גענוג צו פערבאָטען אומעטום פערקויפען אַלקאָהאָל, און אַ העלפט פון היינטיגע פערברעכען וועט בעזייטיגט ווערען. אַחוץ דעם, דאַרף מען נאָך אָבער נישט פערגעסען, אַז די היינטיגע געזעלשאַפט ווערט פערגיפטיגט אויך מיט אַנדערע סמ'ען: אָפּיום, קאָפעאין, עפיר, מאָרפיום און נאָך.

אין דער פּראָגראַם פון דעם „אָרדען" געהט אַריין אויך די רעפאָרם פון דער היינטיגער מעדיצין און היגיענע. די היינטיגע מעדיצין איז, נאָך דער מיינונג פון דעם קאָמפּעטענטען פאָרעל, אַ שאַרף אינדיווידועלע. מיר פערמעגען אַפילו אַ געזעלשאַפטליכע היגיענע, וואָס שטרעבט צו פערהיטען פון אַ קראַנקהייט, דאָך ווערט זי זעהר זעלטען אויסגענוצט. מען דאַרף אויסזוכען מיטלען, וואָס זאָלען ניט דערלאָזען, עס זאָלען געבאָרען ווערען און ענטוויקלען זיך מענשען, וואָס וועלען נור ערגער מאַכען און אָבשוואַכען דאָס מענשליכע געשלעכט. די היינטיגע מעדיצין האַלט פאַר אַ הייליגען חוב צו אונטערהאַלטען דאָס לעבען פון יעדען איינציגען מענשליכען וועזען, ווי שמערצליך און שלעכט עס זאָל זיין לעבען ניט זיין. נאָך פאָרעל'ס מיינונג, איז דאָס גאָרניט קיין פּאַסיגער הומאַניטאַריזם, און ער ענטהאַלט אין זיך אַ סך שלעכטעס. די נייע קולטור-עטישע בעוועגונג דאַרף קעמפפען געגען דער היינטיגער מעדיצין, וואָס איז אַזעק אויף אַ פאַלשען וועג.

דאָס איז די הויפּט-פּראָגראַם פון דער געזעלשאַפט. דער הויפּט-פיהרער פון איהר איז אויגוסט פאָרעל, וואָס פאָהרט אַרום איבער דייטשלאַנד, עסטרייך, שווייץ און אָרגאַניזירט אומעטום גרופּען.

אין פראַנקרייך העלפט איהם דער פּראָפעסאָר בראָדאַ, און אין דייטשלאַנד דער פראַנקפורטער פּראָפעסאָר ניפּפּאָלד.

אַלס אונמיטעלבאַרע פּראַקטישע אויפגאַבע שטעלט זיך די געזעלשאַפט איצט צו אָרגאַניזירען עפענטליכע פאָרלעזונגען און קרייזלעך. דער צענטראַל-קאָמיטעט געפינט זיך אין ציוריך (שווייץ). דאָרט איז איינגעאָרדענט געוואָרען אַ ביוראָ, וואו מען קאָן בעקומען אַלערליי ידיעות וועגען דער געזעלשאַפט.

≠ ≠ ≠ ≠ ≠ ≠ ≠ ≠

מ. ב. ראַטנער. דער קאַמפף פאַר'ן אַלגעמיינעם וואַהל-רעכט אין אונגאַרן.

ס'זענען פאַראַן מאָמענטען, בשעת אין אַ קליינער מדינה, וואָס אין געוועהנליכע צייטען קלערט מען ווינציג וועגען איהר, שפּיעלען זיך אָב פאַ-

ליטישע געשעהענישען, פלאקערן זיך פונאנדער פארטיי-קאנפליקטען, וואס לא די וואס די וועלט ווערט נתפעל פון זייער טיעפער טראגישקייט, נאר מען קאן זיך אויך פון זיי ארויסנעהמען אנ'אמת'ען מוסר-השכל.

אט אזא מאמענט לעבט איצט איבער אונגארן. א גרויסען רושם האבען אנגעמאכט די געשעהענישען פון 10 און 25 מאי. אין אלע עקען וועלט האט דער טעלעגראף פונאנדערגעטראגען די ידיעות וועגען די שווערע קרבנות.

נאר די דאזיגע אויסווייניגסטע פאקטען בעווייזען נאך ווייניג וואס. אינטערעסאנט זענען די אינעווייניגסטע מאטיווען פון די געשעהענישען. אין א לאנד, וואו עס געוועלטיגען פון אייביג אן די פריצים, וואו די נאטוראל-ווירטשאפט הערשט נאך ביז איצט, וואו עס איז שוואך ענטוויקעלט די גרויסע אינדוסטריע און די קלאסען-אנטאגאניזמען, וואס זענען מיט איהר פערבונדען, וואו עס פלעגען טיילמאלם זיך אויפהויבען פויערשע באנדעס, בעוואפענט מיט פלעקער און הראבל'עס, אבער וועגען קיין פלאנמעסיגען, ארגאניזירטען קאמפף, ניט קיין עקאנאמישען און ניט קיין פאליטישען, איז ניט געווען קיין רייד ביז איצט, — אינ'ם דאזיגען אבגעשטאנענעם לאנד האבען זיך בעוויזען גאר נייע ערשיינונגען. א ציטער האבען געטאן די אלטע מויערן פון דער מאדיארישער הויפטשטאדט. עס האט זיך א ריהר געטאן א נייע קראפט, אנדערע ווערטער האבען זיך געלאזט הערען.

די דאזיגע געשעהענישען זענען מעהר ניט ווי איינציגע רינגען אין דער לאנגער קייט פונ'ם קאמפף, וואס די עסטרייכיש-אונגארישע נאציעס פיהרען פאר זייער עלעמענטארען פאליטישען רעכט, פאר'ן אלגעמיינעם וואהלרעכט.

ווינציג מענשען איז אפשר בעוואוסט, אז שוין די יונגע פארלאמענטארישע אנשטאלטען פון יאהר 1848, וואס האבען אויסגעארבייט די יסודות פונ'ם נייעם לעבען פון דער קאנסטיטוציאנעלער עסטרייך, זענען געווארען צונויפגערופען אויפ'ן סמך פונ'ם אלגעמיינעם וואהלרעכט. נאר די דאזיגע קאנסטיטוציע האט זיך ניט לאנג געהאלטען. גיך האט דער דעמאקראטיזם אבגעבליהט. שוין אין יאהר 1849 איז דער אלגעמיינער וואהלרעכט אין עסטרייך בטל געווארען.

אין א סך יאהרען ארום האט דער עסטרייכישער פראלעטאריאט, דורך א רייה שטרייקען און גאסען-דעמאנסטראציעס, זיך פארט דערשלאגען צו זיינע רעכט, און אין יאהר 1906 איז דער עסטרייכישער רייכסראט אויסגעקליבען געווארען אויפ'ן יסוד פון אלגעמיינעם וואהלרעכט.

אונגארן האט געהאט ווינציגער מזל. אויך דארט האט זיך געצויגען א קאמפף. אויך דארט איז געווארען ארגאניזירט א בעוועגונג לטובת דעם אלגעמיינעם וואהלרעכט. דעם 28 אקטאבער פון יאהר 1905 האט דער אונגארישער פאליטישער טוער פייערווארי פייערליך ערקלערט אין נאמען פון דער רעגירונג, אז זי שטעלט בראש פון איהר פראגראם דעם אלגעמיינעם, גלייכען, דירעקטען און געהיימען וואהלרעכט. שפעטער האט אויך דער קעניג אין זיין טראון-רעדע בעשטעטיגט די הבטחה צו רעפארמירען דעם וואהלרעכט. אבער אלע די דאזיגע הבטחות זענען ניט מקוים געווארען. אויך איצט איז די איינפיהרונג פונ'ם אלגעמיינעם וואהל-רעכט אין אונגארן אנ'אונדערגרייכטער אידעאל, וואס אויף די גאסען גיסט זיך בלוט פאר איהם.

דאס איז דערפאר, ווייל די לאגע אין אונגארן איז גאר אנ'אנדערע, איידער אין עסטרייך. דער היסטארישער גורל האט געוואלט, אז דער הויפט-יסוד פונ'ם מלוכה- און געזעלשאפטליכען לעבען אין אונגארן איז דער מאדיאריזירונגס-פראצעס, וואס ווייזט זיך ארוים אין אלע ווינקעלעך פון דער פאליטישער טעטיגקייט. און דער דאזיגער הויפט-מאמענט האט זיך אויך ענטפלעקט אין דער עקזיסטירענדער וואהל-סיסטעם.

לויט די דאטען פון דער לעצטער אפיציעלער פאלקס-צעהלונג (הגם אפילו זי איז שטארק געפעלשט לטובת די מאדיארען), זענען פארהאן אין אונגארן: מאדיארען — 45,4 %, רומעניער — 14,5 %, דייטשען — 11,1 %, סלאוואקען — 10,5 %, כארוואטען — 8,7 %, סערבען — 5,9 %, רוטענער — 2,3 %, איבעריגע פעלקער — 2,1 %. די מאדיארען זענען בעשיינפערליך א מיעוט פון דער בעפעלקערונג. און פונדעסטוועגען האבען אלע איבעריגע נאציעס, וואס וואוינען אין אונגארן, אינגאנצען 8 דעפוטאטען אין פארלאמענט פון דער אלגעמיינער צאהל 413. אט אזוי איז די אונטערדריקטע לאגע פון די נאציעס אין לאנד פון די מאדיארען. דערביי איז כדאי צו דערמאנען, אז בשעת פראנק קאשוט, דער אונווירדיגער זוהן פונ'ם בעריהמטען פאטער, האט פארגעלעגט פערשיידענע פראיעקטען פאר דער וואהלרעפארם, האט ער שטענדיג געפונען פאר נויטיג אויסצורעדען, אז עס איז נויטיג איינצוהיטען די „היסטארישע פריווילעגיעס" פון די מאדיארען. צי דען הייסט דאס ניט — אבנעהמען ביי די איבעריגע נאציעס אלע פאליטישע רעכט ?

נאָר דער קאַמפּף קעגען די נאַציעס איז נאָר איינער פֿון די פֿאַקטאָרען אין דער וואַהל-פּסיכאָלאָגיע פֿונ'ם איצטיגען הערשענדען קלאַס. די דאָזיגע פּסיכאָלאָגיע ווערט בכלל בעשטימט דורך קליינע פּריצישע, ענג פֿעאָדאַלע און אָפֿען-אַגראַרישע טענדענצען, וואָס בעווייזען זיך שוין דערין, וואָס לויט'ן איצטיגען גזעץ האָבען וואַהלרעכט אין אונגאַרן עפּיס איבער אַ מיליאָן מענשען, דאָס הייסט 6,2 % פֿון דער גאַנצער בעפֿעלקערונג. פֿונ'ם דאָזיגען וואַהל-מעכאַניזם ביז צום אַלגעמיינעם וואַהל-רעכט איז, פֿערשטעהט זיך, אַזוי ווייט, ווי פֿון מזרח ביז מערב.

בכדי צו פֿערשטעהן אַלע פֿאַזיסען פֿונ'ם קאַמפּף פֿאַר'ן וואַהלרעכט און אָבשאַצען די שאַנסען פֿון די צדדים, מוז מען נעהמען אין אַכט נאָך אַ פֿאַקטאָר, וואָס גיט די ריכטונג דעם פּאָליטישען און געזעלשאַפֿטליכען לעבען פֿון אונגאַרן. אין לאַנד געהט אַן'אייביגער פֿערשטיקטער קאַמפּף פֿון די מאַדיאַרען, פֿון די מאַדיאַרישע פּריצים און מאַגנאַטען קעגען עסטרייך, קעגען „וויען", קעגען דעם „אָבמאַך" פֿון יאָהר 1867, וואָס בילדעט דעם יסוד פֿון דער איצטיגער פּאָליטישער עקזיסטענץ פֿון עסטרייך-אונגאַרן. אינ'ם דאָזיגען כסדר'דיגען קאַמפּף פֿון דער קרוין מיט די מאַדיאַרישע פּריצים האָבען שטענדיג די צדדים אַפּעלירט צום פֿאָלק. אויך אינ'ם קאַמפּף פֿאַר'ן וואַהלרעכט האָט זיך אייגענאַרטיג אָבגעשפּיגעלט דער קאַמפּף צווישען דער קרוין און די פּריצים. אין יאָהר 1905 האָט אין דער דאָזיגער מלחמה מנצח געווען די קרוין. זי האָט אין יענעם מאָמענט בעשטימט צו ווענדען זיך צום פֿאָלק, בכדי איינצוברעכען דעם ווידערשטאַנד פֿון די פּריצים. דער פּועל-יוצא פֿון דער דאָזיגער החלטה איז געווען די פֿייערליכע הבטחה פֿ' יערוואַרי'ס, וואָס איז דערנאָך געוואָרען איבערגע'חזר'ט אין דער טראָן-רעדע, וועגען דעם, אַז דער אַלגעמיינער וואַהלרעכט וועט אין גיכען געגעבען ווערען.

אָבער זינט יענער צייט איז אָנגעקומען אַ געוויסער שינוי, דער פּאָליטישער צושטאַנד איז פֿערפּלאָנטערט געוואָרען. פֿון צווישען די מאַדיאַרישע פּריצים האָט זיך אויסגעטיילט אַ לאָיאַלע פּאַרטיי, „די פּאַרטיי פֿון דער נאַציאָנאַלער אַרבייט", וואָס איז צונויפֿגעשמידט געוואָרען דורך די געשיקטע הענד פֿון קיען-העדערוואַרי און וואָס בילדעט איצט די הערשענדע קראַפֿט אין פּאַרלאַמענט. ביי דער דאָזיגער פּאַרטיי פֿעראייניגט זיך די איבערגעבענקייט צו דער קרוין, די געטריישאַפֿט צו די עקזיסטירענדע מלוכה-יסודות מיט די אַנטידעמאָקראַטישע טענדענצען, וואָס פֿיהרען צום האַרטען ברודער-קאַמפּף קעגען דעם אַלגעמיינעם וואַהלרעכט. די אָנפֿיהרער פֿון דער דאָזיגער פּאַרטיי זענען דער גראַף טיסאַ און זיין בעהעלפֿער לוקאַטש, וואָס האָבען געשפּיעלט אַזאַ שענדליכע ראָל אין די לעצטע געשעהענישען. פֿון דער אַנדער זייט האָט זיך אַרויסגערוקט פֿון צווישען די זעלביגע אונגאַרישע אַריסטאָקראַטען און אויך — פֿון די רייהען פֿון דער קליין-בורזשואַזיע, אַ בעשטימטע פּאָליטישע גרופּע, אונטער דער אָנפֿיהרונג פֿונ'ם ענערגישען יוסט, וואָס האָט פֿעראייניגט אין איהר טעטיגקייט סיי דעם קאַמפּף קעגען „וויען", קעגען די אויבערשטע רעכט פֿון דער קרוין, און סיי די דעמאָקראַטישע שטרעבונגען, דעם קאַמפּף פֿאַר'ן אַלגעמיינעם וואַהלרעכט. זיי האַלט אונטער קאָשוט מיט זיין שטענדיג צווייזייטיגער פּאָליטיק, וואָס איז בעגייסטערט נאָר פֿון זיין שנאה צו דער קרוין און איז נוטה אינ'ם קאַמפּף מיט דער דינאַסטיע זיך צו שטיצען אויף די דעמאָקראַטישע עלעמענטען פֿון דער בעפֿעלקערונג.

דער מצב האָט זיך פֿערשאַרפֿט ביז צום אויסערסטען.

דער טעראָריסטישער אַקט, וואָס איז געוואָרען אויסגעפֿיהרט פֿון פּאַרלאַמענט גופֿא, און דערצו נאָך ניט פֿון אַ זייטיגען מענשען, נאָר פֿון אַ דעפּוטאַט קעגען דעם פּרעזידענט פֿון פּאַרלאַמענט — איך מיין דעם אָנפֿאַל פֿון קאָוואַטש'ען אויפ'ן גראַף טיסאַ — איז גאָר אַ ניט-געוועהנליכע ערשיינונג. דער אונגעוועהנליכער איינדרוק ווערט נאָך פֿערשטאַרקט דורכדעם, וואָס אָבגעטאָן דעם אַקט האָט ניט קיין רעוואָלוציאָנער, ניט קיין אָנהענגער פֿון וואָסער עס איז עקסטרעמער פּאַרטיי, נאָר אַן'אומפּאַרטייאישער דעפּוטאַט, אַ יוסטער בעל-הבית, וואָס איז נאָך דערצו זעהר אַ רייכער מענש, אַן'ערדבעזיצער, וואָס האָט זיך געמאַכט אַ פֿערמעגען דורך שפּיעלען אויף דער בערזע. ס'איז בעשיינפּערליך, אַז ניט די בעגייסטערונג פֿאַר עקסטרעמע אידעען, ניט דער פּאַרטיי-פֿאַנאַטיזם האָבען געשטופּט אויף אַ טעראָריסטישען אַקט דעם דאָזיגען מענשען, וואָס קאָרן, גערשטען און ווייץ, אַקציעס און אָבליגאַציעס זענען טייערער און נעהענטער פֿאַר איהם, איידער אַ רעוואָלווער, דינאַמיט און פֿערשווערונג.

דאָס אַלץ בעווייזט, אַז דער נייער פּאַרלאַמענטאַרישער רעזשים, וואָס דער גראַף טיסאַ האָט איינגעפֿיהרט, וואָס צעטרעט מיט די פֿיס אַלע גוטע אייראָפּעאישע רגילות'ען, וואָס ווענדט זיך צו דער מיליטעריש-פּאָליציייאישער מאַכט דאָרט, וואו מען בעדאַרף ווירקען דורך סברות פֿונ'ם שכל הישר, — דער דאָזיגער רעזשים וועט צו קיין גוטס ניט ברענגען.

די גאַנצע עהרליכע און אומאָבהענגיגע פּרע-

סע איז איינשטימיג דערין, אז קאוואטש'עס אקט איז א שארפע התראה דעם איצטיגען רעזשים פון געוואלדטאט און ווילדווילען. מיט אזעלכע מיטלען וועט ניט אבגעשטעלט ווערען די בעוועגונג לטובת דעם אלגעמיינעם וואהלרעכט.

איבערזיכטען.

פאליטישע איבערזיכט. די גרויסע סאציאל-פאליטישע רעפארמעס ווי אויך די ריזיגע סטרייקען אין ענגלאנד האבען געבילדעט דעם טאן פונ'ם פאליטישען לעבען אין איראפא פאר די לעצטע מאנאטען. פון צייט צו צייט רייסט אב די אדער יענע סענסאציאנעלע פאליטישע געשעהענים אונזער אויפמערקזאמקייט פון די טיעף אינטערעסאנטע און בעלעהרענדע פאסירונגען אין אט דעם קלאסישען לאנד פון פרייהייט. נור קוים ווערט אויפ'ן פאליטישען האריזאנט עפעס רוהיגער, הארכען מיר זיך ווידער ניט ווילענדיג צו, וואס דארטען, אויף דעם וואונדערליכען בריטישען אינזעל קומט פאר.

און דאס, וואס דארט קומט פאר, טראגט קיינמאל ניט קיין סענסאציאנעלען כאראקטער. ענגלאנד ווייס ניט פון דונערדע פייערווערקס-ראקעטען, ווי פראנקרייך. ווען דארטען דונערט עס, איז דאס אנ'אמת'ער דונער, ניט קיין פייערווערק. ענגלאנד לעבט איצט איבער א גרויסע עפאכע, וואס האלט אנ'אנדער לאנד טיילען בלוט געקאסט. דארט קומט פאר די ערוואכונג פונ'ם פאלק. דארט בילדעט זיך אנ'אמת'ע דעמאקראטישע אינטעליגענץ, וואס איז פעהיג צו קעמפפען פאר די אינטערעסען פון פאלק. פאר דאס לעצטע יאהר אליין האט ענגלאנד דורכגעפיהרט א גאנצע רייהע אזוינע ערנסטע רעפארמען, וואס טראגען אהן א צווייפעל דעם כאראקטער פון סאציאלע רעוואלוציעס. מיר האבען וועגען א טייל פון די רעפארמען גערעדט אין די פאריגע פאליטישע איבערזיכטען. די גרעסטען פון זיי איז דאס צונעהמען ביי דער אויבערשטער לארדען-פאלאטע דאס רעכט פון „וועטא“, ד. ה. פון פראטעסטירען געגען די געזעץ-פראיעקטען, וואס זענען אנגענומען געווארען פון דער אונטערשטער פאלקס-פאלאטע. דערמיט ווערט געשאפען איינמאל פאר אלע מאל אויף א זיכערען באדען די הערשאפט פון פאלק. נאך א גרעסערע בעדייטונג האט דער געזעץ-פראיעקט וועגען אלגעמיינע וואהלען. לויט דעם פראיעקט וועט יעדער מאנספערזאן, פון 21 יאהר, האבען שטימרעכט אהן א שום בעשרענקונג. ער דארף נור וואוינען א האלב יאהר אין דעם ראיאן, וואו ער וויל אויסנוצען זיין שטים. די דאזיגע רעפארם האט אויך א שאטען-זייט דערוויל. אין ענגלאנד זענען נאך פארהאן ניט ווייניג מענשען, וואס קענען ניט לעזען, ניט שרייבען. אזוינע עלעמענטען קענען לייכט אונטערפאלען דעם איינפלוס פון דער בורזשואזיע אדער פון די לארדען. די קולטיווירונג פון דער מאסע געהט אבער אין ענגלאנד אויך צו דאסטיג. עס איז אויך ניט ווייט די צייט, ווען די פרויען וועלען בעקומען וואהל-רעכט. די וואלט געוועזען פילייכט נעהנטער, ווען די שנעונ'דיגע בורזשואזע ענגלישע סופראזשיסטינס וואלטען אט די ערנסטע בעוועגונגען ניט לעכערליך געמאכט מיט זייערע ווילדע כלומר'שטע רעוואלוציאנערע ארויסטרעטונגען. עס איז שווער זיך פארצושטעלען אין איצטיגען מאמענט, צו וואס פאר א גרויסע עקספערימענטען אין געביט פון פאליטישע און סאציאלע רעפארמען דאס ענגלישע פאלק וועט זיין פעהיג, ווען עס בעקומט, דורך דעם וואהל-רעפארם-פראיעקט, וואס ווערט אין גיכען א געזעץ, די פולע פאליטישע מאכט אין זיינע הענד.

אין **פראנקרייך** געהט יעצט אויך דורך דער געזעץ-פראיעקט וועגען בעסערע, דירעקטע וואהל-רעכט פאר'ן פאלק. עס איז צו האפען, אז פון יעצט אן, ווען דאס ברייטע פאלק וועט דארט בעקומען מעהר מאכט, וועלען די פערשיידענע געזעץ-פראיעקטען צו גונסטען די ארבייטער, וואס שטעהען שוין לאנג אין אט דעם לאנד אויף דער טאגעס-ארדנונג, און וואס די בורזשואזיע זעהט מיט אלע מעגליכקייטען אבצוהאלטען, ענדליך ווערען פערווירקליכט.

א סך שווערער, ווי אין **ענגלאנד** און **פראנקרייך**, קומט אויס דעם פאלק צו קעמפפען אין אונגארן און בעלגיען. אין דער ערשטער מדינה איז נאך זעהר שטארק די הערשאפט פון די פריצים, אין דער צווייטער דריקט דאס פאלק מורא'דיג די פינסטערע מאכט פון די קלעריקאלען. אין אט די ביידע לענדער איז די לעצטע טעג געקומען צו בלוטיגע צוזאמענשטויסונגען אין פארלאמענט און אין די גאסען. דאס פאלק האט פערלארען די געדולד... אבער אין גאסען-קאמפף איז די ארגאניזירטע מאכט פון די אויבערשטע קלאסען אימער שטארקער. די בלוטיגע ארויסטרעטונגען פון די מאסען איז א צייכען פון מאכטלאזען צארן, פאר וועלכען די דריקער האבען קיין מורא ניט. ווי אין בעלגיען, אזוי אויך אין אונגארן, פעהלט א ברייטע ארגאניזירענדע און קולטיווירענדע ארבייט צווישען די מאסען. איבערהויפט שטעהט דארט נידריג די ערציהונג פון דער יוגענד. דאס איז די אורזאכע, וואס ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס בעלגיען צ. ב. איז אזא שטארק קאפיטאליסטיש לאנד, מיט א ריזיג-ענטוויקעלטער אינדוסטריע, איז איהר פראלעטאריאט א סך הינטערשטעליג אין פערגלייך מיט'ן דייטשען, און די קלעריקאלען האבען אין קיין איראפעאישען לאנד ניט אזא שליטה איבער די מוחות פונ'ם פאלק, ווי דארט.

לאנגזאם ציהט זיך דער לאנגווייליגער **טערקיש-איטאליענישער קריעג**. עס איז נאר ניטא קיין האפנונג, ער זאל ווען עס איז נעהמען א סוף. די געזעלשאפטליכע מיינונג איז צו איהם טעמפ געווארען. אינדעסען איז ער א גרויסער אונגליק פאר דעם פראגרעס פון ביידע פעלקער, וואס בעטייליגען זיך אין קריעג. ער נעהרט אין ביידע לענדער שאוויניסטישע שטרעבונגען און לאזט ניט געהן אויפ'ן וועג פון פאליטישע און סאציאלע רעפארמען, אויף וועלכען די ביידע לענדער זענען נאר וואס געטראטען.

לאנגזאם, אבער ערנסט מיהט זיך דאס **יונגע כינא** צו בעפעסטיגען ביי זיך די נייע רעפובליקאנישע ארדנונג. עס ערוואכט די אינטעליגענץ, עס ערוואכען די מאסען, עס ערוואכט די כינעזישע פרוי צו א נייעם לעבען. אט דאס לאנד, וואס איז ביז אהער געוועזען דער סימבאל פון אבגעשטאנענקייט און פערגליווערטקייט, האט זיך מיט איין שפרונג געשטעלט אן דער שפיץ פונ'ם אלוועלטליכען פראגרעס. עס איז פון דער העכסטער וויכטיגקייט און פון גרעסטען אינטערעס נאכצוקוקען, ווי אזוי דארטען אין דער גרויסער מדינה מיט איהר 400 מיליאן מענשען, געשטאלטעט זיך דאס נייע לעבען. אלעס וואס קומט יעצט פאר אין כינא'ס אינערליכען לעבען איז טיעף בעלעהרנד, און מיר וועלען זיך מיהען צו האלטען אונזערע לעזער אין קורס פונ'ם וועבען און שטרעבען אין דער יונגער כינעזישער רעפובליק.

מיט דעם טויט פון דעם בעריהמטען **יעפרעם**, דעם מוטיגסטען קעמפפער פאר **פערסיענס** פרייהייט, איז אויך,

זעהט זיך אָן, געשטאָרבען דער לעצטער פונק פון האָפנונג אויף דער אויפלעבונג פון אַט דער אונגליקליכער מדינה. דער פּאַרלאַמענט, כלומר׳שט, עקזיסטירט נאָך, אָבער עס שיינט, אַז ער, צוזאַמען מיט דער רעגירונג, זענען אַ שפּיעלצייג אין אַנדערע הענד. די רעאַקציע ווערט דאָרטען שטאַרקער. די לעצטע פרייהייטס־קעמפפער דערשטיקט, אָדער פערטריבען. אַט דאָס בערימטע היסטאָרישע לאַנד איז אַזוי ווי אויסגעמעקט געוואָרען פונ׳ם רייסטער פון לענדער און מלוכות, גלייכגילטיג איז די וועלט געוואָרען צו איהר טרויעריגען שיקזאַל און אַפילו קיין זיפץ שענקט קיינער ניט דעם אונגליקליכען פערסישען פאָלק.

אין די פ ע ר א י י נ י ג ט ע ש ט א ט ע ן האַלט דער קאַמפף פאַר׳ן פּרעזידענט־שטוהל אין רעכטען ברען. די צייטונגען ברייגען טעגליך ידיעות וועגען דער קאָנקורענץ־מלחמה פון רוזוועלטען און טאַפטען, אַט די צוויי געוועזענע גוטע ברידער, איצט בלוטפיינד, ז״בער דאָך חברים פון דערזעלבער גרויס־בורזשואַזער רעפּובליקאַנישער פּאַרטיי.

ווי דער וואַהל־קאַמפף זאָל ניט קאָכען אין אַט דער, ט ע א ָ ר ע ט י ש פרייסטער רעפּובליק אין דער וועלט — דער זיעג בלייבט פאַקטיש ענטוועדער ביי די רעפּובליקאַנער, די פאַרשטעהער פון דער גרויס־בורזשואַזער פּאַרטיי, אָדער ביי די דעמאָקראַטען — די רעדעל־פיהרער פון דער אַמעריקאַנישער מיטעל־ און קליין־בורזשואַזיע. קיין מעהר דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אין אמת׳ן, ניט געבלאָזענעם אַמעריקאַנישען זין, האָט נאָך דערווייל ניט אַזאַ פאַקטישע מאַכט, אַז זי זאָל קענען קאָנקורירען מיט די דאָזיגע צוויי ל י י ב ע ן. אמת, פון איין זייט האָט רוזוועלט יעצט געגרינדעט עפּעס אַנ׳אונאָבהענגיגע ניי־רעפּובליקאַנישע פּאַרטיי, פון דער אַנדער זייט הערט זיך, אַז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי ווערט שטאַרקער, בעקומט אַלץ מעהר איינפלוס אין פאָלק. ס׳וועט נאָך אָבער לאַנג דויערען, ביז אַ מעהר ראַדיקאַלע און דעמאָקראַטישע מאַכט וועט אין די פעראייניגטע שטאַטען קענען שטעלען זיך אַנטקעגען אַט די צוויי אייזערנע קרעפטען מיט זייער ריזיגען וואַהל־אַפּאַראַט, פאַר וועלכען אויסשיטען צעהנדליגע מיליאָנען אויף אָבצוקויפען דעם תמ׳עוואַטען יענקישען וועהלער האָט אַ ווערדע ווי גאָרניסט. מ׳דאַרף אויך ניט פערמאַכען די אויגען אויף דעם פאַקט, וואָס דעם זיעג פון די געלד־זעק אין אַמעריקא העלפט אַ סך די פיינדליכקייט און רייסעניש צווישען די פאָלקס־פּאַרטייען גופא צווישען זיך.

—————

דאָס יודישע לעבען. פויל און אומעטיג געהט דאָס יודישע לעבען. די לעצטע מאָנאַטען קענען ניט בעצייכענען כאָטש איין פונק, כאָטש איין שטראַהל פון האָפנונג, ניט פון דרויסען, ניט פון אינעווייניג. אינ׳ם אַלגעמיינעם רוסישען לעבען איז אין די לעצטע מאָנאַטען עפּעס פאָרגעקומען אַ מין איבערדרייסונג. „לענא" האָט אויפגעטרייסעלט, אויפגעצויבעט די מרה־שחורה׳דיגע שטימונג און ווייזט בעשיינפערליך אויף אַ נייע מונטערע כהאַליע אין רוסלאַנד׳ס לעבען. נור אין אונזער אינערליכען יודישען לעבען איז עפּעס אַ מין שלים־מזל׳דיגע פערגליווערונג. קיין שום דונער קען אונז ניט אויפוועקען פון טרויעריגען הינטער־פלעט.

מיר ווילען דאָ קיינעם ניט בעשולדיגען. די שווערע ניפּטיגע כמאַרע פון „מעשׂה יושטשינסקי" הענגט איבער אונזערע קעפּ, ווי אַ „מעמענטאָ מאָרי": „געדענק דעם טויט", „לאָז ניט אַרויס פון זינען די פּאָגראָמען".

ס׳איז פאַרהאַן ניט ווייניג זאַכען, וואָס מיר האָבען אַפילו אין יעצטיגען שווערען מאָמענט געקענט, געדאַרפט אויפטאָן. דאָס לעבען שטעהט ניט אויף איין אָרט. גרעסערע נאַציאָנאַלע און קלענערע געמיינדע־פראַגען שטעהען ביי אונז אויף דער טאָגעס־אָרדנונג. לעזען זיי ראַדיקאַל ביי איצטיגע פּאָליטישע בעדינגונגען קען מען ניט. אָבער שטופּען זיי ווייטער, צוגרייטען דעם באָדען, אָרגאַניזירען די פאָלקס־קרעפטען כאָטש אויף וועלכען עס איז קולטורעלען אופן איז דאָך מעגליך. אָבער די „מעשׂה יושטשינסקי" הענגט אויף אונז, ווי אַ בלייערנער וואָלקען, פערניסטיגט די נשמות, לאָזט די הענד זיך ניט הויבען.

אַט דאָס ווילען די שוואַרצע כחות. זיי ווייסען גאַנץ גוט, אַז די גאַנצע אַפּערע פונ׳ם „בלוט־בלבול" וועט ניט אויסהאַלטען קיין איין מינוט פאַר דעם עפענטליכען געריכט. און זיי ציהען אָב דעם פּראָצעס מיט אַלע קונצען. אַ הוי־שעה איז דאָך איצטער אין די הייסע טעג פון וואַהל־קאַמפף אויך ווי געפונען.

אומזיסט האָבען מיר זיך געפרעהט מיט דער אויפדעקונג פון בראַזול־ברושקאָווסקי און געמיינט, אַז אַט די בלוטיגע כמאַרע האַלט ביי פערשווינדען. עס איז געווען נאַאיוו פון אונזער זייט צו מיינען, אַז די שוואַרצע כחות וועלען אַזוי גיך לאָזען אַרויספאַלען פון זייערע ציין אַזאַ גוטען ביסען, אַז זיי וועלען זיך דערשרעקען פאַר׳ן אמת. אויב זיי האָבען געקענט פון גאָרניט בעשאַפען אַנ׳עפּעס, וועלען זיי געוויס סטאַרען זיך פונ׳ם עפּעס, שאַפען אַ גרויסע זאַך.

מיר זענען אָבער זיכער, אַז זייער „זאַך" איז פערשפּיעלט, ווי גרויס זיי זאָלען זי ניט אויפבלאָזען. ווי נור דער פּראָצעס וועט אַרויס פון נעבעל, וועט אַריין אין עפענטליכען געריכט, וועט פון דעם גאַנצען פינסטערען געוועב אַ שפּור ניט בלייבען.

מיר האָבען שוין אין פאָריגען נומער בעמערקט, ווי האַמעטנע די רוסישע סאָיוזניקעס האָבען געשאַפען זייער „דרייפוס־אַפער". ניט בלויז אייראָפּא, נאָר אַפילו אין רוסלאַנד גופא האָבען זיי קיין איינציגען מענש, וואָס האָט מאַרך אין קאָפּ, ניט געקענט איבערצייגען. ס׳איז אַ פאַקט, אַז ניט קוקענדיג אויף די מיליאָנען פּראָקלאַמאַציעס, וואָס די אויטאָמאָבילען פון מאַרקאָוו דעם צווייטען און פורישקעוויטש׳ען האָבען פערשפּרייט אין די רוסישע מאַסען, איז דאָך הייג׳טיגען פאַר פּסח רוהיגער אַריבער, ווי אַלע פריהערדיגע יאָהרען. די בעציהונגען פון די קריסטליכע מאַסען צו יודען איז אויף אַ האָר ניט שלעכטער געוואָרען, ווי זיי זענען געווען פריהער. פּראָבעס אויף פּאָגראָמען זענען ערגעץ ניט געמאַכט געוואָרען. די פערזענליכקייטען פון מאַרקאָוו און פורישקעוויטש זענען אָבשייליך אַלע פעלקער פון רוסלאַנד און זייערע בעמיהונגען אַליין צו פונאַנדערבלאָזען דעם „בלוט־בלבול" מאַכען די דאָזיגע בלוטיגע בייקע עקעלהאַפט אין די אויגען אַפילו פון אונענטוויקעלטע קריסטען.

דעריבער זאָגען מיר נאָך אַמאָל, אַז אונזער נאַציאָנאַלער כבוד פאָדערט ניט צו פּראָטעסטירען, ניט אַרויסצווייזען, וועלכע ס׳איז אויפרעגונג געגען דעם העסליכען בלבול, נאָר מיט רוהיגען שטאָלץ און פערהאַלטונג געהן פאַרביי און וואַרטען מיט געדולד ביז דער פּראָצעס וועט קומען צו די אָפענע טירען פון געריכט. נאַטירליך מוז דער אונשולדיגער קרבן ביילים און זיין פאַמיליע מאָראַליש און מאַטעריעל געשטיצט ווערען ביז יענעם מאָמענט. פיעל וויכטיגער איז פאַר אונז דער פּראָטעסט פון דער קריסטליכער וועלט, פון דער אייראָפּעאישער געבילדעטער געזעלשאַפט. דאָס איז פאַר אונז וויכטיג, ניט כדי צו ווייזען פאַר דער רוסישער געזעלשאַפט אונזער אונשולד, וועלכע נויטיגט זיך ניט אין הסכמות פון וועמען ס׳איז, נאָר צו ווייזען די שוואַרצע קרעפּטען, אַז זייערע קאָרטען זענען אויפגעדעקט און זיי בעגעגענען אומעטום דעם עקעל, וואָס זיי פערדיענען.

מיר אָבער, רוסישע יודען, דאַרפען, ניט קוקענדיג אויף די שווערע נסיונות, וואָס שטעהען אונז אין וועג, בויען ווייטער אונזער נאַציאָנאַלען בנין, אָרגאַניזירען אונזער אינערליכען לעבען מיט אַלע קרעפטען, וואָס מיר פערמאָגען, ניט אָבלע־

נענדיג די אַרבייט אויף איין מינוט. מיר דאַרפען געדענקען, אַז יעדער טאָג פון מוטלאָזיגקייט און פערלאָרענקייט מאַכט אונז שוואַכער אין קאַמפף, מאַכט געפעהרליכער אונזער לאַגע. יעדע אָרגאַניזירענדע אַרבייט אָבער, בײַ אַלע אומשטענדען, ווי קליין די אַרבייט זאָל ניט זיין, שטאַרקט אונזערע קרעפטען, מאַכט אונז פעהיגער צום ווייטערדיגען קאַמפף, גיט אונז די מעגליכקייט צו וואַרטען אויף בעסערע צייטען, וועלכע מוזען און דאַרפען קומען, ווען מיר זאָלען נאָר געהן זיי אַנטקעגען מיט פרישער אַרבייט און ניט שטעהן אויף איין אָרט אין פערצווייפלונג מיט אַראָבגעלאָזענע הענד. די ראָד פון דער היסטאָריע שטעהט ניט אויף איין אָרט, און ניט מאַרקאָוו און פורישקעוויטש וועט זי קענען אויסהאַלטען, אָדער דרעהען צוריק.

———

דער יודישער אָרטאָדאָקסישער צוזאַמענפאָהר אין קאַטאָוויץ האָט געפונען זיין ריכטיגע אָפּשאַצונג אין דער יודישער פרעסע. מ׳האָט אָבער געמאַכט צופיעל טומעל וועגען איהם. די נייע „אַגודת ישראל" וועט, אָהן אַ שום ספק, האָבען דעמזעלבען שיקזאַל, ווי די פריהערדיגע „כנסת ישראל", ווי די נאָך פריהערדיגע „מחזיקי הדת"... אום אויפצוהאַלטען אין אונזערע טעג אַ גרויסע געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציע פאָדערן זיך קולטורעלע עלעמענטען. אונזער אָרטאָדאָקסיע איז צו נאַאיוו, צופיעל שטעקט זי מיט איהר וועלטאַנשויאונג אין מיטעלאַלטער, אום צו קענען אָרגאַניזירען איהרע קרעפטען אויפ׳ן מאָדערנעם שטייגער. ניט העלפען העלען איהר, אַפילו אַזעלכע געשטודירטע דאָקטוירים־פינסטערלינגען, ווי דער פראַנקפורטער ב ר ו י ע ר.

מיר, דער פראָגרעסיווער טייל פונ׳ם יודישען פאָלק, דאַרפען זיך בכלל ניט שרעקען פאַר דער אָרגאַניזירונג פון אונזערע פרומע יודען. ביי בעסערע פּאָליטישע אומשטענדען, העלען זיי נעהמען אַזוי גוט, ווי מיר, האָבען די מעגליכקייט, האָבען דאָס פולע רעכט צו פעראייניגען זיך אויפ׳ן רעליגיעזען באָדען. קיינער וועט ניט האָבען קיין שום גרונד און רעכט זיי דערין צו שטערן. רעליגיאָן דאַרף זיין אַ פריוואַט־זאַך פון יעדען מענשען, פון יעדער גרופע מענשען. נור אין אַ ליכטיגערער צייט וועלען אַפילו ביי אונזער אָרטאָדאָקסיע ניט פיהרען די רעדעל אַזוינע נאַאיווע, גאַנץ אונוויסענדע אין דעם זין פון וועלטליכער בילדונג, מענשען, ווי יעצט. צום גליק זענען צווישען אונזערע יונגערע רבנים פאַראַן ניט ווייניג טאָלעראַנטע, איראָפּעאיש ענטוויקעלטע מענשען, מיט אַ קלאָרען קוק אויף די בעדערפעגישען פון דער צייט און מיט אַ וואַרם האַרץ צו די לעבעדיגע אינטערעסען פון פאָלק. יעצט זענען זיי פערשטויסען אין די קלענערע שטעדטלעך, אָבגעשטופט אָן אַ זייט דורך זייערע פינסטערע חברים, די כּערבּיסענע פאַנאַטיקער, וואָס קענען ניט און ווילען ניט געהן אויף קיין פשרה מיט דער צייט.

ביי אַ פּאָליטישער ענדערונג פון דער אַלגעמיינער לאַגע אין רוסלאַנד, ווען דאָס פאָלק וועט אויף אַ קאָנפערענץ קענען אויסקלייבען זיינע אמת׳ע פאָרשטעהער און פריינד, און די וועלען קענען אַרויסטרעטען מיט זייער שטים, מיט זייער וואָרט, האָבען מיר להלוטין ניט וואָס מורא צו האָבען פאַר דער אָרגאַניזירונג פון דעם יודישען פרומען קלאַס. פערקעהרט, דאַן וועט זיין פיעל לייכטער מיט זיי צונויפריידען זיך און געווינען זיי פאַר נויטיגע עקאָנאָמישע און קולטורעלע רעפאָרמען אין אונזער נאַציאָנאַלען יודישען לעבען.

———

לענאַ. נעגויערע ידיעות וועגען דעם איצטיגען צושטאַנד פון די שטרייקענדע און וועגען גאַנג פונ׳ם שטרייק פאַר דער לעצטער צייט זענען דערווייל ניטאָ, ווייל די וועגען צו די גרובען זענען צעשנייט און די פּאָסט פונקציאָנירט דאָרט ניט. דערפאַר אָבער זענען גענוי בעשטימט די אורזאַכען, וואָס האָבען אַרויסגערופען דעם שטרייק און זיין גאַנג ביז די בלוטיגע געשעהענישען אויף דער לענא. דאָס לעבען פון די אַרבייטער אויף די גאָלד־גרובען איז געווען שרעקליך. ביי דער אַרבייט שטעהט מען ביז איבער די קניע אין וואַסער; אָנשטאָט שכירות פלעגען די אַרבייטער בעקומען צעטלעך, פאַר וועלכע זיי קענען בעקומען סחורה נאָר אין די געשעפטען, וואָס די בעלי־בתים האַלטען, און אָפט די סחורה פלעגט שטענדיג זיין פערפוילט. די מעדיצינישע הילף איז געווען שלעכט אָרגאַניזירט, אַפילו די צעטלען, וואָס מען האָט זיי געגעבען אָנשטאָט געלד, פלעגט מען זיי אויך ניט געבען צו דער צייט, און מען פלעגט זיי שטענדיג אָבהאַלטען. די רעגירונג, וועלכע האָט גענומען בעקומען אָנקלאָגען פון די אַרבייטער נאָך אין יאַנואַר 1911, האָט אַרויסגעגעבען פּליכט־פעראָרדנונגען און געזעצען, וועלכע האָבען געזאָלט פערגרינגערן די שווערע אַרבייטס־בעדינגונגען אויף די גרובען. אָבער די אַדמיניסטראַציע פון די גרובען האָט זיך מיט אָט די געזעצען און פעראָרדנונגען אַבסאָלוט ניט גערעכענט, און פלעגט זיי ברעכען אויף יעדען טריט. אויף די גרובען געפינט זיך אַ ספּעציעלער ריכטער. ער געהערט צו די „גאָלדענע" ריכטער. אַזאַ נאָמען האָבען אַלע ריכטער, וואָס זענען בעשטימט אויף די גאָלד־גרובען. זיי בעקומען אויסער דעם געוועהנליכען רעגירונגס־געהאַלט נאָך פון די אונטערנעהמער 4000 רובּל יעהרליך און אַ דירה מיט האָלץ און בעלויכטונג. ס׳פערשטעהט זיך, אַז אַזאַ ריכטער וועט צו פערטיידיגען די אינטערעסען פון די אונטערנעהמער, ניט פון די אַרבייטער. די לעצטע האָבען צו איהם קיין צוטרויען ניט. דערזעלבער ריכטער האָט דאָס אַליין בעשלאָסען און גענומען דורכפיהרען דאָס אַרויסזעצען די סטרייקענדע אַרבייטער פון די וואוינונגען, וואָס געהערען די אונטערנעהמער, ניט קוקענדיג דערויף, וואָס קיין אַנדערע דירות זענען אין יענעם ראַיאָן ניטאָ און ס׳איז נאָך געווען זעהר קאַלט. דאָס האָט ער געטאָן נאָכדעם, ווי דער ראַט פון די בערג־אונטערנעהמער האָט אָנערקענט, אַז ניט די אַרבייטער, נאָר די בעלי־בתים זענען שולדיג אינ׳ם צערייסען די אַרבייטס־קאָנטראַקטען. אָבגעשטעלט האָט ער זיין אַרבייט ערשט נאָכדעם, ווי דער אירקוטסקער גובערנאַטאָר האָט איהם דאָס טעלעגראַפיש בעפויהלען.

דער ריכטער ערפילט צו דערזעלבער צייט אויך די פליכטען פון אַ געריכטס־פאָרשער, ס׳איז דעריבער פערשטענדליך, פאַרוואָס די אַרבייטער האָבען נאָך דער שיסעריי טעלעגראַפיש געבעטען מיליוקאָוו׳ן, מען זאָל איהם ניט דערלאָזען נעהמען אַנ׳אַנטייל אין דער אויספאָרשונג.

די אַדמיניסטראַציע פון די גרובען איז געווען אַזוי אויסגעבראַכט אויפ׳ן שטרייק, אַז זי האָט בעשלאָסען בשום אופן זיך ניט אונטערצוגעבען. דער קאָרעספּאָנדענט פון „נאָוואָיע ווּרעמיאַ" טיילט מיט, אַז מיט איהרע אונגעזעצליכע האַנדלונגען פערשאַרפט זי די שטימונג פון די אַרבייטער, און אַז זי וועט זיך ניט אָבשטעלען אַפילו צוגעברויכען געוועהר, כדי צו פערהיטען די קאָמפּאַניע פון גרויס שאָדען. אָבער זי האָט רק ניט געפונען קיין אויסרייד צו געברויכען געוועהר. דער סטרייק איז געווען אָנגעפיהרט פון בעוואוסטזיניגע מענשען, וואָס האָבען פערשטאַנען, אַז אַ וועלכע ס׳איז שאַרפע אַרויסטרעטונג וועט פונאַנדערבינדען די אונטערנעהמער די הענד. און אין אמת׳ען: גאַנצע זעקס וואָכען האָט זיך געצויגען דער שטרייק רוהיג, אָהן אַ שום צוזאַמענשטויס, די אַדמיניסטראַטאָרען האָבען ניט בעקומען אַפילו די קלענסטע בעליידיגונג. אָבער דאָ האָט זיך אַריינגעמישט דער אירקוטסקער גובערנאַטאָר, דער זשאַנדאַרם־ראָטמיסטער טערעשטשענקאָ. זיי זענען געקומען צו הילף דער אַדמיניסטראַציע פון די גרובען. דערמיט, וואָס זי האָט אַרעס־

טירט דעם שטרייק־קאָמיטעט. די אַרבייטער זענען, נאַטירליך, געוואָרען פערביטערט, אָבער דאָך האָבען זיי זיך ניט געקליבען אָנצוטאָן וועמען געוואַלט, ווי דאָס האָט געזאָגט אין דומע דער מיניסטער פון אינערן. און די בלוטיגע געשעהענישען האָבען ניט בערוהיגט די געזעלשאַפטליכע מיינונג. דאָס געוויסען פון דער געזעלשאַפט פאָדערט אַ גענויע און עהרליכע אויספאָרשונג און די בעשטראָפונג פון דער אַדמיניסטראַציע פאַר איהרע אונגעזעצליכע מעשים. אַפילו פירשט מעשטשערסקי האָט אָבגעדרוקט אין זיין „גראַזשדאַנין" אַן־אַרטיקעל, וואו ער פּראָטעסטירט שאַרף, ווי געגען פאַקט, אַזוי געגען דער בעציהונג פונ'ם אינערען־מיניסטער צו איהם. איינער פון די קאַפּיטאַליסטען, וואָס איז אַמאָל געוועזען אַן־אַקציאָנער פון דער לענער געזעלשאַפט, האָט צוגעשיקט אין „נאָוואָיע וורעמיאַ" טויזענד רובל פאַר די, וואָס האָבען געליטען אויף דער „לענאַ" און אַ בריעף, וואו ער שרייבט, אַז דאָס האַרץ ווערט איהם מיט בלוט פערגאָסען, ווען ער דערמאָנט זיך אָן דעם פאַקט. וואָס אָנבעלאַנגט די אמת'ע פיהרער פון די לענער גאָלד־גרובען איז קלאָר, אַז ביי זיי בענעסט זיך דאָס האַרץ מיט בלוט, נאָר ווען זיי דערמאָנען זיך, וואָס פאַר אַ גרויסען שאָדען דער שטרייק האָט זיי געבראַכט, וואָרום זיי בעפריידיגען נאָך ניט די אַרבייטער אין זייערע גערעכטע פאָדערונגען. אַ גוטסקיי'ט האָבען זיי נאָר אַרויסגעוויזען דערמיט, וואָס זיי האָבען בעשטעלט אומזיסטע טרומנעס פאַר די געהרג'עטע...

אָבער קיין בעוואונדערס גרויסען שאָדען וועלען זיי אויך דאָ ניט האָבען. פערקעהרט, האָטש די אַקציעס פון דער לענער געזעלשאַפט זענען איצט געפאַלען, וועלען זיי אין גיכען ווידער זיך אויפהויבען, דאַביי נאָך קריגען היבשע עטליכע צעהנדליג טויזענדער ריוח. איבערהויפּט קענען געשיקטע ספּעקולאַנטען אַפילו פון שמוץ און בלוט מאַכען גאָלד. און ניט איינער איז שוין רייך געוואָרען דערפון, וואָס ער האָט אויף דער בערזע ספּעקולירט מיט די לענער אַקציעס. אַ גענויע סטאַטיסטיק דערפון, ווי אַזוי די לענאַ גילדט אָב איהרע אַקציאָנערען, גיט דער בעוואוסטער פובליציסט באַיאַן אין דער צייטונג „רוסקאָיע סלאָוואָ":

צוערשט איז פון דער לענאַ נתעשר געוואָרען די פאַמיליע געמעגטשינאָוו. דאַן איז אין געשעפט אַריינגעטראָטען אונזער באַראָן גינזבורג. אָבער ער האָט פון אָנפאַנג ניט געהאַט קיין ריוח, וואָרום די גרובען פלעגען נאָכאַנאַנד פערגאָסען ווערען מיט דעם וואַסער פון דער לענע. די אַקציעס זענען דאַן זעהר געפאַלען. ענדליך האָט אַ געוויסער אינזשעניער — פּאַלאָשקאָווסקי אויסגעפונען אַ מיטעל אָבצופיהרען דאָס וואַסער אָן אַ זייט. ער האָט זיך געווענדט צו די ענגלענדער. זיי האָבען געשיקט אויף די לענע אַן אינזשעניער. ער האָט אויסגעפאָרשט די גרובען און האָט ערקלערט, אַז לויט זייער גאָלד־רייכטום געהערט זיי דער צווייטער אָרט אויף דער וועלט. די ענגלענדער האָבען געקויפט דריי פערטיל פון אַלע לענער אַקציעס, צו 900 רובל אַן אַקציע. זיי האָבען געבילדעט אַ „לענער גאָלד־געזעלשאַפט". זיי האָבען אַרויסגעלאָזען קליינע אַקציעס צו 1 פונט (10 רובל) אַן אַקציע. אָפיציעל איז געווען די אויפגאַבע פון דער געזעלשאַפט צו ענטוויקלען די אונטערנעהמונג אויפ'ן אָרט, אין דער אמת'ן האָט זי זיך, בשותּפות מיט איינינע רוסישע בענק, פערנומען מיט בערזען־ספּעקולאַציעס. זיי האָבען געהויבען דעם פּרייז פון די אַקציעס פון 900 רובל ביז 2500 רובל און האָבען געוואונען מיליאָנען. ס'איז ערשיענען אַ ספּעציעלער ספּעקולאַנט— איינער זשדאַנאָוו. ער האָט אָנגעהויבען די קאַריערע פון אַ בעדיענטען אין אַ בייט־קראָם, דאַן האָט ער געהאַלטען אַ קלוב, פון וועלכען ער האָט פערדיענט 200 טויזענד רובל, נאָר זיין הויפּט־אַרבייט איז געווען, דורך אַלערליי אַגענטען און פאַלשע ידיעות, צו הויבען און וואַרפען דעם פּרייז פון די לענער אַקציעס. 3 מאָל זענען אונטער זיין מיטווירקונג די אַקציעס געפאַלען און געהויבען זיך פון 2—3 טויזענד רובל ביז 5—6 טויזענד ר. אַן אַקציע. אין איין יאָהר האָט ער אָנגעלעגט 5 מיליאָן. איהם האָבען מיטגעהאָלפען אָנגעזעהענע פעטערבורגער בעאַמטע, וועלכע פלעגען ביי איהם אין קלוב אָבהאַלטען זייערע געשעפטס־זיצונגען. דער פּריסטאַוו, וואָס פלעגט בעת די זיצונגען שטעהן ביים טיר, האָט אויך געוואונען אויף דער בערזע 200 טויזענד רובל. שפּעטער איז אויף זיין שטעלע בעשטימט געוואָרען אַן אַנדער פּריסטאַוו, וועלכער איז אויך רייך געוואָרען, מיט אַ דריטען איז אויך געווען דאָסזעלבע. צו דערזעלבער צייט זענען אויך די ענגלענדער ניט אָבגעשטאַנען און האָבען אויך אָנגעלעגט 5 מיליאָן מיט דער ספּעקולאַציע. ענדליך איז זשדאַנאָוו'ס קלוב פערמאַכט געוואָרען; ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז ער איז נאָר געווען אַן אונגעזעצליכער. אָט אַזוי זענען פערשיידענע ספּעקולאַנטען אָבגעגאָלטען געוואָרען פון די לענער גרובען. ווי עס קומט אָבער צו מוסיף זיין עטליכע גראָשען די אונגליקליכע גרעבער פונ'ם גאָלד, אַזוי הויבען די אונטערנעהמער אויף אַ גוואַלד, אַז זיי וועלען פעראָרעמט ווערען. זיי האַלטען פאַר אַ מיאוס'ע טראַדיציע, ניט נאָר דאָס, וואָס די אַרבייטער פאָדערען אַן 8־שעה'דיגען אַרבייטס־טאָג, נאָר אַפילו מען זאָל זיי אויפהערען צו זאָגען „דו" און זאָגען „איהר". זיי פערשטעהען, אַז אין אָט די פאָדערונגען שטעקט די געפאַהר, ביי די אַרבייטער זאָל ניט אויפוואַכען דאָס געפיהל פון מענשען־ווערדע, און דאַן וועט זיך זיי ניט איינגעבען צו פוילען זיי אין וואַסער און שפּייזען מיט פערפוילטע עסען, ווי ביז איצטער.

די לעצטע מעלדונגען פון די לענאער גרובען ווייזען, אַז די אַרבייטער, אונטער דער ווירקונג פון דעם סענאַטאָר מאַנוכין'ס הבטחות, האָבען צייטווייליג אויפגעגעבען דעם סטרייק. וואַהרשיינליך וועלען די לענאער גאָלד־מאַגנאַטען אונטער דעם דרוק פון דעם שטורם, וואָס די הריגה האָט אַרויסגערופען אין גאַנצען לאַנד און אין דער גאַנצער וועלט בכלל, מוזען נאָכגעבען. אויף וויפיעל? דאָס וועט ווייזען די נאָהענטע צוקונפט.

———

טיטאַניק. שרעק און פערוואונדערונג פון דער גאַנצער וועלט האָט אַרויסגערופען די אונגעהויערע צאָהל פון די אומגעקומענע אויפ'ן שיף (68 פּראָצ. פון אַלע פּאַסאַזשירען), פערוואונדערונג — דער העלדענמוט פון די בעאַמטע און פון אַ סך פּאַסאַזשירען אין דער צייט פון דער קאַטאַסטראָפע. די בורזשואַזע וועלט, וואָס איז שוין לאַנג אָבגעוואוינט פון די שטורמישע שטרייטען מיט'ן מיט'ן שיקזאַל, פון דער אונערשראָקענהייט פאַר'ן טויט, האָט אַזוינע העלדען, ווי דעם קאַפּיטאַן סמיט, דעם טעלעגראַפיסט פיליפּס און אַנדערע, — געקרוינט מיט'ן נאָמען „האַלב־געטער".

אַ קלענערען רושם האָט געמאַכט אָט די קאַטאַסטראָפע ביי אונז אין רוסלאַנד. ניט ווייל זי איז פאָרגעקומען ווייט פון אונז, נאָר ווייל מיר זענען איינפאַך געוואוינט אי צו אַ פּלוצלינגען טויט פון הונדערטער מענשען, אי צו העלדענמוט פון מענשען, וואָס קעמפפען און קומען אום אין קאַמפּף. מיר האַלטען די העלדען פונ'ם שיף ניט פאַר האַלב־געטער, אָבער מיר שאַצען ניט וועניגער אָב די גרויסע טאַט פון זייער זעלבסטאָפּפערונג, פון זייער שטאַנדהאַפטיגקייט ביים ערפילען זייער פליכט.

אָבער אַ שוואַרצער שאָטען פאַלט אויף אָט די העלדענמוטיגע מענשען. אַפילו דער טויט אַליין האָט ניט אָבגעווישט די שפּורען פון די משוגע'דיגע בעדינגונגען, וואָס עקזיסטירען אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט.

אויפ'ן שיף זענען געווען דריי קלאַסען. די רייכע זענען

געפאַרען אין ערשטען קלאַס, די אָרעמערע אין דעם צווייטען, און נאָר די אָרימע אינ'ם דריטען.

פון יעדע 100 פּאַסאַזשירען פון דער ערשטער קלאַס זענען געראַטעוועט געוואָרען 63, פון דער 2-טער — 42, פון דער דריטער — 25. אין דער ערשטער קלאַס זענען פון יעדע הונדערט פרויען געראַטעוועט געוואָרען 37, אין דער צווייטער — 84, אין דער דריטער — 55. אין דער ערשטער און דער צווייטער קלאַס האָט מען געראַטעוועט אַלע קינדער, אין דער דריטער זענען פון 76 קינדער געבליבען לעבען 53.

מען קען בעשטימט ניט זאָגען, אַז מען האָט מיט אַ כיון געזעהן צוערשט ראַטעווען די רייכע פּאַסאַזשירען. דאָס קען זיין, ס'איז אָבער מעגליך, אַז ניט אויך. אפשר איז די איינריכטונג פון'ם שיף געווען אַזאַ. און אויב די לעצטע השערה איז ריכטיג, הייסט דאָס, אַז די, וואָס פאָהרען אין דער דריטער קלאַס, האָבען אַלע מאָל מעהר שאַנסען אומצוקומען, ווי די, וואָס פאָהרען אין דער ערשטער און צווייטער קלאַס. ס'קען זיין, אַז מען האָט פערגעסען אָן די קינדער פון דער דריטער קלאַס. אויב ס'איז אַזוי, דאַן בעדייט דאָס, אַז די בורזשואַזע וועלט פערגעסט וועגען ראַטעווען אָרימע קינדער אַפילו אין די ועלטענע מינוטען פון העלדישקייט. ס'איז ניט וויכטיג, וואָס עס האָט געווירקט אויפ'ן שיקזאַל פון די פּאַסאַזשירען פון דער דריטער קלאַס. ס'בלייבט דער פאַקט, אַז אַפילו אין דער צייט פון אַ קאַטאַסטראָפע קענען זיך ניכער בעפרייען פון טויט די, וואָס בענוצען זיך אויך אין לעבען מיט בעזונדערע פריווילעגיעס.

אינ'ם אַלטעגליכען לעבען איז דאָס אַ געוועהנליכער פאַקט. די ציפער פון דער שטערבליכקייט צווישען די רייכע און אָרימע בעווייזען דאָס אויף יעדען טריט. אָבער מען האָט געקענט ערוואַרטען, אַז דער קלאַס, וואָס „טיטאַניק“ האָט בעקומען, וועלכער האָט אין די מענשליכע נשמות אָנגעצונדען דעם פייער פון העלדענמוט, אַז דער קלאַס, וואָס ס'האָט גענעבען די מעכטיגע נאַטור אַליין, זאָל כאָטש אויף אַ רגע וועניגסטענס אויפ'ן אונטערנעהענדען שיף אָבווישען די פערפלוכטע צוטיילונג פון די מענשען, וואָס דער קאַפּיטאַליזם האָט אַריינגעטראָגען. אָבער אומזיסט. אַפילו די פּטיכייאישע צרה איז ניט געווען אימשטאַנד צו פערניכטען די פריווילעגיעס, וואָס דאָס געלד בעשאַפט. נאָך איינמאָל איז בולט אונטערגעשטריכען געוואָרען דער אמת, אַז אַפילו אונטער דער שאַרפער אויג פון'ם טויט, קען מען ביי היינטיגע צייטען ניט דערגרייכען קיין גלייכהייט צווישען מענשען.

אויפ'ן אונטערגעגאַנגענעם שיף פאַלט אַ שווערער שאָטען. דער אונטערגאַנג פון „טיטאַניק“, ווי יעדער גרויסער אָדער קליינער באַקט פון איצטיגען לעבען, האָט זיין מוסר השכל. דעם איינציגען מוסר השכל.

———

די דריטע דומע. מיר ווילען ניט אונטערציהען קיין סך-הכל דער טעטיגקייט פון דער נאָר וואָס געענדיגטער דריטער דומע. די לעצטער ווייסען איבערגענוג, וואָס זי איז געוועזען דעם רוסישען פאָלק און בעזונדערס פאַר אונז יודען. מיר האָבען די גאַנצע צייט פון איהר עקזיסטענץ איהר זעלטען דערמאָהנט, ווייל לויט אונזער מיינונג, האָט איהר טעטיגקייט זעהר אַ קליינע ראָלע געשפּיעלט אין רוסלאַנד'ס לעבען. דאָס איז געווען נאָך אַ דעפּאַרטאַמענט מיט קאַנצעלאַריעס, מיט בעאַמטע, וואָס האָבען געטאָן בלויז דאָס, וואָס מ'האָט געהייסען, אָדער אָנגעוואונקען פון אַנדערע העכערע דעפּאַרטאַמענטען און קאַנצעלאַריעס. די שמערצען, וואָס זי, די דריטע דומע, האָט אונז פערשאַפט, האָבען זייער מקור און השפעה געהאַט ערגעץ אַנדערש, און אַהין האָט מען זיך געדאַרפט ווענדען, ווען מיר האָבען אויף אַן'אמת געוואָלט אָבשאַצען דאָס, וואָס האָט פּאַסירט אין די ווענד פון דער דומא.

דאָך, ווען מ'וויל זיין אויפריכטיג, מוז מען אָנערקענען איין פערדיענסט אַפילו פון דער דריטער דומע. און אָט דער פערדיענסט איז זעהר אַ גרויסער. די דומע האָט פאַר אונז און פאַר דער גאַנצער וועלט אויפגעדעקט די וואונדען פון רוסלאַנד'ס לעבען, פון אונזער איינענעם יודישען קראַנקען פאָלקס-אָרגאַניזם. די געפאַהר פון דעם פאַר-רעוואָלוציאָנערען רעזשים איז בעשטאַנען אין דער טעמפּער אונבעוואוסטזיניגקייט פון די איינענע וואונדען, אין דער אונמעגליכקייט אַפילו אַ קרעכץ צו טאָן, ווען די וואונדען האָבען געברענט; צו זאָגען, אַז ס'טוט וועה, אָנצווייזען די שולדיגע אין דעם פאָלקס ליידען. אין דער דריטער דומא האָט דאָס ליידענדע פאָלק געהאַט די פולע מעגליכקייט זיך אָבצוזיפצען, ווען עס האָט איהם וועה געטאָן, ווייזען מיט פינגער אויף די, וואָס האָבען איהם וועה געטאָן. אַדאַנק דער דומע-טריבונע, אַדאַנק דער כאָטש אַביסעל בעפרייטער פרעסע, איז דאָס גאַנצע רוסישע פאָלק און מיט איהם אַלע פעלקער פון רוסלאַנד געקומען צום פולען בעוואוסטזיין: ווער זענען דעם פאָלקס פריינד און ווער זענען זיינע פיינד. וויפיעל אַ מאַרקאָוו, אַ זאַמיסלאָווסקי, אַ פורישקעוויטש האָט ניט געפילדערט אין דער דומע, זיי איז קיין איין מאָל ניט געלונגען צו פערטויבען דעם פאָלקס בעוואוסטזיין און געוויסען. מען קען זאָגאַר זאָגען, אַז זיי גופא, אָט די שוואַרצע העלדען פון דער דריטער דומע — האָבען אונז נוצען געבראַכט. זיי האָבען געוויזען, אַז די רוסישע רעאַקציע טריאומפירט איהר נצחון נור אַ דאַנק דער צייטווייליגער פערלאָרענקייט אין די רייהען פון פאָלק; אַז אין פאָלק גופא האָט זי קיין שום וואָרצלען ניט, קיין שום מאָראַלישע שטיצע ניט. פערקעהרט: דער פאַקט גופא, וואָס די רעאַקציע האָט אין דער דומע ניט געקענט געפינען קיין אַנדערע טריבונען פאַר איהרע מעשים, ווי נאָר אַזעלכע פינסטערע מאַלאַנטלאָזע מאַרקשרייער און שענק-סקאַנדאַליסטען, אָט דער פאַקט בעווייזט, אַז אַלעס, וואָס האָט נאָר כאָטש עטוואָס טאַלאַנט, איינפאַך-מענשליכע אַמביציע, וואָס איז ניט אינגאַנצען פערקויפט און פערפוילט, וויל ניט געהן אין דיענסט פון דער רעאַקציע.

פערשטעהן די קראַנקהייט הייסט שוין געשטעלט זיך אויפ'ן וועג פון גענעזונג. די בעוואוסטזיניגקייט פון אַ פאָלק איז דער שליסעל צו זיין בעפרייאונג. און דעריבער קענען מיר מיט פולער האָפנונג קוקען אין דער צוקונפט. דער רעאַקציע וועט פילייכט געלינגען נאָך אויף פינף יאָהר צו פייערן איהר נצחון. אָבער דאָס וועט זיין איהר לעצטער זיעג.

———

דער וואַהל-קאַמפּף צו דער 4 דומע. קוים האָט די דריטע דומע צוגעמאַכט איהר אויג, הויבען זיך שוין אָן צו שיטען נייע הורט-גזרות אויף יודען, וואָס האָבען אַ ספּעציעלען ציעל אויסשליסען יודען פון'ם וואַהל-קאַמפּף. אין קיעוו איז מיט איין שטריך פון פעדער ביי 8000 יודישע וועהלער אָבגענומען געוואָרען דאָס וואַהלרעכט. מיר וועלען נאָך מסתמא הערען פון נאָך אַזעלכע אימער נייע „ערקלערונגען“. דאָס דאַרף אונז אָבער ניט אָבשרעקען צו נעהמען אַנ'אָנטייל אין וואַהל-קאַמפּף אומעטום, וואו מיר קענען אונזער וואַהל-רעכט אויסנוצען. אונזער לאָזונג דאַרף יעצט זיין ניט דוקא אַ יודישער קאַנדידאַט, נאָר פריהער פאַר אַלץ, אַ פּראָגרעסיווער. אונזער רעכט וועלען מיר נאָר אין פרייען רוסלאַנד בעקומען, אויף דעם באָדען פון דער אמת'ער פערווירקליכונג פון די פרייהייטען, וואָס זענען צוגעזאָגט געוואָרען אין אָקטאָבער-מאַניפעסט. פריהער פאַר אַלץ מוזען געשיקט ווערען אין דער פערטער דומע מענשען, וואָס זענען פעהיג און גרייט ענערגיש צו קעמפפען פאַר אָט די פרייהייטען. רעכטער פון די קאַדעטען האָבען מיר קיין פריינד ניט. דאָס דאַרפען מיר שטענדיג געדענקען. צווישען צוויי פּראָגרעסיווע קאַנדידאַטען דאַרפען מיר געבען אונזער שטים ניט

דעם. וואס זאגט אונז צו מעהר, נאר דעם, וואס האט מעהר שאנסען אויסגעקליבען צו ווערען. יעדער פון אונז דארף זיך פטארען אויסצונוצען זיין וואהל־רעכט מיט אלע קרעפטען, אפילו דאן, ווען דאס קען צו קיין שום פראקטישען נוצען ניט ברייננען. דאס בעטייליגען זיך אין וואהל־קאמפף האט א חוץ א ריין פרינציפיעלע בעדייטונג, נאך א גרויסע קולטיווירענדע, ערציהענדע ווירקונג. דערמיט אנערקענען מיר זיך פאר פולבערעכטיגטע בירגער אין לאנד, וואס איז ניט ווייניגער א ו נ ז ע ר פאטער־לאנד, ווי אלע אנדערע פעלקער׳ס, וואס לעבען אויף זיין ערד און מעהר ווי אלע פעלקער׳ס איז עס מיט א ו נ ז ע ר ע טרערען און בלוט דורכגענעצט.

———

פראווינציע־לע יודישע פרעסע. שווער ענטוויקעלט זיך ביי אונז די פראווינציעלע יודי־שע פרעסע. אבער זי ענטוויקעלט זיך דאך. מיר האבען שוין אויף אט דעם פלאץ נ ט א ״ ן מאל געוויזען, ווי נויטיג ס׳איז די דעצענטראליזירונג פון דער יודישער פרעסע. די ווארשויער יודישע צייטונגען, אלס צענטראלע ארגאנען, האבען ניט די מעגליכקייט אבצוגעבען דער פראווינץ, דער שטעדטל אזויפיעל פלאץ, ווי דאס איז פאר זיי נויטיג. אין אייראפא און אמעריקא האט יעדע שטעדטעל איהר ארגאן. און גאנץ אפט מעהר ווי איינעם. דאס יודישע לעבען אין דער פראווינץ האט, אין פערגלייך מיט א 15—20 יאהר צוריק, שטארק א שפרייז געטאן פאראווערטס. אין מאנכע שטעדט און אפילו קליינע שטעדטלעך שלאגט דער פולס פונ׳ם געזעלשאפטליכען לעבען א סך שטארקער, ווי אין די גרויסע יודישע צענטרען. פאר די לייזונג פון פערשיידענע פראגען אינ׳ם ארטיגען געמיינדע־לעבען איז אונבעדינגט נויטיג אנ׳ארגאן, דורך וועלכען די אינטעליגענץ זאל קענען קומען אין נאהענטער בעריהרונג מיט׳ן פאלק. אנ׳ארגאן, כאטש א וועכענטליכער, איז דעריבער די ערשטע שטרעבונג צו ארגאני־זירען דאס געמיינדע־לעבען, דער פונדאמענט פון יעדער קולטורעלער ארבייט.

דערווייל האבען, אחוץ ווארשא, זייערע טעגליכע צייטונגען — ווילנא („דער טאג״), לאדז („לאדז. טאגעבלאט״) און אדעס („גוט מארגען״ און „דער איד״); א וועכענטליכע—ווילנא („ווילנ. וואכענבלאט״) און באברויסק („באבר. וואכענבלאט״). די אדעסער בלעטער זענען אונז ווייניג בעקאנט. ווילנער „טאג״ איז אן אנשטענדיגער ארגאן. לײדער אבער קענען מיר דערווייל אין איהם ניט האבען קיין קלארען שפיעגעל פונ׳ם זעהר אריגינעלען פיעלפארביגען ווילנער יודישען לעבען. שולדיג דערין זענען פילייכט די מאטעריעלע בעדינגונגען, פילייכט דער מאנגעל אין פובליציסטישע קרעפטען. איבריגענס זעהען מיר אין דער צייטונג די לעצטע צייט א שטרעבונג צו מאכען ברייטער, בעסער דעם אינהאלט. מ׳דארף האפען, אז זי וועט אריבערקומען די שטערונגען און מיט דער צייט ענטוויקלען זיך אין אנ׳ארגאן, וואס פאסט זיך פאר אזא ווילטיגע יודישע קהלה, ווי ווילנא.

דאס, וואס איז געזאגט וועגען „טאג״, קען אויך אנגעווענדט ווערען צום „ווילנער וואכענבלאט״. דער „ווילנער וואכענבלאט״ האט נאך ד ע ם פערדיענסט, וואס דאס איז געווען די ערשטע פראבע צו שאפען אנ׳ארגאן פאר ארטיגע אנגעלעגענהייטען. בכלל קען מען ביי איצטיגע בעדינגונגען ניט זיין זעהר שטרענג אין די פאדערונגען צו א פראווינציעלען ארגאן, וועמעס עקזיסטענץ איז א א שווערער קאמפף. זייער עקזיסטירען אליין איז שוין א ווילטיגער פאקטאר אין יודישען לעבען.

א בעזונדער סימפאטישען איינדרוק מאכט דער „באברויסקער וואכענבלאט״. צו איהם קען מען, נאטירליך, ניט שטעלען די פאדערונגען, וואס צו א ווילנער ארגאן. באברויסק איז ניט ווילנא. גענוג איז, אז אין אט דעם וואכענבלאט האבען מיר אנ־עהרליכע און טרייע אבשפיגלונג פון באברויסקער געזעלשאפטליכען לעבען. פראפעסיאנעלע פובליציסטען האבען מיר ווייניג. אבער אין דער קלענערער שטאדט און שטעטעל האבען מיר גאנץ אפט אינטעליגענטע יונגע לייט מיט לעבעדיגע נשמות, וואס זענען פעהיג מיט א ווארם ווארט צו וועקען זייער געזעלשאפט צו העכערע פארמען פונ׳ם לעבען. און דאס ווייזט אונז בעשיינפערליך דער „באברויסקער וואכענבלאט״.

———

קולטורעלע בעוועגונג. דאס קולטורעלע לעבען אין ווארשא. ווארשא, אלס איינע פון די גרעסטע יודישע קהילות, וואו עס גרופירט זיך א גרויסער טייל פון דער יודישער אינטעליגענץ, וואלט אייגענטליך געדארפט דיענען אלס מוסטער פון קולטורעלער ארבייט פאר אלע אנדערע שטעדט. נאר לײדער איז עס ווייט ניט אזוי. דאס קולטורעלע לעבען אין ווארשא שלאגט מיט א גאנץ שוואכען פולס. די גאנצע קולטורעלע ארבייט ביים היינטיגען טאג שעפט זיך אוים מיט א קאנצערט פון „הזמיר״ און א פארלעזונג אויף א ליטעראריש טעמא. די יודישע נאציאנאלע אינטעליגענץ, וואס וואלט לויט איהר אויפגאבע, אייגענטליך געדארפט זיין די טרעגערין פון ליכט און בילדונג, איז אינדיפערענט, און טוט אבסאלוט גארנישט פאר דער גייסטיגער ענטוויקלונג פון דער יודישער מאסע.

דער אנאלפאבעטיזם וואקסט פון טאג צו טאג צווישען דער יודישער בעפעלקערונג, און קיינעם קומט אפילו ניט אויפ׳ן געדאנק צו שאפען א שולע פאר אנאלפאבעטען. דער יודישער ארבייטער זוכט א קולטורעלע אינסטיטוציע, וואו ער זאל קענען שטילען זיין גייסטיגען דורשט נאך עלעמענטארע בילדונג. נאר אונזער אינטעליגענץ קימערט זיך גאנץ ווייניג, אט די בעדערפנישען צו בעפריעדיגען. מען וועט זאגען, אויסערע שטערונגען מאכען אונמעגליך די קולטורעלע ארבייט, אבער אויך די פוילישע געזעלשאפט ליידט פון דיזעלבע שטערונגען, פונדעסטוועגען הערשט ניט דארט אזא טויט־שטילקייט אויפ׳ן קולטורעלען געביט, ווי מען זעהט עס ביי אונז. און א גינסטיגער באדען פאר קולטורעלער ארבייט איז דא ביי יודען. אלס אילוסטראציע צו דעם קאן דיענען דער לעצטער בעריכט פון דער 5־טער אבטיילונג פון „קולטורא״ (קורסען פאר דערוואקסענע). נאר, פאר אלעם א פאר ווערטער וועגען דער אינסטיטוציע גופא. די ציעלען פון דער אויבענדערמאנטער געזעלשאפט איז צו פאפולאריזירען די וויסענשאפט דורך דער הילף פון איינצעלנע פארלעזונגען, ווי אויך געבונדענע אין גאנצענע סעריעס; צוטריטליך מאכען פאר די ברייטע שיכטען די אלע געווינסען פון מענשליכען שאפען פאר דער וויסענשאפט; בעקענען די ברייטע מאסען מיט אלע נאטור־ערשיינונגען און שאפען אויף דעם גרונד א וויסענשאפטליכע וועלטאנשויאונג. די לעקציעס פון דער געזעלשאפט ווערען איינגעארדענט אין פערשיעדענע ראיאנען פון ווארשא און אויך אין מוראנאווער ראיאן, וואו כמעט אלע צוהערער זענען יודען. ווי דער לעצטער בעריכט פון 1911 ווייזט, איז די אלגעמיינע צאהל צוהערער געווען 20,629, פון זיי אין מוראנאווער ראיאן 7,858 אדער מעהר ווי א דריטעל פון דער אלגעמיינער צאהל. נעהמען מיר נאך אין אכט, אז די לעקציעס קומען פאר אין פויליש, אין א נישט־צוטריטליכער שפראך פאר דער יודישער מאסע, און אויך די ביטעס מיט הונדערטער אונטערשריפטען פון יודישע ארבייטער צו דער אינסטיטוציע, וועגען איינארדנען יודישע לעקציעס — קענען מיר שוין האבען א בעגריף, וואס פאר א ברייט און פרוכטבאר פעלד עס איז דא פאר קולטורעלע ארבייט ביי אונז. לײדער האבען די „קורסען פאר דערוואקסענע״

ניט די מעגליכקייט, איבער פערשיעדענע סבות, פון וועלכע עס איז דא ניט דער ארט צו רעדען, צו עפענען א יודישע סעקציע, וואו די לעקציעס זאלען קענען פארקומען אין יודיש.

עס איז נאך ווערט צו דערמאנען וועגען א ווילטיגער קולטורעלער אינסטיטוציע, וואס ביי אנדערע בעדינגונגען וואלט די געקענט ווערען א ווילטיגער פאקטאר פאר'ן קולטורעלען לעבען אין ווארשא. כ'מיין די געזעלשאפט „דעת“.

„דעת“, לויט איהר פראגראם, האט דאס רעכט איינצוארדנען סיסטעמאטישע לעקציעס אויף אלע וויסענשאפטליכע געביטען; עפענען קורסען פאר אנאלפאבעטען; שטיצען ניט־פערמעגליכע שילער א. ז. וו. די אינסטיטוציע ביים היינטיגען טאג ווערט אנגעפיהרט דורך א גרופע אסימילאטארען, און איהר גאנצע ארבייט שעפט זיך אויס מיט דער איינציגער אויפגאבע צו שטיצען ניט פערמעגליכע שילער. "דעת„ ביי א ביסעל גוטען ווילען וואלט געקענט א סך אויסטאן. נעמליך: פערווירקליכען אלע איהרע פראגראם-אויפגאבען. נאר די מורא פאר'ן זאגענאנטען „זשארגאן“ האלט איהר אב פון צו טון די נויטיגע שריט אין אט דער ריכטונג. די אסימילירטע אינטעליגענץ, אויף די שפאלטען פון „איזראעליטא“, האלט אין איין שרייען וועגען יודישען פאנאטיזם, וועגען יודישען געטא, נאר ווי עס קומט צו זעלבסטטעטיגקייט אויפ'ן קולטורעלען געביט, ווייזט זיך איצט ארויס די גאנצע פאלשקייט פון זייער מעטאדע. מען וויל כלומרשט קולטיווירען די יודישע מאסע, מען וויל נאך אלץ „ברעכען די מויערען פון פינסטערען געטא“, נאר אלץ אין א פרעמדער ניט צוטריטליכער שפראך. די אייגענע טאקטיק ווענדען זיי אן אויך אין זייער אינסטיטוציע „דעת“. אין נאמען פון פראגרעס וואלט מען אייגענטליך געוואלט ארגאניזירען קורסען פאר אנאלפאבעטען, לעקציעס און אז. וו. נאר יודיש שרעקט; יודיש איז פאר זיי געפעהרליך; יודיש איז — פאנאטיזם. פון דער אסימילירטער יודיש-פוילישער אינטעליגענץ איז אייגענטליך ניטא מעהר וואס צו ערווארטען. פאר זיי זענען איבערהויפט פרעמד די בעדערפענישען פון די יודישע פאלקס-מאסען. פונדעסטוועגען וואלט מען די געזעלשאפט „דעת“ ביי אלע איהרע פעהלערן ניט געדארפט איגנארירען. ווילען מיר געבען אנ'אנדער כאראקטער דער טעטיגקייט פון דער געזעלשאפט, מוזען מיר, פארקערט, אריינטרעטען אין א וואס גרעסערער צאהל און ווירקען אויף דער פערוואלטונג צו ענדערן איהר פאראורטייל געגען יודיש. דאס אייגענטליך וואלט געדארפט איצט געטאן ווערען, ווייל בעשאפען איין אייגענע אינסטיטוציע מיט אזעלכע ברייטע רעכט, ווי „דעת“, איז ביי איצטיגע שווערע בעדינגונגען ניט פון די גרינגע זאכען.

עס בלייבט נאך איבער צו ווינשען, אז די יודישע דעמאקראטישע אינטעליגענץ אינאיינעם מיט'ן בעוואוסטזיניגען טייל פונ'ם ארבייטער-קלאס זאל זיך נעהמען מיט מעהר ענערגיע צו קולטורעלער ארבייט. און פאר אלעם שאפען, פון אייגענער איניציאטיוו, אווענד-קורסען פאר אנאלפאבעטען, אום צו הויבען דעם קולטורעלען צושטאנד פון דער יודישער ארבייטער־מאסע. בעקעמפפען דעם וואקסענדען אנאלפאבעטיזם דארף ווערען, אין איצטיגען מאמענט, איינע פון די ערשטע אויפגאבען. ווייל וואס בעוואוסטזיניגער עס וועט ווערען דער יודישער ארבייטער, אלץ זיכערער דער ערפאלג אין זיין קאמפף פאר א בעסער'ן מארגען.

א ווארשעווער.

פיזישע ערציהונג. צו ביסלעכווייז הויבט מען פארט אן ביי אונז עפיס ט ו ן. שוין א צייט מיט יאהרען, זינט מ'רעדט וועגען אננעהמען מיטלען קעגען דער מורא'דיגער פיזישער אבשוואכונג פון די יודישע פאלקס-מאסען, אבער קיין ממשות'דיגע מעשים האבען מיר ניט געזעהן. צופיעל „פערגייסטיגט“ זענען מיר, אז מיר זאלען וועלען זיך ערנסט פערנעהמען מיט אונזער חומר, מיט'ן גוף אין ריין פיזיאלאגישען זין. נאר עס ווייזט אויס, אז די נייע נאציאנאלע בעוועגונג, די פערוועלטליכונג פונ'ם יודישען דענקען און פיהלען האט געבראכט א שינוי אויך אין דעם פרט. ס'איז שוין געמאכט אנ'אנהויב ערנסט צו זארגען וועגען דער פיזישער אויסבילדונג פונ'ם קומענדיגען דור, און ס'איז צו האפען, אז די ארבייט וועט זיך פערברייטערן און ענטוויקלען און וועט ברענגען א היילונג צו אונזערע אבגעשלאפטע גלידער.

איינע פון די בעסטע מיטלען פאר פיזישער ענטוויקלונג איז די סיסטעמאטישע גימנאסטיק. אין אלע שולען פון די קולטור-פעלקער איז איינגעפיהרט דער דאזיגער למוד; אונצעהליגע גימנאסטישע און ספארט-פעראיינען מיט הונדערטער טויזענדער מיטגליעדער דיענען דעם צוועק אויסצובילדען געזונדע און פיזיש ענטוויקעלטע בירגער. אויך די יודען פון מערב-איירופא האבען זיך אבגעלערנט פון זייערע שכנים. פון דער זארג פאר שול-גימנאסטיק זענען זיי בעפרייט, ווייל זיי האבען ניט קיין אייגענע שולען, דערפאר אבער האבען זיך אין דער לעצטער צייט געגרינדעט אין די פערשיידענע לענדער גימנאסטישע פעראיינען פאר דערוואקסענע. א בעזונדער פעולה האט אויסגעטאן דער בערלינער גימנאסטישער פעראיין „בר-כוכבא“. אט דא ניט לאנג האט ער מיט גרויס ערפאלג גענומען אנ'אנטייל אין א וועט-געלאף צווישען אלע גימנאסטיק-און ספארט-פעראיינען פון בערלין. אלע יודישע גימנאסטישע פעראיינען פון דייטשלאנד זענען פעראייניגט אין איין פערבאנד און בילדען איינעם פון די ווילטיגסטע נאציאנאליזירענדע פאקטארען ביי די דייטשע יודען. אויך אין עסטרייך, בולגאריען, טערקיי זענען פאראן גימנאסטישע פעראיינען. אינ'ם לעצטען לאנד, וואו יודען האבען אייגענע שולען, איז אויך איינגעפיהרט שול-גימנאסטיק.

אויך אין ר ו ס ל א נ ד ווערען שוין געמאכט דא און דארטען פרובען איינצופיהרען גימנאסטיק ביי יודען. דא קען די ארבייט געפיהרט ווערען אין ברייטסטען מאסשטאב. אונזער פאלקס־שול האבען מיר אין די אייגענע הענד, און פאר אונז שטעהט די אויפגאבע זי צוצופאסען צו די נייע קולטורעלע לעבענס־תנאים. זי מוז אויך דיענען דער פיזישער ערציהונג. צוגלייך מוז דער געדאנק וועגען דעם ווערט פון די גימנאסטישע איבונגען ווערען פערשפרייט צווישען דער פאלקס-מאסע, בכדי וואס ברייטערע שיכטען זאלען קענען געניסען די טובות פון זיי. דאס האט טאקע פערשטאנען די ווילנער „ג ע ז ע ל ש א פ ט פאר קינדער פערזארגונג“, וואס איז געגרינדעט געווארען לויט דער איניציאטיוו פונ'ם ווילנער כלל-טוער ד"ר קאווארסקי, וואס האט שוין זינט כמה יאהרען פראפאגאנדירט פאר דער נויטווענדיגקייט צו טון עפיס פאר'ן פאלקס געזונדהייט. אין די דריי יאהר, וואס די געזעלשאפט ארבייט, האט זי שוין בעוויזען א סך אויפצוטון פאר דער פיזישער ערציהונג פון דער ארטיגער יודישער מאסע. א בעזונדערס פרוכטבארע טעטיגקייט אין דעם פרט האט ארויסגעוויזען איין מיטגליעד פון דער געזעלשאפט, דער לעהרער ה' מ ז א ה, וואס גיט אב פיעל מיה און צייט פאר דער דאזיגער ווילטיגער נאציאנאלער ארבייט. דער ערשטער צווישען די יודען אין רוסלאנד, האט ער זיך פראקטיש און טעארעטיש אויסגעבילדעט אלס לעהרער פון גימנאסטיק. ער גיט שטונדען פון גימנאסטיק אין עטליכע ווילנער יודישע שולען און פיהרט אן די גימנאסטישע גרופען פאר דערוואקסענע, וואס די גע-

זעלשאַפט פאַר קינדער־פערזאָרגונג האָט געגרינדעט, בכדי אויסצובילדען קומענדיגע לעהרער.

בכדי צו פּאָפּולאַריזירען די גימנאַסטיק, וואָס איז נאָך אַזוי פרעמד ביי אונז, אָרדענט איין די געזעלשאַפט ספּעציעלע רעפעראַטען, און פון צייט צו צייט אויך גימנאַסטישע פערוויילונגען, וואו די שילער האָבען די געלעגענהייט צו באַווייזען די פעולות, וואָס זיי האָבען אויפגעטאָן. אַזאַ מין גימנאַסטישע פערוויילונג איז פאָרגעקומען היי־יאָהר דעם 2־טען יוני אויף אַ פרייען פלאַץ. מיט באַוואונדערונג האָט דער עולם געקוקט אויס'ן פרישען, מונטערן אויסזעהן פון די קינדער, אויף דער גוט־ענטוויקעלטער מוסקולאַטור, עלאַסטישען גאַנג און געשיקטע, האַרמאָנישע באַוועגונגען, און באַלוינט זיי מיט אַ גרויסען בייפאַל.

אָבער, פערשטעהט זיך, ניט די פאָרשטעלונגען זענען דער עיקר. וויכטיג איז נאָר, אַז דער ווערט פון דער גימנאַסטיק זאָל ווערען אָנערקענט ביי דער גאַנצער יודישער מאַסע, און אַז מען זאָל זי איינפיהרען אין אַלע שולען און חדרים. די אויפגעקלערטע יוגענד פון די שטעדט און שטעדטלעך באַדאַרף זיך פעראינטערעסירען מיט דער פראַגע וועגען פיזישער ערציהונג און זיך פערנעהמען ערנסט מיט דער דאָזיגער גרויסער נאַציאָנאַלער אַרבייט. די ווילנער געזעלשאַפט פאַר קינדער־פערזאָרגונג האָט דאָס רעכט צו עפענען אָפּטיילונגען אין גאַנצען צפונית־מערבית־קאַנט, און זי וועט אַוודאי קומען צו הילף מיט ראַט און טאַט די פּראָווינציעלע טוער, וואָס ווילען אַזעלכע אָפּטיילונגען ביי זיך גרינדען. די רעדאַקציע פון „לעב. און ווים." פון איהר זייט וועט זיך מיהען צו באַלייכטען אַלע פראַגען פון דער פיזישער ערציהונג אין אַ רייה מאמרים און וועט אויך געבען פעריאָדישע ידיעות וועגען דעם, וואָס עס ווערט געטאָן אין דעם פרט ביי יודען און ביי אַנדערע פעלקער.

———

קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג. אין מערץ איז פאָרגעקומען אין פּעטערבורג דער קאָאָפּעראַטיווער צוזאַמענפאָהר. ניט קוקענדיג אויף דאָס, וואָס עס זענען פערבאָטען געוואָרען די גרוס־רעדעס, וואָס עס איז באַשטימט געוואָרען פון אויבען אַ „קאַזיאָנער" פאָרזיצענדער, האָט זיך אויס'ן צוזאַמענפאָהר געפיהלט אַ מאָדנע איינינקייט און באַגייסטערונג. אויס'ן צוזאַמענפאָהר זענען, צווישען די 800 דעלעגאַטען, געווען פערטרעטער פונ'ם פּויערטום, פון די זעמסטוועס, פונ'ם „דריטען עלעמענט", פון די געלעהרטע, פון מיליטער־שטאַנד, פון דער ביוראָקראַטיע...

אויס'ן טאַגעס־אָרדנונג פונ'ם צוזאַמענפאָהר האָט פערנומען דעם ערשטען אָרט די פראַגע וועגען דער רעכטליכער זייט פון דער קאָאָפּעראַטיווער אָרגאַניזאַציע. אויס'ן ערשטען קאָאָפּעראַטיווען צוזאַמענפאָהר אין יאָהר 1908 איז אויסגעקליבען געוואָרען אַ קאָמיסיע — אויסצואַרבייטען אַ קאָאָפּעראַטיווען געזעץ־פּראָיעקט. איצט איז ער פאַרטיג געווען, און זיין באַאורטיילונג האָט צוגעצויגען די געשפּאַנטע אויפמערקזאַמקייט פון די דעלעגאַטען. לויט אָט דעם פּראָיעקט מעג אַ קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפט באַשטעהן פון אַן'אונבאַגרענצטער צאָהל פערזאָנען, וואָס זייער ציעל זאָל זיין צו באַפריעדיגען די ווירטשאַפט־און האַנדעל־באַדערפנישען פון זייערע מיטגליעדער. אַלס מיטגליעדער ווערען אָנערקענט פערזאָנען פון ביידע געשלעכטער, פון 17 יאָהר אָן, אויך יורידישע פערזאָנען. די קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטען האָבען דאָס רעכט זיך צו פערבינדען אין אַלגעמיינע פעראיינען. דער הויפּט־שטריך פון אָט דעם געזעץ־פּראָיעקט איז דאָס, וואָס ער איז דורכגעדרונגען מיט'ן *מעלדונגס־פּרינציפּ*, ד. ה., אַז צום עפענען אַ קאָאָפּעראַטיווען פעראיין זאָל מען ניט דאַרפען קיין סך השתדלות, און נאָר מעלדען.

איינינע פון די דעלעגאַטען האָבען זיך באַמיהט אַריינצוטראָגען פערבעסערונגען אין אָט דעם פּראָיעקט, איבערהויפּט אונטערצושטרייכען דעם אַרבייטס־כאַראַקטער פון די קאָאָפּעראַטיווען, אָבער אָהן ערפאָלג. דאָך איז אָנגענומען געוואָרען אַ רעזאָלוציע וועגען דער נויטיגקייט פון אַזאַ מין מעלדונגס־געזעץ און אויסגעקליבען אַ קאָמיסיע, וואָס זאָל זעהן, דער פּראָיעקט זאָל וואָס גיכער אויסגעפיהרט ווערען און די קאָאָפּעראַטיווען זאָלען אַזוי אַרום באַפרייט ווערען פון דער אַפּוטרופּסות פון די באַאַמטע. דער צוזאַמענפאָהר האָט זיך צוטיילט אויף 3 סעקציעס: 1) פון קליינעם קרעדיט, 2) פון דער זעמסטווע, 3) פון דער לאַנדווירטשאַפט. די לעצטע סעקציע איז געווען די צאָהלרייכסטע. דער צוזאַמענפאָהר האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וואו ס'ווערט אונטערגעשטריכען די נויטיגקייט, אַז דאָס טעטיגקייטס־פעלד פון די קאָאָפּעראַטיווען זאָל ווערען וואָס ברייטער. איבערהויפּט זאָלען ערלויבט ווערען פערמיטלער־אָפּעראַציעס. אויך איז געפאָדערט געוואָרען אַז די קאָאָפּעראַטיווע קליין־קרעדיט־געזעלשאַפטען זאָלען אַזוי ווי דער פּויערים־באַנק האָבען דאָס רעכט צו נעהמען אויף זיך די פערמיטלונג ביי'ם קויפען און פערקויפען ברויט. וואָס אָנבעלאַנגט צו קרעדיט, האָט דער צוזאַמענפאָהר געפאָדערט, אַז די קאָאָפּעראַטיווען זאָלען האָבען דאָס רעכט אַרויסצוגעבען הלואות אויף אַ לאַנגען טערמין, ניט אָרף אַ קורצען, ווי ביז איצט, דאַביי מוזען דער פּויערים־באַנק און די שפּאָר־קאַסעס פון דער מלוכה קומען צו הילף.

פיעל אויפמערקזאַמקייט האָט צוגעצויגען די פראַגע וועגען דעם קאָאָפּעראַטיווען תבואה־האַנדעל אין דאָרף. לויט אַ באַריכט פון אַ פאָרשטעהער פון דער לאַנד־ווירטשאַפטליכער סעקציע איז שוין ביז אָקטאָבער פון יאָהר 1911 אין רוסישען דאָרף געווען 848 קאָאָפּעראַטיווען, וואָס האָבען זיך פערנומען הויפּטזעכליך מיט'ן תבואה־האַנדעל. זייערע שפּייכלער האָבען ענטהאַלטען ביז 7 מיליאָן פוד תבואה. דעם הויפּטקרעדיט האָבען זיי באַקומען פון דער מלוכה־באַנק (9 מיט אַ האַלב מיליאָן רובל). ס'איז אַרויסגעזאָגט געוואָרען דער וואונש, אַז אָט די אַלע קאָאָפּעראַציעס זאָלען בילדען אַן'אַלגעמיינעם פעראיין. וועגען דער פראַגע פון געלד־מיטלען פאַר'ן קאָאָפּעראַטיווען קרעדיט האָט דער צוזאַמענפאָהר ענערגיש געפאָדערט, אַז דאָס געלד פון די שפּאָר־קאַסעס זאָלען זיין באַשטימט אויסשליסליך פאַר דעם אויבענדערמאָנטען קרעדיט. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די קאָאָפּעראַציעס האָבען צוזאַמענשטויסען מיט דער קרוין, אַלס מיט זייער מעכטיגסטען און ענערגישסטען קאָנקורענט. דעריבער פאָדערט די רעזאָלוציע פון די דעלעגירטע, אַז די פערוואַלטונג פון די שפּאָר־קאַסעס פון דער מלוכה, זאָל אָנווייזען איה־רע אָרטיגע אַגענטען, אַז זיי זאָלען ניט אָבציהען די געלד־איינלאַגען פון די קי קאָאָפּעראַטיווע קרעדיט־איינריכטונגען דורך אַלערליי פאַלשע קלאַנגען און אַז אָט די אַגענטען זאָלען אויך ניט ווערען באַזונדערס באַלוינט פאַר צוציהען געלד־איינלאַגען אין די מלוכה־קאַסעס.

ס'איז אויך אַרויסגעזאָגט געוואָרען דער וואונש, אַז די קרעדיט־קאַסעס פון דער זעמסטווע זאָלען ווערען פעראייניגט מיט די קרעדיט־קאַסעס פון די קאָאָפּעראַטיווען, דאַביי זאָל די זעמסטווע זעהן אַרויסצוגעבען לאַנגטערמינינע הלואות.

אין מאָסקווע עפענט זיך אין גיכען אַ פאָלקס־באַנק. זיין הויפּט־אויפגאַבע איז צו שטיצען די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג. אין דער באַציהונג צו אָט דעם באַנק האָט זיך אַרויסגעוויזען, ווי די קאָאָפּעראַטאָרען האָבען מורא, די קאָאָפּער. אָרגאַניזאַ־

ציע זאל ניט ווערען ביוראקראטיזירט. כמעט אלע רעדנער האבען זיך ארויסגעזאגט, אז מען דארף זעהן, אז דער מאסקווער באנק זאל ניט הערשעווען איבער דער פראווינץ. דעריבער איז נויטיג, אז ס'זאלען אויך געגרינדעט ווערען פראווינציעלע קאאפעראטיווע באנקען. אויסער דעם וועלען זיי האבען א גרויסע בעדייטונג, ווייל דער גרונד-קאפיטאל פון מאסקווער באנק איז זעהר א קליינער און ער וועט ניט קענען פיהרען קיין ברייטע געשעפטען. ס'איז אויך אונטערגעשטריכען געווארען, אז די טעטיגקייט פון באנק זאל זיין אויסשליסליך געווידמעט דער קאאפעראטיווער בעוועגונג. דער צוזאמענפאהר האט זיך ארויסגעזאגט, אז אלע ארטיגע קאמיטעטען זאלען זיך גלייך פעראייניגען אין איין אלגעמיין-רוסישע קאאפעראציאנס-ליגע. די פראגע וועגען פראפעסיאנעלער און טעכנישער בילדונג איז געוועזען ערוועקט דורך די לאנד-ווירטשאפטליכע סעקציע, און ס'איז אנגענומען געווארען א רעזאלוציע, אז ס'זאלען געגרינדעט ווערען בעזונדערע געזעלשאפטען און קאמיטעטען אויף איינצוריכטען קורסען, פארלעזונגען און עקסקורסיעס פאר די פויערים. דאביי איז בעשטימט געווארען, אז די קאאפעראציעס מוזען זיך רעכענען מיט די ארטיגע שפראכען. ס'איז אויך ארויסגעזאגט געווארען, אז ס'איז ווינשענסווערט, די אינטעליגענץ זאל בעקומען דאס רעכט אריינצוטרעטען אין די קאאפעראטיווען, און ס'איז אנגענומען געווארען א פראטעסט געגען דעם, וואס די רעגירונג האט פערבאטען די גייסטליכע און פאלקס-לעהרער צו ווערען מיטגליעדער פון די קאאפעראציעס.

וואס אנבעלאנגט אידישע פארשטעהער אויפ'ן צוזאמענפאהר, האבען זיי ליידער געשפיעלט א קליינע ראלע. די יודישע קאאפעראטיווע בעוועגונג איז דערוויל פון איין מין. דאס זענען קרעדיט-חברות. די קרעדיט-חברות פונקציאנירען אומעטום גוט. אבער זייער קולטורעלער איינפלוס אויף אונזער עקאנאמישען לעבען איז זעהר א קליינער. זיי האבען אויך וועניג וואס געקענט דערצעהלען אויפ'ן צוזאמענפאהר. די קראנקע זייטען פון אנדערע קרעדיט-פעראיינען און לייה-קאסען זענען א טעמע פאר זיך און זיי וועלען מיר ווידמען א ספעציעלען ארטיקעל.

———

פראפעסיאנעלע בעוועגונג. דאס מיניסטעריום פון אינערן האט פובליקירט א בעריכט וועגען די סטרייקען, וואס זענען פארגעקומען אין די לעצטע 9 מאנאטען פון יאהר 1911. פון אט דעם בעריכט איז צו זעהן, אז די צאהל סטרייקען האט זיך פאר די לעצטע צייט א סך פערגרעסערט:

אין יאהר 1909 זענען פארגעקומען 255 שטרייקען, אין וועלכע ס'האבען גענומען אנטייל 51 טויזענד ארבייטער. אין 1910 — 171 סטרייקען מיט'ן אנטייל פון 52 טויזענד סטרייקענדע. אין 1911 — 295 סטרייקען מיט אנטייל פון 78 טויזענד סטרייקענדע.

די גרעסטע צאהל סטרייקען זענען פארגעקומען אין דער טעקסטיל-אינדוסטריע: 119 סטרייקען און 52 טויזענד סטרייקענדע. דאן געהט די מעטאל-אינדוסטריע — 64 סטרייקען. דעם ערשטען ארט לויט דער צאהל סטרייקענדע האט דאביי פערנומען די וולאדימירער גובערניע: 35 סטרייקען מיט 22 טויזענד סטרייקענדע

די גרעסטע צאהל סטרייקען זענען פארגעקומען אין ווארשעווער גובערניע. אין מאסקווער גובערניע — זענען געווען 26 סטרייקען מיט 19 טויזענד סטרייקענדע. אין פעטערבורג — 14 סטרייקען און 7 טויזענד סטרייקענדע. 18 פראצ. סטרייקען האבען זיך פערענדיגט מיט א נצחון פון די ארבייטער. 38 פראצ. מיט קאמפראמיסען, 49 פראצ. זענען געווען פערשפיעלט. אבער די אלע ציפער גיבען ניט קיין פאלשטענדיגען בילד פון דער סטרייק-כוואליע, וואס איז אריבער איבער רוסלאנד, דען זיי נעהמען ארום נאר די פאבריקען, וואס שטעהען אונטער דער השגחה פון דער פאבריק-אינספעקציע.

אין דער אמת'ן האט די סטרייק-בעוועגונג ארומגעכאפט א סך ברייטערע שיכטען פון ארבייטער.

איבערהויפט בעמערקט זיך פאר די לעצטע צייט א גרויסע אויפלעבונג פון דער עקאנאמישער בעוועגונג: פון א גאנצע רייהע שטעדט, פון אלע עקען רוסלאנד קומען נאכריכטען וועגען דער בענייאונג פון די פראפעסיאנעלע פעראיינען, וואס האבען זיך די לעצטע פאר יאהר צוליעב דער אדער יענער סיבה פערמאכט, און וועגען דער עפענונג פון נייע פעראיינען. אין יעקאטערינאסלאוו, צ. ב. האט א בעזונדערע אויפלעבונג אריינגעטראגען דער האנדווערקער-צוזאמענפאהר. די ארבייטער זעהען דא צו אנטוויקלען א בעוואוסטזיניגע בעציהונג צו דער פראפעסיאנעלער ארגאניזאציע; זיי רופען צונויף פערזאמלונגען, וואו יעדער קען זיך פריי ארויסזאגען וועגען יעדען פונקט פון אוסטאוו. אין אדעס זעהען די ארבייטער איצט אויסצונוצען די לאגע, וואס האט זיך בעשאפען מיט טאלמאטשאוו'ס אוועקגעהן. זיי ארגאניזירען פעראיינען, פארלעזונגען און גרייטען זיך צו דער וואהל-קאמפאניע אין דער פערטער דומע. אין פעטערבורג געהט אן ענערגישע פראפאגאנדע פון דער פראפעסיאנעלער ארגאניזאציע צווישען די פריקאזטשיקעס, אלס צווישען אזא עלעמענט, וואס איז וועניגער פאר אלעמען ארגאניזירט, און וואס האט מעהר, ווי די אנדערע ארבייטער צו ליידען קודם כל פון דעם אונענדליך לאנגען ארבייטס-טאג, וואס ציהט זיך אפט 15—16 שעה, בעזונדערס אין די שפייז-געשעפטען.

א בעזונדער גרויסען אינטערעס האט ארויסגערופען צווישען די ארבייטער-שיכטען די טעטיגקייט פון דער ארבייטער-פראקציע אין דומע פאר דער לעצטער צייט, איבערהויפט איהר געזעץ-פראיעקט וועגען דער פרייהייט פון סטרייקען. (וועגען די איינצעלהייטען פון דעם דאזיגען פראיעקט א'נאנדערש מאל). פון איינציגע שטעדט, ווי לאדז, ביאליסטאק, זענען אנגעקומען צו דער ס. ד. פראקציע מעמאראנדום'ס, וואו זיי בעגריסען אט די לעצטע ארבייט און בעקלאגענדיג זיך אויף די ארטיגע אדמיניסטראציע, אז זי ערלויבט ניט די ארבייטער זיך צו פערזאמלען און צו ארגאניזירען פראפעסיאנעלע פעראיינען., פאדערען זיי פון די ארבייטער-דעפוטאטען אריינצוטראגען אין דומע געזעץ-פראיעקטען וועגען פרייהייט פון פעראיינען און פערזאמלונגען, וואו מען זאל האבען דאס רעכט צו פיהרען די ביכער און אונטערהאנדלונגען אויף דער מוטער-שפראך פון די פעראיין-מיטגליעדער (ד. ה. אויף יודיש און פויליש).

א שווערע צייט לעבען איצט איבער די ארבייטער אין פוילען. די לעזער ווייסען שוין פון די צייטונגען וועגען דער ארבייטסלאזיגקייט, וואס הערשט צווישען די יודישע ארבייטער אין ווארשא צוליעב דעם עקאנאמישען אנטיסעמיטיזם, וואס ווערט איבערהויפט זעהר ענערגיש דורכגעפיהרט אין די פאבריקען פון מעכאנישע שוכווארג.

דער הונגער שטייגט פון טאג. די מיטלען, וואס די גמינע נעהמט אן, זענען פערשטענדליך ניט אין שטאנד צו מאכען א סוף צום קריזיס. אין די פאבריקען, וואו מען ענטזאגט ניט די ארבייטער, פערקלענערט מען זייער לוין.

אין שניידער-פאך איז דאס בילד אויך ניט פרעהליך. צוליעב דעם הונגער אין רוסלאנד איז דער עקספארט פון פארטיגע זאכען כמעט אבגעשטעלט. צוליעב דער שווערער צייט אין פוילען גופא, איז די פאר יום-טוב'דיגע לייזונג אויך געווען זעהר שוואך. די באנקען האבען אויך בעגרענצט די קרעדיטען,

און דאָס אַלץ האָט געבראַכט דערצו, אַז מאַסען אַרבייטער זענען ווידער אַמאָל געבליבען אָהן אַרבייט.

די בוי־אַרבייטער, וועלכע געהען ווינטער ממילא לעדיג, האָבען אויך אויף זומער אַ שוואַכע האָפנונג צו קריגען אַרבייט: אין די וואַרשעווער צייטונגען האָבען זיך בעוויזען מעלדונגען, אַז די וואַרשויער בוי־אונטערנעהמער פיהרען אונטערהאַנדלונגען מיט בוי־אַרטעלען פון טיעף רוסלאַנד וועגען קומען אין וואַרשא, ווייל, די פוילישע אַרבייטער זענען פאַר זיי „צו טייער“. כאַראַקטעריסטיש איז, אַז אָט די בוי־אונטערנעהמער געהערען צו די וועלכע בורזשואַזע שיכטען, וואָס זעהען אַלע צרות פונ'ם פּוילישען פאָלק אין דעם אָנגעפאָהרענעם פרעמדען עלעמענט, בעזונדערס אין די „ליטוואַקעס“.

זעהר טרויעריגע נאַכריכטען קומען אָן פון לאָדז. דער עקאָנאָמישער קריזיס וואַקסט דאָרט פון טאָג צו טאָג. ווידער אַמאָל איז דאָ די הויפּט־סבה דער הונגער אין רוסלאַנד; די פאַבריקאַנטען האָבען ניט וואוהין צו עקספּאָרטירען זייערע סחורות, די פאַרטיגע סחורות בלייבען ליעגען, די האַנדעלס־פירמעס פון די הונגערנדע גובערניעס ערקלערען איין באַנקראָט נאָכ'ן אַנדערען. די רעזולטאַטען דערפון זענען, אַז כמעט אין אַלע גרויסע פאַבריקען, אויסער די, וואָס האָבען בעשטעלונגען פון דער אינטענדאַנטסטווע און פון דרום־רוסלאַנד און ליטא, האָבען פערקלענערט די צאָהל אַרבייטס־טעג, דאָס רוב אויף העלפט. אַ סך קליינע פאַבריקען האָבען זיך אינגאַנצען פערמאַכט. אין אַנדערע קלענערע פאַבריקען און אין די אַזוי גערופענע וועבער־וואַרשטאַטען, איז די צאָהל אַרבייטס־טעג ניט מעהר, ווי 4 אין וואָך. דאַביי פערדיענען די אַרבייטער צו 2 רובל מיט קאָפּיקעס אַ וואָך. און דאָס איז ביי איצטיגען יקרות, ווען אַ פערטעל מון קאַרטאָפעל קאָסט פון 60—75 קאָפּ. ברויט איז אַ סך טייערער געוואָרען און די וואוינונגס־פרייזען זענען מורא'דיג געשטיגען. אין די נייע הייזער, וואָס זענען פאַר די לעצטע צייט אויפגעבויט, און וואָס האַלטען זיך אין בויען, זענען דאָ דירות נאָר פאַר די פערמעגליכע קלאַסען, פאַר אַרבייטער זענען זיי צו טייער. אָרימקייט און הונגער הערשען אין לאָדז. טאָג־טעגליך ברענגען די צייטונגען ידיעות וועגען טויט־פאַלען פון הונגער. און וויפיעל אַזוינע טויט־פאַלען זענען געבליבען ניט פערעגיסטרירט דורך די צייטונגען. מאַסען אַרבייטער־פאַמיליען ווערען אַרויסגעוואָרפען אויף די גאַסען, ווייל זיי קענען ניט בעצאָהלען קיין דירה־געלד. נאָר ווען מען קלערט זיך אַריין אין אָט דער לאַגע קען מען פערשטעהן פון וואַנען עס נעהמען זיך אַזוי פיעל גנבות, אַזוי פיעל אָנפאַלען, און פאַרוואָס דער באַנדיטיזם געפינט אַ גינסטיגען באָדען אין לאָדז.

די הילף, וואָס די אָרטיגע פאַבריקאַנטען און פילאַנטראָפּען אָרגאַניזירען פאַר די אַרבייטער, איז ניט בכח האָטש אויף וויפיעל ס'איז צו פערמינערען דעם חורבן, וואָס דער קריזיס מאַכט אָן אין אַרבייטער־לעבען. דער פאַבריקאַנטען־פעראיין האָט, צ. ב., בעשלאָסען צו קויפען לעבענס־מיטלען און עס צו פערקויפען דערנאָך די אַרבייטער צו קאָסטען־פּרייז. דערווייל האָבען זיי מעהר ניט געקויפט קאַרטאָפעל, אַלס דעם נויטיגסטען פּראָדוקט. אָבער דאָס רוב זענען די קאַרטאָפעל אַזוינע צופוילטע, אַז מען מוז זיי אַרויסוואַרפען. איבערהויפּט איז די הילף אַ לעכערליכע און אונבעדייטענדע. די וועלכע פילאַנטראָפּען, וואָס וואַרפען אַרויס די אַרבייטער פון זייערע דירות, פערגיסען דערנאָך קראָקאָדיל־טרערען אויף זייער ביטערער לאַגע; די וועלכע פאַבריקאַנטען, וואָס ווילען כלומר'שט פערשאַפען די אַרבייטער ביליגערע לעבענס־פּראָדוקטען, רייסען אַראָב פון זיי פאַר זייער אַרבייט, פערגרעסערן די שטראָפען פאַר'ן קלענסטען פעהלער. צו אַלע צרות קומט נאָך צו אַ בעזונדער מכה. דאָס איז די שרפות אין צעהנדליגער פאַבריקען. די סבות פון אָט די שרפות איז שווער איבערצוצעהלען. מיינסטענס טרעפען זיי זיך צוליעב „אונפאָרזיכטיגקייט“. נאָר אין איין פאַבריק האָבען די פייער־לעשער געפונען אַ פלאַש בענזין און די פּאָדלאָגע איז געווען בעגאָסען מיט נאַפט. נאָר וואָס פאַר אַ סבות עס זאָלען ניט אַרויסרופען די שרפות, זייערע רעזולטאַטען זענען שרעקליכע: טויזענדער אַרבייטער בלייבען אָהן ברויט, אַ סך ווערען נאָך פערוואונדעט אָדער אינגאַנצען פערברענט אין דער צייט פון די שרפות.

אין לובלין האָבען אַ סך אויסצושטעהן פון זייערע בעלי־בתים און פון די שווערע אַרבייטס־בעדינגונגען די דרוקער בכלל און די זעצער בפרט: דער לוין איז אַ שרעקליך נידעריגער, דערצו איז יעדער אַרבייטער מחויב צו אַרבייטען איבערשטונדען. אַזוי אַרום קומט אויס, אַז יעדער זעצער אַרבייט דורכשניטליך 15—16 שעה אַ טאָג. דאָס ברענגט דערצו, אַז די אַרבייטער ווערען זעהר לייכט קראַנק און אַלט פאַר דער צייט. קיינמאָל קען זיך דער זעצער ניט אויסשלאָפען, וועגען עפּעס וואָס לייענען, איבערהויפּט וועגען דער גייסטיגער ענטוויקלונג פון די אַרבייטער קען קיין רייד ניט זיין, ווען אַן אַרבייטער פאַלט איין צו זאָגען דעם אונטערנעהמער, אַז ער קען אַזוי ניט האָרעווען, ענטפערט מען איהם: אויב ס'איז אייך שווער, קענט איהר זיך געהן, ס'וועלען זיך געפינען אַנדערע, וואָס וועלען מיט פערגעניגען געהן אויף אייער שטעלע. ניט קוקענדיג אויף די אַלע צרות, שטאַרען זיך די אַרבייטער פון פוילען צו אָרגאַניזירען. אפילו אין לאָדז פיהרט מען אָן שטרייקען און אָפט מיט ערפאָלג. אַזוי האָבען די אַרבייטער צ. ב., געוואונען דעם שטרייק אין סלאָמיאַנסקעס פאַבריק, וואו מען האָט זיי געוואָלט אַראָבנעהמען דעם לוין ניט אָנזאָגענדיג פאָראויס. די אויבענדערמאָנטע בעגריסונגען צו דער ס. ד. פראַקציע, די אָברופען אויפ'ן געזעץ וועגען דער שטאָדט־פערוואַלטונג — פון מאַסען יודישע אַרבייטער פון וואַרשא, לאָדז, פּעטריקאָוו און אַנדערע שטעדט, וואו זיי פאָדערען די דעמאָקראַטיזירונג פון דעם געזעץ, בעווייזען, אַז די אַרבייטער אין פוילען האָבען נאָך ניט פערלאָרען דעם מוט צו קעמפען פאַר בעסערע צייטען.

———

פרויען בעוועגונג. אין אָקטאָבער פון יאָהר 1911 האָבען די אַמעריקאַנער פרויען אָבגעהאַלטען אַ גלענצענדען זיעג: אין קאַליפאָרניען איז אָנגענומען געוואָרען אַ נייער וואַהל־געזעץ, לויט וועלכען די פרויען בעקומען די גלייכע רעכט ווי די מענער.

שוין לאַנג קעמפען די אַמעריקאַנער פרויען פאַר גלייכבערעכטיגונג. אין יעדען בעזונדער שטאַאַט פיהרען זיי אַ זעלבסטשטענדיגע קאַמפּאַניע, און צו דער זעלבער צייט דערלאַנגען זיי געמיינזאַמע פעטיציעס און מעלדונגען אין קאָנגרעס פון אַלע פעראייניגטע שטאַטען, וואו זיי פאָדערען, די קאָנסטיטוציע זאָל ווערען איבערגעקוקט, און די געזעצען זאָלען ווערען אומגעענדערט אַזוי, אַז די פרויען זאָלען בעקומען די זעלבע פּאָליטישע רעכט, ווי די מענער. אָבער דערווייל איז זיי שווער דאָס צו דערגרייכען, דען ס'פאָדערט זיך דערצו די מעהרהייט ($3/4$) פון אַלע שטימען אין 42 פּאַרלאַמענטען.

פאַר דער לעצטער צייט זענען די אַמעריקאַנערינס איבערגעגאַנגען צו אַ מעהר פּראַקטישער טאַקטיק, ווי פריהער. זיי גרייטען זיך־צו צו נעהמען אַן אַקטיווען אָנטייל אין די קומענדיגע וואַהלען. דער צענטר פון זייער בעוועגונג איז ניו־יאָרק. דאָרט געפינען זיך די צענטראַלע קאָמיטעטען פון אַלע אַכט פרויען־פעראיינען. ענערגישער פאַר אַלע אַרבייט „די פּאַרטיי פון פרויען־

"וואהל־רעכט". אט דער פעראיין פערמאגט אנ׳אייגען הויז פון 24 שטאק. דאס הויז איז זעהר רייך, און קען דיענען אלס בעווייז, ווי פרייגעביג די אמעריקאנישע פרויען זענען, זיי קארגען ניט קיין געלד און מיה פאר זייער זאך. ניט לאנג האט א געוויסע פרוי אין בופאלא געגעבען א נדבה פון 100 טויזענד דאלאר אויף די נוצען פון פראפאגאנדע.

וועגען דער טעטיגקייט פון „דער פארטיי פון וואהל־רעכט פאר פרויען" קען מען בעקומען א בעגריף פון זייער בעריכט פאר׳ן יאהר 1909, וואס איז פובליקירט געווארען אין זייער ארגאן — „די פרוי אלס וועהלערין".

אין פערלויף פונ׳ם יאהר 1909 האט דער פעראיין ארגאניזירט 400 מיטינגען אין פערמאכטע געביידעס און 150 — אונטערן פרייען הימעל, און 300 פארלעזונגען מיט נעבעל־בילדער. אויסערדעם איז היי־יאהר אין נאמען פון פעראיין דערלאנגט געווארען אין אלערליי פעראיינען און בעזונדערע פארשטעהער פון דער רעגירונג אנ׳ערך 295 פעטיציעס און מעלדונגען. ס׳זענען פערשפרייטען געווארען 150 טויזענד אויפרופען אויף ענגליש, 80 טויזענד אויף איטאליעניש, 20 טויזענד אויף בעהמיש און 80 טויזענד אויף יודיש.

די שטאדט ניו־יארק איז צעטיילט אויף בעזונדערע ראיאנען, האו ס׳ארבייטען ענערגיש בעזונדערע אבטיילונגען פון פעראיין. אין ניו־יארק האט דער פעראיין 20 טויזענד מיטגלידער. ביי עפענטליכע ארויסטרעטונגען שליסט דער פעראיין אבמאכען מיט אנדערע פרויען־ארגאניזאציעס.

די פראפאגאנדע קומט ס׳רוב פאר אויפ׳ן גאס, אויף די עפענטליכע פלעצער.

די אגיטאטארינס פונ׳ם פעראיין געפינען אמאל אויס זעהר ארגינעלע מיטלען צו פראפאגאנדירען זייערע אידעען. אזוי האט ניט לאנג איינע פונאנדערגעשיקט אין אלע גאסטראנאמישע און קאלאניאלע געשעפטען א מיליאן פאפירענע זעקלעך מיט דער אויפשריפט „מיר ווילען זיך דערשלאגען וואהל־רעכט כדי צו שיקען אין פארלאמענט נוצליכע און עהרליכע דעפוטאטען, וואס זאלען פערניכטען די אונגערעכטע אבצאהלען, זארגען וועגען דעם געזונד און וואוילשטאנד פון דער בעפעלקערונג, פערבעסערן די שפיטאלען און שולען. העלפט אונז. דאס וועט אייך ניט ברייגען קיין שום מאטעריעלען שאדען. שיקט אונז מעהר ניט אייער אדרעס און קומט אויף די נעכסטע פערזאמלונג וועגען דער פראגע פון וואהל־רעכט פאר פרויען". אט דער אגיטאציאנער מיטעל האט געהאט א ריזיגען ערפאלג און האט צוגעצויגען צום פעראיין א גרויסע צאהל מיטגלידער פון די ארבייטער־שיכטען.

איינמאל אין יאהר מאכט דער פעראיין א יום־טוב, אויך מיט׳ן ציעל פון פראפאגאנדע.

אויפ׳ן לעצטען יום־טוב זענען געווען פערזאמעלט טויזענדער מענשען אין א קאלאסאלען זאל. דארט זענען ארויסגעטראטען די פאפולערסטע רעדנער, צווישען זיי אויך די בעריהמטע שריפטשטעלערין פערקינס־הילמאן. צווישען די פאהנען אויף די ווענד האט זיך אויסגעצייכענט די געלע פאהן פון די סופראזשיסטקעס מיט פאלגענדער אויפשריפט: „דאס געזעץ דארף אויסדריקען דעם ווילען פון אלע בירגער. די אזוי גערופענע אמעריקאנער רעפובליק איז ניט מעהר ווי א מלוכה, וואו ס׳געוועלטיגען נאר מאנסבילען. די שטייערען, וואס די אונגערעכטע פאלקס־פערטרעטונג בעשטימט, איז א פערגוואלטיגונג פון דער בעפעלקערונג".

ביבליאגראפיע.

„פון צייט צו צייט". צווייטעס זאמעלבוך. קונסט־פערלאג. קיעוו, תרע״ב.

דאס ערשטע זאמעלבוך איז געווען מעהר פובליציסטיש, אינ׳ם צווייטען איז מעהר בעלעטריסטיק. קיין תכלית, וואס צוליעב איהם זענען זיי ארויסגעגעבען, איז אין ביידען ניטא. די ארטיקלען האבען א שייכות ווענינסטענס צו די פראגען פון דער איצטיגער צייט; דער בעלעטריסטישער מאטעריאל אבער איז געדרוקט גאנץ צופעליג. דאס זאמעלבוך מאכט דערפאר נישט קיין איינדרוק פון א גאנצער זאך, פון א בוך... דער לענגסטער פון די מאמרים איז נ. מייזיל׳ס: „דער יודישער אינטעליגענט ביי י. ה. ברענער". די טעמע איז א אינטערעסנע, — אבער נאר די טעמע. די איבעריגע צוויי ארטיקלען פערנעהמען זיך איינער מיט דער פראגע וועגען אנ׳אלוועלטליכען יודישען קאנגרעס (דער גרונדגעדאנק איז, אז אין דער ניט־ווייטער צוקונפט איז אונז בעשערט צו שאפען ניט איין קאנגרעס, א „פארלאמענט", וואס זאל ארומנעהמען אלע פראגען פונ׳ם יודישען לעבען, נאר א גאנצע שורה פון שפעציאל־קאנגרעסען), דער אנדער ארטיקעל (פון בן־אדיר) איז א פאלעמישער, זיין מיין איז צו בעווייזען, אז די סבה פון דעם שמד׳ן זיך, וואס איז געווארען א מין „איבערגאנג", אנ׳עפידעמיע, מוז מען זוכען אין דעם, האס עס איז אבגעשוואכט געווארען דאס געזעלשאפטליכע לעבען און עס זענען פערגעסען געווארען די געזעלשאפטליכע אידעאלען...

עס קאן זיין, אז ס׳איז א צופאל, נאר ניכער איז עס ניט קיין צופאל, — וואס אויף די בעלעטריסטישע זאכען אויף אלע איז אויסגעגאסען איין שיין — דער שיין פון טרויער און פון טרוימען. פרץ הירשביינ׳ס „רויזענקראנץ" און בערגעלסאנ׳ס „בת־מלכה", „אמת" זענען איינגאנצען טרוימען, מעשה׳לעך; אין איינהארנ׳ס פאעמע און אין אנכי׳ס „ווינטער" זענען די טרוימען, די מעשה׳לעך אריינגעקאפעט, אזוי ווי טרויעריגע שטערען אין דער טונקעלקייט פון הימעל. הירשביינ׳ס „רויזענקראנץ" איז, ווי אלע זאכען „פון זיין אלבום" פאעטיש און חנ׳עוודיג; כ׳חיים ניט, פארוואס מאכט עס קיין איינדרוק ניט. אויך בערגעלסאנ׳ס מעשה׳לע לייענט מען אין אנהויב אהן התפעלות, צום סוף אבער, אז מען קומט, דערשפירט מען א שארפען און א טיעפען געדאנק. „ווינטער" געהערט אהן קיין שום ספק צו די בעסטע זאכען אנכי׳ס. דער ווינטער איז דא ניט סתם א „שילדערונג פון דער נאטור", נאר די ראם, די לופט פון דער ערצעהלונג. דאס רוב אז מען לייענט אנכי׳ן האט מען דעם איינדרוק, ווי מען רעדט מיט א מענשען, וואס מאכט גרויסע הכנות, מורא׳דיגע שהיות צו זאגען עפּיס א וויכטיגע זאך, נאר אז ס׳קומט צו זאגען — זאגט זיך ניט; אין דער דאזיגער ערצעהלונג איז, פערקעהרט, פארהאן לשון, פארהאן א התוך־הדבור, דער שרייבער, דוכט זיך אויס, האט בעקומען די ממשלה איבער זיינע פארשוינען, ער שטאמעלט ניט, ער רעדט זיכער, שארף, מיט׳ן פראפ... נאר אז עס קומט צום סוף:... אבער ליידער קומט ניט צום סוף: אנכי איז סוף כל סוף אויך דא געבליבען אינמיטען, ער האט דעם ספור־המעשה פערגלעט, פערקיילעכדינט מיט עפּיס א חלום וועגען דער אלטער באבע—בענקשאפט; ער האט פערגלעט, פערקיילעכדינט, אבער ניט פערענדינט... עס דוכט זיך אויס, אז ס׳איז א קאפיטעל פון א בוך, וואס איז נאך ניט דערשריבען ביז׳ן סוף; דאס קאפיטעל אבער לייענט זיך מיט אינטערעס... מעהר, ווי אלין האט מיך גערירט אינ׳ם זאמעלבוך „צווישען צוויי גע־

סען„ פון ד. איינהאָרן. „אויס די שריפטען פונ'ם לעצטען יידען„ — איז דער אונטערטיטעל. דאָס איז דעם פּאָעט'ס אייגענער פּירוש אויף זיינע ליעדער; מיר זעהען דאָ דעם קוואַל פון זיינע עלעגיען, פון זיין וויינען, אָבער טיעפען טרויער. זעלטען קומט אויס צו הערען אַזעלכע שטילע רייד; ווי אַ ברודער וואָלט זיך געקלאָגט פאַר אַ שוועסטער... עס איז צו ווינשען, אַז אין זיין לירישער פּראָזע זאָל איינהאָרן זיך היטען פון אַזוינע האַרטע, פרעמדע, קאַלטע ווערטער, ווי „קאָנקרעטע בעציהונג„, „אַלוועלטליכע פּאַנאָראַמע„ ודומה. — אַ גראַמאַטיקאַלישער גרייז איז „פערזינקענדיג מיין בליק„: „פערזינקען„ איז אויף יודיש אינטראַנזיטיוו (פּועל עומד). פונקט אַזוי איז פאַלש צו שרייבען, ווי ה' מייזיל, „אומגעוואַלט די בוישע בנינים" (ז. 148). ניט ווייניגער פאַלש איז „ריכטיג ווי די וואָלט"... (ז. 78), אַנשטאָט פּונקט אָדער אַקוראַט...

געדרוקט איז דאָס זאַמעלבוך ניט שלעכט, נאָר יודיש-ליך: מיט דרוק-פעהלערען.

N.

———

די יודישע וואָכענשריפט. אָרגאַן פאַר לעבענס-פראַגען און ליטעראַטור. רעדיגירט פון דוד פּינסקי און יוסף שלאָססבערג. נומ. 11—1, ניו-יאָרק.

עס ליעגט פאַר אונז דער נומער 11 פון דער דאָזיגער נייער יודישער וואָכענשריפט. די אויפגאַבע, וואָס די ניו-יאָרקער יודישע וואָכענשריפט האָט גענומען אויף זיך, איז — „צוריקצוקעהרען די יודישע לעזער (אין אַמעריקא — נ.) דעם ערנסט, וואָס איז זיי פערלאָרען געגאַנגען און צוריק אויפצולעבען אין זיי דעם רעספּעקט פאַר'ן געדרוקטען וואָרט, וואָס איז אין זיי אָבגעשטאָרבען". די אויפגאַבע איז, מיט אַנדערע ווערטער, מלחמה צו האַלטען געגען דער ווירקונג פון דער „געלער פּרעסע„, וואָס איז אין אַמעריקא אַזוי פערשפּרייט. די מלחמה ווערט געפיהרט דורך דאָס בלאָט ניט אויס'ן פּאָלעמישען, נאָר אויף אַ פּאָזיטיווען אופן: וואָך-וועכענטליך ווערען ערנסט און זאַכליך, אָהן קיין שום טומעל און סענסאַציעס, בעטראַכט די פראַגען פונ'ם אַלגעמיינעם און יודישען לעבען אין אַמעריקא; דאָס אָרטיגע פּאָליטישע און געזעלשאַפטליכע לעבען פערנעהמט אין זשורנאַל דעם אויבען-אָן. עס געפינט זיך פלאַץ אָבער אויך פאַר אַלגעמיינע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע פראַגען. די טענדענץ איז אַ סאָציאַליסטישע, אָבער אַ טיעף נאַציאָנאַלע. אין דער ליטעראַרישער אָבטיילונג האָט זיך דערהייל אויסגעצייכענט נאָר דער רעדאַקטאָר דוד פּינסקי מיט זיין היסטאָרישער ערצעהלונג „יוחנן כהן גדול" און זיין נייער דראַמע, אויך אַ היסטאָרישער — „דער שטומער משיח", וואָס איז ניט געענדיגט.

N.

———

אַרבייטער-ליטעראַטור.

„פראַגען פון לעבען". זאַמעלבוך, ווילנא 1911, פּרייז 25 קאָפּ.

„די נייע שטימע" נ. 3—1 זאַמעלבוך, ווילנא 1911, פּרייז צו 10 קאָפּ.

ד. ק. — „די נייע טובה" ווילנא 1911, פּרייז 3 ק.

„דער אָנפאַנג". זאַמעלבוך. ווילנא 1912, פּרייז 15 ק.

„דער שניידער", נ. 2—1 זאַמעלבוך, 1912, 5 קאָפּ.

אַ. עפּעלבוים. — פּפליכטען אויפ'ן פוד, רעכטען אויפ'ן לויט. 1912 5 ק.

אַלע אויסגערעכענטע אויסגאַבען געהערען לויט דער ריכטונג צו אַ געוויסער לינקער שטרעמונג ביי יודען און בעהאַנדלען ערנסט און מיט זאַך-קענטניש אַ גאַנצע רייהע פראַגען פון יודישען און אַלגעמיינעם לעבען פאַר די לעצטע צייט. בעזונדערס אויפמערקזאַם ווערען בעלויכטען אַלע געשעהענישען פון דער ווירקליכקייט, וואָס האָבען אַ שייכות צום אַרבייטער-קלאַס. אַזוי, צ.ב., געפינען זיך אין די אויסגאַבען זעהר גוט-צוזאַמענגעשטעלטע אַרטיקלען וועגען אַרבייטער-פערזיכערונג, פּראָפעסיאָנעלער בעוועגונג, שטרייקען, פערטרעטונג אין אינטערנאַציאָנאַל א. אַז. וו.

פון אַרבייטער-שטאַנדפּונקט ווערען בעלויכטען בכלל אַלע וויכטיגערע ערשיינונגען פון מאָמענט הן פון אינערן לעבען אין רוסלאַנד, הן פון יודישען לעבען, הן פון אַלגעמיינעם לעבען אין דער וועלט, — אַפילו פראַגען פון אויסערער פּאָליטיק. פון די גרעסערע אַרטיקלען וועלען מיר דאָ אָנרופען: די פּוילישע פראַגען, צו די קומענדע וואַהלען, די נייע זעמסטוואָ„ די יודישע שפּראַך אין אונזער פּריוואַט לעבען, די פאָלקסצעהלונג אין עסטרייך און די יודען, וועגען דער עמיגראַציאָנס-פראַגע, די וואַהלען צו דער וואַרשויער קהלה, יודישער וועלט-קאָנגרעס, ציוניסטען-קאָנגרעס, די וואַהלען אין דייטשלאַנד, מאַראָקאָ, פּערסיען, טריפּאָלי און אַז. וו.

די אַרטיקלען וועגען די יודישע פראַגען, ענען, פערשטעהט זיך, בולט בעפאַרבט מיט דעם קאָליער פון דער „געוויסער לינקער אַנשויאונג", און טרעטען שאַרף אַרויס געגען די ציוניסטען און נאַציאָנאַליסטען.

דער שטאָטישער זעלבסטפערוואַלטונג אין פּוילען איז ספּעציעל געווידמעט די בראָשור פון ה' א. עפּעלבוים, דער אַרבייטער-פערזיכערונג — די בראָשור פון ה' ד. ק., די פראַגען פון שניידער-פאַך — דאָס זאַמעלבוך „דער שניידער".

„דער שניידער" (ס'זענען אַרויסגעגאַנגען צוויי העפטען) איז בעזונדערס בעגריסט צו ווערען. אַזאַ מין אויסגאַבע איז זעהר ווינשענסווערט בכלל אין יעדען פאַך, פון די גרעסערע, אום די ספּעציעלע פראַגען זאָלען גרינדליך בעטראַכט ווערען פון די אַרבייטער גופא. אין קיין שום אַנדער זאַמלונג וואָלט ניט געווען מעגליך, פערשטעהט זיך, אַזאַ אַלזייטיגע און, דער עיקר, זאַכליכע בעהאַנדלונג פון די שניידער-אינטערעסען, ווי אין דעם דאָזיגען ספּעציעלען ביכעל. דער „שניידער" האָט זיך געשטעלט פאָלגענדען ציעל: „בעקאַנט מאַכען די שניידער מיט דער לאַגע פון די פערשיידענע צווייגען אין דעם שניידער-פאַך, אַנמערקען די וויכטיגסטע פראַגען, וועלכע שטעהען פאַר די שניידער אין זייער פאַך, אויפקלערען, ווי און אויף וויפיעל די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס פון שניידער וואָלטען געקאָנט אויסבעסערען די לאַגע". עס איז איבעריג אונטערצושטרייכען, ווי וויכטיג אַזוינע פאַך-אויסגאַבען זענען, און עס איז צו ווינשען, אַז דעם שניידער-פאַך זאָלען אין דער הינזיכט נאָכטאָן אויך אונזערע אַנדערע וויכטיגערע אַרבייטער-פאַכען. אין מערב-אייראָפּא האָבען אַזוינע אויסגאַבען דעם גרעסטען ערפאָלג, — ביי אונז איז עס אָבער נאָך אַ נייעס, און דעריבער איז בעזונדערס נויטיג די לעבהאַפטע שטיצע מצד די אַרבייטער פון יעדען פאַך בעזונדער.

אַלע אויסגערעכענטע זאַמעלביכער און בראָשורען זענען געשריבען אויף אַ גוטען און לעבעדיגען יודיש, איינפאַך, נאַטירליך און קלאָר, און לויט זייער אינהאַלט זענען זיי זעהר פּאָפּולער.

מ—ש.

———

יואל מאַסטבוים. סקיצען און בילדער. פערלאַג: „וועלט-ביבליאָטעק", וואַרשא, תרע"ב.

אַהויץ נאָמבערגין, מאָלען אַלע יונגערע יודישע שרייבער, וואָס שטאַמען פון פּוילען, מענשען מיט פריש, רויט בלוט אין די אָדערען, ניט קיין נעבעכלעך, ניט קיין „גלות-קינדער" מיט צו-

קראַנקע נשמות. צו נעהמט זיך עס דערפון, וואָס די דאָזיגע שרייבער זענען אַלע כמעט פאָלקס־מענשען, ניט קיין עלענדע, שוואַכע, אויף זיך אַליין און אויף דער וועלט ברוגז'ע יודישע אינטעליגענטען, צו איז די סבה דאָס, וואָס די יודען אין פוילען זענען בכלל קרעפטיגער, ווי אין דער ליטא, — ניט דאָ איז דער אָרט זיך אַריינצולאָזען אין ווייטע חקירות וועגען דעם ענין. דערמאָנט האָב איך עס נאָר דערפאַר, ווייל אויך אין מאַסטבוימ'ס סקיצען און בילדער הערט זיך פון אונטער דעם טרויער, וואָס וויקעלט זיי איין, דער אָטעם פון פרישער לופט. שורות זענען פאַראַן, וואָס לויט דער שפּראַך דערמאָנען זיי אָן אַנדערע פויליש־יודישע שרייבער, דער טאָן אָבער איז ביי דעם יונגען פערפאַסער אַן אייגענער, און אָט דער אייגענער טאָן, ניט די זאַכען, וואָס זענען דערוויילט, נאָר ווי שטיקלעך זאַכען, צווינגט אונז צונויגען דאָס אויער צו דעם, וואָס מאַסטבוים שרייבט. וועגען אָט דעם אייגענאַרטיגען טאָן וועלען מיר אפשר האָבען אַ שטיקעלע השגה, ווען מיר וועלען זאָגען, אַז מען האָט דאָס ביכעל „סקיצען און בילדער" געקאָנט אַ נאָמען געבען: חלומות. ניט נאָר ווייל אַלע כמעט חלומ'ן דאָ, אין שלאָף און אויפ'ן וואָהר, און די זאַך, וואָס טראָגט דעם נאָמען „וואַלד־יתומה", רופט זיך טאַקע „אַ קינדער־חלום", נאָר ווייל דער עצם שרייבען מאַסטבוימ'ס האָט אין זיך עפּיס פון אַ חלום. די שטיקלעך לעבען, וואָס ער ווייזט אונז, זעהט מען ווי דורך אַ נעפּיל פון זכרונות. דערפון, קאָן זיין, נעהמט זיך אויך די אָבגעריסענקייט און דאָס פערהאָלקענט־זיין. די אָבגעריסענקייט איז ניט קיין מעלה; די געפילדיגע פערחלומ'טקייט אָבער איז דאָס אייגענאַרטיגע, וואָס אינ'ם קליינעם ביכעל.

אייב דאָס איז אַ צוזאָג אויף קומענדיגע, גרעסערע און גאַנצערע זאַכען, איז עס ניט קיין שלעכטער צוזאָג.

די לעצטע אונפערשטענדליכע זאַך „האָלדרי! האָלדרי!" האָט געקאָנט בלייבען יעדענפאַלס ניט איבערגעדרוקט.

N.

―――――

רעוויס טריטש. פאַלעסטינא־האַנדבוך. דריטע אויפלאַגע יודישער פערלאַג, בערלין 1912.

ד"ר עליאַס אויערבאַך. פאַלעסטינא אַלס יודענלאַנד.

זעהר נוצליכע ביכער פאַר יודען, וואָס אינטערעסירען זיך מיט פאַלעסטינא. אויערבאַכ'ס ביכעל איז מעהר אַגיטאַטאָריש, טריטש'ס — וויסענשאַפטליך און פראַקטיש. דער עיקר איז אונבעדינגט נויטיג צו בעקענען זיך מיט טריטש'ס בוך. טריטש ווערט מיט רעכט גערעכענט פאַר איינעם פון די בעסטע קענער פון דער היינטיגער פאַלעסטינא, און אין אָנגערופענעם האַנדבוך האָט ער בעוויזען זעהר געלונגען צו בעאַרבייטען אין אַ צוטריטליכער און לעבעדיגער פאָרם דעם גרויסען און פערשיידענאַרטיגען מאַטעריאַל, וואָס די וויסענשאַפטליכע פאָרשונגען גיבען וועגען דער איצטיגער לאַגע פון ארץ־ישראל.

וועגען פאַלעסטינא איז פאַראַן אַן אונגעהויער גרויסע ליטעראַטור, טריטש האָט אָבער צוגעפּאַסט זיין בוך ספּעציעל פאַר די יודישע ציעלען, און מחמת דעם איז זיין ווערק בעזונדערס אינטערעסאַנט פאַר אונז. אומעטום געהען ביי איהם נאָך די רייכע אַלגעמיינע ידיעות וועגען דער אָדער יענער פראַגע די נייע יודישע אינפאָרמאַציעס. אַזוי צ. ב., בעטראַכט טריטש ספּעציעל די יודישע קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל, די יודישע שולען, די יודישע אינדוסטריע, די אַלע עקזיסטירענדע יודישע אַנשטאַלטען אין פאַלעסטינא, די יודישע בעפעלקערונג בכלל, דעם אַרבייטס־לוין און די אויסזיכטען פאַר יודישע אַרבייטער אין לאַנד, פערספּעקטיווען פאַר די יודישע קאָלאָניזאַציע און ענטוויקלונג אין פאַלעסטינא און אין די נאָכבאַרלענדער א. אז. וו. א. אַז. וו.

טריטש'ס בוך ענטהאַלט 340 זייטען און ניט אַ בעגריף וועגען אַלץ, וואָס קאָן נור אינטערעסירען אַ יודישען לעזער, ניט קיין ספּעציאַליסט אין פאַלעסטינא־פראַגען. מען קאָן דרייסט זאָגען, אַז יעדער, וואָס פערנעהמט זיך נור מיט ארץ־ישראל אָדער אינטערעסירט זיך מיט דעם לאַנד, מוז זיך בענוצען מיט טריטש'ס האַנדבוך.

מען דאַרף בעמערקען, אַז טריטש'ס האַנדבוך אין דער צווייטער אויפלאַגע איז אויך איבערזעצט אין רוסיש (פערלאַג „קדימה", ווילנא). אין רוסיש האָט דער פערלאַג „קדימה" אויך אַרויסגעגעבען אַ רייזעפיהרער איבער פאַלעסטינא ספּעציעל פאַר יודישע טוריסטען, דער ערשטער און איינציגער רייזעפיהרער אין דעם מין. אין יודיש איז פאַראַן נור אַ קליין בראָשור „ידיעות וועגען ארץ־ישראל", וואָס איז פאַר אַ קורצען משך ערשינען אין פיעל אויסגאַבען. דער דאָזיגער פאַקט בעווייזט, אַז עס איז העכסט נויטיג, אַז טריטש'ס האַנדבוך זאָל וואָס גיכער איבערזעצט ווערען אויף יודיש. „עס איז שוין לאַנג צייט צו פערשטעהן, אַז די ברייטע יודישע פאָלקסמאַסען האָבען אויך „דעם רעכט" צו פערמאָגען אַ גוטען בוך (געשריבען לויט די לעצטע מאַטעריאַלען פון דער וויסענשאַפט) וועגען דער איצטיגער פאַלעסטינא, פונקט ווי די, וואָס „לייענען רוסיש" אָדער פונקט ווי די „טוריסטען"...

אויערבאַכ'ס ביכעל, ווי אויבען בעמערקט, איז מעהר אַגיטאַטאָריש, ד. ה. עס שטעלט זיך גאַנץ אַנדערע ציעלען, ווי טריטש, וואָס וויל קודם כל געבען גענויע און קלאָרע פראַקטישע ידיעות און בעלייכטונגען. דאָך קאָן זיך בעציהען מיט צוטרוי צו אויערבאַכ'ס ביכעל אפילו ניט קיין ציוניסט אויך, ווייל דער פערפאַסער בעהאַנדעלט די פראַגע אויפריכטיג. ער קלערט אויף פאָלגענדע פונקטען: עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע, די יודישע בעפעלקערונג אין פאַלעסטינא, די שפּראַכען־פראַגע אין פאַלעסטינא, שולע און ערציהונג, יודישע קאָלאָניזאַציע, צוקונפט און ציעלען פון דער יודישער קאָלאָניזאַציע.

אויערבאַך שטעלט פעסט דעם פאַקט, אַז די יודען בילדען שוין איצט אין פאַלעסטינא כמעט 15 פראָצענט פון דער גאַנצער בעפעלקערונג, ד. ה. זיי בילדען אין ארץ־ישראל דעם גרעסטען פראָצענט, ווי אין אַלע לענדער אויף דער וועלט, אַ גרעסערען ווי אין די געדיכטעסטע צענטרען אין אייראָפּא, אין פוילען, בוקאָווינא און גאַליציען. דאָס איז באמת וויכטיג, אום גענומען צו ווערען אין אַכט.

אויערבאַך איז גוט בעקאַנט מיט די פראַגען, וועלכע ער בעהאַנדעלט, און אין דער הינזיכט ניט זיין ביכעל אַ געוויסען זיכערען מאַטעריאַל, הגם ניט קיין איבריגס גרויסען. איין טעות וועל איך דאָ פערצייכענען: אויערבאַך צעהלט די בעפעלקערונג פון די יודישע קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל אין 8000 נפשות, אין דער אמת'ן איז די צאָהל גרעסער אויף אַ גאַנצע פינפטעל: די נייעסטע פאָרשונגען שטעלען פעסט אַ צאָהל פון 10,000, טריטש — אונגעפעהר 9500.

מ. ש.

―――――

אינטערעסאַנטע קלייניגקייטען.

די היגיענע פון די גאַסען.

אין אויסלאַנד גיט מען זעהר שטרענג אַכטונג אויף די ריינקייט פון די גאַסען. ניט נאָר מען קעהרט און בעגיסט די גאַסען, נאָר ס'איז אויך שטרענג פערבאָטען צו שפּייען אויפ'ן גאַס בעזונדערס אין די אָמניבוסען, טראַמווייען און בכלל אין אַלע עפענטליכע ערטער. אין עסטרייך זענען אויף אַלע אייזענבאַהנען אַרויסגעהאַנגען פּלאַקאַטען, וואָס דראָהען מיט 200 קראָנען שטראָף אָדער 2 וואָכען אַרעסט די פערזאָנען, וואָס שפּייען אויפ'ן דיל. אין ליווערפּול קומט פאַר'ן שפּייען 40

שילינג שטראף. אין ניו־יארק ווערט דאס שפייען אויפ'ן דיל אין די טראמווייען בעשטראפט מיט 1000 רובל אדער א יאהר טורמע. אין די קלובען, האטעלען און אלערליי ביורא'ען שטעהען גרויסע מעשענע שפייקעסטלעך, וואס פערנעהמען א בכבוד'יגען ארט אין צימער. בעזונדערס גיט מען אכטונג אויף די חיות און בהמות. איבערהויפט אויף די הינד, וואס ריכטען אמאל איין די גאסען. דייער שמוץ ווערט געוועהנליך שיטער פון רעגען און אזוי קלעבט עס זיך צו צו די שיך. אין הויז ווערט עס פערטריקענט און שוועבט אין דער לופט צוזאמען מיט אלערליי שעדליכע מיקראבען. אין איינגע עסטרייכישע פראווינצען איז פערבאטען די דאמען צו טראגען שלעפעס. אין אונגארן צאהלט מען פאר א שלעפע אויפ'ן גאס 30 מארק שטראף. אין אמעריקא האלט מען פאר ניט אנשטענדיג צו שפאצירען אין א שלעפע, אדער אפילו ווען די קלייד בעריהרט די ערד.

———

א טעלעגראף אהן דראט צום מארס.

דער בעוואוסטער איטאליענישער ערפינדער פונ'ם טעלעגראף אהן דראט און פונ'ם גראמאפאן אהן א רופאר, אינזשענער מארקאני, איז יעצט זעהר שטארק פערנומען מיט פלאמאריאנס אידעע צו גרינדען א טעלעגראף אהן דראט צווישען דער ערד און דער פלאנעטע מארס. פאר די עלעקטרישע וועלען איז דער גרויסער שטח צווישען אט די צוויי פלאנעטען ניט קיין שוועריגקייט, ס'פאדערט זיך נאר א פאסענדער אפאראט, וואס זאל קענען שיקען אזוינע שטארקע עלעקטרישע שטראמען, וואס זאלען דורכגעהן אט דעם שטח. לויט מארקאני'ס אויסרעכענונגען דארף אזא אפאראט זיין 150—175 מאל אזוי גרויס, ווי דער גרעסטער פון היינטיגע טעלעגראף־אפאראטען. דאביי קען דער עלעקטרישער שטראם אנקומען אויפ'ן מארס ניט שפעטער, ווי אין 4—7 סעקונדען, און אין א מינוט ארום קען מען שוין האבען אנ'ענטפער פון דארט. איין קליינינקייט האט מעהר ניט, ווי ס'הייזט אויס, מארקאני פערגעסען. ס'איז נאך א גרויסער צווייפעל, צי די איינוואוינער פון מארס וויסען פון אזא ערפינדונג, ווי דער טעלעגראף אהן דראט, און צי זיי וועלען פערשטעהן די סיגנאלען, וואס מען וועט צו זיי שיקען.

———

שוואלבען.

ווי בעוואוסט, זענען די שוואלבען די ערשטע פייגעלעך, וואס קומען אין אנהויב פריהלינג צוריק פון די ווארעמע לענדער. די לעצטע פאר יאהר בעמערקט זיך, אז די צאהל פון די צוריקקעהרענדע שוואלבען איז א סך קלענער, ווי ביז אהער. די אייראפעאישע געלעהרטע האבען זיך פעראינטערעסירט מיט דער דאזיגער ערשיינונג, און איינער פון זיי, ד"ר דיק, גיט אזא ערקלערונג דערפון. די מעהרסטע שוואלבען פליהען אויף ווינטער אוועק איבער'ן מיטעל־ים אין צפון־אפריקא אריין. ביז פאר א קורצער צייט איז אט די געגענד געוועזען זעהר אונקולטורעל. איהר גאנצע בעפעלקערונג איז בעשטאנען פון נאמאדען און רויבער. ס'זענען דארט ניט געווען קיין וואוינונגען, וואו די שוואלבען וואלטען געקענט בויען זייערע נעסטען. די בעוואסערונג איז געווען א קארגע און גרויסע טריקענישען פלעגען הערשען אין דער צייט פון די היצען. אויך די פליגעלעך, מיט וועלכע די שוואלבען דערנעהרען זיך, זענען דארט געווען אין א קליינער צאהל. איצט אבער, צייט די אייראפעאישע לענדער האבען אהין געבראכט זייער קולטור, האבען זיך אט די בעדינגונגען אינגאנצען געענדערט. די געגענד איז שוין איצט א הויבש קולטורעלעס לאנד, וואס איז בעפלאנצט מיט קארן, ווייץ, וויינגערטנער און לאנקעס. אט די אלע פלאנצען ציהען צו מאסען פליגעלעך, זומערפייגעלעך און היישעריקען — דאס הייסט די גאנצע נאהרונג פון די שוואלבען. די הייזער, וואס ווערען דא געבויט, גיבען א גוטען שוץ פאר זייערע נעסטער, און זיי נויטיגען זיך ניט מעהר אין אייראפא, וואו דאס אונבעשטענדיגע וועטער, דער מאנגעל פון בוי־מאטעריאל פאר די נעסטען, און די נייע ארכיטעקטור פון די הייזער, וואס לאזען ניט קיין ערטער, וואו מען זאל קענען בויען נעסטען, שטערען די שוואלבען אין מאכען זייער לעבען.

———

אמעריקאנער פאלקס־ביבליאטעקען.

די אמעריקאנער פאלקס־ביבליאטעק איז שוין ארויס פון דעם צושטאנד, ביי וועלכען מיט ביכער פלעגען זיך בענוצען נור א קליינער הייפעל מענשען, זאגענאנטע „ליעבהאבער פון ליטעראטור" אדער געלעהרטע. ווער געהט ניט אין די אמעריקאנער ביבליאטעקען און וואס פאר א ביכער פאדערט מען דארט ניט? שניידער פאדערען ביכער אויף „אויסשניידען", א דרוקער וויל האבען א בוך וועגען זיין ארבייט, א מעכאניקער וועגען זיינער; א פארבער זוכט א בוך, וואס זאל איהם אויסלערנען פארבען לייוועגד א. אז. וו.

די ביבליאטעקען קומט אויס ניט בלויז צוזאמענשטעלען א ביבליאטעק און ארויסגעבען ביכער, נור אויך איינארדנען א צימער, וואו עס זיצט א ספעציאליסט און העלפט דעם לעזער אויסקלייבען א בוך, גיט איהם אנ'עצה, וואס און ווי צו לעזען. דער ביבליאטעקאר סטארעט זיך יעצט ניט אזוי, אז דאס בוך זאל צו דער צייט אריינקומען אין ביבליאטעק, נור ער זארגט וועגען דעם, ווי צו בעפריעדיגען אלעמען, ווי צו פערשפרייטען דאס בוך צווישען א ברייטערען קרייז לעזער. אין אסולע שטעדט, למשל, וואו עס איז ענטוויקעלט די פאבריק־פראדוקציאן, האבען די ביליאטעקען געסטארעט זיך צו קריגען זעהר פיעל פאך־ביכער, כדי די ארבייטער פון פערשיידענע פאכען זאלען האבען וואס צו לייענען. אין פראווידענס, למשל, האט דער ביבליאטעקאר געשטודירט די אלע פאכען, וואס ווערען געארבייט אין שטאדט, און האט געשאפען א ביבליאטעק פון 10,000 ביכער. אויסער דעם האט ער ארויסגעגעבען גוטע קאטאלאגען, איינגעארדענט צימערען מיט בעזונדערע טישען פאר צייכנען, צימערען אויף דרוקען פלאנען און קאפיעס — דאס אלעס קען דאס פובליקום אויסניצען פריי.

צו פערשפרייטען דאס בוך העלפען זעהר פיעל אין דעם הינזיכט די ארטיגע צייטונגען, וואו עס ווערט געדרוקט אלע טאג א צעטיל פון ביכער, וואס די אדער יענע ביבליאטעק פערמאגט בנוגע צו פערשיידענע פראגען.

א גרויסע הילף פאר די ביבליאטעקען זענען די עפענטליכע לעקציעס און אויסשטעלונגען, וואס זיי מאכען. עס קלייבען זיך צונויף פערשיידענע מענשען, מיט פערשיידענארטיגע היכענשאפטען און יעדער לייענט וועגען דער וויסענשאפטליכער אבטיילונג, וואס איז איהם מעהר בעקאנט לויט זיין פאך, אדער וואו ער איז מעהר פון די איבעריגע בעלעזען. עס קומט, למשל, א באהן־ארבייטער און רעדט זיך דורך מיט דער אידיטאריע וועגען דער בעדייטונג פון דעם טארמאז אין וואגאן. פארשטעהער פון פערשיידענע עלעקטרישע אדער גאז־פאבריקען לעזען א לעקציע אין זייער ספעציאליטעט.

נאך דעם, ווי מ'האט אבגעלעזען א לעקציע וועגען א וועלכער ניט איז פראגע, ווערט יעדען בעזוכער ארויסגעגעבען א צעטעל פון ביכער, וואס געפינען זיך אין ביבליאטעק וועגען דער פראגע. דערפון קומען־צו לעזער אין ביבליאטעק און קויפער פון ביכער.

אנדערע ביבליאטעקען זענען אוועק נאך ווייטער און האבען איינגעארדענט אבטיילונגען אויף אלע פאבריקען. אין יעדער פאבריק לויט איהר פאך ווערען אוועקגעשטעלט ביכער. אויך ווערען די ביכער בעזארגט אויף אלע שפראכען, ווילע

אין אמעריקא איז דא זעהר פיעל אימיגראנטען. איין מאל אין האך קומט דער ביבליאטעקאר, זעהט נאך, וואס פאר א ביכער זענען געביטען געווארען און קלייבט צו אנדערע.

וואס טוען די גאר קליינע שטעדטלעך אדר פערמעס, וואו עס לוינט ניט צו האלטען קיין שטענדיגע ביבליאטעקען?

זיי בעפריעדיגען מיט ביכער די ר י י ז ע נ ד ע ב י ב ל י א ט ע ק ע ן, וואס עס ארדנען איין פערשיעדענע אוניווערזיטעטען, בילדונגס-געזעלשאפטען, מוזייען און אז. וו. אויסער דעם האט זיך יעדער געגענד א י ה ר ע ביבליאטעקען-וועגעלעך מיט ביבליאטעקען-פוהר-לייט, וואס פאהרען ארום רעגולער אין די קליינע שטעדט און דערפער און בייטען ביכער. די בעריכטען פון די ביבליאטעקען-פוהר-לייט ווייזען, אז אין די קליינע שטעדטלעך און אין די דערפער איז א קלענערע נאכפראגע אויף שונד-ראמאנען, ווי אין די גרויסע שטעדט. און דאס איז גאנץ פערשטענדליך, ווייל די גרויסע שטעדט מיט זייער אויסערליכער קולטור, מיט דער שנעלער ענטוויקלונג פון דער טעכניק האט פערניכטעט און פערדארבען די נאטור, וואס ווירקט אלע מאל זעהר גוט, וועקט אויף אלע מאל די בעסטע און ריינסטע געפיהלען.

הויפטזעכליך אינטערעסירען זיך די ביבליאטעקען מיט די עמיגראנטען. דער עמיגראנט ארבייט די ערשטע צייטען זעהר שווער; אין אווענד דארף ער נאך בעזוכען א שול, וואו ער לערנט זיך די שפראך, און דעריבער איז איהם שווער צו געהן בייטען א בוך. כדי זיי גרינגער צו מאכען, ווערען די ביכער געביטען אין די אווענד-שולען גופא. די, וועלכע האבען ניט בעקומען קיין בילדונג, אדער די, וועלכע האבען ניט געקענט פערגעסען זייער בילדונג, ווערט צוגעשיקט טרייסט-בריעף: „ניט פאל ביי זיך אראב", „הויב אן זיך אליין צו בילדען", „די בילדונג איז ביי דיר אין די הענד" און אז. וו. און דאביי ווערט ער איינגעלאדען אין ביבליאטעק, וואו ער קריגט די נויטיגע ביכער.

זעהר ברייט זענען אין אמעריקא ענטוויקעלט געווארען די קינדער-ביבליאטעקען. אלס איליוסטראציע וועלען מיר ברענגען עטליכע ציפער. אין'ם שטאט מישיגאן, וואו עס געפינט זיך אימגעפעהר 300,000 איינוואוינער, ניט מען ארויס אין דעטרויט'ס ביבליאטעק נ ו ר ק י נ ד ע ר-ב י כ ע ר 10,000 בענדער אלע טאג. אין וואטשעסטער, אנ'ארט, וואו עס געפינט זיך אונגעפעהר 122,000 איינוואוינער, האט די ביבליאטעק געגעבען אלע טאג פאר שול-קינדער 2000 ביכער.

מיט איין ווארט, מ'קען זאגען, אז דארטען, אויף יענער זייט ים, קומט ניט אויס דעם לעזער צו זוכען דאס בוך, נור פערקעהרט, דאס בוך זוכט דעם לעזער.

די זון אלס מאשין-טרייבערין.

די ערד בעקומט פון דער זון זעהר פיעל ענערגיע. אין איין מינוט, למשל, גיט ארויס די זון פון זיך אזוי פיעל וואַרעמקייט, וויפיעל עס גיבען ארויס הונדערטער מיליאנען טאן שטיין-קויהלען און נאפט, וואס ווערען פערברענט אין משך פון א גאנץ יאהר אין אמעריקא. מיר בענוצען זיך אבער מיט דער זון-ענערגיע גאנץ ווייניג און אונדירעקט. מיר שעפען זי פון דער נאטור, וואו זי ליגט פערבארגען.

די הויפט-קוואלען פון דער ענערגיע זענען די פלאנצען אלס נאהרונגס-פראדוקטען און הייל-מאטעריאלען, הייזט, אלערליי בעשעפענישען (אלס נאהרונגס-מיטלען און ארבייטס-קראפטען) און וואסערפאלען, ווינדען (מעכאנישע, בעוועגענדע קראפט). דאס אלצדינג איז זון-ענערגיע, וואס איז נור פערוואנדעלט אין אלערליי געשטאלטען. נור נישט קוקענדיג אויף דעם, וואס די זונען-ענערגיע געפינט זיך אין א געוואלדיגער מאס אויף דער ערד — דאך געהט זי ביסלעכווייז אויס; דער הויפט-אוצר פון דער ענערגיע — די שטיין-קויהלען — ווערען אלץ ווייניגער און ווייניגער. איינער, אנ'ענגלישער בעריהמטער געלעהרטער האט ערקלערט, אז שטיין-קויהלען וועט נאך קלעקען נור אויף 175 יאהר. מיר דארפען אויך ניט פערגעסען, אז אין א סך ערטער פעהלען אינגאנצען וואסערפאלען, טייכען, שטיין-קויהלען; וואוהין עס איז זעהר שווער צו ברענגען עלעקטרי, צי מינעראלע הייל-מיטלען, און די זון גיט אויס דארט איהר ענערגיע אהן א שום נוצען. דעריבער האט מען זיך פעראינטערעסירט מיט'ן אויסנוצען די זון-ענערגיע. עס זענען געשאפען געווארען אזעלכע עלעקטרישע באטאריען, מיט וועלכע מען קאן די ליכט-און ווארעמקייט-ענערגיע פון די זוניגע שטראהלען גלייך פערוואנדלען אין עלעקטרי. די קראפט פון די זונען-שטראהלען איז זעהר גרויס. אויב מען זאל די שטראהלען לאזען פאלען אויפ'ן ברען-פונקט פון א בולט'ער גלאז, וועט זיך דארט צונויפזאמלען אזוי פיעל ווארעמקייט, אז זי וועט קאנען אויפהויבען די טעמפעראטור אויף איינגע הונדערט גראד און אויך אנצינדען האלץ. נור אין דער אמת'ן איז די קראפט פון די זונען-שטראהלען א סך גרעסער, ווי אונז דוכט זיך, ווייל א טייל פון דער ווארעמקייט שלינגט איין די ארומיגע לופט. נור אויב מען זאל בעזייטיגען די דאזיגע סבה, וועט די ווארעמקייט דערגרייכען ביז צו אזא מדרגה, אז זי וועט קאנען צושמעלצען שטיקער אייזען און קופער. אט מיט די קאנצענטרירטע זונען-שטראהלען האט מען זיך בענוצט ביים שאפען די ערשטע זונען-מאטארען אין יאהר 1871. די מאטארען האבען זיך בעוועגט מיט דאמפף פון א גרויסען דאמפף-קעסעל, אויף וועלכען עס זענען געפאלען די קאנצענטרירטע זונען-שטראהלען מיט דער הילף פון די בולט'ע גלעזער. יעצט שרייבען די וויסענשאפטליכע זשורנאלען, אז דער אמעריקאנער אינזשענער שומאן האט צוגעטראטען צו בויען א גרויסען מאטאר, וואס זאל האבען די קראפט פון 1000 פערד.

עס איז לייכט זיך פארצושטעלען, וואס פאר אנ'אונגעהויערע בעדייטונג עס האט פאר דער וויסענשאפט און פראקטישען לעבען די דאזיגע ערפינדונג.

א קינסטליכער רעגען.

אין בוענאס-איירעס האט א געוויסער אינזשענער אלסאן ערפונדען א איינפאכען מיטעל, ווי אזוי צו בעוועסערען די ערד אפילו אין דער צייט פון דער גרעסטער טריקעניש. די איינצעלהייטען פון אט דעם מיטעל זאגט נאך דערווייל דער ערפינדער ניט אויס. ער ערקלערט נאר, אז מיט דער הילף פון א גאנצער נעץ רעהרען זאמעלט ער אויף אין א אייזערנעם רעזערוואר וואסער פון טייכלעך, טייכען און ארטעזיאנישע ברונעמ'ס. מיט דער הילף פון עלעקטרישער קראפט הויבט ער דאס וואסער פונ'ם רעזערוואר אין דער לופט ארויף, און פון דאנען פאלט עס אראב ווי א רעגען אויף א גרויסע שטרעקע ארום. מיט איינצע אזוינע רעזערווארען איז לייכט צו בעוועסערען יעדען פלאץ, ווי גרויס ער זאל ניט זיין.

די שטאדט פערוואלטונג פון בוענאס-איירעס ווענדעט שוין אן אט דאס מיטעל צייט זעקס מאנאטען — און מיט גרויס ערפאלג.

דער פלאנצען-בעל-מופת.

אין קאליפארניען איז דא א וועלט-בעוואוסטער גערטנער-פלאנטאטאר מיט'ן נאמען ב ו ר ב א נ ק א. אט דער בורבאנקא האט דערגרייכט אונגעהויערע רעזולטאטען אינ'ם געביט פון דער קינסטליכער קולטור פון געמיזע (גארטען-פלאנצען), פרוכט און בלומען.

די וואונדערבאר-גרויסע געמיזען, די פיינשמעקענדע פרוכטען, די אונענדליך שען-געפארבטע פאנטאסטישע בלומען, וואס בורבאנקא האט א דאנק זיין קונסט און מיה בעקומען אויף זיינע פלאנטאציעס, האבען איהם געמאכט בעריהמט אין דער וועלט.

אין זיינע גערטנער פלאנצט ער פלוימען אהן ביינדעלעך, אגרעס — אהן הערלעך, רויזען אהן דערנער, א בעזונדער מין פרוכט — א מישונג פון אבריקאסען מיט פלוימען, א מין יאגדע — א מישונג פון מאלינעס מיט וואלד־ניס פון א וואונדערבארער גרויס, קאלאסאל-גרויסע מארגאריטען-גארטען-בלומען און אנדערע מערקווירדיגע בלומען.

אין אלע וועלטטיילען, בעזונדערס אין איטאליען און דרום־אמעריקא, האט בארבאנקא זיינע אגענטען, וואס שיקען איהם צו אזעלכע פלאנצען-עקזעמפליארען, וואס צייכענען זיך אויס מיט וועלכע ס'איז נוצליכע אייגענשאפטען (מיט זייער גרויס, לעבענס־פעהיגקייט, מיט דעם געשמאק אדער גרויסער צאהל פון זייערע פרוכט א. א. וו.), אט די נייע פלאנצען ערציהט בורבאנקא אויף זיין ערד און דאן פערמישט ער די צוגעשיקטע פלאנצען מיט יענע ארטיגע מינים, וואס זענען דיי נאהענט. די נייע פלאנצען, וואס ער בעקומט אויף אזא אופן, פערמישט ער ווידער צווישען זיך, אדער מיט יענע, פון וועלכע זיי זענען אויסגעוואקסען, און אזוי דערגרייכט ער נאך עטליכע יאהר די בעסטע רעזולטאטען.

טעלעגראף-פאטאגראפיע.

אין די פראנצויזישע צייטונגען איז ערשיענען א מעלדונג פונ'ם אינזשענער מארטיע, אז איהם האט זיך ענדליך איינגעגעבען אנצווענדען דעם טעלעגראף, אלס א מיטעל צו פאטאגראפירען מענשען — דאבײ זענען אויך געווען איינינע פאטאגראפישע בילדער, צווישען זיי פונ'ם פראנצויזישען פרעזידענט, וואס זענען אראבגענומען מיט דער הילף פונ'ם טעלעגראף.

א גענויערע בעלויכטונג פון אט דער פראגע און די געשיכטע פון זיין ענטדעקונג זאגט דער אינזשעניער צו צו געבען אין דער נאהענטער צוקונפט.

די אויפלעבונג פון פאפירוס.

די פאפיער־אינדוסטריע פערברויכט אזוי פיעל האלץ, אז צוליעב איהר זענען אין א משך פון 30 יאהר כמעט אינגאנצען פערניכטעט געווארען די גרויסע וועלדער פון א גאנצע רייהע שטאטען אין אמעריקא. ס'איז אויך קיין וואונדער ניט. אין דער פאפיער־אינדוסטריע איז אריינגעלעגט א קאפיטאל פון 625 מיליאן דאלאר., אבער איצט האט זיך אט די אינדוסטריע אליין ארומגעזעהן, אז ווייטער קען אזוי ניט געהן, און איז געפאלען אויף א פלאן זיך אומקערען צום געברויך פונ'ם פאפירוס, וואס מ'האט געברויכט אין די צייטען פון די אלטע עגיפטער. עטליכע יאהר נאכאנאנד האט א געוויסער ענגלענדער נארטאן געזוכט דעם פאפירוס אין עגיפטען, ענדליך האט ער איהם געפונען און איינגעפלאנצט נעבען נילוס. גלייך דעם ערשטען זומער איז געווען א גרויסע גערעטעניש פון אט דעם פלאניק, אז די ענגלענדער האבען איהם געקענט בענוצען אין א גרויסער מאס.

אין א משך פון א יאהר קען מען דעם פאפירוס 3—4 מאל שניידען, און פון איין העקטאר זריעה בעקומט מען 250 טאן תבואה. די ביכער, וואס זענען געדרוקט אויפ'ן פאפירוס, האלטען זיך טויזענדער יאהרען, בעת איצטיגע פאפיער ווערט נאך א 200—300 יאהר פערוואנדעלט אין שטויב.

פון מדבריות — בליהענדע פעלדער.

ווי בעוואוסט, איז דא אין אמעריקא א סך מדבריות, וואו ס'הערשט אנ'אייבינע טריקעניש. די אמעריקאנער רעגירונג האט בעשלאסען צו בעוועסערען און דאן קאלאניזירען אט די וויסטענישען. אין אנהויב האט זי דאך אליין גענומען צו דער דאזיגער ארבייט. אבער אזוי ווי די זאך איז צוגעגאנגען זעהר לאנגזאם, און ס'האט געקאסט טייער, האט די רעגירונג בעשלאסען זי איבערצוגעבען די ארטיגע שטאטען-רעגירונגען.

די פעדעראטיווע רעגירונג האט געשענקט יעדער בעזונדערען שטאט א מיליאן אקער טרוקענע ערד מיט דעם בעדינג, אז די ערד זאל ווערען בעוועסערט. ס'איז ארויסגעגעבען געווארען א געזעץ וועגען צוציהען צו דער זאך פריוואט־קאמפאניעס. די שטאטען, וואס האבען אויף זייער טעריטאריע „טרוקענע ערד“, שליסען א קאנטראקט מיט דער קאמפאניע וועגען דעם טערמין פון דער בעוועסערונג, וועלכער איז געוועהנליך ניט לענגער פאר פינף יאהר, וועגען דעם פרייז א. א. וו. די קאמפאניע מוז די בעוועסערטע ערד פערקויפען איינוואנדערער. דאבײ ווענען אין קאנטראקט גענוי בעשטימט די יעהרליכע אבצאהלונגען פאר די פערקויפטע ערד, אין וויפיעל יאהר עס מוז אויסגעצאהלט ווערען דער גאנצער פרייז פון דער קניה. די פראצענטען פאר'ן אבליגען דעם טערמין א. א. וו.

ווען די בעוועסערונג-ארבייט איז פערענדיגט, געהען די בעוועסערונגס־אינסטרומענטען איבער צו די איינוואנדערער, דאבײ ווענען אין קאנטראקט בעשטימט די בעדינגונגען דערפון. יעדער איינוואנדערער האט, לויט'ן געזעץ, דאס רעכט צו בעקומען א פלאץ ערד פון 15 ביז 60 דעסיאטין די גרויס. דער פרייז פון יעדער דעסיאטין איז 2 ר. 70 ק. דאבײ גיט דער איינוואנדערער דער קאמפאניע האנדגעלד, און בעת זי פערענדיגט די בעוועסערונגס־ארבייט, גיט זי איהם צו וויסען, און ער נעהמט זיך דאן בעארבייטען זיין פלאץ.

דאבײ לערנט מען אויך די איינוואנדערער, ווי אומצוגעהן מיט די בעוועסערונגס־איינריכטונגען, כדי זיי זאלען זיי קענען בענוצען. די קאמפאניעס בעקומען ביי אט דער ארבייט גרויסע פערדיענסטען, און דעריבער, בעת זיי ענדיגען די ארבייט אין איין שטאט, מאכען זיי א קאנטראקט מיט'ן אנדערען.

די שטאטען קאסט דאס גאר ניט, און זיי בעקומען גרויסע פלעצער קולטיווירטע און בעפעלקערטע ערד.

א סוף צו די פאסט־מארקעס.

אין ניי זעעלאנד האט מען איצט ערפונדען א מאשין, וואס וועט מסתמא אין גיכען פערבייטען די פאסטמארקעס. דאס איז א מין שטעמפעל־מאשין. זי לעגט ארויף דעם נויטיגען שטעמפעל איב'ן בריעף נאכדעם, ווי מען ווארפט אין איהר אריין די נויטיגע מטבע. אויף אזא אופן קען מען פערשפארען די ארבייט פון אנקלעבען און אבשטעמפלען די מארקעס.

א וויכטיגע ערפינדונג צו פערשרייבען נגונים.

א האנדעלס־קאמפאניע אין סטאקהאלם האט אנגעהויבען צו פערקויפען א נייע מאשין, וואס הייסט מעלאגראף. די מאשין איז ענליך צום פאנאגראף און דיענט צו פערשרייבען און רעפראדוצירען אלערליי נגונים. זי פערשרייבט ניט בלויז דעם קלאנג, נאר אויך דעם ארט שפיעלען, די פאוזעס און א. וו.

א רעגירונגס־פאנד אויף הכנסת כלה.

די פעראייניגטע שטאטען פון אמעריקא זעהען זיך אויך ארום מיט שרעק, אז די בעפעלקערונג זייערע ווערט געמינערט פון יאהר צו יאהר, אזוי ווי אין פראנקרייך. די דעפוטאטען־קאמער פון דעם שטאט איללינאאיס זוכט דעריבער שטארק מיטלען, ווי אזוי צו ראטעווען די מדינה פון אויסשטארבונג. מען פראיעקטירט

צו געבען אַ פּרעמיע 500 פראַנק יעדער פּרוויִנציִמער, וואָס וועט ברייננען אַ קינד אויף דער וועלט אין צייט פון צוויי יאָהר נאָך דער חתונה. די דאָזיגע פּרעמיע וועט ווערען פערגרעסערט ביי יעדען נייעם קימפעט. פון וואַנען וישע וועט מען נעהמען אָט דעם מאָנד? — פון אָבצאָהל, נאַטירליך, אויף אַלע בחורים, וואָס פּערזיצען זיך אַריבער 35 יאָהר. ס'איז געווען אַ פּראָיעקט צו בעליינען מיט אַ אָבצאָהל פון 25 פראַנק אויף יעדע אַלטע מויד. נעגען דעם האָט זיך אָבער אויפגעהויבען אַ קאַמפף. די געגנער טענה'ן, אַז די אַלטע מוידען זענען געביך ניט שולדיג, וואָס זיי פּאַרזיצען זיך. ס'איז געבליבען, אַז ס'איז מעהר יושר'דיג אַנ־שטאָט צו קנס'ענען אַלטע מוידען מיט שטראָף, אויסשדכ'ענען זיי בעסער התנים, געבען זיי נדן און פערהעלפען זיי החתונה צו האָבען.

——————

גט'ן אין אַמעריקא.

לויט די סטאַטיסטיק ווייזט, ווערט דער בונד פון פאַמי־ליען־לעבען שוואַכער אין אַמעריקא פון יאָהר צו יאָהר. אין אַ משך פון די לעצטע 40 יאָהר, צ. ב. (פון 1867 ביז 1906), זע־נען פאָרגעקומען אין די פעראייניגטע שטאַטען איין מיליאָן מיט 250 טויזענד גט'ן. אָבער וועהרענד אין יאָהר 1867 איז פאָר־געקומען 10,000 גט'ן האָט די צאָהל פון די שיידונגען צווי־שען מאַן און ווייב געשטיגען אין 1906 העכער ווי זיעבען מאָל אַזוי פיעל. נאַטירליך, דאַרף מען נעהמען אויך אין בעטראַכט, וואָס די בעפעלקערונג איז פאַר דער צייט אַ סך גרעסער געוואָרען. די צאָהל פון די גט'ן איז אָבער דאָך גרעסער געוואָרען אַ סך מעהר, ווי דער צו־וואוקס פון דער בעפעלקערונג. וועהרענד צ. ב., אין 1870 איז געווען אויף יעדע 100,000 מאַן בלויז 81 גט'ן, איז אין יאָהר 1906, אויף דיזעלבע צאָהל איינוואוינער שוין געווען 200 גט'ן. דעסגלייכען ווייזט אונז די סטאַטיסטיק, אַז שיידונגען צווישען מאַן און פרוי קומען פאָר אָפטער אין די מזרח־שטאַטען פון אַמעריקא, ווי אין די מערב־שטאַטען. נאָך אַ קוריאָז דאַרף מען בעמערקען: אין דער צייט פון אַ עקאָנאָמי־שען קריזיס ווערט די צאָהל פון די גט'ן אַ סך ווינציגער. אָט אַזוי ווערט דאָס גוי'איש ווערטעל „קאלי מוזש ס'זשענאָי סוואָריטסיאַ, קאלי טראַסטסאַ ו'האָרשקע וואַריטסיאַ“, (ווען קריגען זיך מאַן און ווייב, בשעת ס'קאָכט זיך קדחת אין טאָפּ) — אין אַמעריקא מקיים אויף דער לינקער זייט.

——————

ווי אַזוי צו מאַכען אַ געוויכט אויף אָבצואוועגען בריעף.

יעדער קאָן זיך מאַכען אַזאַ געוויכט און עס דאַרף גאָרנישט קאָסטען. מען נעהמט אַ גוט אָבגעהובעלטען העלצעל פון אַ זיעבען ווערשאָק און מען בינט־צו אַ געווילטעל אויף אַזוי פיעל, אַז אין אַ באַנקע מיט וואַסער זאָל זיך דאָס העלצעל אַראָב־לאָזען אויף צוויי דריטעל. אויבען אויפ'ן העלצעל ווערט צוגעשלאָ־גען מיט אַ טשוועקעל מיט אַ שטיקעל קאַרטאָן, אויף וועלכען עס ווערט אַרויפגעלעגט דער בריעף. אויפ'ן קאַרטאָן ווערט אַרויפ־געלעגט ביסלעכווייז אַ לויט, צוויי, דריי און ווייטער און יעדען מאָל צייכענט מען אָן אויפ'ן העלצעל, אויף וויפיעל עס האָט זיך אַראָב־געלאָזען אין וואַסער אונטער דער געוויכט פון די לויטען. ביי יעדען צייכען שטעלט מען דעם ציפער. דאַמאָלסט קען מען וועגען בריעף. אויף וויפיעל עס לאָזט זיך אַראָב דער העלצעל אין וואַסער, אַזוי פיעל לויט וועגט דער בריעף.

——————

היילען דורך פאַרבען.

אָנשטאָט קאַלטע וואַנעס אין משוגעים־העמדלעך, האָט מען יעצט געפונען אַ נייעם און בעסערען מיטעל צו היילען אונ־רוהיגע גייסטיגע קראַנקע. אין אַמעריקא, אין דער שטאָדט באָרטאָנ־היל פון דעם שטאַט אילינאָיז, האָט מען ניט לאַנג אויסגעבויט אַ האָספּיטאַל פאַר גייסטיג־קראַנקע, וואו מען היילט זיי נאָר דורך פערשיעדענע קאָלירען, מיט וועלכע עס זענען געפאַרבט די וועגד און באַלקען פון זייער צימער ביי־טאָג, אויך דאָס גלאָז פון דער לאָמפּ אין דעמזעלבען צימער ביינאַכט. פאָלגענדע פאַרבען ווירקען זעהר גוט אויף פערשיעדענע סאָרטען גייסטיגע קראַנקע: שוואַרץ, רויט, גרין, בלוי, געלב, פיאָלעט. פיאָלעט בענוצט מען פאַר זעהר רייצבאַרע קראַנקע און ס'ווירקט אויף זיי בערוהיגענד; רויט — פאַר מרה־שחורה'ניקעס, אויף וועלכע אָט דער קאָליר ווירקט אויפמונטערנד; גרין — דער קאָליר פון האָפנונג — פּאַסט אויך אַ הייטערע שטימונג ביי מעלאַנכאָליקער. שוואַרץ — האָט זעהר אַ שטאַרקע ווירקונג אויף משוגעים, וואָס שלאָגען זיך. אַזאַ וואַהנזיניגען לאָזט מען אַריין אין אַ צימער, וואָס איז דורכאויס געפאַרבט שוואַרץ. דאָס מאַכט אַזאַ שרעקליכע ווירקונג אויף דעם קראַנקען, אַז ס'איז גענוג צו האַלטען איהם דאָ אַ פּאָר טעג, און אָפּט ווייניגער, ער זאָל ווערען געהאָרכזאַם און רוהיג. דאָס שוואַרצע צימער ווערט דעריבער איבער זיין שאַרפע ווירקונג זעלטען גע־ברויכט.

——————

אַ פּולווערי זאַטאָר.

אַ פּולווערי זאַטאָר דאַרף גאָרנישט קאָסטען און עס קומט זעהר אָפּט צונוץ אין שטוב־ווירטשאַפט. מען נעהמט צוויי רעהרלעך פון געגזען־פעדערס און מען שטעלט אַריין אין אַ קאָרק, וואָס אַ מיטעלע טייל פון איהם איז אַרויסגעשניטען. מען שטעלט אַריין די פעדערס אין דער לענג און ברייט פון קאָרק אַזוי, אַז די צוויי פעדערס זאָלען זיך צוזאַמענקומען און בילדען אַ ווינקעל. דאַן שטעלט מען אַריין די פעדער, וואָס אין דער לענג פון קאָרק אין אַ פלעשעל מיט פליסיגקייט און מען בלאָזט אין דער צווייטער רעהרעל. דאַמאָלסט וועט זיך די פליסיגקייט פונאַנדערשפּריי־טען, ווי פון אַ פּולווערי זאַטאָר פון דער בעסטער קאָנסטרוקציע.

מען קען עס אויך מאַכען מיט צוויי שטרויען.

——————

ווי אַזוי לייכט אַרויסצונעהמען אַ סטראָם.

אַז מען פערסטראָמט אַ פינגער, קאָן מען זעהר לייכט אַרויס־נעהמען דעם סטראָם פונ'ם פלייש מיט דאַמפף. מען גיסט אָן אַ פלאַש וואָס האָט אַ לאַנגען האַלז מיט הייסען קאָכיגען וואַסער און די שטעלע, וואו דער סטראָם איז אַריינגעשטאָכען, לעגט מען אויפ'ן מויל פונ'ם האַלז. דער האַלז זויגט גלייך די הויט אין זיך אַיין און שטופּט אין אַ מינוט, צוויי דעם שפּליטער אַרויס. קיין ענט־צינדונג קומט דאַמאָלס ניט פאָר.

——————

נעקראָלאָגע.

פּראָפעסאָר
עמנואל מאַנדעלשטאַם.

איינעם פון די בעסטע האָבען מיר אָנגעוואָרען. דאָס איז געווען אַנ'עכט יודיש האַרץ, אַנ'אמת'ער אברהם אָבינו'ס איי־ניקעל, איינער פון די גרויסע רחמנים בני רחמנים. סיי פאַר'ן אייביגען צער פון זיין אומה און סיי פאַר'ן נויט פון איט־ליכען יחיד איז זיין האַרץ און זיין האַנד אָפען געווען. קיינער פון די טויזענדער, וואָס האָבען זיך געווענדט צו איהם נאָך הילף,

איז ניט אַוועק מיט ליידיגע הענד, איז ניט אַוועק אַן׳אונגעמריסטער, אַן׳אונגעשטאַרקטער. גרויס איז ער אויך געוועזן אין זיין וויסענשאַפט, און אוודאי הונדערטער האָבען איהם דייער אויסגעגליכט צו פערדאַנקען. און גרייט איז ער געוועזן צו דיענען דער וויסענשאַפט מיט אַלע כחות פון זיין גרויסער נשמה, אָבער צו גרויס איז געוועזן דער קרבן, וואָס האָט זיך געפאָדערט צוליעב דעם... אַזוי איז ער געבליבען ביי אונז און מיט אונז, געטריי ביז׳ן לעצטען אָטעם־צוג, לעבענדיג אין דער אַרבייט פאַר׳ן פאָלק און פאַר זיין צוקונפט.

אַז עס האָבען זיך באַוויזען די ערשטע סימנים פון דער יונגער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, בשעת דאָס פאָלק האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ שווערען הינהערפלעט און האָט אַרויסגעוויזען דעם פערלאַנג צו נעהמען זיין היסטאָרישען גורל אין זיינע אייגענע הענד, איז פראָפעסאָר מאַנדעלשטאַם געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָבען דעם נייעם פאָלקס־דופק דערשפירט. צ י ו ן איז דעמאָלט געווען דער צויבער־וואָרט, וואָס האָט אויסגעדריקט דעם פאָלקס שטרעבונג צו אַ נייעם לעבען. און פראָפ. מאַנדעלשטאַם ווערט איינער פון די גרעסטע העלפער פונ׳ם ציוניסטישען פיהרער. נאָר אַז די צרות האָבען זיך אַלץ געמעהרט, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ציון קאָן די ישועה ניט ברענגען, לכל הפחות ניט אַזוי גיך און ניט אַזוי גרינדליך, ווי דאָס פאָדערט די גרויסקייט פון דער נויט, — האָט מאַנדעלשטאַם פערלאָזען דעם ציוניזם. איהם איז דאָס לעבענדיגע פאָלק טייערער געווען פאַר׳ן פערשטיינערטען פרינציפּ. בכן האָט פראָפ. מאַנדעלשטאַם אין די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען גענומען זיך פאַר׳ן איינאָרדנען די יודישע עמיגראַציע, האָפענדיג, אויף אַזאַ אופן צו געפינען פאַר די וואַנדערער אַ פריי לאַנד, וואו דאָס פאָלק זאָל קאָנען זיך נאַציאָנאַל ענטוויקלען.

אויב די האָפנונג אויף אַ פרייע טעריטאָריע, וואָס האָט געלעבט אין מאַנדעלשטאַם׳ס נשמה, איז אפשר נאָך ווייט פון מקוים צו ווערען, האָט דאָך זיין אַרבייט אויף צו רעגולירען די עמיגראַציע שוין אָנגעהויבען צו טראָגען פירות. דורך דער עמיגראַציע אין גאַלוועסטאָן, וואָס מאַנדעלשטאַם איז געווען איינער פון די הויפּט־טוער פאַר איהר, איז געלעגט געוואָרען אַ נייער יודישער צענטער, וואו עס וועלען אפשר מיט דער צייט גרויסע מאַסען יודען קאָנען דערגרייכען צו אַ געזיכערטען און קולטורעלען לעבען.

ווי מען זאָל זיך ניט באַציהען צו מאַנדעלשטאַם׳ס קאָנקרעטער אַרבייטס־פּראָגראַם, נאָר דאָס מוזען מודה זיין אַלע: אַ הייסער, געטרייער יוד איז ער געווען, איינער פון יענע יודען, וואָס ווערען אַלץ זעלטענער אין אונזערע דורות צווישען די מענשען פון זיין קלאַס. נאָך אַ סך גלגולים און איבערקעהרענישען וועט אוודאי דורכמאַכען די יודישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג, נאָר אויף אייביג איז אויסגעקריצט אויף איהר מאַנדעלשטאַמס פּאַטריאַרכאַלישע געשטאַלט, אַלס איינע פון איהרע שענסטע טרעגער.

— — — —

מנשה מרגלית.

ער איז געווען אַ שענער יוד, אפשר די שענסטע פיגור פונ׳ם גאַנצען השכלה־דור. אַ ריינע, כשר׳ע נשמה, אַן׳אידעאַליסט פון ריינסטען געבליט, געטריי די אידעאַלען פון דער יוגענדצייט ביז צו דער לעצטער מינוט, איז ער געווען טיעף איבערצייגט, אַז די השכלה, די אויפקלערונג איז די איינציגסטע און בעסטע תרופה פאַר די יודישע צרות. געבאָרען און אויסגעוואַקסען אין אַזאַ צייט, בשעת דאָס פאָלק האָט זיך נאָך ניט געהאַט אויסגעכאַפּט פון זיין מיטעלאַלטערליכען דרימעל, בשעת די אַרבייט אין פאָלק גופא האָט זיך נאָך ניט געהאַט אָנגעהויבען, בשעת אפילו דעם פאָלקס שפּראַך איז געווען אינגאַנצען פער׳מיאוס׳ט, — האָט מנשה מרגלית זיך פערנומען מעהר מיט דער פערטיידיגונג פון דעם פאָלקס אויסווענדיגסטע פּאָזיציעס. מיט דער הילף פון דער וויסענשאַפט — וואָס, לויט זיין מיינונג, איז זי די שאַרפסטע געוועהר קעגען אַלדאָס בייז אויף דער וועלט — האָט ער זיך גענומען אָבצופרעגען די פערשיידענע בלבולים און פאָראורטיילען, וואָס זענען פערשפּרייט געגען אונז צווישען אונזערע שכנים. אַזוי זענען געשאַפען געוואָרען אַ גאַנצע רייהע היסטאָרישע און פּובליציסטישע אַרבייטען מיט אַ באַדייטענדען וויסענשאַפטליכען ווערט, וואָס די וויכטיגסטע פון זיי זענען צונויפגעקליבען אינ׳ם רוסישען זאַמעלבוך „Вопросы еврейской жизни“.

די לעצטע יאָהרען איז מ. מרגלית געווען אַ זעלטענער גאַסט אין אונזער ליטעראַטור. ער האָט זיך, משמעות, געפיהלט פרעמד אין דער נייער, נאַציאָנאַליסטישער סביבה, וואָס איז אין פלוג פיינדליך צו די אידעאַלען פון זיין יוגענד. נאָר אין דער אמת׳ען איז דאָס נישט מעהר ווי אַן׳אויסמיידליכער טעות אין דער פערספּעקטיוו. די קולטור־געשיכטע, וואָס ווייס ניט פון קיין פּניות און פון קיין שפּרונגען, וועט באַווייזען, אַז בעצם איז די סתירה צווישען דער השכלה און דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג אַ סתירה פון דער פאָרם, וואָס איז געדרונגען פון דער פאָרגעשריטענער ענטוויקלונג. די פּראָגרעסיווע נאַציאָנאַליסטען האָבען איבערגענומען די ירושה פונ׳ם השכלה־דור, אַריינצוטראָגען וואָס מעהר ליכט אין אויפקלערונג צו די ברייטסטע פאָלקס־מאַסען. און אַזוי וועלען זיי אויך מיטטראָגען די געדעכעניש פון מ. מרגלית, איינעם פון די שענסטע טוער פון פערגאַנגענעם דור.

— — — —

ד״ר פייערטאַג.

אין באָברויסק איז געשטאָרבען ניט לאַנג דער אָרטיגער כלל־טוער ד״ר פייערטאַג. ד״ר פ. איז ניט געווען אַזאַ באַוואוסטע פערזענליכקייט, ווי ד״ר מאַנדעלשטאַם, דער באָדען פון זיין טעטיגקייט איז ניט געווען אַזאַ ברייט־נאַציאָנאַלער, ווי דעם פערשטאָרבענעם טעריטאָריאַליסטישען פיהרער׳ס. בעשיידען איז געווען דער קרייז פון ד״ר פייערטאַגס ווירקען. ער איז קיין מאָל ניט אַריבער די גרעניצען פון זיין אייגען שטאָדט. אָבער דער ווערט פון אַ מענשען ווערט ניט אָבגעשאַצט נאָך דער ברייט פון זיין ווירקונגס־קרייז, נור נאָך דעם גראַד פון ליעבע צו די עלענדע און ליידענדע, אונאָבהענגיג פון יעדען קרייז. פון אָט דעם ריכטיגען שטאַנדפּונקט, איז דער פערשטאָרבענער ד״ר פ. געווען איינער פון די שענסטע מוסטערן דאָקטוירים־אידעאַליסטען פונ׳ם עלטערן השכלה־דור, אידעאַליסטען וואָס זענען אונז אַזוי ליעב און טייער, ווייל זייער צאָהל ווערט, צום באַדויערן, אַלץ ווינציגער.

העכסט אינטערעסאַנט זענען די כאַראַקטעריסטיקען און ערינערונגען, וואָס ווערען געווידמעט דעם פערשטאָרבענעם באָברויסקער דאָקטאָר אינ׳ם „באָברויסקער וואָכענבלאַט“. פון זיי זעהט מען, וואָס פאַר אַ גרויסען פּלאַץ אין יודישען פאָלקס־לעבען עס פערנעהמט דער יודישער דאָקטאָר, מיט וואָס פאַר אַ ליעבע עס שלאָגען איהם טויזענד הערצער אַנטקעגען, ווען ער, דער יודישער דאָקטאָר, האָט נאָר אַליין הערץ פאַר דאָס יודישע ליידען.

— — — —

פאלקלאר.

אחשורש — פורים-שפיעל.

ערשטער אקט.

(12 מאן חאר געהען אריין און זינגען:)

דאָ קומט דער פאטער קיניג אין דיזענעם טיר,
דאָ שפּילען זיי טראָמפּייטער אויף רוסקי מאניר,
לאָקאיען אין דער רעכטער האנד,
לאָקאיען אין דער לינקער האנד,
דעם קיסר בראַף צו דיענען,
צו דיענען
אויף דער גאנצער וועלט,
דעם קיסר בראַף צו לויבען,
צו לויבען,
נאָר פאר ווינציג געלד.
ווי הויך זענען די בוימער,
הי גרין זענען די גרעזער,
קאפּיטאן, לויטערמאן, סאלדאטיאָ!

(ס'קומט אריין דער קענצלער):

אין אַ גליקליכער צייט
טו איך מיר, הער קענצלער, הערייך צו קומען,
דען מיט מיינען ווארטען וועל איך מאכען זומען,
דען איהר זאָלט וועלען ווּיסען,
דאָ טוט זיך ביי איך אַ גליק פּאסירען:
צוויי מענער קומען אריין אין געצעלט.
איינער שפּרינץ המן
ברומט מיט איהם די גאנצענע וועלט.
דער אַנדערער פּיס-יוד מאָנדרעלי,
אַ שלעפער, אַ בעטלער, וואו אַ התונה, וואו אַ ברית,
דאָרטען האָט ער ניט געפעהלט
אין אַ טעלער געשטעלט.
אַ פּאטרעט — אויף צו קוקען,
אַ האָרב אויפ'ן רוקען,
און אין דר'ערד טוט ער קוקען.
נאָך אַ סימן וועל איך אייך זאָגען.
מ'האָט עם ניט לאנג
באנקעס צוגעשטעלט צום רוקען.
מעהר האָב איך מיט אייך ניט צו פערברענגען
און צו פערזאמען,
פּרינץ המן דאַרף אַריינקומען.
אריין, אריין,
שפּרינץ המן דו מיין!

ה אָ ר: הערען קאמאראטען,
וואָס זייט איהר פאר אַ לייט!
מיר זענען מאסקוואטירען,
מיר זענען בראווע לייט!
צי זייט איהר ניט פון פּראג געצווינגען
פון דער שילער זייט?

ק ע נ צ ל ע ר: אַך, און ניין, און ניין!
מיר זענען ניט פון פּראג געצווינגען,
פון דער שילער זייט.
דער אַלמעכטיגער גאָט,
דער וואס זיצט אין זיבעטען הימעל,
סיי אָרים, סיי רייך זענען מיר אַלע צוגלייך.

ה אָ ר: אָרים און רייכע
זענען מיר אַלע צוגלייכע
טררא לא-לא-לא, לא-לא...

לא-לא-לא-לא-לא-לא-אם...

(שפּרינץ המן געהט אריין מיט אַ קוראַוש):

דען דו הויכער גאָט
פון דעם ערשטען הימעל
פון צווישען אייך
אָבצוהעלפען זאָלט איהר מיר,
אַלע אין דעם מאָל צוגלייך,
דען צו דעסטמאָל וועל איך טאָן שפּאציערען,
מיט די פּסא-קאנאלסקע יודען
וועל איך טאָן שטודירען;
דען איך בין געקומען אראָבגעהמען
פון עמלק — וויידען אַגג.
דרום סאלדאטיאָ, קאפעלמייסטער צו שפּילען:

ה אָ ר: טאָם-טי-דע-רא, טי-דע-ראם-טאָם!
טאָם-טא-דע-רא-רא-רא-רא, ראם
טטי-דע-רא-טי-דע-ראם!

ה מ ן: גרין די פעלדער,
פריי אין די וועלדער,
טרעטען זיי מיט פרייז
און צו מיר אריין!

(אחשורוש קומט אריין מיט ושתי'ן)

אַ גוט נ'אָבענד, אַ היל-טריי-נ'אָבענד
צום הער קוואַרטירען!
דען איהר זאָלט וועלען ווּיסען,
איך בין הער אחשורש,
אָך, אין דרייצעהן טעג
בין איך איבער די פּאָצטען איבערגעפלויגען.
ביז איך האָב די שענע, פיינע קוואַרטירען
אָנגעטראָפען.
דיזע שענע, פיינע קוואַרטירען
איז מיר זייער געפעלען!
דרום פערלאנג איך פאר מיר
און פאר דער פרוי ושתי
צוויי קליונטעס (קרעסלעס) צו שטעלען.
רא-רא-רא! ווי איך טו מיר מיט דער פרוי ושתי
אויפ'ן שטוהל צו זיצען,
דרום פערלאנג איך דעם שענסטען, דעם בעסטען,
הער קענצלער, אליין צו באניצען.
הער! קען-צלער! דו באדינער, דו מיין,
לויפען זאָלסטו אין מיין גאָרטען אריין!
בעפעהלען זאָלסטו שטוהלען מיט קאנאפען
אָנצוצ'העז,
איך דאַרף געהן מיט אַלע בראווע הערען שפּאַצירען.

(קענצלער געהט-צו צו אחשורש און שטעלט זיך
וואָ פראָנט. ער הערט צו זיינע ווערטער און געהט
אָב פון איהם דריי טריט, געהט-צו צו איהם צוריק
און זאָגט איהם):

פּאָטער קעניג, אייערע וואָרטען האָב איך געטאָן צו הערען,
אייער שען חיינגאָרטען האָב איך געטאָן צו צירען,
קוקען זיי שען און פיין,
טרעטען זיי מיט פרייד אין מיין גאָרטען אריין.

(ו ש ת י געהט אוועק, זעצט זיך אויף אַנ'אַנדער שטוהל אָן אַ זייט).

ק ע נ צ ל ע ר (צו המן): שפּרינץ מיניסטער המן, טו אַ קוק,
ווי מיין פרוי מיט דיין פרוי טוען אין חיינגאָרטען שפּאַצירען.

אַ ה ש ו ר ש (גיט זיך אַ חאַפּ) הא-הא-הא, ווי אַלע הערען און
גראפען, מיניסטאָרען
טוען זיך מיט זייערע פרויען צו בעריהמען,

דען אזא פארשוין, ווי מיין פרוי ושתי איז ניטא צו געפינען.
דרום הער קאנצלער, דו באדינער, דו מיין,
לויפען זאלסטו צו דער פרוי ושתי'ן אין צימער אריין,
אין דיזע זאכען זאל זיין פיין און שען,
און אויף איהר קאפ זאל זיין די גילדערנע קרוין,
און אין דיזע זאכען זאל זי זיין געשווינד און גיכער
און איןביידע הענד זאל זיין צוויי גילדערנע בעכער
פאר מיר און פאר אלע הערען,
מוז זי זיך נאקעט שטעלען.

ק ע נ צ ל ע ר (צו דער מלכה ושתי): פריי מוטער ושתי,
וואס דער פאטער קעניג געטאן צו פערלאנגען,
דארף איך אייך דערלאנגען.
און דיזע זאכען זאל זיין פיין און שען,
און אויף אייער קאפ זאל זיין די גילדערנע קרוין,
און דיזע זאכען זאל זיין געשווינד און גיכער,
און אין ביידע הענד זאלען זיין צוויי גילדערנע בעכער,
פאר עם און פאר אלע הערען
מוזט איהר זיך נאקעט שטעלען.

ו ש ת י (צום קענצלער): הער קענצלער, דו באדינער, דו מיין,
לויפען זאלסטו צום פאטער קעניג אין צימער אריין,
פארשפרעכען זאלסטו איהם שען און פיין,
ער האט זיך אנגעטרונקען מיט מעד און מיט וויין,
נעהן זאל ער אין קאבינעט פאפען אריין.
צי דען וואס דולט זיך עם, דען ער געהט ארויס
פון די גרויסע הערען.
דען איך קום ארויס פון די גרויסע קאוואליערען,
דען מיין עלטער-פאטער פון בבל, געוועזען א בראווען מאן
ער'ט געקענט אויסטרינקען וויין פאר א פאר טויזענד מאן,
דרום זאל ער מיט מיר ניט שטודירען,
ווארום ער'ט מיט מיר גאר נישט אויספיהרען.

ק ע נ צ ל ע ר (צום קעניג): פאטער, קעניג! איך האב אייך האס צו זאגען,
נאר איהר זאלט מיר צום טויט ניט שלאגען.

א ח ש ו ר ש (צום קענצלער): רייד!

מ ר ד כ י (לויפט אן, צום קעניג): קומען זאל אויף דיר א טויט!

ק ע נ צ ל ע ר (צום קעניג): פאטער, קעניג, וואס די פרוי מוטער
האט געטאן צו פערלאנגען,
מוז איך אייך דערלאנגען.
איהר ט'זיך אנגעטרונקען מיט מעד און וויין,
געהען זאלט איהר אין אייער קאבינעט פאפען ארי'ן,
צי דען וואס דולט זיך אייך,
אז איהר קומט ארויס פון די גרויסע הערען,
דען זי קומט ארויס פון די גרויסע קאוואליערען.
דען איהר עלטער פאטער פון בבל געווען א בראווער מאן,
ט'געקענט אויסטרינקען וויין פאר 4 טויזענד מאן.
דרום זאלט איהר מיט איהר ניט שטודירען.
הארום איהר'ש מיט איהר גאר נישט ניט אויספיהרען.

ה מ ן (צו אחשורש'ן): פאטער, קעניג! א ראט וועל איך
דיר געבען.
זאלסט אבנעהמען ביי דער פרוי ושתי איהר לעבען,
זאלסט ניט קוקען אויף איהר גאלד און זילבער, אויף איהר
גוטס און געלד,
זאלסט איהר אומברייננען גיך פון דער וועלט.

א ח ש ו ר ש (צום קענצלער): הער קענצלער, דו באדינער דו מיין,
ליפען זאלסטע צו דער פרוי ושתי אין צימער אריין,
זאלסט ניט קוקען אויף איהר גאלד און זילבער,
אויף איהר גוטס און געלד,
און זאלסט איהר אומברייננען גיך פון דער וועלט.

ק ע נ צ ל ע ר (צו דער פרוי ושתי מיט א געבעט):
פריי מוטער ושתי,
פריי מוטער ושתי,
פריי מוטער ושתי,
ס'ארא נ'אבשאפט,
ס'ארא נ'אבשאפט!
איך האב צו אייך קיין מאל נישט געהאט,
אוי, אז אך און וועה איז צו מיר.
וואס איך בין געבוירען געווארען,
וואס דער פאטער קעניג הויבט אן צו פערלאנגען
(נעהמט ארויס דעם שווערד און שטעלט אנטקעגען איהר)
דאס מוז איך אייך דערלאנגען:
איך זאל ניט קוקען אויף אייער גאלד-און זילבער,
אויף אייער גוטס און געלד,
און זאל אייך אומברייננען פון דער וועלט.

ו ש ת י (בעט זיך ביי'ם קענצלער): הער, קענצלע—ער! דו באדינער,
דו באטרייסטער דו מיין!
אז אין דיזע זאכען
זאלסטו מיר גענוצליך זיין,
דו זאלסט מיך לאזען
פאר דעם הויף איידעלען פאטער-קעניג צו-טרעטען,
פילייכט וועל איך עפעס אויסוויינען
און אויסבעטען.

ק ע נ צ ל ע ר (צו ושתי)): ניט אן מיר טוט זיך הייכען (ווענדען),
צו שפרינגע המן טוט זיך גלייכען.

ו ש ת י (צו שפרינגע המן): שפרינגע המן, דו ברודער,
דו שפרינגע המן!
צי געדענקסטע, צי געדענקסטע,
אז דיר איז געוועזען אמאל א נויט,
אז דו האסט זיך געטאן אמאל פערדינגען
ביי מיר פאר' א שטיקעלע ברויט?
יעצט באנעהרסטע אויף מיר דעם טויט.
דרום בעט איך דיר דו זאלסט מיך לאזען
פאר דעם הויף איידעלען פאטער-קעניג צו-טרעטען.
פילייכט וועל איך עפעס אויסוויינען
און אויסבעטען.

ש פ ר י נ ג ע ה מ ן (צו ושתי'ן):
יא, פריי מוטער ושתי!
פאר דעם פאטער-קעניג וועל איך דיר לאזען טרעטען,
נאר דער אלמעכטיגער ווייס,
צי דו וועסט עפעס אויסוויינען
און אויסבעטען.

ו ש ת י (צום אחשורש):
אט אזוי געה איך,
און אט אזוי שטעה איך,
און אט אזוי פאל איך
פאר'ן פאטער קעניג אין די טירען,
פאר'ן פאטער קעניג אין די אויגען,
פארגעבען זאלסטו מיר מיינע זינד,
אזוי ווי א פאטער זיין אייגען קינד.

א ח ש ו ר ש (צו ושתי):
טרעט אב, פראקאנאלסקע פרוי!
דו האסט ניט געטאן מיין ראט צו הערען,
דען מוסטו פון דער וועלט
אנטרונען ווערען.

ו ש ת י (וויינט, צו אחשורש):

קיין נעווין
און קיין נעבעט
איז ביי דעם הויף־איידעלען פאטער־קעניג ניט אננענומען.
יעצט דארף מיין יונגע בלוט טאן אוועקצורינען
שפילט מיר אויף א פאהאראנעם מארש
נאכ'ן יודישען אלף־בית.
ושתים אלף־בית:
איך, קעניגליכע, ושתי,
איך טו וויינען און קלאגען,
אז איך דארף פון דיזער וועלטעלע
פארלארען ווערען.
האר: טרא־א־א־לאם, טרא־א־לא־לא־לאם
טרא־רא־רא־ראם, טראי־א־רא־רא־ראם
טרא־רא! טרא־רא־רא־אי־רא־רא־ם!
טרא־א! אל־דא־רי־רא־ראם!
ושתי: בייזע מחשבות טוט דער מענש ניט טראכטען,
און דער מלאך המות טוט דעם חלף שארפען!
האר: טרא־רא.. א. אז. וו.
ושתי: גאלד און זילבער טו איך נישט בעדארפען,
נוטס און געלד טו איך אוועקווארפען !
האר: טרא... א. אז. וו.
ושתי: דער מענש איז צו א שאטען
געגליכען געווארען
אט געהט, און אט שטעהט ער,
און אט ווערט ער פערלארען
האר: טרא... א. אז. וו.
ושתי: האב און נוטס טו איך אוועקווארפען
בעת המנ'קע דער רשע נעהמט פון מיר ראכע
האר: טרא... א. אז. וו.
ושתי: זייט זע מיר געזונט,
מיינע ליעבסטע לייטען!
ניט מיר צו פארשטיין
וואס איז היינט פאר א צייטען.
מרדכי (לויפט אן): פערעפלאווגא סערעדא!
ושתי: טרעט אב פון מיר,
איהר איבעריגע מענשען,
און לאזט מיר פאר מיין טויט
אט דעם בורדיוק בענשען.
(המן מיט'ן קענצלער האקען איהר אראב די קאפ).

(צווייטער אקט)

אחשורש (צום קענצלער) הער קענצלער נעהם ארויס
פון צוקאפען דעם בוך
און לייען מיר דורך.
(קענצלער לייענט דעם בוך):
פאטער־קעניג! ס'געלאפען
א קאט איבער באט
און האט איבערגעצעהלט
וויפיעל קינדער המן האט.
אחשורש (צום קענצלער):
כא־כא־כא! ס'אפשר דא
נאך א שענס
קענצלער (האלט דעם בוך און לייענט):
ס'איז געשטאנען צווי ווייבער געבען אנ'אויוען,
האבען זיי זיך אנגעהויבען מיט די ווילקעס צו בוינען
ביז האנען זיי האבען זיך ארויסגענומען איינע די אנדערע די אויגען.

(פאאוזע)

פאטער־קעניג, איך
האב איך א ביין צארן צו דערלייגען,
נאר איך האב מורא איהר זאלט מיר צום טויט ניט דערוויינען.
אחשורש: רייד.
אז ניט בעקומסטו שוין דעם טויט!
קענצלער; פאטער־קעניג! אייער פרוי ושתי
איז נעכטען געפאנגען געווארען.
אחשורש (שפרינגט אויף פון זיין שטוהל): וואס איז דאס!
(נעהמט ארויס דעם בלויזען שווערד און טוט א ווארף אן
דער ערד — הויבט אן זינגען):
א גאנצע נאכט
בין איך ניט געוועזען אויסגעשלאפט;
אויף מיינעם זינען האב איך גאר נישט בעזאכט
וואס די שארקאפטיג (שאלקהאפטיגע) מאנען (מאנען)
האבען משפטים געמאכט.
און איהר, מיינע שארקאפטיגע מאנען
פאר אייערע בייזע ראטען,
קומט מ'זאל אייך שטעכען און בראטען.
האר: אלמאכטיגער פאטער!
דו הייסט דאך דיין טראכט!
מיט מעד און מיט וויין
ביזטו געוועזען פערשמאכט!
דרום, דרום, האסטו איבעל געמאכט
די קעניגליכע ושתי צום טויט געבראכט.
אחשורש: וואס טייג מיר מיין מלוכה
מיט מיין גילדענער קרוין,
אז די פריי ושתי
איז ניטא אין דער היים.
וואס טייג מיר מיין מלוכה
מיט מיין גילדערנעם שווערד,
אז די פריי ושתי ליעגט אין דער ערד.
האר: אלמאכטיגער פאטער א. אז. וו.
המן (צום קעניג): פאטער — קעניג! וואס טוסטו
אזוי וויינען און קלאגען,
צי דען וועסטו א שענערע,
א בעסערע ניט האבען?
אחשורש: טרייסטער, איהר מיינע,
איהר טייערע דיענער!
צי דען אזא זאך
קען מיר ארויס פון מיינעם זינען?
דרום פאר אייערע בייזע ראטען
קומט מ'זאל אייך שטעכען און בראטען.
האר: אלמאכטיגער פאטער א. אז. וו.
המן (צום קעניג): פאטער—קעניג! ס'איז דא א יודישער שרכן.
(צו מרדכי'ן) — מרדכי! דא פאנא!
מרדכי: טשאסו ניעמא!
המן: צא ראביש?
מרדכי: לאקשען קאטשאיו!
המן: נו, אידי! אידי!
(נעהמט איהם פאר'ן האלדז און גיט איהם א שטופ
צו אחשורש'ן).
מרדכי (נעהט צו צום קענצלער) דאס ביזטע דער פאטער—
קעניג?

קענצלער: ניין!
מרדכי: ווער איז דאס?
קענצלער (ווייזט אויף אחשורש'ן) אט איז ער!
מרדכי (צום קענצלער) איך האב געמיינט דאס איז אנ'אנגע־

בלאָזענער ענדיק. (ווענדענדיג צום קעניג) פאָטער־קעני־
דריק־פענדריק! איך בין צו דיר געקומען אַ שרוף צו ריידען!
איך וועל דיר אַריינברענגען אין גרויסע צרות און אין
גרויסע ליידען.

איך מיין ניט דיר אַליין, נור איך ביידען.
איך וועל דיר געבען אַ מיידעלע אַ פּאַטרעט,
אין ערטער גרין, אין ערטער געל,
צו דערצו אַ פּאַרטרעט,
לאַץ מיט די פיס צעטרעט.
אַ קולאַק אַנטקעגען אַ קולאַק —
אַ געשהיר איך ביידען אין באַק!
היינט האָט זי אילע בגדים של חול,
זאָל איך, מיינע קינדערלאַך, ביידען אַרויס די זייל!
היינט האָט זי אילע בגדים של יום טוב,
האָט זי יום טוב'דיגע קליידער,
אילע בגדים,
קדחת מיט רויטע פּאַדים.
שטרייענע הויזען
מיט דראָט בעצויגען,
אַ פלאַץ אויפ'ן וואַסער,
אַנ'אָרט אויפ'ן בית חיים,
ק'טשערטיאַם וואַשים אַבאַאים!
ביזט סאַנלאַסנע, פאָטער קעניג, אויף די נרן?
צו דערצו האָט זי אַ צעהנדליג טאַראַן!
איך פרעג ביי דיר נאָך אַמאָל:
ביזט סאַנלאַסנע, וועל איך מקדש זיין
ביידע פלעקענען.
אחשורש: סאַנלאַסנע!
אסתר: (נעהמט אַריין אין צעריסענע שיך);
מרדכי (נעהמט זיי ביי די הענד):
איך בין אייך מקדש
ביידע פלעקענען:
הרי
דיר מיין קינד, אַ מגה
אין דעם בורדיוק — צוויי,
נאָך אַמאָל: הרי!
ברענגען זאָל דער בורדיוק
אַזוי היי אַ שפּרויה!
את! זאָל איך שטשיפּען
דער אָדעסער קאַט!
(איינער פונ'ם עולם):
פאַר וואָס עפּעס דער אָדעסער?
מרדכי:
ווייל ער שטשיפּעט בעסער.
מקודשת און אַז. וו.
(די גראַמען דערצו איז ניט בעקוועם צו ברייננגען
אין דרוק. די רעד.)

(דריטער אַקט.)

המנ'ס מפּלה.

קענצלער (צו אַחשורש) פאָטער—קעניג! איך האָב אייך
וואָס צו זאָגען
נאָר איהר זאָלט מיר צום טויט ניט שלאָגען.
אחשורש: זאָג!
קענצלער: בגתן ותרש האָט געוואָלט אייך סם איינגעבען
כדי איהר זאָלט פון דער וועלט ווערען אַנטרונען.
אחשורש: ווער ווייס פון דיעזער זאַך?
קענצלער: מרדכי, דער יורישער שדכן!

אחשורש (רופט צו המען) שפּרינג — מיניסטער המן!
וואָס קומט דיעזען מאַן
וואָס האָט פון טויט מיר אָבגעטאָן?
המן: מ'זאָל איהם פוצען און וואַשען
און פיהרען איבער די גאַסען,
און שרייען: דאָס איז דער מאַן
וואָס האָט דעם פאָטער קעניג פון טויט אָבגעטאָן.
המן'ס אלף־בית: 127 לענדער
האָב איך עהרליך געהאַלטען,
היינט מוז מען מיר מיין קאָפּ
אויף צוויי שטיק שפּאַלטען
האָר: טראַ... א. אַז. וו.
המן: וואו וועט מען הענגען, הענגען
מיינעם שענעם ראָק
זאָגט זשע איהר אַלע!
האָר: אויפ'ן גאַלגען שטעקט אַ טשוואַק,
דאָרט וועלען מיר הענגען
דיינעם ראָק!
נעה זשע, שענסטער, נעה זשע, בעסטער,
נעה אויף איהם אַרויף!
המן: וואו וועט מען הענגען, הענגען
מיינע שענע מיץ?
זאָגט זשע איהר אַלע!
האָר: אויפ'ן גאַלגען שטעקט אַ שפּיץ
דאָרט הענגט מען הענגען דיינע מיץ!
נעה זשע א. אַז. וו.
המן: וואו הענגט מען הענגען, הענגען
מיינע שטיוועל־שפּאָרען?
זאָגט זשע איהר אַלע!
האָר: אויפ'ן גאַלגען שטעקט אַ דאָרן,
דאָרט וועט מען הענגען דיינע שפּאָרען.
נעה זשע א. אַז. וו.
המן: וואו וועט מען הענגען, הענגען
מיינע צעהן קינדער?
זאָגט זשע איהר אַלע!
האָר: אויפ'ן גאַלגען געהען רינדער
דאָרט הענגען דיינע קינדער!
נעה זשע א. אַז. וו.
המן: וואו וועט'ן הענגען, הענגען
המן'ען אַליין?
זאָגט זשע איהר אַלע!
האָר: אויפ'ן גאַלגען שטעהט אַ פוים,
דאָרט וועט מען הענגען
המן'ען אַליין,
נעה זשע א. אַז. וו.

ענדע.

נאָכשפּיעל.

סאָלאָ: אין אונזערע אבות צייטען,
דעם בורא איז מען געוועזען געטריי;
מיר לויבען דעם בורא נאָר פון דאָס ניי,
דינגען מיר: שושנת יעקב
תהלת מרדכי.
האָר: (אַלע מיט אַמאָל)
פאַרפלוכט זאָל ווערען המן דער רשע, דער ערשטער
געבענשט זאָל ווערען מרדכי דער צדיק, דער גרעסטער,
פערפלוכט זאָל ווערען זרש מיט איהרע שוועסטער.
געבענשט זאָל ווערען אונזער מוטער, וואָס זי הייסט אסתר.

סאלא: אונזערע הערטער איז פון דעם בורא געבענשט זאל הערען דער הינער ב"ב מיט זיין פרוי און קינדער,

אונזערע הערטער איז מן השמים.
איה"ר'ם אונז געבען עטליכע גילדען מיט א שנאפס
העלען מיר מאכען לחיים!

———

שפרעכזאל.

(בריעף פון לעזער און אנטווארטען פון דער רעדאקציע)

געעהרטע רעדאקציע!

איז דיין נאטיץ „אונזער ליטעראטור" (ל. און ה. נום. 3—4) בעמערקט ה' וואלפאוויטש:

...„מיר האבען א גאנצע רייהע נאוועליסטען און פאעטען — זיי זענען אבער נור אימשטאנד אויסצופאסען געהיסע בליך-מאמענטען פון אונזער פאלק-לעבען..." און ווייטער: „מיר האבען א גרויסע צאהל אמת'ע טאלאנטען, וועלטענע בעגאבטער, גוטע פסיכאלאגען — און דאך גיבען זיי נישט קיין גרויסע, איינהייטליכע פרוכט פון זייער בעגאבטער פעדער..."

ערשטענס איז נאך דערפון נישט געדרונגען, אז אויסנאפען געהיסע בליך-מאמענטען איז אזא „בראק", האס די ליטעראטור זאל עס נישט קענען פערדייען. דער גרויסער טשעכאוו האט, דאכט זיך, אויסער איין גרעסערער זאך (סטעפ), נור קליינע סקיצען און נאוועלען געשריעבען, און, הלואי, רב"שע, וואלטען אונז מזכה געוועזען האטש מיט אזא „בראק": פעטער אלטענבערג האט זאגאר פון ויינע ראמאנען „ליליפוטען" געמאכט, און דאך בעקלאגט זיך די דייטשע ליטעראטור נישט דערויף...

צווייטענס האט ה' וואלפאוויטש א טעות, אויב ער מיינט, אז נור צוליעב דער מאטעריעלער אונזיכערהייט ווערען ביי אונז קיין גרעסערע ווערק נישט געשאפען.

די סיבה ליגט, נאך מיין מיינונג, נישט נור אין דעם, האס אונזערע דיכטער זענען, צוליעב זייער מאטעריעלער לאגע געצוואונגען צו צוברעקלען זייערע שאפונגען, נור אויך אין דעם, וואס ס'איז קיין מארק פאר גרעסערע זאכען נישטא. פון גרויסע זאכען האבען פלאץ, אפילו נאך היינט, נור ראמאנען, און דאס אויך פון „בילינערען" סארט, און די בעסערע ווערען נישט געדרוקט, וייל — נישט געקויפט.

ישראל דארמאן.

געעהרטע רעדאקציע!

א יונגער לעזער פון סאכאטשאוו שיקט אייך זיין וואריםסטען וואונש און ווינשט אייך צו ערדייכען אייער ציעל, מיט דער נייער פערשענערטער אויסגאבע.

איך, א קונטער יונגער לעזער — אויסער אייערע לעצטע 3 נומערען, האב איך נישט געלעזען — שיק אייך אויך מיין הייסעסטען וואונש: אז אייער זשורנאל זאל פערבעסערט ווערען, די נייע און פערשענערטע אינהאלטסרייכע אויסגאבע — אזוי ווי דער יונגער לעזער דריקט זיך אויס — שטעלט מיך נישט צופריעדען. פון א זשורנאל, וועלכער טראגט אויף זיך דעם נאמען „לעבען און וויסענשאפט" פאדערט זיך מעהר לעבען. צ. ב., א העפט, וועלכעס ענטהאלט 128 זייטען, ניט נישט מעהר, ווי קארגע 23 זייטען בעלעטריסטיק. ארטיקלען האט איהר געגעבען גאנץ גענוג. איבעריכטען איז א גאנץ איבעריגע זאך. דאס לאזט איבער פאר דער טעגליכער פרעסע.

מיין וואונש איז, אז דער זשורנאל זאל געבען נישט בלויז אילוסטראציעס: נאר אלעס שענסטע און בעסטע, וואס הערט נאר געשאפען אין דער קונסט-מאלעריי בכלל און אין דער יודישער בפרט. בעזונדערס איז א גאנץ איבעריגע זאך, וואס די רעדאקציע נעהמט זיך אונטער צו ענטפערן אויף אזעלכע פראגען, ווי „ליעבע", זאל דער ה. א. ג. פון ריגא זיך ווענדען צו דער פילאזאפיע, אדער קוים וועט ער זיך נאר פערליעבען אין „א טייוולאניש-מלאכל אין א קליידעל", וועט ער שוין אליין זיך געבען דערויף אנ'ענטפער. איצט געהט זומער און עס הויבט זיך אן דער ליעבע-סעזאן, האב איך שטארק מורא, אז די רעדאקציע זאל נישט ווערען פערוואָרפען מיט א סך אזעלכענע פראגען.

איצט ווענד איך זיך צו דער רעדאקציע מיט אזא פארשלאג: נאך די גרויסע איבערלעבונגען פון די לעצטע צעהן יאהר, האבען זיך פיעל יונגע מענשען אזארף געטאן אויף שרייבען מאטעריאל, ווענען וואס צו שרייבען איז, דאכט זיך, פארהאנען גענוג, און מענשען שרייבען טאקי: סקיצען, נאוועלען, ערצעהלונגען, ראמאנען און כ'בין דיכער, אז צווישען די אלע געפינען זיך גענוג טאלאנטען, נאר מ'לאזט זיי נישט פשוט ענטוויקלען זייער טאלאנט. מ'שניידט אב ס'בוימעלע נאך איידער ס'בליהט אויף. קוים שיקט מען אריין עפיס א מאנוסקריפט אין א וועלכע נישט איז רעדאקציע פון דער איצטיגער טעגליכער פרעסע, בעציהט מען זיך צו אייך אזוי קאלט און אזוי גרויזאם, אז פון ערשטען פרוב ווילט זיך אייך שוין מעהר ניט שרייבען, אפי נישט צו האבען צו טאן מיט די אכזר'דיגע רעדאקטארען.

נעהמענדיג דאס אלעס אויבענגעזאגטע אין בעטראכט, לעג איך פאר: אז דער זשורנאל „לעבען און וויסענשאפט" זאל גרינדען ביי זיך א ספעציעלע סעקציע, וועלכע זאל זיך בעשעפטיגען מיט דער אויפגאבע, און מיט ליעבע ערציהען נייע טאלאנטען.

כ'בעט די ווערטע רעדאקציע צו נעהמען אין בעטראכט דאס אלעס אויבענגעזאגטע און געבען אנ'ענטפער דערויף אין „שפרעכזאל" פון צוקונפטיגען נומער.

משה בן שמואל.

קוטנא.

פון דער רעדאקציע: ווענען דעם אונטערשייד פון „איבערזיכטען" און נייעס אין דער טעגליכער פרעסע האבען מיר שוין דייטליך אנגעוויזען אין די פאריגע נומערען פונ'ם זשורנאל. די טעגליכע פרעסע מוז אברופען זיך אויף די פאסירונגען פון טאג אין איילעניש, כאפענדיג די ידיעות אין דער לופט. ביים בעסטען הילען איז די וועלטען אין שטאנד צו געבען אנ'איבערבליק איבער די פאסירונגען פון טאג. נאר א זשורנאל קען רוהיג בעטראכטען די פאסירונגען, אלס געשעהענע, פערענדיגטע און אבשאצען זייער בעדייטונג.

קונסט האלטען מיר פאר זעהר א וויכטיגען פאקטאר אין דער ערציהונג פון דער יוגענד. און דוקא דערפאר מוז די אויסגעטיילט ווערען בעזונדער. פאר איהר מוזען בעשאפען ווערען ספעציעלע זאמעלביכער. מיר טוען דאס אויך מיט דער בעגרינדונג פון די „שטראהלען"-זאמעלביכער, וואס וועלען זיין געווידמעט ספעציעל דער ליטעראטור, קונסט און קריטיק.

אייער מיינונג איבער דער פראגע, וואס א לעזער האט געשטעלט „וועגען ליעבע" איז אונבעדינגט א פאלשע. איהר רעדט וועגען פרויען-ליעבע. אבער דער לעזער א. ד. פון ריגא האט ניט געפרעגט, וואס איז אזוינס פרויען-ליעבע? ער האט געפרעגט, וואס איז ליעבע? אין אלגעמיין.

און אוועקגעשטעלט אזוי, פערדיענט אט די פראגע די גרעסטע אויפמערקזאמקייט. פון עמערסאנ'ס ארטיקעל: „וועג-

נען ליעבע", וואס מיר גיבען אין צווייטען העפט „שטראהלען", וועט זיך אט דער לעזער לייכט איבערציינגען, אז די דאזיגע טעמע איז א ווילטיגע און ס'איז ווערט דעריבער נאכצודענקען.

דאס אנבעלאנגט אייער אנקלאגע אויף די „אכזריות'דיגע רעדאקטארען", איז דא אויך פילייכט איבערטריבען. צו אנ'אנפאנגער זענען אלע רעדאקציעס אשר צו שטרענג. אבער אנ'אמת'ער טאלאנט שלאגט זיך דורך זיין וועג. דאס קומט, נאטירליך, אן, ניש אהן יסורים. נאר דאס איז גראדע נוצליך פאר א מענשען, וואס קוקט ערנסט אויף דער אויפגאבע פון ליטעראטור. אהן קאמפף און ליידען ווערט קיין ערנסטער ציעל ניט דערגרייכט. ביי אונז וואלטען פיליכט א סך מעהר טאלאנטען געווען, ווען די אנפאנגער וואלטען דעם גרעסטען טייל פון די זאכען, וואס זיי שיקען צו אין די רעדאקציעס, געלעזען בלויז אין ענגען קרייז פון חברים און דערנאך פערברענט, און ווידער געשריבען און ווידער פערברענט, און דערזעלבער צייט — לעזען און לערנען און ארבייטען שטארק אויף זייער ענטוויקלונג. און ערשט דאן, ווען זיי האבען געשאפען א זאך, וואס האט זיי אליין פאלקאם בעפריעדיגט, טראגען עס ביי זיך יאהרעלאנג, בעארבייטען און איבערארבייטען עס צעהנדליגע מאל, און דאן שיקען אין א רעדאקציע. אזוי האבען געטאן אמת'ע טאלאנטען — אלע בעריהמט געווארענע שרייבער. פאר א יודישען יונגען טאלאנט איז ניטא קיין אויסנאהם. ער מוז געהן דעמזעלבען וועג. ליידער אבער האבען אונזערע אנפאנגער קיין געדולד ניט. אנגעשריבען עפעס אויף גיך, גאנץ אפט מיט בלייטיפט, ווילען זיי שוין זייער ווערק זעהן געדרוקט. זיי אליין האלטען אבער די ערשטע אויפגעהערט צו לעזען אנ'ארנאן, וואס בעציהט זיך ניט מיט געהעריגער אכטונג צום געדרוקטען ווארט און שפייזט זיינע לעזער מיט אונצייטיגע פרוכט.

נעעהרטע רעדאקציע!

ערלויבט מיר אין אייער וו. זשורנאל איבערגעבען מיין טיעפסטען הערצליכען דאנק, פאר דער טיכטיגער ריכטונג, וואס אייער זשורנאל האט אנגענומען.

1) גיב איך איבער מיין טיעפסטען מיטגעפיהל צו דער גרויסער און וויכטיגער אויפגאבע פון ה' ש. רודניאנסקי, וועלכער האט בעלויכטען אויף פיעל וועניג פון אונזער גרויסען יודישען דענקער, ברוך שפינאזא.—שפינאזא אלס דענקער פערנעהמט א גרויסען בעטרעף, ניט נאר אין דער יודישער קולטור-וועלט, נאר אין דער גאנצער ציוויליזירטער וועלט איז שפינאזא אויך ניט וועניגער בעוואוסט, נאר פאר אונז יודען האט אונזער דענקער שפינאזא נאך א פיעל מעהר גרעסערע בעדייטונג.

די איבערגעבונג פון ה' ש. רודנ. פון שפינאזא'ס אינהאלטס-רייכען שאפען „די אונענדליכקייט פון דער סובסטאנץ", האט ביי מיר און איך גלויב, אויך ביי פיעלע לעזערם פון אונזער זשורנאל געמאכט א איבערקעהרעניש אין געדאנקען-וועלט און וועלט-אנשויאונג.

דער ה' ש. רודנ. האט אויסגעטייטשט גאנץ דייטליך שפינאזא'ס פילאזאפישע שיטה, דאס יעדער בעזונדער האט עס געקענט בעגעהמען מיט'ן אייגענעם שכל. איך קען ניט זאגען דאס די קורצע אינהאלטס-רייכע איבערגעגעבענע שטריכען, וועגען שפינאזא'ס ווערק, קען שוין דינען פאר א מעהר ערנסטען לעזער זיך צו בעפריעדיגען מיט דעם קורצען עטיוד. אלענפאלס דארפען מיר יודישע לעזער זיך פרעהען און בעפרידיגען מיט דעם, וואס מיר האבען דערלעבט... דאס אין אונזער אזוי גערופענעם ארימען זשארגאן, און דערצו אין אונזער איינציגען זשורנאל „לעבען און היסענשאפט" זאל אבגעגעבען ווערען א ערנסטע אבהאנדלונג וועגען דעם גרעסטען יודישען דענקער ברוך ספינאזא.

גיב אויך מיין בעסטען דאנק דעם ה' ש. רודניאנסקי און

ווינש דער רעדאקציע „לעבען און וויסענש." גרויס ערפאלג אויפ'ן וועג פון דער אויפלעבענדער יודישער קולטור.

מיט אכטונג ש. סיימאן, האראדאק.

נעעהרטע רעדאקציע!

ערלויבט מיר ארויסצוזאגען א מיינונג וועגען דער נייער אבטיילונג „פאלקלאר" אין אייער וו. זשורנאל. די אבטיילונג וועט פערנעהמען עטליכע זייטען אין דעם זשורנאל. ס'וואלט פיעל פראקטישער געווען, ווען אויף אט דעם ארט וואלט געקומען א וויסענשאפטליכער אדער א אנ'אנדערער, בעסערער ארטיקעל, פון וועלכען דער לעזער זאל בעקומען מעהר לעהרע אדער בילדונג, ווי פון אייער נייער אבטיילונג שפריכווערטער אדער אנעקדאטען און לעגענדעס. אזוי ווי אייער זשורנאל איז פערשפראכען צו זיין געווידמעט ספעציעל פאר וויסענשאפט, דארף אויסגעמידען ווערען נאך אבטיילונגען, וועלכע ברענגען דעם לעזער גארנישט קיין נוצען. נאר דאס דארף זיין דער ציעל פון אייער זשורנאל: ער זאל געבען גייסטיגע ענטוויקלונג דער יודישער יוגענד, וועלכע פאדערט עס. דערפאר וועט איהר האבען אייביגען ערפאלג און מיר וועלען אימער אייערע לעזער זיין.

מיט אכטונג יוסף גליקסמאן, פאביאניצי.

פון דער רעדאקציע: אייער בעגריעף וועגען „פאלקלאר" איז ניט קיין ריכטיגער. מיר ראטען אייך לעזען אויפמערקזאם דעם ארטיקעל: „די פאלקסשאפונג אלס בילדונגס-מיטעל". מיר האפען, אז נאך דעם וועט איהר אייער מיינונג איבער די דאזיגע נייע אבטיילונג ענדערן.

נעעהרטע רעדאקציע!

אלס שטענדיגער אבאנענט פון זשורנאל „לעבען און „וויס." האבען מיך די גאנצע צייט געפייניגט די פראגען: פארוואס איז דער זשורנאל פון איין זייט רייך אין וויסענשאפט, און פון דער אנדערער... מיט אויפרופען צום יודישען לעזער, ער זאל בלייבען טריי דעם זשורנאל. פארוואס, הייסט, בלייבען די אויפרופען א קול קורא במדבר?

נאך מיין מיינונג, איז דער ענטפער אויף די פראגען פאלגענדער: עס איז נאך ניט גענוג פאר קיין זשורנאל פערמאגען נאר וויסענשאפטליכע ארטיקלען, ווי למשל וועגען דארווין, ספינאזא, וועגען אינטערעסאנטע פערזאנען, וועלכע האבען געהאט א ווירקונג אויף די יודישע מאסען. דאס אלעס איז, נאך מיין מיינונג, וועניג. אין זשורנאל פעהלען ארטיקלען וועגען געזעלשאפטליכע פראגען. עס פעהלט אין זשורנאל דאס אבשפיגעלען פון יודישען גלות-לעבען. מיר, די יודישע יוגענד, האבע זעהר פיעל איבערגעלעבט פאר די לעצטע יאהרען. מיר זענען זעהר פיעל פער'דאגה'ט געוועזען, אין אונזערע מוחות זענען פיעלע פראגע-צייכענס איינגעקריצט. אמת, דער זשורנאל בעטראכט אפט מאל געזעלשאפטליכע פראגען, נאר זעהר זעלטען, אזוי, אז זיי ווערען פערלירען צווישען די ריין-וויסענשאפטליכע ארטיקלען.

מיט אכטונג זאב גבאי, יעליסאוועטגראד.

פון דער רעד. דער זשורנאל רופט זיך אב, ווי ווייט מעגליך, אויף אלע וויכטיגע פראגען פונ'ם יודישען נאציאנאלען געזעלשאפטליכען און עקאנאמישען לעבען. דאס ווערט געטאן ניט בלויז אין די „איבערזיכטען", נאר אויך אין אפטע ספעציעלע ארטיקלען. אונז דאכט, אז אין אט דער הינזיכט פערדיענט דער זשורנאל אם ווייניגסטען א פארוואורף. דאך וועלען מיר זעהן ווייטער די אבטיילונג פונ'ם סאציאל-עקאנאמישען יודישען לעבען מאכען נאך רייכער מיט ערנסטע ארטיקלען, וועלכע קומען שוין, צום טייל, אין איצטיגען העפט.

נעעהרטע רעדאקציע!

מיט פיעל פערגניגען זיך איך און לעז די אנגעשריעבענע שורות פון דער רעדאקציע אונטער'ן נאמען „צו אונזערע לעזער" פון נומר 3—4, וואו ס'ווערט געשריעבען, אז די רעדאקציע פיהרט יעצט איין א ספעציעלע אבטיילונג „פאלקלאר". נעמליך: פאלקס-ליעדער, וויצען, אנעקדאטען א. אז. וו. דערום לאדען מיר איין די לעזער צו העלפען אונז אין אט דער ארבייט צו קלייבען די שאפונג פון פאלקס-גייסט אין די אלע אויבענדערמאנטע פארמען".

אלזא איך בין דער ערשטער, וואס וועל פון יעצט אן אבגעבען מיה און ארבייט פאר די רעדאקציע, ווי ווייט מעגליך צו שאפען האס מעהרער פאלקס-זאכען, וואס איך האב זיי ביז יעצט געזאמעלט. ווי געוועהנליך, קאן איין שוואלב קיין זומער ניט מאכען, דערום ליגט אויף יעדען איינציגען פון די לעזער א חוב, אז זיי זאלען אבגעבען אביסעל צייט און שאפען פאלקס-זאכען.

מיט אכטונג, אייער שטענדינער אבאנענט

יעקב יום-טוב, שעדלעץ.

נעעהרטע רעדאקציע!

אין וואס פאר א ווערטער-בוך נויטינט זיך דאס ברייטע יודישע לעזער-פובליקום? — אין אזא, וואו ס'זאלען אריינקומען: פרעמד-יודישע ווערטער, וועלכע האבען שוין בעקומען בירגער-רעכט אין אונזער ליטעראַרישער שפראך, נאר זענען ווייט פון'ם מאנטעגליכען געברויך, יודישע, וואס ווערען ניט אפט בענוצט, אדער ווערען פערביטען אין געוויסע געגענדען דורך פרעמדע ווערטער און — פראווינציאליזמען; צו זיי מוז צוגערעכענט ווערען אויך א היבשע צאהל ענגלישע ווערטער, איבער וועלכע מיר זענען געוואָרען בעלי-בתים צוליעב אונזערע אמעריקאנישע ברידער. דאס לעצטע ארט דארפען פערנעהמען אבסטראקטע בעגריפען און וויסענשאפטליכע טערמינען, מיט וועלכע ס'קומט זיך אויס בעגעגענען אויסשליסליך אין דער פרעסע, קריטישער אדער פובליציסטישער ליטעראטורען. וואס אנבעלאנגט צו א ריין וויסענשאפטליכען אדער ספעציעלען פרעמד-ווערטער-בוך, איז ער אויך ניט איבריג אפילו איצטער; אבער אין קיין פאל ניט אזוי אונבעדינגט נויטיג, ווי א יודיש-ליטעראַרישער. כדי דער צוזאמענשטעלער פון אזא ווערטער-בוך זאל האבען א קלארען בעגריף וועגען די פאדערונגען פונ'ם דורכשניטליכען יודישען לעזער, לעג איך פאר פאלגענדעס: זאל יעדער ליטעראַרישער קרייז הייסען זיינע מיטגליעדער פערשרייבען די פאר זיי אונפערשטענדליכע ווערטער; די דאזיגע פערצייכנונגען פון צייט צו צייט צוזאמענקלייבען און צונויפשטעלען רשימות, אנמערקענדיג, וויפיעל פערזאן און וואסער קלאס לעזער ס'האבען אנגעוויזען אויף יעדען ווארט בעזונדער. די רשימות, רעכען איך, וועט די רעדאקציע פון „לעב. א. וויס." ערלויבען צושיקען צו איהר און אין א צייט ארום איינערגעבען זיי יענעם, ווער ס'וועט וועלען און קענען אויס-נוצען, דעם דאזינען מאטעריאל. ס'איז ווינשענסווערט, אז די ליטעראַרישע קרייזען זאלען דערויף זיך אברופען.

מיר האבען ערהאלטען קארלינער'ס כלומר'שט פרעמד-ווערטער-בוך. איז דאס „לא דובים ולא יער". אנב וויל איך שוין בעמערקען, אז ערקלערענדיג אונפערשטענדליכע ווערטער וועט דער אויטאר זיך מוזען בעמיהען, מ'זאל ניט דארפען חלילה, אנקומען צו דער הילף פון א נייעם ווערטער-בוך.

מיט יודישען גרוס אייער אבאנענט

יעקב אפטייקער.

נעעהרטע רעדאקציע!

איך ווינש דער רעדאקציע א גרויסען ערפאלג אין אייער פרוכטבארער טעטינקייט. עס איז ווינשענסווערט, אז ביי ביאָגראפיעס פון בעריהמטע מענער זאלען קומען זייערע בילדער.

מיט אכטונג אייער אבאנענט

א. מלינארסקי.

נעעהרטע רעדאקציע!

איך בין פאלקאם איינשטימיג מיט'ן לעזער פון סאכאטשעוו, אז דער זשורנאל זאל זיין אילוסטרירט. מיין מיינונג איז, אז דער זשורנאל דארף זיך פערנעהמען מיט וויסענשאפטליכע אילוסטראציעס. ביי דעם יעצטיגען וועלט-געשעהעניש, וואס מ'האט ענטדעקט דעם זיד-פאל, זאל קומען א גרויס ארטיקעל, וואס זאל ברייט ארומרעדען וועגען דעם, און אויך אילוסטראציעס צו דעם.

אויך זאלען קומען פארטרעטען ביי ביאגראפיעס פון בעריהמטע פערזענליכקייטען.

אויב ס'איז מעגליך, זאל וועז נישט ווען קומען קאריקאטורען פון יודישען לעבען.

מיט אכטונג מענדעל פרידמאן, וואַרשא.

פון דער רעד. דעם פערלאנג פון די לעזער צו געבען אין זשורנאל אילוסטראציעס הויבען מיר אן צו ערפילען. מיט דער צייט וועלען אויך וויכטיגע קאריקאטורען איינגעפיהרט ווערען. אין איינעם פון די נאהענטסטע העפטען וועט אויך קומען א נ'ארטיקעל וועגען דער ענטדעקונג פונ'ם זיד-פאל.

נעעהרטע רעדאקציע!

קודם-כל גיב איך אייך מיין טיעפסטען דאנק פאר אייער זשורנאל „לעב. און וויסענשאפט", וועלכער ברייגנט פיעל נוצען אונזער יוגענד. איך האף, אז אונזער פאלק וועט געהעריג אבשאצען דעם ווערט פון דעם זשורנאל און וועט זעהען, ווי ווייט מעגליך, איהם צו פערשפרייטען.

יעצט ווענד איך מיך צו אייך מיט א פאר פראגען, אויף וועלכע איך האף צו בעקומען א נ'אנטוואָרט אין אייער „שפרעכזאל": צי איז ניט מעגליך, אז דער זשורנאל „לעבען און וויסענשאפט" זאל אבגעבען א נ'ארט פאר רעבוסען. אויב יא, דאן שיק איך אייך גלייך די ערשטע פראגע.

פון דער רעד. ביים בעסטען ווילען איז דערווייל אונמעגליך צו פערנעהמען זיך מיט רעבוסען. מיר מוזען בעפריעדיגען צוערשט די נויטיגערע בעדערפנישען פון די לעזער.

נעעהרטע רעדאקציע!

געפינענדיג אין אייער זשורנאל דאס חסיד'ישע פאלקס-ליעדעל „פון האסלאוויטש קיין ליבאוויטש", מוז איך אייך אויפמערקזאם מאכען, אז, ווי איך האב עס געהערט אמאל זינגען דינג — פעהלט דא א פערז:

וואס מעהר קבצן מעהר הוליאקע

אוי, וואס הער איך אייך?!

און וואס מעהר נגיד מעהר סאבאקע,

אוי, וואס דארף איך אייך?

אט דער פערז איז פאר דעם לעצטען.

אכטונגספאל. בן-ציון שלאסבערג.

פון דער רעד. ערטערווייז ווערט ווירקליך אט דער פערז צוגעגעבען. מיר דענקען אבער, אז, אין אלגעמיין, פערליערט דאס ליעד נאר נישט אהן איהם אויך.

נעעהרטע רעדאקציע!

איך וויל מאכען אויפמערקזאם די רעדאקציע, אז זי זאל בעשרייבען אינ'ם זשורנאל „לעבען און וויסענשאפט" וועגען די הינע דאזאָרען-וואהלען, ווי די ווארשעווער ארטאדאקסען און חסידים האבען פערשאכערט דאס ווארשעווער יודענטום. כאטש אין די יודישע צייטונגען איז גענוג געשריעבען געוואָרען וועגען זייערע

נידערטרעכטיגע היפאקריטישע שאנד-טאטען, איז אבער דער פעהלער פון אן „צייטונג, וואס היינט ווערט זי געלעזען און מארגען ליגט זי אונטער'ן טיש. אינ'ם זשורנאל אבער וועט עס בלייבען אנ'אייביגער דאקומענט און שאנד-סלופ פאר די ווארשעווער אזאח'ס (להבדיל) און א לעהרע פאר די נאציאנאליסטען: אז לעבען און טויט, טאג און נאכט, פריהלינג און ווינטער — קענען נישט זיין צוזאמען.

מיט אכטונג מענדעל פרידמאן, ווארשא.

פון דער רעד. דאס וואס מיר האבען צוגעזעהען ביי די לעצטע יודישע גמינע-וואהלען אין ווארשא, איז א פועל-יוצא פון די זעהר פערוויקעלטע בעדינגונגען פונ'ם יודישען לעבען אין פוילען. אנפאלען אליין איז וועניג. מיר מוזען זעהען זיך גוט ערקלערען דעם פערפלאנטערטען קריטישען צושטאנד פונ'ם פוילישען יודענטום. ערקלערענדיג זיך אט דעם צושטאנד, קענען מיר ערשט דאן זוכען מיטלען געגען אזא העסליכע ערשיינונג, ווי די פעראייניגונג פון חסידים מיט אסימילאטארען געגען די נאציאנאלע אינטערעסען פונ'ם יודישען פאלק. אויף אט דער טעמע וועט קומען אנ'ארטיקעל אין איינעם פון די נאהענטסטע נומערן פונ'ם זשורנאל.

ליטעראַרישע נייעס.

דער נום. 3 פונ'ם זשורנאל „די אידישע וועלט" איז געווארען קאנפיסקירט. אין גיכען ערשיינט דער נום. 4.

— מען בעט אונז מיטטיילען פאלגענדעס:

א גרופע יודישע שול-לעהרער אין דרום-רוסלאנד האט געגרינדעט א פערלאג אונטער'ן נאמען „פאר אונזערע קינדער". דער פערלאג איז ניט קיין סוחר'ישע אונטערנעהמונג. ער האט זיך געשטעלט פאר א ציעל כאטש טיילווייז בעפריעדיגען די אויסגעוואקסענע בעדערפניש אין א יודישען קינדער-ביכעל, געבען אונזערע קינדער אין שולען און חדרים א ליטעראַרישען, אינטערעסאנטען פאר קינדער לעזע-מאטעריאל אין דער מוטער שפראך, אין פארם פון ערצעהלונגען, פאלקס-מעשה'לעך א. אז. וו. דער פערלאג וועט דרוקען סיי נייע ווערק, סיי אזעלכע, וועלכע זענען שוין אמאל געווען געדרוקט, נאר אין א ספעציעלער בעארבייטונג פאר קינדער דורך דעם אויטאר זעלבסט.

ביי א צוטריטליכען פרייז (פון 2 ביז 5 קאפ) וועלען די ביכלעך אויסערליך ארויסגעגעבען ווערען שען, אויף גוטען פאפיר, מיט א דייטליכען שריפט, שענע הילעס און מיט דעם בילד פון אויטאר.

דערווייל האבען צוגעזאגט מיטארבייטען אין פערלאג פאלגענדע שרייבער: ש. אבראמאוויטש (מ. מ. ס.), ש. אש, בן-עמי, מ. טייטש, מ. ספעקטאר, מ. סטאזסקי, י. ל. פרץ, ש. פרוג, א. רייזין, מ. ריוועסמאן און שלום-עליכם.

די ערשטע סעריע ביכלעך וועט ארויסגעהן זומער און ארויסגעלאזט ווערען צום פערקויפען צום אנהויב שול-יאהר.

אין ווילנא דרוקט זיך און וועט אין גיכען ערשיינען א נייע יודישע הרעסטאמאטיע „דאס יודישע ווארט", אונטער דער רעדאקציע פון א קאמיסיע לעהרער פון די ווילנער אבענד-שולען.

„דאס יודישע ווארט" בעשטעהט פון 3 טייל; יעדער פאלגענדער טייל איז אי לויט דעם אינהאלט, אי לויט דער פארם קאמפליצירטער פון דעם פריהערדיגען.

דער ערשטער טייל ענטהאלט א רייה ערצעהלונגען, בילדער, סקיצען, פאלקס-ליעדער, פאבעלן, לעגענדען, וואס שילדערן דאס יודישע לעבען אין די קליינע יודישע שטעדטלעך. דאס יודישע קינדער-לעבען, די יודישע פאמיליע, די יודישע ימים-טובים, די נאטור אין שטעדטעל און ארום שטעדטעל פערנעהמען דא דעם וויכטיגסטען פלאץ. דער דאזיגער טייל איז בעשטימט פאר אזוינע שילער, וואס זענען שוין דורכגעגאנגען א עלעמענטאר-לעהר-בוך און קענען שוין, בערך, גוט לעזען.

דער צווייטער טייל פיהרט אונז אריבער אין דער היינטיגער גרויסער שטאדט. דא האבען מיר ערצעהלונגען און בילדער, וואס כאראקטעריזירען די פערשיעדענע פאלקס-קלאסען און שיכטען. א בעזונדער אבטיילונג פערנעהמט די עמיגראציע: דער אבשייד פון דער אלטער היים, די רייזע איבער'ן ים, דאס אנקומען קיין אמעריקא, דאס לעבען פון די עמיגראנטען. אין דעם צווייטען טייל זענען אויך פאראן אייניגע בילדער, וואס שילדערן די נאטור אין פערשיידענע געגענדען פון דעם יודישען תחום (ליטא, וואלין, בעסאראביען).

דער צווייטער טייל איז בעשטימט פאר מעהר ענטוויקעלטע און בעסער-פארבערייטעטע שילער.

דער דריטער טייל איז אויפגעבויט אויף א פארמאלען פרינציפ: ער וויל געבען א פארשטעלונג וועגען פערשיעדענע ליטעראַרישע פארמען (פראזא: בעשרייבונגען, ערצעהלונגען, אבהאנדלונגען און אז. וו.; פאעזיע: עפאס, ליריק, דראמע. דער דאזיגער טייל איז געפלאנעוועט אלס איינלייטונג צו דער יודישער ליטעראטור-געשיכטע.

דער שטאף איז א אויסשליסליך-ליטעראַרישער. ביי'ם צוזאמענשטעלען האט מען בעזונדערס אכטונג געגעבען, אז יעדער ארטיקעל זאל געבען דעם לעהרער מאטעריאל פאר א שמועס מיט די שילער.

פערנעהמען וועט די הרעסטאמאטיע אריבער 400 דרוק-זייטען.

אין דער אויסגאבע בעטייליגען זיך די ווילנער אבענד-שולען. דערביי הערען ניט פערפאלגט קיין מאטעריעלע צוועקען. דער פרייז וועט דעריבער זיין ניט קיין הויכער.

פון דעם קאמיטעט פון דער יודישער היסטאריש-עטנאגראפישער געזעלשאפט אין פעטערבורג.

צום אנדענקען פון דעם 50-יעהריגען יובילעאום פון דער יודיש-רוסישער זשורנאליסטיק, האט דער קאמיטעט פון דער יודישער היסטאריש-עטנאגראפישער געזעלשאפט, ערקלערט א קאנקורס פאר א ווערק אויף רוסיש איבער דער געשיכטע פון דער יודיש-רוסישער (העברעאישער און יודישער) זשורנאליסטיק אין רוסלאנד. דער טערמין צום צושטעלען דאס ווערק איז געווען בעשטימט ניט שפעטער פון 1 אפריל 1912.

אזוי ווי צום בעשטימטען טערמין האט דער קאמיטעט ניט בעקומען קיינע ווערק פאר דעם קאנקורס, ערקלערט יעצט דער קאמיטעט, אז דער טערמין צום צושטעלען די דערמאנטע ווערק ווערט פערלענגערט ביז דעם 1-טען אקטאבער 1912 יאהר.

די בעדינגונגען פון קאנקורס זענען פאלגענדע:

1) דאס ווערק דארף בעשטעהן ניט ווייניגער פון 10 געדרוקטע בויגען.

2) די פרעמיע איז בעשטימט פון 400 רובל; ווען ס'וועט

צונעשטעלט ווערען אַ ווערק איבער דער געשיכטע פון רוסיש־יודישער אָדער נאָר יודישער זשורנאַליסטיק, ווערט געגעבען די העלפט פון דער פּרעמיע (200 רובל).

3) דאָס ווערק קען צוגעשטעלט ווערען אין האַנדשריפט אָדער געדרוקט;

ביים ערשטען מאָל, ווען דאָס בוך וועט זיך דרוקען, דאַרף אָנגעוויזען ווערען, אַז דאָס ווערק האָט פאַרדיענט די באַטרעפענדע פּרעמיע.

מיט אַנפראַגען וועגען דעם אויבענדערמאָנטען קאָנקורס קען מען זיך ווענדען:

Въ Комитетъ Еврейскаго Историко-Этнографическаго Общества С. Петербугръ.

Редакторъ-Издатель **Ш. Гуревичъ.**

צו די לעזער.

ווי די לעזער זעהען פונ'ם איצטיגען העפט, האָט זיך די רעדאַקציע געמיהט צו ערפילען די וואונשען פונ'ם לעזער און פאָלקאָמענער מאַכען די אויסגאַבע פונ'ם זשורנאַל לויט דער פּראָגראַם, וואָס מיר האָבען זיך געשטעלט ביי זיין ערשטען ערשיינען. מיר האָבען די מעגליכקייט צו מעלדען די לעזער, אַן די שטערונגען אין דער פּינקטליכקייט פון דעם זשורנאַל'ס ערשיינען זענען יעצט בעזייטיגט און אונזער אָרגאַן וועט פון איצט אָן אַרויס מאָנאַטליך, אונגעפעהר אין דער ערשטער העלפט פון יעדען מאָנאַט. נומ. 7 „לעבען און וויסענשאַפט“ איז אָבגעגעבען אין דרוק און וועט ערשיינען צום 15־טען יולי.

דער זשורנאַל, „לעבען און וויסענשאַפט“ האָט ביז איצט דורכגעמאַכט זעהר אַ שווערען שטיק וועג. אונז איז מעגליך געווען אויפצוהאַלטען זיין עקזיסטענץ אין די שווערסטע מאָמענטען נור אַדאַנק דער מאָראַלישער מיטווירקונג פון זיינע שטענדיגע לעזער און פריינד. מיר האַלטען פאַר אַ בעזונדער חוב אויסצודריקען דאָ אונזער דאַנק דעם לעזער און שטיצער פונ'ם זשורנאַל ה' דוד רויכעל פון קרעמעניץ. מיר האָפען, אַז די פריינד פון אַן ערנסטען אָרגאַן פאַר דער יודישער מאַסען־יוגענד וועלען אויך אויף ווייטער מיטהעלפען דער פערשפּרייטונג פונ'ם זשורנאַל און די איבעריגע אויסגאַבען פון אונזער פערלאַג אין די ברייטערע שיכטען פונ'ם פאָלק.

מיר לאַדען די לעזער איין אַרויסצוזאָגען זייער מיינונג אין „שפּרעכזאַל“ איבער די לעצטע נומער'ן פונ'ם זשורנאַל ווי אויך זייערע וואונשען אויף דער צוקונפט, ספּעציעל איבער פאָלגענדע פראַגען: 1) איבער אונזער בעטייליגען זיך אין וואַהל־קאַמפף צו דער 4־טער דומע; 2) איבער אַ יודישען קאָנגרעס; 3) וועגען קולטורעלער אַרבייט אין דער קליין שטעדטעל; 4) וועגען דער יודישער פרעסע און ליטעראַטור; 5) וועגען מיטלען צו רעגולירען און אָרגאַניזירען די עמיגראַציע. אַחוץ דעם קענען די לעזער קאָרעספּאָנדירען אין „שפּרעכזאַל“ וועגען אַנדערע פראַגען, וואָס אינטערעסירען זיי. מיר בעטען נור צו שרייבען זעהר קורץ, כדי צו געבען וואָס אַ גרעסערער צאָהל לעזער די מעגליכקייט אַרויסצוזאָגען זיך אינ'ם זשורנאַל.

די רעדאַקציע.

עס דרוקט זיך און וועט אין גיכען ערשיינען

„דאס יודישע ווארט"

א ליטעראַרישע חרעסטאמאטיע צו לעזען אין אבענד-שולען און אין דער היים.

רעדאגירט דורך א קאמיסיע לעהרער פון די ווילנער אבענד-שולען.

די חרעסטאָמאַטיע ענטהאַלט אַריבער
400 דרוק-זייטען גרויס פאָרמאַט און איז
אַיינגעטיילט אין 3 טייל לויט דער
שווערקייט פון דעם לעזע-שטאָף.

אין יעדען טייל איז פאראן גענוג מאטעריאל פאר א גאנץ לעהר יאהר.

די חרעסטאמאטיע איז א אויסשליסליך-ליטעראַרישע.

דער שטאף איז גענומען פון די ווערק פון די בעסטע יודישע שריפטשטעלער און דיכטער.

דער פרייז וועט זיין אומגעפעהר 1 רובעל.

שולען וועלען בעקומען 40% ראבאט.

זיך ווענדען אין „ווילנער פערלאג ב. א. קלעצקין". ווילנא, זאוואלנאיא 33.

וויכטיגסטע דרוקפעהלערן:

	ס'איז געדרוקט:	דארף זיין:
שפאלט 17 שורה 1	לייבער	לייבעל.
" 32 " 7	דרוכגעגאנגען	דורכגעגאנגען.
" 36 " 26	נמיא	נהמא.
" 141 " 23	און די נעמען	און נ י ט די נעמען.

(מיר בעטען בעזונדערס אט דעם פעהלער צו נעהמען אין אכט, ווייל דורכלאזען דאס ווארט „ניט", בעקומט דער געדאנק א פונקט פערקעהרטען זין).

שפ. 143 ש. 28—אין איין ווארט הענגט אב — אן איין ווארט הענגט אב.

אין דער שפאלט 8 דארף קומען דער נאמען פונ'ם אויטאר ל. ניידום ביים ערשטען שיר: „אין ווייסען היכל".